STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05980

# GEZAMELTE SHRIFTEN

Sholem Asch

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

# געזאַמעלטע שריפטען

## אַמעריקאַ

פערטער באַנד

צווייטע אויסגאַבע.

ארויסגעגעבען פון

שלום אַש קאָמיטע.

1923

Copyright by
Sholom Asch
1923

# אַמעריקאַ

# קיין אַמעריקאַ

ווען מאיר איז אהיים געקומען זונטאג אויף־דער־נאַכט נאָך מעריב, וואו ער האָט זיך געהאַט שוין אָבגעזעגענט מיט זיין חברה, — צו עסען דאָס לעצטע נאַכט־עסען מיט זיין משפחה, בעפאָר ער פאָהרט נאָך אַמעריקאַ — האָט ער שוין געטראָפען יאָסעלען, זיין אינגסטען, זעקס־יעהריגען זוהן שטעהענדיג אויפ'ן בענקעל און ער איז דער ערשטער געוועזען צו דעם מיט לעפעל־טעלער געדעקטען טיש — און דערזעהענדיג דעם פאָטער, האָט יאָסעלע מיט אַ לעפעל געקלאַפּט אָן טיש, און געשריען הויך אויף זיין קינדיש קול'כעל:

— ווייסט, טאַטע, וואָס די מאַמע קאָכט היינט? — בעבלעך, טאַטע.

די מוטער, חנה־לאה, האָט דעם קאָפּ ארויסגעבויגען פון הינטער דעם פאָרהענגעל, וועלכעס האָט פערשטעלט די קיך, און אויף איהר שוין גאַנץ, גאַנץ אָבגעניצטעס געזיכט האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל, ווי אַ שטילע פרייד האָט זיך צורונען איבער איהר נישט גאַנץ ארויס־געזעהענעם שטערן פון הינטער'ן טיכעל, און די אויגען האָבען אהין געוויזען אויפ'ן אינגעל.

דער פאָטער האָט מיט אַ געמאַכטען בייזערדיגען טאָן זיך אָנ־גערופען:

— דו יונגאַטש איינער! וואָס די מאַמע קאָכט ווייסטו, און וואָס פאַר אַ סדרה עס געהט, ווייסטו אויך?

—איך וויים! — האָט יאָסעלע ניט אָהן גאוה געענטפערט.

— לאָמיר הערען?!

— לך לך! — ענטפערט יאָסעל אָב מיט איבערצייגונג.

— טאָ אַנטלויף יונגאַטש איינער! — שרייט דער פאָטער מיט דעם פריהעריגען געמאַכטען בייזער.

— האָב איך ניט געוואוסט, טאטע! — רייצט זיך יאָסעלע.

אָבער די מוטער, וועלכע איז די גאנצע צייט געשטאנען אין קיך, אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צו יאָסעלען, מיט יענעם מוטערליכען נחת־דיגען שמייכעל, וועלכער איז מעהר עהנליך צו וויינען ווי צו לאכען — און וועלכער האָט זיך צו חנה־לאה'ס פּנים אזוי צוגעפּאסט, וואָרום די גרימאסע פון צער, וואָס האָט זיך נור תמיד געוויזען אויף דעם געזיכט פון דער אידענע, האָט די קנייטשען צום וויינען פערהארטעוועט אין איהר פּנים און ביי יעדער בעוועגונג פון איהר געזיכט, האָט חנה־לאה'ס טרויעריגער פּנים אָנגענומען א וויינענדיגע גרימאסע — איז יעצט בעלויכטען געווען מיט נחת פון איהר קינד'ס חכמה. נור באלד האָט זיך אין קיך, פון וואנען זי האָט זיך אקאָרשט אָבגעקעהרט, עפּעס אָנגעהויבען צו זידען און צו לויפען. די אידענע האָט פערגעסען אָן איהר פרייד, און האָט שוין אָנגעשריען אויפ'ן אינגעל מיט א טאָן פון א קללה, אזוי ווי דאָס קינד וואָלט שולדיג געווען אין דעם:

— ווי דאָס איז אריינגעטהאָן אין דער אכילה! ווען ער וואָלט נור אזוי לערנען געוואָלט, ווי עסען. נור די מוטער האָט אויף דעם קליינעם יאָסעלע לשון הרע גערעדט. אין די זעקס יאהר וואָס יאָסעלע איז אַלט געווען, האָט ער צו ווייניג געגעסען און צו פיעל געלערנט, און איבערהויפּט זיינען יאָסעלע'ס יאָהרען ניט דורכגעגאנגען אין האָניג און פּוטער געשמירט. דער קליינער אינגעל, ביי וועלכען עס האָבען זיך נור ארויסגעוויזען די אויגעלעך פון דעם גוף'ל, וועלכער איז בעשטאנען פון הויט און ביינער, האָט שוין געהאַט צו פערצייכנען א היבש ביסעל פּורעניות.

ער איז געווען א קינד, וואָס אַלעס האָט זיך צו איהם געטשעפּעט, ווי די מוטער פלעגט אויף איהם זאָגען. וואָס פאַר א קרענק עס איז נור אומגעגאנגען אין שטעדטעל, האָט זי זיך פריהער צוגעטשעפּעט צו יאָסעלען. נור יאָסעלע פלעגט דאָך ארויסקריכען פון אַלע שאַרלעכס און טיפוסען, און שטעהט אָט דאָ, מיט זיינע זעקס יאהר אידישע־קינדער־לעבען, מיט א פאַרטיגע עברי, מיט א סדרה און א לעפעל אין האַנד.

דער פאָטער האָט איהם ביי דער האַנד אָנגענומען, אָנגעקוקט איהם מיט א שמייכעל, און געזאָגט צו איהם:

— ווייסטו, יאָסעלע, וואו דער טאטע פאָהרט?

— נאָך אמעריקא. — האָט יאָסעלע אָבגעענטפערט.

— און וואו איז אמעריקא? — פרעגט דער פאָטער.

— ווייט, גאַנץ ווייט, — ווייזט יאָסעלע מיט דער האַנד. דער פאָטער האָט יאָסעלע'ס פאות'לעך געגרייזעלט, געגלעט דאָס פּנים'ל, טיעפער איהם אראָבגערוקט דאָס היטעלע, וואָס ער האָט איהם געהאַט נעקויפט פאר דעם ניט-לאַנג פערגאַנגענעם שמחת תורה, און האָט אין דער שטיל געקרעכצט.

(די פאָטערליכע צערטליכקייט האָט יאָסעלע דערנאָך געדענקט דורך דער גאַנצער צייט וואָס דער פאָטער איז ניט געווען אין דער היים).

באַלד האָט זיך די טהיר געעפענט מיט א קנאַק, און אין שטיבעל זיינען מיט אמאָל אריינגעלאָפען צוויי אינגלעך פון א יאהר אכט,ביידע אזוי ווי א צווילינג, מיט גלייכע קאַפּאָטקעלעך און קאַשקעטעלעך. זיי זיינען אריין לאַכענדיג און פרעהליך, נור דערזעהענדיג דעם פאָטער, האָבען זיי זיך מיט איין מאָל בערוהיגט.

— אהא, די קאָמאַנדע איז געקומען!! — האָט די מוטער אריינ־געוואָרפען א וואָרט פון הינטער'ן אויווען.

די „קאָמאַנדע“ האָבען זיך נעבען פאָטער ביים טיש אוועקגעזעצט, ווי סטאַטיקס.

— וואָס איז עפּעס די מעשה אזוי פריה? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— דער רבי האָט אונז אהיים געלאָזט צו געזעגענען זיך מיט'ן טאַטען. — האָבען ביידע מיט אמאָל אָבגעענטפערט.

אַלע זיינען א מינוט שטיל געבליבען.

נור יאָסעלע, וועלכער איז דאָ געווען דער אינגסטער, און געפיהלט זיך דאָ דער געליעבסטער, האָט זיך צום ערשטען אָנגערופען, פרעהענדיג זיך:

— דער טאַטע פאָהרט אוועק נאָך אמעריקא, נאָך אמעריקא!

די אינגלעך האָבען ניט געוואַגט צו לאַכען, כאָטש זיי האָבען געוואָלט.

— וואָס איז אויף דיר די שמחה? — האָט די מוטער געזאָגט ארויפשטעלענדיג די זופּ אויפ'ן טיש. — מאיר, וואַש זיך! — האָט זי געאיידיגט דעם זאַטץ.

— און אויף רחל'ען ועסטו ניט וואַרטען?

— איך ווייס ניט וואָס זי זיצט אַזוי לאַנג.

— מן הסתם קען זי ניט דורכקומען מיט'ן פעטער. אַ קלייניגקייט אַזאַ עקשן! — האָט מאיר געזאָגט מיט אַ פלינקע בעוועגונג מיט דער באָרד, און האָט ארויסגעוויזען אַזאַ צער אויפ'ן קינד. די אידענע איז מיט די זוּפּ שטעהען געבליעבען און נעקוקט אויף איהר מאַן. ביי איהר איז עס געווען אַ וואונדער, אַז איהר מאַן, וועלכער האָט קיינמאָל צו די קינדער ניט גערעדט קיין ווייך וואָרט, האָט שטענדיג געשריען אויף זיי, זאָל רעדען מיט אַזאַ צער וועגען זייער עלטסטע טאָכטער רחל'ען, וועלכע איז יעצט געגאַנגען פועל'ן ביים פעטער וועגען די 25 רובעל וואָס ער האָט געזאָלט צוגעבען אויף די הוצאות.

דער פעטער וואָלף איז געווען מאיר'ס אַ אינגערער ברודער, וועלכער האָט געטהאָן אַ שידוך ניט לויט זייער יחוס, — מיט אַ גרושה, האָט יעצט פערמאָגט אַ שעהנע פּאָר טויזענד רובעל. פריהער האָט ער זיך איבערהויפּט געהאַלטען פון־דער־ווייטענס פון איהם, נור דערנאָך, אַז דאָס געשעפט אין גאַס, וואָס ער האָט געהאַט, האָט זיך אין גאַנצען אָבגעשטעלט, און דאָס מפרנס זיין פון זיין ווייב און קינד האָט איהם שוין געהאַט געבראַכט ניט צו איין שאַנד, האָט ער געמוזט אָנקומען צום „נגיד“, צו זיין ברודער, וועמעס ווייב, די גרושה, האָט איהם נעגעבען צו בייסען פּאַר אַלעס, וואָס ער האָט זיך געהאַלטען פון־דער־ווייטענס פון זיי — ביז אַזוי לאַנג, אַז דער איד, וועלכער האָט נור נעקענט דאָס געסעל פון זיין שטעדטעל, וואָס פיהרט פון זיין הויז צום בית המדרש אריין, האָט אָבגעמאַכט ביי זיך אַראָבצופאָהרען קיין אַמעריקאַ, ווי אַלע די וואָס האָבען ניט געהאַט קיין פרנסה אין שטעדטעל האָבען געטהאָן, און וואו ער האָט געהאַט אַ פּאָאר פון זיין משפחה. און די לעצטע פינף־און־צוואַנציג רובעל, וואָס עס האָט איהם נעפעהלט צו דער שיפסקאַרטע האָט ער געוואָלט קריעגען פון זיין ברודער, דעם „נגיד“, און, אַז ער האָט ניט געקענט פועל'ן ביי איהם, האָט ער אריינגעשיקט צו איהם זיין עלטסטע מיידעל רחל'ען, וועלכע איז בעקאַנט געווען אין געסעל פאַר אַ גאַנצע בריה'טע און איז שוין ניט איינמאָל דעם פאָטער צוניץ געקומען אין די זאַכען; וואָרים כאָטש זי איז נאָך אַזוי יונג געווען, קוים צעהן יאָהר אַלט, האָט זי שוין אַזאַ מייל'בעל געהאַט, אַז ווען דער פאָטער איז צוריקגעקומען פון

פעטער מיט גאַרנישט, האָט זי געכאַפּט דאָס טיכעל אויף זיך, און זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט ניט אוועקגעהן ביז זי וועט ניט ברענגען מיט זיך די פינף־און־צוואַנציג רובעל, וואָס פעהלט דעם טאַטען אויף הוצאות.

מאיר איז זיך ניט געגאַנגען וואַשען, נור האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער׳ן שטוב, געריסען זיך די באָרד און יעדעס מאָל אַ צוק געגעבען מיט׳ן פּנים, ווי ער וואָלט עפּעס פערטרייבען פון זיך, און צו די אינגלעך האָט ער געזאָגט:

— איהר זאָלט די מאַמען האָרכען! — בעריל! חיים! דו הערסט? איהר זאָלט די מאַמען האָרכען, און איהר זאָלט וועלען לערנען, ווערען, וואָרום אַז איך וועל ניט זיין, ווער וועט זיך...

ער האָט שוין געוואָלט זאָגען אַ ווייך וואָרט, — וואָס איז גאָר ניט לויט זיין כאַראַקטער, נור דאָס דענקען וועגען די ווייטע רייזע, און וועגען זיין עלטסטע מיידעל, וואָס שטעהט יעצט און טענה׳ט פאַר׳ן פעטער וועגען די פינף־און־צוואַנציג רובעל, האָט איהם געבראַכט דערצו,— נור דערזעהענדיג ווי בעריל זיצט מיט איין פוס הינטער זיך און מיט׳ן צווייטען פוס ווי ער וואָלט געקניעט, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען:

— זעה ווי דער יונג זיצט, זעה! — די פיס אַראָפּ, דו יונגאַטש איינער!

— אָה, יאַ, שעהן וועלען זיי מיך הערען, עס וועט זיין אַ חורבן נאָך מיינע יאָהרען; ביי וועמען לאָזטו מיך איבער? — האָט זיך דאָס ווייב דערמאָנט.

די ביידע אַכט־יעהריגע יונגען זיינען געזעסען שטיל, האָבען זיך געפּיהלט ווי זיי וואָלטען די מוטער געקווילעט און האָבען מורא געהאַט צו בעוועגען מיט אַן אבר. נור דער קליינער יונג, יאָסעלע, מיט׳ן יאַרמולקע און איינגעשמוצטען פּנים׳ל — ער האָט געקלאַפּט מיט׳ן לעפעל אָן טיש און זיך געפרעהט: „דער טאַטע פאָהרט נאָך אמעריקא! דער טאַטע פאָהרט נאָך אמעריקא!“

נור באַלד איז אַריינגעקומען די מוהמע שיינעדלע, אין אַ טוך איינגעוויקעלט, און די „רויטע פלעקען“ וועלכע האָבען זיך געוויזען אויף איהרע ביינערדיגע באַקען, האָבען אויסגעזאָגט, אַז איהרע לונגען זיינען ניט אין גאַנצען... און דעריבער האָט מען זי טאַקע גערופען

„רויטע בעקעלעך“. אריינגעקומען איז זי מיט א מינע, ווי מען קומט אריין בעווייגען א טוידטען. איידער זי האט נאך געזאגט „גוטען אבענד“, האט זי געגעבען א ציה מיט די אקסלען, א הוסט געגעבען און א גנבה'שען בליק געווארפען ארום שטוב און, ווי עפעס ביי די ווענד נעפרעגט:

— רחל'ע איז נאך ניט צוריקגעקומען? (די גאנצע שטאדט האט געוואוסט וועגען די פינף־און־צוואנציג רובעל און וועגען רחל'עס שליחות). און ניט ווארטענדיג אויף קיין אנטווארט, האט זי שוין געשטעלט א צווייטע פראגע:

— נאך ניט געגעסען? — און קוים האט זי געענדיגט די פראגע, האט זי שוין געהאט א דריטע:

— און לייבוש איז נאך ניט געוועזן?

די דריטע פראגע האט איהר ברודער, מאיר, מעהר אין אנבעטראכט גענומען ווי די אנדערע. לייבוש איז געוועזן איהר מאן, זיין שוואגער, מיט וועלכען ער פלעגט א גאנץ יאהר זיין ברוגז. כאטש זיי האבען געהערט צו איין שטיבעל און זיינען געפאהרען צו איין רבי'ן. ווארום לייבוש עפשטיין, ווען מאיר'ס פאטער, עליו השלום, האט גענומען פאר אן איידעם פאר זיין טאכטער שיינדעלע, איז ביי זיי געוועזן א גאנצער מורנו — ער וואקסט פון א שעהנער משפחה — און האט שטענדיג נאר געהאט פרעטענזיעס, אז דער שווער האט איהם ניט אבגעגעבען דעם גאנצען נדן וואס ער האט איהם צוגעזאגט, און איהם ניט אבגעגעבען די גאנצע קעסט, וואס ער האט איהם פערשפראכען. און כאטש דאס איז שוין געוועזן אן אלטע מעשה, און דער שווער איז שוין טויט א יאהר צעהן, און האט קיינעם קיין ירושה ניט איבער־געלאזט — דאך איז ער ברוגז געוועזן אויף דער משפחה און האט נאך ביז היינטיגען טאג פרעטענזיעס צו זיין ווייב. א קאלטער, א ווייניג־רעדעוודיגער, א בעהאלטענער אין זיך, מען האט קיינמאל ניט געוואוסט וואס ער טראכט. נור דאך איז ער געוועזן זעהר א ווארימער משפחה־מיטגליעד. ביי יעדער עראייגניס אין דער משפחה אדער ביי א שמחה אדער ביי אן אונגליק, חלילה, פלעגט ער שטענדיג זיין דער ערשטער; און אויך יעצט, ניט קוקענדיג וואס ער האט ניט גערעדט מיט מאיר'ן, כאטש ער האט איהם יעדען טאג געטראפען, האט ער, אזוי ווי זיין

ווייב שיינדעלע האָט יעצט ארויסגעזאָגט, געזאָלט אריינקומען צו מאיר'ן. דאָס האָט מאיר'ן אביסעל געוואונדערט.

נאָר באַלד האָט זיך די טהיר האַסטיג געעפענט און רחל'ע, קוים כאַפּענדיג דעם אָטהעם, איז אריין אין שטוב. איהרע האָאר האָבען זיך געוואָרפען פון אונטערען טיכעל. אין דער האַנד האָט זי געהאַלטען א צוקנייטשטען פּאַפּיערעל און מיט א טריאומפירענדע מינע האָט זי עס דערלאַנגט דעם פאטער.

— ער האָט געמוזט געבען!

אַלע האָבען זיך מיט אַמאָל געגעבען א וואָרף צו דעם צוקנייטש־טען פּאַפּיערעל. דער פאָטער האָט עס צוגענומען מיט א לאַכענדע מינע און האָט עפּעס ניט־ווילענדיג געגלעט דעם מיידעל'ס קעפּעל. דאָס איז געווען אַזוי אונגאַטירליך פאַר דעם שטרענגען פאטער, און דאָס קינד איז צו אַזעלכעס אַזוי ניט געוועהנט געווען, אַז זי האָט זיך פערשעהמט און איז רויט געוואָרען. די מאַמע האָט זי באַלד גענומען צו זיך אין ווינקעל אריין ביי דער קיך און עפּעס זיך מיט איהר גע'סוד'עט. די מוהמע האָט זיך עפּעס, פאַר אַלעמען אונבעוואוסט פאַרוואָס, אָבגעשאָקעלט און דער פאטער האָט די טאָכטער אויס־געפרעגט ווי עס איז צוגעגאַנגען.

— און די מוהמע וואָס האָט געזאָגט, הא? — האָט דער פאטער געפרעגט מיט א פרייד, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט יאָסעלען אויף די הענד גענומען און איהם אונאויפהערליך געקלאַפּט איבער'ן געזעסעל. און דעם יונג איז, קענטיג, די פּאָזיציע געפעלען, וואָרום ער האָט דו גאַנצע צייט געקוקט דעם פאָטער אין די אויגען, אויב ער מיינט עס אויף־א־רעכטען־אמת.־

— איך האָב דער מוהמע גאָרנישט געזאָגט, איך האָב דעם פעטער אָבגעוואַרט ביי דער טהיר, ווען ער איז מיט נאָך מענשען געשטאַנען, און האָב אָנגעהויבען הויך צו רעדען, אַז אַלע זאָלען הערען. — אָ, איך בין ניט אַזאַ נאַר, אַז איך זאָל ארויפגעהן צו דער מוהמע! — האָט דאָס מיידעל מיט א קינדערשער פרייד דערצעהלט.

אַלע האָבען זיך דעריבער געפרעהט, און די מוטער האָט זיך נאָך מעהר פון אַלעמען געפרעהט, און האָט געזאָגט צו איהר:

— רחל'ע, דערלאַנג צום טיש.

דער פאָטער האָט אויך אין דיזען מאָמענט פערגעסען אָן דער

ווייטער רייזע, וואָס שטעהט איהם פּאָר, און נור פרעהענדיג זיך איבער די פינף־און־צוואַנציג קערבלעך, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, און איבער די חכמה פון זיין קינד, האָט ער צו די קינדער געזאָגט: „וואַשען". און איז אַליין אויך געגאַנגען זיך וואַשען צום עסען.

אַלע זיינען אַרום טיש געזעסען. די מוהמע איז געווען די ערשטע וואָס האָט דערמאָהנט אָן דער רייזע. וואָרום די מוהמע האָט שטענדיג די געוואָהנהייט צו רעדען וועגען די שרעקליכסטע זאַכען. זי איז אימער די ערשטע, וועלכע רעדט נור וועגען טויט און דערצעהלט מעשיות פון שדים. די קינדער האָבען שטענדיג פאַר איהר אַ געוויסע מורא, מען זעהט זי תמיד אַליין געהן אויפ'ן בית־עולם, און איבערהויפּט האָט די מוהמע, וועלכע פלעגט תמיד זיין איינגעהילט אין אַ טוך און שטענדיג רויטע פלעקען אויפ'ן פּנים געהאַט, עפּעס דערמאָהנט וועגען טויט.

אַזוי האָט זי זיך יעצט אויך אָנגערופען:

— אוי, מאיר'ל, און דו האָסט גאָר קיין מורא ניט פאַר'ן וואַסער? מען זאָגט, אַז מען ווערט קראַנק אויפ'ן וואַסער נעהמען זיי און בינדען אָן אָן אַ ברעט און וואַרפען אַריין אין וואַסער. — דערצעהלט זי מיט אַ בעזונדער שמייכעלע, וועלכער ליעגט ווי אַ טויט־שרעק אויף איהרע בלייכע, דינע ליפּעלעך, און איהרע אויגען האָבען דאַן אָנגענומען אַ גרינליכען קאָליר, מאַכענדיג אָן איינדרוק ווי שפּיציגע, און גלייך נאָכ־דעם האָט זי זיך צוהוסט מיט אַ געלעכטערל: כי־כי־כי...

אַ מינוט זיינען אַלע אַרום טיש געזעסען שטיל, און עס האָט זיך נור געהערט דאָס קלאַפּען פון די לעפעל אויף די טעלער פון דער „קאַמאַנדע".

ווען זי האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעהוסט, האָט זי ווייטער אָנגעהויבען:

— ווער וויים צי מיט מיין פּנחס'ן האָבען זיי אויך ניט אַזוי געטהאָן! פאַר דריי יאָהר איז דער יונג אַוועק און מען הערט ניט פון איהם און מען זעהט ניט פון איהם.

— דאָס איז שוין ניט וואָהר. הענך'ל דער שניידער האָט דאָך איהם אַליין געזעהן אין לאָנדאָן — שפּיעלט אין קאָרטען און איז אַ היטעלמאַכער... — האָט זיך חנה־לאה אָבגערופען.

די מוהמע האָט עפּעס מאָדנע אַרויסגעשמייכעלט פון אונטער איהר טוך.

— ביי אייך איז עס אזא משפחה־פעהלער, צו פערגעסען איינער אָן דעם צווייטען. איז אייער יונג אוועק — וויל ער ניט הערען, וויל ער ניט געדענקען אָן אייך. האָט איהר געהערט אביסעל א זוהן! — האָט זיך די אידענע אַלץ ניט געקענט בערוהיגען.

ווידער האָט זיך געהערט דאָס מאָדנע שמייכעלע מיט'ן הוסט אויסגעמישט: כי־כי־כי! פון דער מוהמע, וועלכעס האָט אויף די קינדער א שרעק אָנגעוואָרפען. און פון דער העלער הויט, ביים ערשטען לעפעל, איז די אידענע, חנה־לאה, ארוים מיט איהר געוויין:

— אוי, מאיר, אויף וועמען לאָזטו מיך? וואוהין פאָהרסטו? — האָט די אידענע הויך געכליפּעט און פערשטעלט די אויגען מיט'ן פאַרטוך.

רחל'ע האָט אויך דעם לעפעל אוועקגעלעגט און מיטגעהאָלפען דער מאמען; דער פאָטער האָט טרויעריג ערגעץ־וואו געקוקט, זיך די האָאר פון דער באָרד געביסען, נור די „קאַמאַנדע" אליין האָט זיך ניט געלאָזט געריהרט ווערען. אזוי ווי זיי זיינען שוין געווען צוגעוועהנט צו דער מוטער'ס טרערען, האָבען זיי ווייטער געגעסען.

יאָסעלע אַליין איז געזעסען און איינגעקוקט זיך דער מוהמע אין פּנים אריין. אויף איהם האָבען דער מוהמע'ס ווערטער וועגען „אָנביגדען אָן ברעט", כאָטש ער האָט עס ניט אין גאנצען פערשטאַנען, א שטאַרקען איינדרוק געמאַכט. ער האָט דערפיהלט, אז די מוהמע האָט עפּעס דערצעהלט שרעקליכעס, און ניט דער מוטער'ס טרערען יעצט, נור דער מוהמע'ס זיפצען און די „רויטע בעקעלעך" האָבען איהם דער־שראָקען, אַן ער האָט שוין געהאַלטען ביים וויינען.

די מוהמע האָט יעצט אָנגעהויבען טרייסטען:

— נו, ניט אַלע ווערען דאָך קראַנק, ניט אַלעמען בינדט מען דאָך אָן אָן א ברעט.

חנה'לאה האָט זיך אָבער שוין מעהר ניט געלאָזט טרייסטען, און אַלע צרות, וואָס האָבען זיך איהר געטראָפען אין איהר גאַנצען לעבען, — און אזעלכע זיינען ניט געווען ווענינ — האָבען יעצט אָן אָבקלאַנג געפונען אין איהרע טרערען. נור באַלד האָט זיך די טהיר געעפענט און א שטילער, טרויעריגער „גוטען־אבענד" האָט זיך געהערט. אין

שטוב האָט זיך אַריינגעשלעפּט אַ הויכער, פינסטערער מאַנספּערזאָן פון אַ יאָהר עטליכע און פערציג, אָרעם געקליידעט, און האָט זיך אָהן אַ וואָרט אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל פון שטוב.

— לייביש, דו ביזט עס?

— יאַ, איך, איך. — האָט זיך געהערט אַ בייזער טאָן.

דעם בייזערדיגען טאָן האָט דער איד נור אָנגעווענדעט, ווען ער האָט גערעדט מיט זיין ווייב און קינדער. אין הארצען איז ער געווען אַ גוטער מענש, און האָט קיינעם ניט געקענט קיין שלעכט וואָרט זאָגען און קיין הויכע שטימע אָנווענדען. דורך דעם טאַקע איז ער געווען אַ לא יוצלח, און צו וואָס ער האָט זיך גענומען איז איהם ניט געגאַנגען. ער האָט פלינק אָבגעטראָטען יענעם, און זיך ניט געקענט קריגען און דינגען, און נור עפּעס צו זיינע אייגענע האָט ער ניט געקענט אַנדערש רעדען, נור ווי אין אַ געבייזער: ער האָט קיין מאָל צו זיין ווייב און קינד קיין גוט וואָרט ניט געזאָגט, כאָטש ער האָט זיי טיעף אינעוועניג געליעבט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער האָט גערעדט צו זיין ווייב עפּעס אַנדערש ווי אין געבייזער, איז עס מעשה חונף, און דאָס האָט ער ניט געליעבט. דורך דעם איז אַזאַ וואונדער געווען פאַר אַלע ביים טיש, ווען זיי האָבען פּלוצלונג דערהערט דעם פעטער'ס קול, וואָס זיי האָבען אַזוי זעלטען־ווען געהערט, ווי ער האָט אָנגעהויבען צו טרייסטען חנה־לאה'ן:

— וואָס האָט זי צו וויינען, זי האָט ניט וואָס צו וויינען; אַ וועלט מיט מענשען פאָהרען, און אַלע קומען בשלום אַהין; מיט השם יתברך'ס הילף וועט ער געזונטערהייד אָנקומען. אַ וועלט מיט מענשען פאָהרען, זי האָט ניט וואָס צו וויינען.

די ווערטער האָבען אין גאַנצען ווייך געמאַכט לייביש'ן, און ער האָט אָנגענומען דעם טאָן, וועלכער איז געלעגען אין זיין כאַראַקטער, און האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט זיין שוואָגער, ווי זיי וואָלטען די בעסטע גוטע פריינד געווען — האַלב אַביסעל אין שפּאַס אויף די ווייבער:

— אַ אידענע, וויינט זי; ווייסט ניט, מעשה אידענע, וויינט זי.

— און שטילער, צונויגענדיג זיך צום שוואָגער — עס איז ניט קיין וואונדער אין אַזאַ ווייט מקום.

— אודאי אַזוי, אודאי אַזוי, — האָט זיך מאיר פרום געשאָקעלט.

— ער וועט אפשר אונזער פנחס'ן בעגעגענען, לייביש? — האָט זיך די מוהמע אָנגערופען צום מאַן.

— אונזער פנחס'ן? — וועמען נאָך, דעם ימח־שמו'ניק אודאי, שוין א מיתה משונה איינגענומען! — האָט דער איד גאָר אַנדערש געענדערט דעם טאָן, ווען ער האָט אָבגעענטפערט דעם ווייב זיינס.

מאיר האָט זיך באַלד גענומען צום בענשען, און האָט זיך זעהר ערנסט און פרום געשאָקעלט דערביי, און אייניגע מאָל זעהר טיעף מיט צער אָבגעקרעכצט אין בענשען, אויף וועלכען דער שוואָגער האָט איהם צוגעהאָלפען. אַז מאיר האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש, איז ער צוגעגאַנגען צו לייביש'ן, און האָט געזאָגט זעהר שטיל און ערנסט, ווי ער וואָלט זיך געוועזען פערענטפערט:

— עס איז באו מים עד נפש, איך האָב אַנדערש ניט געקענט, — אפשר פערלאַנגט דער רבונו של עולם אַז איך זאָל האָבען גלות — וועל איך האָבען גלות, — אַבי מיין ווייב און קינדער אַ שטיקעל ברויט, ווייזט ער אויפ'ן ווייב און קינדער — איך קען ניט אַנדערש, לייביש, — איך וועל ווערען אַ פּראָסטער יגיע כפים — איך האָב קיין אַנדער עצה ניט; דאָ שעהם איך זיך, איך וועל אַראָבוואַרפען פון מיר די בושה.

— און מיט'ן אידישקייט? — פרעגט דער שוואָגער, קרעכצענדיג.

— אזוי ווייט ווי דער רבונו של עולם וועט מיר העלפען — מילא, אַז מען וויל זיין אַ איד, קען מען אומעטום זיין אַ איד — דער וואָס וויל.

— אודאי, — ענטפערט לייביש אָב.

— און וואָס דער רבי האָט געזאָגט, ווייסטו דאָך אודאי.

— יא, איך האָב עס געהערט אין שטיבעל. אודאי מיט'ן רבונו של עולם'ס הילף.

—— און וואָס קענען מיר מעהר טהון?

דערווייל ווי מאיר און לייביש האָבען געפיהרט דעם געשפּרעך, האָבען זיך די ווייבער, די צוויי שוועגערינס, וועלכע פלעגען אויך אַ גאַנץ יאָהר זיין ניט קיין גרויסע גוטע פריינד, אין אַ ווינקעל זיך פערקליעבען און גערעדט צווישען זיך זעהר פערטרויליך. חנה־לאה האָט איהר דערצעהלט וועגען די מעשה מיט אַ גט אויף אַ תנאי, וועגען וועלכע מען האָט עפּעס גערעדט, אַז דער מאַן זאָל געבען, און זי האָט ניט געוואָלט הערען און געדענקען דערפון. שיינדעלע האָט איהר רעכט

גענעבען און דערצעהלט באַלד דערביי עפּעס אַ שרעקליכע מעשה און האָט דערביי געגעבען אָנצוהערען, אַז מען דאַרף זעהר פאָרזיכטיג זיין, וואָרום דאָרט, אין דער נייער וועלט, פּערלויפען זיך מעשיות מיט מענער מיט פרעמדע ווייבער... און האָט דערביי חנה-לאה'ן דאָס האַרץ אָבגעשראָקען...

רחל'ע איז געזעסען ביי די ווייבער און אויסגעהאָרכט דאָס געשפּרעך, און אַנטהייל גענומען דערינען ווי אַן ערוואַקסענע אידענע. די געלעגענהייט האָבען די „קאָמאַנדע" בענוצט, און האָבען אָנגעהויבען צו געפינען אין די אויגען פון די „גרינע מוהמע", ווי זיי פלעגען רופען די מוהמע שיינדעלע, „קליינע מענשעלעך", וועלכע טוקען זיך אין דעם ים. און בעריל, דער אינגערער פון די „קאָמאַנדע", וועלכער האָט זיך געקענט אויף „די זאכען", האָט דערצעהלט וועגען פערשיעדענע כשופ־מאַכערינס און מכשפות, וואָס הענגען זיך אָן די פרענזלען פון דער „גרינער מוהמע'ס" פּאַטשיילע און ווערען פערטרונקען אין איהרע אויגען. און בעריל האָט געוויזען אויף די אויגען פון דער מוהמע, וועלכע האָבען יעצט ביי דער שיין פונ'ם נאַכט-לאָמפּ און ביים דער־צעהלען דער מאַמע'ן די שרעקליכסטע זאַכען פון ווייבער וואָס פער־פיהרען פרעמדע מענער דאָרט אין אַמעריקא, טאַקע אָנגענומען אַ גרינעם קאָליר, און אַ סך מענשעלעך האָבען זיך אין זיי געטוקט: אַלע וואָס זיינען אין שטוב געוועזן; און פון דעם האָט בעריל אַרויס־גענומען, אַז אַ שיף אויפ'ן ים געהט אונטער, און ער האָט דערצעהלט וועגען גרויסען ים און די שיפען, און די פיש און חיות וואָס זיינען אין ים, ווי ער וואָלט דאָס אַלעס מיט די אויגען געזעהן. דערביי איז יאָסעלע געזעסען און האָט אויסגעשטעלט די גרויסע אויגען זיינע און געשלונגען יעדעס וואָרט, און ער האָט דאָס אַלעס געזעהן מיט זיינע גרויסע אויגען וואָס בעריל האָט דערצעהלט, און ער האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען פאַר דעם ים, און פאַר דער מוהמע, און פאַר אַלעס, ביז ער האָט אָנגעהויבען צו וויינען. אויף דעם וויינען האָט אויך קיינער קיין אַכט ניט געגעבען און קיינער האָט זיך נים געלאָזט שטערען אין געשפּרעך, ביז ער איז איינגעשלאָפען אויף דעם פאָטער'ס געפּאַקטען זאַק, וועלכער איז געלעגען אין אַ ווינקעל, מיט די שרעקליכ־סטע חלומות אודאי וועגען ים, און וועגען די מענשעלעך וואָס טוקען זיך אין די „גרינע מוהמע'ס" אויגען, און ניט לאַנג האָט איהם אויך

געפּאָלגט די „קאָמאַנדע“, בעריל און חיים, וועלכע זיינען אויך איינ־געשלאָפען אויף דעם צווייטען זאַק, און האָבען די שטיוועל אויס־געשטרעקט אין שטוב אריין.

---

די נאַכט איז נאָך געלעגען טיעף און שווארץ איבער דער ערד, און האָט אויך אָנגעפילט מיט פינסטערנים מאיר׳ס קליינע שטיבעל, ווען דער איד איז געשטאַנען פאַר׳ן הילצערנעם בעט פון זיינע צוויי קדיש־זאָגער׳ס, בעריל און חיים, און האָט עפּעס שטיל אריינגעמור־מעלט זיך אין דער גרויסער באָרד אריין. זיין געזיכט האָט קיינער ניט געזעהן, און דורך דעם קען איך ניט זאָגען אויב זיין געזיכט האָט אַנדערש אויסגעזעהען, ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט זיינע קינדער, וואָרום כאָטש די שטוב איז געווען בעלויכטען מיט דער ליכטיגקייט פון א דין נאַפטען־קנייטעל, אָבער דער איד האָט געהאַלטען די אויגען פערמאַכט און זיין גאַנץ פּנים איז געווען פערשטעקט אין די האָאר פון דער באָרד, נור מיט די הענד האָט ער געטאַפּט די קעפּ פון דער „קאָמאַנדע“, וועלכע זיינען יעצט געלעגען, און ביי דער שיין פון ליכטעל האָבען זיי גאַרניט אויסגעזעהן ווי א „קאָמאַנדע“, נור ווי צוויי דינע צווייגעלעך אָדער ווי צוויי קעלבער, וואָס בויגען צו די קעפּ איינס צום צווייטען און קענען נעבעך „קיין צוויי ניט צעהלען“. דער פאָטער האָט זיי צוריק אָנגעטהאָן די יאַרמולקעס, וועלכע זיינען געווען אראָב־געפאַלען פון זייערע קעפּ, און טאַפּענדיג מיט זיינע הענד זייערע קעפּ, האָט ער עפּעס געמורמעלט, און די אויגען געהאַלטען פערמאַכט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו יאָסעלע׳ן, וועלכער, מען דאַרף זאָגען צו זיין שאַנד, איז נאָך געשלאָפען מיט דער מוטער. ער האָט איהם אַן אויגענבליק אָנגעקוקט, און א קרעכץ געגעבען, — ביי מאיר׳ן א קרעכץ איז ניט קיין חדוש — און זיך אראָבגעבויגען, און — אַ גאָט, יאָסעלע׳ן א קוש אין קעפּעל געגעבען.

ער האָט געמיינט, אַז יאָסעלע שלאָפט. ערשט, אז חנה־לאה וואָס איז דערביי געשטאַנען האָט צוגעבויגען דאָס ליכט, וועלענדיג דעם מאַן ווייזען יאָסעלע׳ס פּנים׳ל, האָבען זיי דערזעהען יאָסעלע׳ס שווארצע אויגען, וועלכע זיינען ברייט אָפען געווען און געקוקט מיט בעלעבונג אין די אָפענע נאַכט אריין. דער פאָטער האָט זיך דאַן צו איהם אָנגערופען:

— דער טאַטע פֿאָהרט אַוועק, יאָסעלע, — פֿאָהרט ווייט אַוועק.

יאָסעלע האָט געשוויגען, נור די אויגען האָבען אויסגעזאָגט, אַז ער הערט אַלעס צו אויפמערקזאַם.

— און עס וועט ניט זיין קיינער, ווער עס זאָל דיך פֿערהערען... בעגעהר צו לערנען, יאָסעלע, בעגעהר, און דאַוונען פֿרום אין שטיבּל, און לויף ניט אַרום... און האָרך די מאַמע, יאָסעלע... וואָרום דער טאַטע וועט ניט זיין... — האָט מאיר געזאָגט.

יאָסעלע האָט אַלץ געשוויגען, נור ער האָט מיט אַמאָל אַלעס פֿערשטאַנען און גוט געוואוסט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און האָט געפֿיהלט זיין גאַנץ אידיש יתום'קייט... און אַז דער פֿאָטער האָט זיך אַראָבגעבויגען צו איהם און האָט איהם דאָס לעצטע מאָל אַ קוש געגעבען, האָט יאָסעלע אָבגעענטפֿערט:

— פֿאָהר געזונטערהייט, טאַטע. — און דאָס האָט געהייסען אַז ער זאָגט צו אַלעס, וואָס דער פֿאָטער האָט געזאָגט.

דאָס קושען איז עפּעס אַזוי אונגאַטירליך געוועזען פֿאַר דעם איד, אַז חנה־לאה האָט זיך דערביי הויך צוואויינט. ער האָט זיך ווידער אַראָבגעבויגען און ווידער אַ קוש געגעבען, און האָט עפּעס הויך געזאָגט; און ווידער די אויגען פֿערמאַכט און מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט. דערנאָך איז ער אַרויס אין בעגלייטונג פֿון זיין ווייב, מיט זיין עלטסטע מיידעל צו דער פֿוהר צו, מיט די צוויי אָנגעפֿילטע זעק.

אַז די פֿוהר האָט זיך געריהרט, האָט זיך חנה־לאה צוואויינט, און האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די מעשה וואָס שיינדעלע האָט איהר דערצעהלט, און זי האָט הויך נאָכגעשריען:

—מאיר, פֿערגעס ניט, אַז דו לאָזט אַ ווייב מיט קינדער איבער!

אַז די אידענע האָט שוין געענדיגט דעם זאַץ, האָט זי זיך פֿערשעהמט און געוואָלט צוריקכאַפּען זיך, אבער עס איז שוין געוועזען צו שפּעט.

מאיר האָט זיך אויך פֿערשעהמט.

אַז יאָסעלע האָט געהאַט די אויגען געעפֿענט, האָט ער געטראָפֿען די „קאָמאַנדע" זיצענדיג אויף דער ערד, און אַלע שטוהלען פֿון שטיבעל איבערגעקעהרט, און זיי האָבען איהם אָפּיצעל מיטגעטהיילט.

— היינט געהען מיר ניט אין חדר אריין, דער טאטע איז נאָך אמעריקא געפאָהרען.

יאָסעלע האָט זיי גאָר ניט געענטפערט, ער האָט ביי זיך אין זיין הערצעל בעהאַלטען דעם פאָטער׳ס ווערטער, און א געוויסער שטאָלץ האָט איהם ארומגענומען אויף דעם וואָס דער פאָטער האָט איהם געזאָגט, און ער האָט ביי זיך אָבגעמאכט אַלעם צו פאָלגען וואָס דער פאָטער האָט איהם אָנגעזאָגט.

# אַליין אין דער פרעמד

אַזוי ווי אַן איינזאַמער אין אַ וויסטע איז מאיר געזעסען אויף דעם דריטען שטאָק אין איינם פון די טענעמענט־הייזער אויף עסעקס סטריט, אין ניו יאָרק, וואָס איז ביים ברעג אויף יענער זייט אָקעאַן — צווישען אַ פינף מיליאָניגע בעפעלקערונג, און צווישען ניין הונדערט טויזענד זיינע אייגענע גלויבענס־גענאָסען. צו קיין חברה, צו קיין סאָסייעטי, סיי ציווילע אָדער רעליגיעזע קאָנגרעגיישאָנס האָט ער נישט געהערט, און האָט זיך איבערהויפט מיט קיינעם נישט געמישט. די לאַנדסלייט פון דער דריטער סטריט, צו וועלכע ער האָט אַן אַדרעס געהאַט און וועלכע האָבען איהם פון שיף אַראָבגענומען, האָבען איהם געשאַפט אַ אידיש „פּליים“, אַ שאַפּ, אין וועלכען מען אַרבייט ניט שבת. שוין העכער פון זיעבען חדשים זיצט מאיר ביי אַ פענסטער, וואָס געהט אַרויס געגענאיבער אַ הויכער וואַנד, און נייהט אויף דער מאַשין זוימען פון העמדער. ווי אַזוי ער איז דאָרט אַהין געקומען, ווייס ער נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט, כאָטש ער פאָהרט יעדען טאָג צו דער אַרבייט, און יעדען טאָג פון דער אַרבייט. דער לאַנדסמאַן, דער קרוב, די מוהמע מלכה׳לעם (דעם טאַטען׳ס אַ שוועסטער׳ס) אַ זוהן האָט איהם אַריינגעפיהרט אין אַ טיעפען קעלער, און ער איז מיט דער באַהן אַהין־געפאָהרען. פון דענסטמאָל אָן פאָהרט ער יעדען טאָג צו דער אַרבייט און יעדען טאָג פון דער אַרבייט. ער האָט זיך גאָר נישט געוואונדערט איבער די באַהן, וואָס לויפט ווי אַ שרעקליכע חיה אין דר׳ערד; ער האָט איבער זיין וועג קיין אַמעריקא אַזוי פיעל זאַבען געזעהן, און דער קאָפּ איז איהם אַזוי בערוישט געווען, אַז ער וואָלט זיך שוין אויף גאָר נישט געוואונדערט. ער האָט זיך אויך נישט געוואונדערט, ווען דער קרוב האָט איהם פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל העמדער נייהען, און אַז מ׳האָט איהם ביי אַ מאַשין אוועקגעזעצט...

ער, מאיר ר׳ יאָסעלע סאָחאַטשאָווער׳ס, וואָס די שטאָדט האָט געקלונגען מיט זיין לערנען, אַ גערער חסיד, און איז עפּעס פון דער היים־אויס אַ סוחר געווען — זאָל ווערען אַ העמדעל־נייהער, ווי סענ־דעריל דער „דאַמסקער“ שניידער ביי זיי אין שטעדטעל! — דאָ איז אַלעם מעגליך און פאַר דעם איז עס דאָך אַמעריקאַ. עס איז קיין חרפּה ניטאָ, און צו דעם איז ער דאָך אַראָבגעקומען, און דער עיקר פּרנסה, — פון דעם וועט ער דאָך קענען מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער אין דער היים, וועלכע ווארטען אויס אויף אַ בריוועל מיט אַ רובעל. איז ער באַלד צוגעוואוינט געוואָרען, האָט צוגעלעגט דעם קאָפּ און זיך געזאָגט: „דאָס איז מיין פּרנסה“, — איז ער געזעסען טאַקע אַ גאַנצען טאָג, אַלע אָהן היט — ער אין אַ קאַפּעל. עס זיינען דאָרט מיידלעך אויך געווען. ער האָט זיי נישט געזעהן, און האָט געאַרבייט מיט פליים, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט, פאַר זיך אַליין האָט ער זיך איבערגע׳חזר׳ט אַ משנה, אָבער מעהרסטען איז זיין געדאַנק געווען פערנומען מיט דער היים: וואָס מאַכען די קינדער, און יאָסעלע. ער האָט בעשיינפּערליך געזעהן ווי יאָסעלע זיצט אין חדר און לערענט די פּרשה חומש און טייטשט אויס דעם „ואני“; האָט אַ גוט קעפּעל און פערנעהמט, און געהט צווישען מנחה־מעריב אין בית־המדרש אריין און דאַווענט פרום. „אַ גוט אינגעל“, האָט ער זיך געזאָגט, און דאָס האַרץ איז איהם אויסגעגאַנגען פאַר בענקעניש נאָך איהם. און אַז עס איז טאַקע געקומען, אַז ער האָט אַהיים געשיקט חנה לאה׳ן די ערשטע צעהן רובעל (דאָרט איז עס נור פינף טאָלער), איז מי ידמה ומי ישוה לו — טאַקע האָס האַרץ איז איהם פול געוואָרען מיט פרייד. ער איז געווען מיט זיי אין דער היים; ער האָט געזעהן, ווי דער פּאָסטמייסטער טראָגט אריין דעם בריעף, און זיין שוואָגער לייביש לייענט איהם פאָר חנה לאה׳ן, — זי איז דאָך אַ צדיקית, אַ צדיקית ממש, מילא וואָס די אידענע רייסט זיך אויס, צער גדול בנים, און אַלעם אויף איהר, און די קינדער, — שכר למוד געלד, און יאָסעלע שטעהט ביי די מאַמע און רייסט זי ביים שירץ: „וויז מיר דעם טאַטען׳ס בריעף“.

מען זאָגט, אַמעריקאַ איז אַ לאַנד, וואו מען קען נישט אָבהיטען דאָס אידישקייט ווי מען דאַרף. עס איז אָבער נישט אַזוי. דער וואָס וויל אָבהיטען דאָס אידישקייט, קען עס אומעטום אָבהיטען.

והא ראיה, מאיר פּלעגט זיך אויפהויבען, ווען עס איז נאָך טונקעל געווען, כדי ער זאָל קענען פאַר'ן דאַוונען נאָך אָבלערנען זיין פּרק משניות, ווי ער איז געוואוינט געווען פון קינדהייט אָן (משניות'ן האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים). צוערשט האָט דער „באָרדער", דער יונגער־מאַן וואָס איז געשלאָפען מיט איהם אין איין שטוב תרעומות געהאַט; ער לאָזט ניט שלאָפען. דערנאָך האָט ער זיך צוגעוואוינט צו איהם. האָט זיך מאיר פערקליבען אין זיין ווינ־קעל פון שטוב, וואו זיין בעט און זיין קעסטעל זיינען געשטאַנען, און האָרט איז זיין היים געווען. דאָרט, ביים טישעל, האָט ער אין דער־פריה געלערנט, געדאַוונט בעפאָר ער איז צו דער ארבייט געגאַנגען. דאָרט אין זיין ווינקעל האָט ער זיך פריטאָג צו נאַכט זיינע צוויי שבת־ליכט אָנגעצונדען, און ביי זיי „שלום עליכם" געזאָגט: איהם האָט ניט געאַרט וואָס עס איז פאָרגעקומען אַרום איהם — ער האָט עס ניט געזעהן. טהיילמאָל ווי ער פלעגט פריטאָג צו נאַכט זיצען ביי זיין טישעל און מקבל שבת זיין, איז פּונקט זיין שכן געזעסען און האָט געטהאָן אַ וואָכעדיגע אַרבייט, אָדער האָט מיט זיינעם אַ חבר קאָרטען געשפּיעלט; ער האָט זיי ניט קיין מוסר געזאָגט; ער האָט געוואוסט עס וועט ניט העלפען. ער איז זיך ניט געגאַנגען זוכען קיין אַנדערע וואָהנונגען; ער האָט געוואוסט, אַז אַנדערש־וואו וועט אויך אַזוי זיין, נור ער האָט ניט געקוקט און ניט געזעהן וואָס עס טהוט זיך אין צווייטען ווינקעל — אין זיין ווינקעל איז געווען שבת קודש.

אין קיין חברה האָט ער ניט געדאַוונט. דעם ערשטען פריטאָג צו נאַכט האָבען איהם די לאַנדסלייט פון דער דריטער סטריט מיט־גענומען אין די „קאָנגרעגיישאָן אנשי לענשנע", די חברה פון זייער שטאָדט. די חבהה איז געווען אויף די זעלבע גאַס וואו ער וואָהנט, אויף עסעקס סטריט. אַז ער איז געגאַנגען אין חברה אריין, פריי־טאָג פאַר נאַכט, איז די גאַס געווען פול געפּאַקט מיט מענשען, און, ווי עפּעס אויף להכעיס דעם שבת, איז דער גרעסטער מאַרק געווען פריטאָג צו נאַכט. מיט די נאַכט האָבען זיך געמעהרט די טישלעך אין מיטען דער גאַס, און האָבען פערשטעלט דעם גאַנצען דורכגאַנג פון דער גאַס, און ביי יעדען טישעל זיינען געשטאַנען רעדלעך מענ־שען. דאָס זיינען געווען אַהיים־געהענדע אידישע אַרבייטער פון די

שאפּס. זיי האָבען זיך איינגעהערט צו די געוואַלדיגע אויסרופען פון די סוחרים, וועלכע האָבען אויסגעריהמט זייער סחורה מיט די גרעסטע געשרייען. אידישע אינגלעך, — ער האָט זיי דערקענט אין די פּנים'ער, — האָבען אין דעם שבת אַריינגעשפּיעלט באַלל אין מיטען גאַס, האָבען פייער אָנגעצונדען פון דעם ליגענדען מיסט און פּאַפּיער און קיינער האָט זיי ניט דערמאָהנט, אַז עס איז שבת. דער האַנדעל פון דער וואָכענס האָט איהם נאָכגעיאָגט ביז צו די טהיר פון די חברה, און נאָך אויף די טרעפּלאַך וואָס פיהרען אַרויף צו די חברה זיינען געזעסען אידישע ווייבער און האָבען געפיהרט אַ האַנדעל מיט די וואָס געהען אין די חברה אַריין דאַווענען. ער האָט זיך ענטרונען פון דער וואָכענס, וואָס איז אויף דער גאַס, אין די חברה; נור דער שבת וואָס איז געווען אין די חברה, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען גרעסטען „דערוואָכענס“, איז געווען אַן אָרימער, אַ וואָכעדיגער, און האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט פערטרונקען געוואָרען אין דעם גרויסען וואָכעדיגען טאָג, אין וועלכען ער איז געשטאַנען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט געזעהן אַ בעלעמער און אַן אָרון, וועלכען אַ איד האָט אַרויסגערוקט פון אַ ווינקעל אין מיטען שטוב.

אַ צווייטער איד האָט אָנגעהויבען ליכטלעך אָנציינדען, כאָטש עס איז שוין געווען אַ שטיק אין שבת אַריין. די חברה האָט זיך אָנגעהויבען איינציגווייז אָנצופילען. דאָס זיינען מעהרסטענס געווען בעלי מלאכות פון זיין שטעדטעל, וועלכע ער האָט נאָך געקענט פון דער היים. טהייל האָט ער געקענט פון גאַנץ אַלטע יאָהרען, וועלכע ער האָט געזעהן ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, זיי האָבען געמאַכט אויף איהם דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטען איהם ערשיינען אין אַ חלום. אַנדערע האָט ער ניט געקענט פון דער היים. דער גבאי איז געווען אַ טאַנדעטנער שניידער פון דער היים. „קאַזיען“ פלעגט מען איהם רופען, מיט אַ געל בערדעל. מען האָט איהם אַמאָל פאַר אַ גנבה פערשיקט נאָך בריסק און פון דאַמאָלס אָן איז ער פערשוואונדען געוואָרען... דאָ איז ער געווען דער גאַנצער בעל־הבית פון שוהל; ער האָט מאיר'ן מיט אַ ברייטקייט שלום עליכם אָבגעגעבען און געקוקט אויף איהם יעצט ווי מיט אַ רחמנות־פּנים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט אַ בעקאַנטען פון דער היים, מיט וועלכען ער זאָל אַ וואָרט קענען רעדען — ער האָט נאָר געזעהן צווישען זיי בעלי־מלאכות;

ניט פון זיינע מענשען. זיי האבען איהם שלום עליכם געגעבען, און האבען איהם אויסגעפרעגט פון דער היים.

באלד איז צוגעגאנגען א איד צום באלעמער און האט זיך אוועק־געשטעלט דאוונען. ער האט איהם געקענט, — עפעס א געוועזענער קאוואל אין זייער שטעדטעל...

מאיר האט זיך דערמאהנט דעם שבת אין דער היים, אין דעם קליינעם שטעדטעל, וואו אלע געוועלבער ווערען פערמאכט, די גאנצע שטאדט איז פערשלאסען, און ר׳ לייבעל בער׳ס דעם רבי׳נס חזן׳ס קבלת שבת — און א בענקשאפט האט איהם ארומגענומען נאך דער היים, זיין ווייב, זיין הויזגעזינד, זיינע קינדער. שבת — זיין יאסעלע שטעהט יעצט אין רונדען קאשקעטעל, וואס ער האט איהם געקויפט אויפ׳ן לעצטען שמחת תורה (מאיר האט יאסעלע׳ן אליין געזעהן אין דעם קאשקעטעל), און שאקעלט זיך איבער׳ן סדור. אין דער היים איז געגרייט צום טיש. די לייכטערלעך ברענען, און חנה־לאה, אן אשת חיל, איז אנגעטהאן אין די נייע הויב — און ער איז אזוי ווייט — אבער קיין עגמת נפש האט ער זיך ניט צוגעלאזט — עס איז דאך שבת און קבלת שבת בצבור, האט ער מיטגעזונגען דעם „שניי־דערשען" „לכה דודי". נאכ׳ן דאווגען האט ער זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל, ווי ער איז געוואוינט געווען פון דער היים, ניט גלייך נאכ׳ן דאוונען אהיים צו געהן — נור צו לערנען פרייטאג צו נאכטס נאכ׳ן דאוונען — און צו וועמען האט ער געהאט זיך אהיים צו איילען? און שבת׳דיג האט ער זיך דאך געפיהלט, כאטש אין די בגדים. גאר אזוי ווי ער זיצט און שאקעלט זיך איבער „אתקינות סעודתא", זעהט ער ווי מען רוקט ווייטער אב דעם ארון קודש מיט׳ן בעלעמער אין א ווינקעל אריין, און מען פערהייגגט עס מיט עפעס — און עס הויבען זיך אן צו ווייזען גאר אן אנדערער עולם — עפעס כלי־זמרים, מיט בתולות און בחורים. מאיר הערט אויף צו זאגען, קוקט זיך אום פער־וואונדערט. עס געהט צו איהם צו דער זעלבער איד, וואס האט די ליכטלעך אנגעצונדען, אין דעם גאליציאנער קאשקעטעל, און מיט׳ן גאליציאנער לשון זאגט ער איהם:

ר׳ פעטער, איהר וועט דאס ארט פערלאזען, מען דארף די טישען צושטעלען, ווארים דער טאנץ־מייסטער קומט באלד צוגעהן.

— וואָס, אין אַ מקום קדוש, פרייטאָג צו נאַכטס?! שרייט אויס מאיר.

— די „קאָנגרעגיישאָן אנשי לענשנע" דאַוונט דאָ יעדען פרייטאָג פון 6 ביז 8 ווינטער־טיים, און פון 7 ביז 9 זומער־טיים, עס איז שוין נאָך אכט, פון אכט אוהר קומט דער טאַנץ־מייסטער.

— דאָ, אין מקום קדוש! — וואונדערט זיך נאָך מאיר.

— יעצט איז עס שוין נישט קיין מקום קדוש, יעצט איז עס אַ טאַנץ־האַלל.

מאיר האָט געכאַפּט דעם סדור און איז אנטלאָפען. פון דענסט־מאָל אָן דאַוונט ער נישט אין קיין חברה, עסט ניט קיין פליישׁ פון אַמעריקאַנער שחיטה, נאָר אַליין פאַר זיך, ביי זיך אין ווינקעל, צווישען זיין בעט און קעסטעל, איז מאיר מקבל שבת, זינגט מאיר אַלע נגונים פון רבי'ן, בעינקט מאיר נאָכ'ן אידישקייט, נאָך זיין ווייב און קינדער, און דער עיקר, נאָך זיין אינגסטען קינד, נאָך יאָסעלע'ן.

וואָרים יאָסעלע'ן האָט מאיר ליעב געהאַט איבער אַלע גרענעצען, און ווי אַ קאַלטער פאָטער דער איד איז געווען אין דער היים, אַזאַ הייסער פאָטער איז ער געווען, ווען ער האָט די קינדער נישט געזעהן. אפילו אין דער היים, אַז עס איז אַ קינד קראַנק געווען, פלעגט ער וואַכען דערביי גאַנצע נעכט און דאָס לעצטע פארזעצט פאַר אַ דאָקטאָר און אפטייק, בפרט דאָ אין דער פרעמד און אַזוי וויט געהט ער אויס נאָך די קינדער — און דער עיקר נאָך יאָסעלע'ן. עס פלעגט איהם טהייל מאָל אָננעהמען אַ פערלאַנג צו דערצעהלען פון יאָסעלע'ן, אויסצוריהמען אַלע זיינע מעלות און זיין חכמה. און חכמות האָט ער זיך יעצט דערמאָהנט פון איהם אַ מענגע, און ווען עס פלעגט איהם אָננעהמען אַזאַ פערלאַנג צו דערצעהלען וועגען יאָסעלע'ן איז ער געגאַנגען אויף דער דריטער סטריט צו די לאַנדסלייט. אויף דער דריטער סטריט ביי די לאַנדסלייט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די „אנשי לענשנע", דאָרט האָט געוואָהנט די אלמנה פון ר' חיים כהן מיט איהרע זיעבען זיהן און דריי טעכטער. ר' חיים כהן איז געווען איינער פון די שעהנסטע בעלי בתים אין זייער שטעדטעל און אַ האַלב שטעדטעל זיינען זיינע פאַמיליע געווען. זעהר אַ גרויסע משפחה (דער פאָטער און זיין פאָטער'ס פאָטער, אַלע לענשנער געווען, האָבען אָהן עין הרע אַ סך קינדער געהאַט), איז יעדער צווייטער בעל־הבית

אין שטעדטעל געווען א מחותן אדער א פעטער, אדער גלאט א שני בשלישי. נאך ר׳ חיים׳ס טויט האבען זיך די קינדער אייניציגווייז אנגעהויבען אוועקצולאזען אין די ווייטע מקומות. צוערשט איז א איינגערער זוהן אוועקגעפאהרען, א בעל מלאכה געווען, און ער האט דאס אנגעהויבען אבצושלעפען די גאנצע משפחה נאך זיך, ביז זיי האבען די אלמנה אראפגענומען. און פון דענסטמאל אן איז די וואהנונג אויף דער דריטער סטריט די „אדרעס" פאר אלע וואס פאה־רען קיין אמעריקא פון לענשנע, מיט א האלב שטעדטעל משפחה פאהרען זיי אלע אראב. צו די „מוהמע" אין שטוב טעלעגראפירט מען פון שיף, ווען עס קומט אראפ א לענשנער און פון דארט געהט ארוים א יונג אפנעהמען פון שיף. דארט, ביי די „מוהמע", האלט מען זיך אויף די ערשטע פאאר טעג, ביז מען טהוט אוים דעם „גרי־נעם" און מען קריגט ארבייט. און דארט, אין שטיבעל ביי דער „מוהמע׳ן", קומען זיך צוזאמען אלע לאנדסלייט יעדען שבת אויף דער נאכט, און מען שמועסט פון דער היים, פון שטעדטעל. אז עס קומט א נייער לענשנער, ברענגט ער מיט גרוסען און בריעוולעך פאר די לענשנער, קומט מען דארט צו דער „מוהמע" אפנעהמען.

א גרויסע שטוב, אלע פריי־לײדיגע ברידער וואהנען ביי דער מאמע, און די משפחה האלט זיך אין איינעם, און חיה, חיים׳ס ווייב, איז געווען א אידענע וואס האט געפיהלט וואס עס הייסט אז מען דארף אנקומען צו „קאלומבוס׳ען", זי האט עס מיט־געמאכט. כאטש די יונגען האבען גע׳טענה׳ט מיט איהר, זיי ווייסען נישט וואס זי האט צוגעלייגט צו אמעריקא, אין דער היים האט זי ארויסגעקוקט אויפ׳ן פלימפעל און דא געהט זי אין די טהעאטערס. נור די אידענע האט גע׳טענה׳ט, אז איהר איז פער׳מיאוס׳ט קאלומבוס (די אידענע האט גערופען אמעריקא „קאלומבוס") מיט זיינע טהעאטערע. און איבער־הויפט האט זיך ביי איהר קאלומבוס א שווארץ יאהר אויסגעריכט.

אז א יונג האט נישט אהיים געבראכט די ווידזשעס אין גאנ־צען, האט זי קאלומבוס׳ען פון קבר ארויסגערופען און האט שוין איינינגע מאל געסטראשעט, אז זי וועט אהיים פאהרען, כאטש זי האט שוין נישט געהאט צו וועמען צו פאהרען נאך לענשנע — איהר גאנצע משפחה איז אין אמעריקא. ס׳פלעגען די יונגען איהר נישט איינמאל טרעפען אין א מיטען דאנערשטאג זיצען מיט פערלייגטע הענד און

מיט וויינענדע אויגען — זי וויל אהיים פאהרען. און עס האט זיך שוין אמאל געטראפען, מען האט איהר געמוזט א שיפס־קארטע קויפען און זי אהיים שיקען, נור קוים איז זי צום שיף אראפגעקומען און האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן די קינדער מיט די איניקלעך וואס זי לאזט איבער אויפ'ן ברעג, האט זי זיך אפגערופען: „צו וועמען זאל איך מ'שטייגס געזאגט פאהרען, אז דער קאלומבוס האט מיר אלע קינדער צוגענומען?" און האט גענומען דאס פעקעל און צוריק גע־גאנגען אויף די דריטע סטריט.

איז דארט געווען ביי די אלמנה חיה אויף די דריטע סטריט דער „סבארנע פונקט" פאר די אנשי לענשנע. די יונגע לייט זיינען דארט געקומען צו די בחורים, ווארים די לענשנער יונגע לייט האבען אויך געהאט א בעזונדער סאסייעטי, וועלכע רופט זיך „די לענשנער יאנג מען סאסייעטי", און די בחורים זיינען געשטאנען אן דער שפיצע פון דער חברה און געפיהרט דארט די הינטער־קוליסען־פאליטיק יע־דען שבת אויף דער נאכט. און די עלטערע מענשען האבען געהאט די קאנגרעגיישאן פון די „אנשי לענשנע", און די פראסטע ווייבער זיינען גלאט געקומען צו חיה'ן, ווארים מען האט געוואוסט, אז ווען מען וויל טרעפען א לאנדסמאן און אז מען וויל ריידען פון דער היים, קען מען עס געפינען אויף דער דריטער סטריט.

שבת אויף דער נאכט. ווען מאיר האט געהאט הבדלה אפגע־מאכט אין זיין ווינקעל צווישען דעם קאסטען און בעט, האט ער זיך אנגעטהאן דעם ראק און איז אהין געגאנגען, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, צו די לאנדסלייט אויף די דריטע סטריט. ער איז געווען זעהר טרויעריג, ווארים אכט חדשים איז ער שוין פון דער היים, אהן דער ווייב און אהן די קינדער, — און איז דען פאר א איד א תכלית צו זיין אליין? — ער האט זיך דערמאהנט אן זיינע שבתים, זיין פסח אליין, און די קינדער אין דער היים אהן א פאטער, — ווער קוקט זיך אויף זיי ארום? טאקע ער האט פון די ערשטע מינוט אן, וואס ער איז אהער געקומען, אנגעהויבען צו קלעהרען אויף א תכלית, און באטש ער האט חנה לאה'ן אהיים געשיקט געלד, דאך האט ער שוין אנגעהויבען אפצושפארען יעדע וואך פון זיין פערדיענסט א קליינינ־קייט אויף א תכלית. אבער וואס וועט זיין דער סוף: ער וועט אהיים פאהרען אדער זיי אהער ברענגען? נור, וואס ער האט גע־

האט אָפּגעשפּאָרט איז געווען זעהר ווייניג אי פאר אהיים צו פאָהרען, אי זיי אהער צו ברענגען. און דאָ רעדט מען עפּעס וועגען א סלעק, ווען ס'מאַכט זיך א שלעכטע צייט. אנדערע געהערען עפּעס צו אזעלכע חברות, וועלכע צאָהלען אין א שלעכטע צייט. דער קרוב פון דער דריטער סטריט האט איהם צוגערעדט, ער זאָל אויך אריינטרעטען אין עפּעס א חברה „אחדות", וואו אלע ארבייטער האלטען זיך צו־זאמען. נור איהם האט בעת מעשה פערדראָסען, וואָס דער קרוב האט איהם גענומען בבחינת ארבייטער? — וואָס פאר אן ארבייטער איז ער? ער איז א איד, א יודע ספר.

נור נישט וועגען דעם האט ער יעצט געקלעהרט, געהענדיג צו די דריטע סטריט. אהיים פאָהרען צוריק — וואָס וועט זיין דער תכלית? דער זעלבער אָרימאַן וואָס פריהער. און מיט וואָס וועט ער זיך מפרנס זיין? ווען ער איז דאָ, פערדיענט ער דאָך און פיהרט צוויי הייזער (מאיר האט זיך גערעכענט פאר א הויז) און שפּאָרט נאָך א ביסעל. און רחל'ע, די עלטסטע טאָכטער, זאָגט מען, וואָלט דאָ אויך באלד געקענט פערדיענען, און אז מען קומט אהער מיט קינדער, ווע־רען דאָ עלטערן גאָר גליקליך, והא ראיה, ר' חיים'ס אלמנה פון די דריטע סטריט. נור גלאט ווי נעהמט מען אהער חנה לאה'ן מיט די קינדער, און וואָס וועט זיין מכח אידישקייט, מכח לערנען? מילא פאר די „קאָמאַנדע" — וועלען זיי נישט זיין קיין גרויסע לומדים — זיי ווילען סיי ווי סיי נישט לערנען. אָבער יאָסעלע? און קלעה־רענדיג וועגען יאָסעלע'ן, האט איהם אזא פּאַטערליך רחמנות־געפיהל ארומגענומען, אז ער האט אליין אויף זיך אָנגעהויבען רחמנות צו קריגען. ער האט שטענדיג געזעהן יאָסעלע'ן ווי ער שטעהט אין שטיבעל אויף זיין אָרט און האלט דעם סדור אין האנד און דאַווענט פרום. אָדער ער האט איהם געזעהן ווי שבת נאכמיטאג (יאָסעלע האט אָנגעהויבען חומש צו לערנען און קען שוין די ערשטע פּרשה) געהמט ער דעם חומש און מישט זיך אויף, און וויל אז עם זאָל איהם זוער פערהערען. ער געהט צו צו די מוטער, זי זאָל איהם פערהערען די פּרשה חומש. נאָר די מוטער קוקט אריין און ווייס נישט וואָס יאָסעלע זאָגט.

מיט אזעלכע געדאַנקען איז מאיר אָנגעקומען צו די לאַנדסלייט. ביי די לאַנדסלייט אין הויז האט ער שוין געטראָפען די קינדער־

וועגלעך, אין וועלכע די ווייבער פון די אנשי לענשנע האָבען געבראַכט צופיהרען זייערע קינדער, און ער האָט זיך ווידער דערמאָהנט אָן חנה לאָה'ן, און ביי זיך געטראַכט: האָבען נישט ביי וועמען די קינדער צו לאָזען, מוזען זיי מיט זיך מיטנעהמען די קינדער. די שטוב איז געווען פול מיט מענער, ווייבער, עלטערע און זויגענדע קינדער — אַלע זיינען געווען אויסגעזעצט אויף די בעטען, אויף די בענקלעך, אויף די ערד. די ווייבער האָבען די זויגענדע קינדער געהאַלטען, און די עלטערע קינדער האָבען זיך אין מיטען שטוב געשפּיעלט, און די שטוב איז פול געווען מיט רויך פון פּאַפּיראָסען. אויבען־אָן ביים טיש איז געזעסען יואל וואַטענמאַכער פון דער היים, אַרום איהם — די אנשי לענשנע, און ער האָט דערצעהלט וועגען לענשנע.

יואל וואַטענמאַכער איז ערשט געהאַט אָנגעקומען פון לענשנע, און באַלד האָבען זיך די לענשנער פון גאַנץ ניו יאָרק דערוואוסט, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ נייער לענשנער, און זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו די אלמנה חיה, אויספרעגען ביי יואל'ען אויף די זייעריגע.

— און וואָס מאַכט דאָרט די אַלטע חיה־ראַשע, לעבט זי נאָך? — האָט איינער געפרעגט פון עולם אַרום — אויף אָן אַלטע אידענע פון שטאָדט, וואָס אַלע האָבען זי געקענט.

— ניין, לעצטען חל־המועד פּסח איז זי געגאַנגען אַראָב אין קעלער אריין, אַ פוס זיך אויסגעגליטשט און געשטאָרבען.

— געשטאָרבען! — שאָקלען זיי אַלע מיט די קעפּ — אָן אַלטע אידענע געווען.

און באַלד דערמאָהנט מען זיך די מעשיות פון חיה־ראַשע'ן.

— געדענקסט, חנוכה אויף דער נאַכט, ווי זי האָט ביי אונז דאָס שמאַלץ אויסגעלאָזט אויף פּסח, און האָט אונז דערצעהלט די מעשיות מיט אַ פייערדיג הענדעלע — רופט זיך איין ברודער פון חיה'ס יתומים אָן צום צווייטען.

— אַ גאַנצע קעבין געווען. איהרע מאכלים! ווייסט, זי האָט דאָך ביי מיר אויף מיין חתונה דאָס געבעק געבאַקען. איהרע פאַרעמעלעך, איהרע האַמבורגער קיכעלעך — איז דאָס געווען אַ געבעק! — רופט זיך אָן אַ אידענע, וואָס איז ערגעץ וואו ווייט הינטען געזעסען.

— און וואָס מאַכט דאָרט מיין מוהמע? — פרעגט אַ איד פון מיטען אַרוים.

— ווער איז דאָס זיין מוהמע? — קוקט זיך חיה אום, און זוכט צווישען דעם עולם דעם פרעגער — ביז זי בעמערקט אַ קליין אידעל — אַ, ביילע גנענדעל?

מאיר האָט אויך געוואָלט פרעגען אויף זיינע — נור דער עולם האָט געהאַט אַזוי אַרומגערינגעלט דעם וואַטענמאַכער, אַז ער האָט זיך נישט געקענט צוקריגען צו איהם. יעדער איינער האָט אויסגעפרעגט נישט בלויז אויף זייניגע, נור אויף בעקאַנטע און עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע זיינען נייגעריג געווען צו וויסען וואָס עס איז געוואָרען דער סוף פון געוויסע גאַסען, הייזער, בהמות און חיות פון לענשנע, — איינער, אַן עלטערער מענש, מיט אַ דיק בייכעל און אַ סך גאָלד אויף זיך, אויך אַ לענשנער, און וואָס מאיר האָט איהם געדענקט ווי אויס אַ חלום — דער עולם האָט איהם גערופען דער „אַלרייטניק" — האָט עפּעס גערעדט וועגען יאָהר־צייט און וועגען אהיים פאָהרען נאָך יאָהר־צייט. דערנאָך האָט ער דערצעהלט וועגען זיינע געוועזענע כלות, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. האָט זיך אויסגעפרעגט אויף אַלע זיינע כלות, וועלכע ער האָט געמיינט, אַז זיי זיינען נאָך אַלע מיידלאָך. פאַר איהם, דעם „אַלרייטניק", האָט דער וואַטענמאַכער געזעהן, האָבען אַלע דרך ארץ. דורך דעם האָט ער איהם אַלערשטענס אָבגעענטפערט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז די אַלע כלות וואָס דער „אַלרייטניק" האָט אין דער היים איבערגעלאָזט, זיינען שוין אַלע אַלטע ווייבער געוואָרען, און האָבען שוין אַלע אויסגעגעבענע קינדער, און ער האָט זיך אַזוי געוואונדערט דעריבער, ווי ס'וואָלט געשעהן אַן אוננאַטירליכע זאַך. דערנאָך האָט ער דערצעהלט, דער „אַלרייטניק", אַז אַלע זיינע געוועזענע כלות שיקען צו איהם די ערוואַקסענע זיהן און פאַר יעדען קוש, וואָס ער האָט די מוטער געגעבען אין די יוגענד, בעצאָהלט ער יעצט די זיהן צו צעהן טאָלער. דער עולם האָט זיך צולאַכט און מאיר האָט זיך פערשעהמט און פערקליבען זיך אין אַ ווינקעל.

דער עולם איז אָבער אַריינגעקומען אין אַ ליכטיגע שטימונג פון דעם „אַלרייטניק'ס" מעשיות מיט די כלות, און דער „אַלרייטניק" האָט אַראָבגעשיקט נאָך ביער פאַר דעם גאַנצען עולם. דענסטמאָל האָט מען זיך אָנגעהויבען צו דערמאָהנען אָן אַלע זאַכען, וואָס זיינען אין שטעדטעל פערלאָפען אין די קינדער־יאָהרען און מ'האָט אָנגע־

רופען נעמען פון מענשען, וועלכע זיינען שוין לאנגס אויף'ן „גוטען ארט" געווען און נעמען פון הייזער און גאסען, וואס עס איז שוין פון זיי קיין זכר נישט געווען — דענסטמאל האט זיך אויפגעהויבען משה'לע דער קאזאק, וואס איז נאך אין דער היים געווען בעוואוסט פאר א גרויסען לץ און קונצען־מאכער, און וואס ער האט אין דער היים עפעס אין א טהעאטער געזאלט האבען געשפיעלט און דא איז ער א גאנצער פריזירער און א מאכער אויך אין די טהעאטערס — און האט אנגעהויבען נאכצומאכען ווי שלמה סוקניק דאוונט אין די חברה פאר'ן עמוד מיט זיין קוויטשענדיג קול'כעל, און ווי חיה־ראשע טאנצט אויף די חתונות פאר די כלה צום לעגען־פיהרען, און ווי גנענדעל ברייגע פאלט שבת אוועק נאך די קוגעל אויף די „האלערע" און אי־ציעלע דער פעלדשער קומט צו לויפען מיט'ן „שמעק־פלעשעלע". דאס זיינען אלץ געווען נעמען פון מענשען, וועלכע האבען שוין לאנג גע־רוהט אין דר'ערד ערגעץ וואו אויף א בערגעל, אויף יענער זייט ים, און וואס קיינער פון די לעבעדיגע האט שוין נישט געוואוסט פון זיי און נישט געהערט פון זיי — אויסער דאס ביסעל „אנשי לענשנע", וועלכע זיינען פערבלאנדזשעט געווארען אויף יענער זייט ים, און האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין דעם קליינעם שטיבעל און דער־מאהנען זיך פון לענשנע, זייער אלטער היים.

ווען משה'לע קאזאק האט געקוויקט דעם עולם מיט די לענשנער זעלטענהייטען, האט זיך מאיר אין דער שטיל צוגערוקט צו יואל וואַ־טענמאכער, און האט געפרעגט אויף זיינע. יואל האט זיך אומגע־קוקט און האט דערזעהן מאיר'ן:

— א, איהר זייט עס! שלום עליכם. אייער קליינער יונג, ווי רופט מען דאס, יאסעלע, דאכט זיך, ער שמ'ט דאך אין די גאנצע שטאדט, איז מיר נאכגעלאפען נאך די פוהר און האט זיך געבעטען אז איך זאל אייך איבערגעבען א גרוס, אז ער לערענט זיך, און ווארט ביז איהר וועט איהם פערהערען. שא, ער האט מיר עפעס מיט־געגעבען א בריוועל.

יואל האט געזוכט אין די קעשענעס.

— יא, ער האט מיר געהייסען אייך זאגען — האט ער ווייטער גערעדט — אז דער רבי לערענט איהם שרייבען, און ער שיקט אייך א בלאט, וואס ער אליין האט אויפגעשריעבען.

יואל האט עפעס געפונען און ארויסגעצויגען פון קעשענע א צו־קנייטשט שטיקעל פאפיער.

— דער קליינער יונג האט מיך אזוי געבעטען, איך האב עס איהם ניט געקענט אבזאגען.

מאיר האט זיך פערקליעבען אין א ווינקעל, און אויפגעעפענט דאס צוקנייטשטע פאפיער. עס איז געווען א בלאט פון א שרייב־בוך, אויף וועלכען עס איז איין שורות, איין שורה נאך די אנדערע, געווען אויפגעשריעבען אין זילבען מיט א קינדישע האנד־כתב:

„איך וויל דעם טא־טע־שי זע־העו. איך וויל דעם טא־טע־שי זע־העו". אזוי איין שורה נאך די צווייטע.

מאיר האט לאנג בעטראכט זיין יוחנ'ס האנדשריפט. א מינוט האט ער עפעס געקלעהרט — צולייגט דאס שטיקעל פאפיער אין האנד, און איז מיט אבגעלייגטע טריט און געדאנקען צוגעגאנגען צו חיה'ס עלטערען זוהן משה דוד, וועלכער איז שוין געווען א גאנצער אמעריקא־נער און גערעדט ענגליש און ער האט שטענדיג געלערנט די נייע אנגעקומענע ווי זיי זאלען זיך האלטען — און האט איהם געפרעגט מיט פארזיכט:

— מען זאגט, אז מען קריגט שיפס־קארטען היע אויף אויס־צאהלען — איז עס וואהר?

— וואס, איהר ווילט אייערע אראפברענגען? — האט איהם דער קרוב געפרעגט.

— איך ווייס? — איז ער זיך מישב — און וואס זאגט איהר?

# דער בריעף

חנה־לאה האט זיך ארומגעוויקעלט אין דעם נייעם שבת׳דיגען טיבעל, גענומען יאסעלע׳ן ביי די האנד און צוגעפיהרט איהם צו די חברה אנשי אמת, וואו דער דיין האט געלערנט שבת נאכמיטאג מיט די אידען פון די חברה, און האט אריינגעשיקט יאסעלע׳ן מיט׳ן חומש — צום דיין, און געבעטען מען זאל איהר לעבעדיגען יתום פערהערען.

זי האט איהם נישט געוואלט פיהרען צום שוואגער לייביש און נישט צו קיין אנדער משפחה — זי האט נישט געוואלט, אז די שונאים זאלען דערפרעהט ווערען איבער איהרע צרות, ווארים כאטש לייביש מיט׳ן ווייב זיינען געווען ביי מאיר׳ן ביים געזעגענען זיך, דאך האט זיי חנה־לאה געהאלטען פאר שונאים, און דאס וואס יאסעלע האט נישט דעם פאטער, נור אז אנדערע זאלען איהם פערהערען, האט זי בעטראכט פאר א צרה, מיט וועלכע די „שונאים וועלען דערפרעהט ווערען“.

מיט די „קאמאנדע“, מיט איהרע צוויי ערוואקסענע זיהן, האט זי זיך נישט געקענט קיין עצה געבען. זיי זיינען געגאנגען אין חדר אריין, ווען זיי האבען געוואלט, כאטש דאס גאנצע געסעל אידען האבען זיך געפיהלט פערפפליכטעט אכטונג צו געבען אויף די „לעבעדיגע יתומים“, ווי מען האט זיי גערופען; און ווי א איד האט געזעהן א יונג פון די „קאמאנדע“ אין גאס ארומלויפען, האט ער א כאפ געטהאן דעם פאסעק און געשריען: „אין חדר אריין, דו יונגאטש איינער!“ — דאך האבען זיך די יונגען געפיהלט פריי און זיינען גאנצע טעג אויף די פעלדער ארומגעלאפען און אין „פאלענט“ געשפיעלט.

דאס גאנצע שטעדטעל האט זיי געהאלטען פאר פערלוירען און פערפאלען און בעדויערט חנה־לאה׳ן, „וואס פון קינדער ווערט, אז א

טאטע איז נישטאָ״. און צווישען חנה־לאה׳ן און די „קאמאנדע״ איז אַ שטענדיגע מלחמה געווען. חנה־לאה האָט איינגעשלאָסען דאָס ברויט מיט די שטיוועל אין קאסטען, און די יונגעו האָבען עס ארויס־געקראָגען. חנה־לאה האָט זיי געהאַלטען פאר פערפאַלען, דאָך, אז די קאָמאַנדע איז אהיים געקומען און האָבען דערצעהלט, אז מען האָט זיי אין שטיבעל (וואו זיי האָבען געדאַוונט) פון דעם פאָטער׳ס אָרט אוועקגעיאָגט, איז חנה־לאה ארונטער און האָט אום שבת געמאכט א גוואַלד: „איהרע לעבעדיגע יתומים פערטרייבט מען פון די שוהל און גאָט וועט זיך פאַר איהר אָננעהמען״.

נור מיט יאָסעלען איז אַנדערש געווען. אויף יאָסעלען אכטונג צו געבען האָט זי זיך געפיהלט פערפליכטעט פאַר מאיר׳ן, איהר מאַן. דאָס קינד האָט בעגעהרט צו לערנען — און מען מוז דאָך איהם אויס־לערנען אַ איד צו זיין, און כאָטש דער שכן, ר׳ משה, האָט איהם יעדען שבת פערהערט די פרשה חומש (יאָסעלע האָט שוין אָנגעהויבען חומש), דאָך האָט איהם חנה־לאה געפיהרט יעדען שבת נאָכמיטאָג אין די חברה אריין צום דיין פערהערען. זי האָט געוואָלט ווייזען דאָס געסעל, אז זי ווייסט ווי אַ מאַמע צו זיין און מאיר קען זיך אויף איהר פערלאָזען מיט יאָסעלע׳ס ערציהונג. ווארים יאָסעלע איז גאָר געווען אַן אַנדער קינד, ניט ווי זיינע ברידער. צייט דער פאָטער איז אוועקגעפאָהרען איז יאָסעלע אַן ערוואַקסענער איד געוואָרען. ביי־נאַכט, ווען דער פאָטער איז צו איהם צוגעקומען צום בעט און האָט זיך מיט איהם געזעגענט, איז ער „רייף״ געוואָרען. ער האָט אָנ־געהויבען צו פערשטעהן, אַז עס איז עפּעס געשעהן אַ וויכטיגע זאַך אין זייער משפחה, און אַז דער פאָטער איז אזוי לאַנג נישט צוריק־געקומען, האָט ער נישט געפרעגט ווען דער פאָטער וועט צוריק־קומען, נור ער האָט פערשטאַנען, אַז דער פאָטער איז ווייט פון זיין משפחה, ווייל ער מוז — און ער מוז אָנהויבען ארום זיך צו קלעהרען, און אזוי ווי דער תכלית וואָלט שוין געווען געפּיקט אין דעם קעפעל פון דעם קליינעם איד, האָט ער געגעבען אַ נעהם זיך צו זיך זעלבסט. ער האָט געפיהלט, אַז דער פאָטער איז נישטאָ און די מוטער קען ניט איבער איהם אכטונג געבען, האָט ער אליין איבער זיך געזאָרגט. קיינמאָל האָט מען איהם נישט געדאַרפט הייסען געהן אין חדר אריין; ער האָט זיך אליין אין דער פריה אויפגעהויבען מיט אַ געוויסען קינ־

דישען אימפּעט (נור ביי יאָסעלע׳ס ערנסטקייט און רוהיגקייט האָט עס אויסגעזעהן ווי א ספּריט פון אן ערוואקסענעם). קיינמאָל האָט מען איהם נישט געזעהן זיך שפּיעלען. קיין חברים האָט ער נישט געהאַט, נור איז זיך געגאַנגען זיין „אָקסען שריט“. אין חדר איז ער געזעסען שטענדיג שטיל, מיט א געוויסע ערנסטקייט און האָט זיך גוט איינגעהאָרכט וואָס דער רבי האָט געזאָגט. ער האָט שטענדיג געקענט וואָס ער האָט געלערנט, און אז ער איז אַהיים געקומען, איז ער נישט געלאָפען איבער דער גאַס, האָט זיך נישט געשפּיעלט, ווי אנדערע קינדער, נור ער האָט זיך אוועקגעזעצט ווי אן ערוואַקסענער ביי ערוואַקסענע מענשען און האָט זיך איינגעהאָרכט וואָס מען רעדט; דורך דעם איז ער זעהר געפעלען אַלעמען און אלע האָבען איהם גע־ריהמט.

פרייטאָג פאַרנאַכט האָט ער גענומען דעם טאַטען׳ס סדור און איז געגאַנגען אין שטיבעל אריין, וואו דער טאַטע האָט געדאַווענט, און זיך געשאָקעלט און הויך געדאַווענט, כדי אלע זאָלען הערען זיין מעריב. יעדערער האָט איהם דערפאַר א קניפּ געטהאַן אין בעקעל. יאָ־סעלע האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט. ער האָט עס אָבער נישט אַרויסגעוויזען, נור ווי אן ערוואַקסענער מענש — פערשוויגען. מיט די ברידער האָט ער זיך נישט גע׳חבר׳ט, און אז ער האָט געהערט ווי די מוטער ערגערט זיך איבער זיי וואָס זיי לויפען ארום, האָט ער זיך אויך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל א פערקלעהרטער, ווי ער וואָלט געזאָרגט וועגען דעם, וואָס עס וועט אויס די ברידער ווערען. ער האָט אויך יעדען שבת נאָכמיטאָג די מוטער דערמאָהנט, אז זי זאָל איהם פיהרען אין די חברה אריין צום דיין פערהערען. ער שטעהט פאַר׳ן דיין און פאַר די גאַנצע חברה אידען און זאָגט הויך די פרשה חומש מיט רש״י, וואָס ער האָט די וואָך געלערנט, מיט א זעלבסט־געפיהל פון אן ערוואַקסענעם, ווי ער וואָלט די אידען געוואָלט זאָגען: „דער טאַטע איז נישטאָ, מוז איך איבער מיר אליין זאָרגען“. און זיין מאַמע, חנה־לאה, שטעהט פאַר די טהיר פון די חברה (זי וועט דאָך נישט אריינגעהן, עס זיינען דאָך אידען דערינען) און הערט זיך צו צו זיין קול, און זאָגט צו די פאַרבייגעהענדע ווייבער מיט א קרעכץ:

— עס איז דאָך מיין יאָסעלע, דער פאָטער איז דאָך נישטאָ, מוז

איך איהם פיהרען אין די חברה אריין, אז דער דיין זאָל איהם פער־הערען.

און אז יאָסעלע האָט אָבגעזאָגט די פרשה חומש, קנייפּט איהם דער דיין אין בעקעלע. יאָסעלע נעהמט דאָס חומש אונטער'ן אָרעם און זאָגט א געלאָסענעם „גוט שבת“ און געהט ארויס געלאָסען, ווי אַן ערוואַקסענער, און די מוטער געהט מיט איהם איבער'ן געסעל אהיים. עס איז שבת פאַרנאַכט און די ווייבער זיצען פאַר די טהירען פון די הייזער, און פאַר יעדע קופּקע ווייבער שטעלט זיך חנה־לאה אָפּ:

— גוט שבת.

— גוט שבת, גוט יאָהר.

— פון וואַנען געהט איהר, חנה־לאה?

— איך געה דאָס מיט מיין לעבעדיגען יתום פון די חברה. דער דיין האָט איהם פערהערט, דער פאָטער איז דאָך נישטאָ — דערצעהלט חנה־לאה דעם פזמון פאַר יעדע קופּקע ווייבער.

און יאָסעלע מאַכט דערביי אַן ערנסטע מינע, ווי ער וואָלט מיט זיין קעפּעל צוגעשאָקעלט, און געהט מיט די מוטער ווייטער.

די ווייבער קוקען זיי נאָך, און מאָטלען עפּעס דאָרט צווישען זיך.

אָנגעקומען פאַר די טהיר פון זייער הייזעל, זעצט זיך די מוטער מיט'ן זוהן אוועק. עס איז א זומערדיגער שבת־פאַרנאַכט. אַלע זיצען פאַר די טהירען אין געסעל, די מענער געהען אהיים פון שוהל־בעל, פון מנחה־דאַווענען; די יונגען לויפען אין גאַס און יאָגען זיך איינער דעם צווייטען, דערונטער מוז די „קאָמאַנדע“ אויך זיין. די מיידלעך, אין די שבת'דיגע נייע קליידלעך, שפּאַציערען איבער'ן גע־סעל און שאָקלען אין יעדען פענסטער אריין „גוט שבת“. און די זון געהט אונטער אונטער די לייטערס פון די ווינד־מיהל.

יאָסעלע מיט די מאַמע זיצען פאַר די טהיר, רחל'ע שפּאַציערט מיט די חבר'טעס אין געסעל און די מוטער פיהרט אַן ערנסט גע־שפּרעך מיט יאָסעלען, ווי מיט אַן ערוואַקסענעם.

— שוין לאַנג נישט געווען קיין בריעף פון טאַטען — זאָגט די מוטער.

— האָט זיך אודאי פערשפּעטיגט — ענטפערט יאָסעלע מיט דעם טאָן פון אַן ערוואַקסענעם און גיט דערביי צו פערשטעהן מיט זיינע קינדישע קליינע הענטלעך — עס געהט דאָך אזוי לאַנג פון אמע־

ריקא, — און קוקענדיג אויף די אונטערגעהענדע זון, האט ער זיך דאך נישט געקענט איינהאלטען און פרעגט די מוטער:

— ווייסט, מאמע, יעצט הויבט זיך דער טאטע אויף.

— פון וואנען ווייסטו דאס?

— די זון געהט דאך יעצט אויף אין אמעריקא. אז ביי אונז ווערט נאכט, הויבט דארט אן טאג צו ווערען — דערצעהלט יאסעלע דער מאמען און גיט איהר צו פערשטעהן מיט זיינע הענטעלעך.

אויף דעם האט חנה־לאה געגעבען א קרעכץ:

— אה, געלאזט מיך דא — מיין מאן געלאזט מיך דא — שאקעלט די אידענע מיט'ן קאפ.

— וואס מיינסטו, עס איז איהם גוט? — פרואווט יאסעלע צו פארענטפערען דעם פאטער — אוי, וויל ער אונז אודאי זעהן!

אז עס איז נאכט געווארען, באלד נאך הבדלה, האט זיך פון דער העלער הויט געיאוועט די מוהמע שיינדעלע. עס האט קיינער ניט בעמערקט ווי זי האט זיך אריינגעשלייכט מיט איהר „גוט וואך". די „רויטע בעקעלעך" האבען ארויסגעשיינט פון הינטער דעם טוך, וואס זי האט געטראגען איבער'ן קאפ — און דאס קיכערן — כי־כי־כי — האט זיך מיט'ן הוסט געלאזט הערען צוזאמען.

יעדעס מאל ווען די מוהמע שיינדעלע האט זיך פון דער העלער הויט געיאוועט, האט עס חנה־לאה'ן געגעבען א שטאך אין הארץ. זי האט געוואוסט, אז די מוהמע שיינדעלע ווייזט זיך ניט בחנם — מן הסתם מוז עפעס זיין נייעס — אזוי פשוט קומט די מוהמע נישט. נור איהר לאכען מיט'ן הוסט האבען איהר אנגעזאגט, אז דא מוז עפעס עקסטרא זיין. די מוהמע שיינדעלע האט זיך, ווי איהר גע־וואוינהייט, אוועקגעזעצט אין א ווינקעלע און האט געפרעגט:

— לייביש איז נאך נישט געוועזן?

האט חנה־לאה געוואוסט, אז עס איז עפעס געשעהן: ענטוועד־דער א צרה אדער א פרייד. ווארים די מוהמע יאוועט זיך פלוצלונג איןביידע פעלע. און חנה־לאה האט זיך אוועקגעזעצט מיט א קלא־פענדיג הארץ פון שרעק ווארטען אויף לייביש'ען. זי האט נישט געוואלט די שוועגערין דאס פערגעניגען אנטהאן און זי פרעגען, וואס איז געשעהן (עפעס אנדערש ריידען האט זי יעצט אויך נישט געקענט), איז זי געזעסען שטיל, האט זיך יעדע מינוט אויפגעכאפט, געשריען

אויף די יונגען, אויף רחל'ען — אַלעס איז איהר פון די הענד געפאַלען, דאָס גלעזעל פון לאָמפּ האָט געפּלאַצט, דאָס גלאָז, אין וועלכען זי האָט געוואָלט די מוהמע טהע אָנגיסען, איז איהר פון האַנד געפאַלען, און די מוהמע איז געזעסען אין איהר טונקעל ווינקעל און די רויטע בע־קעלעך האָבען ארויסגעשוויטשעט — און האָט געקיכערט, כי, כי, כי, און האָט געהוסט.

נור באַלד איז לייביש אָנגעקומען. (איבער אַן אונבעקאַנטע זאַך זיינען זיי קיינמאָל נישט צוזאַמען אָנגעקומען, נור שטענדיג די מוהמע צוערשט, דערנאָך דער פעטער). צו ערשט האָט ער זיך אוועקגעזעצט און געשוויגען און זעהר ערנסט זיך די באָרד אויס־געצויגען. חנה לאה איז געזעסען ווי אויף הייסע קויהלען, האָט אָבער גאָר נישט געפרעגט. רחל'ע איז געזעסען ביי איהר, יאָסעלע האָט זיך שטיל אוועקגעזעצט אין א ווינקעל זעהר ערנסט, און אפילו „די קאָמאַנדע" האָבען זיך עפּעס רוהיג פערהאַלטען, זיינען געשטאַנען ביי דער וואַנד און געקוקט מיט נייגעריגקייט דאָ אויפ'ן פעטער, דאָ אויף די מוהמע, נור די מוהמע שיינדעלע אַליין האָט הויך אָבגעהוסט און אין איהר הוסט האָט זיך שטענדיג ווידערהאָלט דאָס לאַכען כי, כי, כי — אזוי, אַז דער קלענערער יונג פון די קאָמאַנדע האָט די צונג ארויסגעשטעקט, נאָכגעמאַכט הינטען אַרום ווי די מוהמע הוסט, נור דער עלטערער, חיים, האָט איהם ביים אַרבעל געצויגען, וואָרים ע־האָט אויך פערשטאַנען, אַז דאָ וועט עפּעס זעהר ערנסטעס געשעהן.

נאָך א פּאָר מינוט האָט זיך ענדליך דער פעטער אָנגערופען זעהר ערנסט, נית קוקענדיג אויף קיינעם, ווי ער וואָלט גערעדט צו דעם פּאָל.

— כ'האָב ערהאַלטען א בריעף פון מאיר'ן.

— כי, כי, כי — האָט זיך די מוהמע, מען ווייסט נישט צולאַכט אָדער צוהוסט.

— וואָס שרייבט ער? — האָט צום סוף געפרעגט חנה לאה.

— ער שרייבט מיר, זאָגט דער פעטער לייביש און נעהמט פון בוזעם־קעשענע ארויס א בריעף, אַז איך זאָל אריינגעהן צו זיין זוגתו (מיט דעם לשון פון בריעף), און איבעררייידען מכח אַראָבקומען קיין אמעריקא. ער וויל, אַז זיין ווייב מיט די קינדער זאָלען זיין אמע־ריקא אַראָבקומען.

א מינוט איז שטיל געוואָרען. חנה־לאה האָט נישט געוואוסט וואָס אויף דעם צו ענטפערען.

— כי, כי, כי, — האָט זיך ווידער אַמאָל געהערט די מוהמע'ס דינער הייזעריגער קול.

דער קליינער יונג פון די „קאַמאַנדע" האָט זיך שוין נישט גע־קענט איינהאַלטען, און האָט די מוהמע'ן נאָכגעמאַכט.

— חאַ, חאַ, חאַ, — האָט ער פון ווינקעל ארויסגעקרעהט.

אַלע האָבען זיך אַרומגעקוקט אויף איהם, נור קיינעם איז יעצט דער קאָפּ ניט געווען צו איהם.

— ווי היסט איך זאָל קיין אַמעריקא אראָבקומען? — האָט חנה־לאה צום סוף דאָך ארויסגעקראָגען אַ וואָרט צו זאָגען — כאָטש זי האָט אַליין נישט געוואוסט צו וואָס זי זאָגט עס.

— ער שרייבט, האָט לייביש ווייטער דערצעהלט מיט זיין שטי־לען קול און געשאָקעלט זיך דערביי און האָט דעם בריעף אויפגע־עפענט. שטעלען האָט ער פון איהם ארויסגעלעזען און שטעלען האָט ער דערצעהלט, — ער שרייבט מיר, אַז רבות מחשבות בלב איש, און ער ווייס נישט וואָס צו טהאָן. אהיים צו קומען, זאָגט ער, האָט ער נישט געענוג געלד, און צו וואָס? — צו וואָס וועט ער זיך נעהמען? דאָ אַ בעל מלאכה ווערען, שעהמט ער זיך, און געלד אויף אַ געשעפט זיך צו מאַכען האָט ער ניט, — און ווער וויים צו ער וועט אַזוי פלינק האָבען, וואָרים כאָטש מען זאָגט, אַז אַמעריקא איז אַ לאַנד, וואו מען שעפּט גאָלד, נור בזעת אפיך תאכל לחם. — און ער דאָ, און זי דאָרט, איז אויך קיין תכלית ניט. ערשטענס, צוויי „הייזער" פיהרען, און אַ יאָהר איז ער שוין אָהן זיין „זוגתו היקרה ובניו שיחיו, ונפשו קשורה בנפשם", — האָט ער זיך אַן עצה געהאַלטען מיט זיין קרוב דאָרט און ער האָט איהם אויך צוגעראָטהען, אַז ער זאָל דאָס ווייב מיט די קינדער אראָבנעהמען, וואָרים דאָ איז אַ מאָדע, אַז מען גיט שיפס־קאַרטען אויף אויסצאָהלען. און וואָס נוגע אידישקייט, איז אומע־טום, וואו מען וויל, קען מען אָבהיטען דאָס אידישקייט, והא ראיה, ער, „עם לבן גרתי" — און דאָך פיהרט ער זיך ווי אין דער היים. — און, אַז מען קומט אראָפּ מיט קינדער, איז מען דאָ גאָר געהאָלפען. „ובתי רחל שתחיה" — וועט דאָ באַלד קענען געלד פערדינען, וואָרים מיט טעכטער איז נאָך בעסער ווי מיט זיהן, און קיין אַנדערע עצה

איז נישטאָ, וואָרים ווי לאַנג איז דאָס דער שיער צו בלייבען אַליין, ער דאָרט און זי דאָ? און נאָכ'ן אידישען דין... אַלזאָ, אַזוי ווי ער האָט קיינעם נישט דאָ, בעט ער „את גיסו היקר", ער זאָל אַריינגעהן צו זיין ווייב שתחיה — און זאָל מיט איהר אַלעס איבעררייידען, ובפרט זאָל ער איהר טרייסטען, וואָרים דער ים, אַז גאָט וויל, איז גאָר נישט, וואָרים „ביד ה' אפקיד רוחי".

איידער לייביש האָט נאָך געענדיגט דעם בריעף צו לעזען און צו דערצעהלען, איז חנה־לאה אַרויס מיט אַזאַ שרעקליך האַרץ־רייסענדען געוויין, ווי עס וואָלט חלילה ווער געשטאָרבען. די אידענע האָט ניט געוואוסט צי זי זאָל זיך פרעהען איבער'ן בריעף, צי זי זאָל טרויערן — נור זי האָט געפיהלט ווי די טרעהרען שטיקען איהר אין האַלז און זי האָט אַזוי שרעקליך זיך צואוויינט, אַז קיינער האָט זי נישט געוואָלט טרייסטען און אָבהאַלטען זי. די יונגען זיינען שטיל געוואָרען און ערנסט, רחל'ע האָט אויך אין דער שטיל געוויינט, אַלע האָבען געוואָרט און געשוויגען ערנסט און נאָכגעקלעהרט עפּעס וואָס, און געלאָזען די מאַמע וויינען. נור די מוהמע'ס קול האָט זיך געהערט אין דעם שטילען געוויין, און יעצט האָט מען עס בפירוש געהערט ווי עס לאַכט, מיט אַ כריפּענדיג קול, און די מוהמע'ס דין־שפּיצענדיגע לאַכען האָט מעהר געשראָקען ווי די מאַמע'ס געוויין.

— כי, כי, כי, — האָט עס געקלונגען איבער די אידענעס געוויין.

# ווי אַזוי חנה לאה האָט זיך געזעגענט מיט איהרע טויטע קינדער

חנה לאה איז זיך געגאַנגען געזעגענען מיט די אבות — א טאָג בעפאָר איידער זי האָט לענשנע פערלאָזט קיין אַמעריקאַ צו רייזען.

צו די מוטער אין קבר האָט חנה לאה אַזוי אַריינגערעדט:

— ביי וועמען לאָזט דו מיך? צו וועמען וועל איך געהן? איך מוז דאָך אַרויסגעהן אין די מדבריות, איבער דעם וויסטען ים. צו וועמען וועל איך דאָרט אהין געהן? ביי וועמען אויפ'ן קבר וועל איך זיך קלאָגען? מאַמע, מאַמע, ווי לאָז איך דיך? איך וועל דאָך דיך קיינמאָל שוין ניט זעהן, קיינמאָל צו דיין קבר נישט קומען! מאַמע, מאַמע, וואו לאָזטו מיך?

אויפ'ן „גוטען אָרט" זיינען אָבער געווען נאָך צוויי אייגענע, מיט וועלכע אייגענטליך חנה לאה האָט פשוט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

דאָס זיינען געווען איהרע צוויי קינדער, אברהם'ל און הינדעלע, אַ אינגעלע פאַר יאָסעלע'ן און דאָס מיידעלע נאָך יאָסעלע'ן. דאָס אינגעלע וואָלט שוין היינט אַלט געווען ניין יאָהר, און דאָס מיידעלע זעקס. ביידע זיינען זיי געשטאָרבען פון מאָזלען.

מיט די קינדער האָט די אידענע אייגענטליך נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן. זי האָט זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלען אַז זי וועט זיי אַזוי איבערלאָזען אַליין אויפ'ן „גוטען אָרט" און אַוועק־פאָהרען און קיינמאָל שוין נישט זעהן זייערע קברים'לעך. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז די קינדער מוזען דאָך ביי וועמען איבערבלייבען, אַז זי פאָהרט אָב פון לאַנד. קיין קלאָרען געפיהל האָט זי וועגען זיי עפּעס נישט געהאַט — זיי זיינען דאָך טויט און ליגען ווי אַלע טויטע דאָרט; נור דאָך זיינען עס דאָך איהרע קינדערלעך. געוואַלד, ווי

אזוי לאזט מען זיי איבער! און קיינער וועט אויפ'ן קבר נישט ארויפקומען — נישט אין „די דריי וואכען", נישט אין תשעה באב.

ווארים צו די קינדער אויפ'ן „גוטען ארט" האט חנה לאה נאך געפיהלט א געוויסע בעציהונג ווי צו לעבעדיגע. זי פלעגט ארויס־געהן אויפ'ן „גוטען ארט", און מען האט זי געטראפען און געפרעגט: „צו וועמען?" — „צו מיינע צוויי יונגע ביימעלעך", פלעגט זי אב־ענטפערען. און אין איהר שלעכט געוועז, איז די מאמע'ס קבר גע־וועזן, דערנאך די קינדער: „לויפט קינדערלעך און בעט פאר'ן כסא הרחמים פאר אייער מאמע חנה לאה בת יענטע, וואס איז אין א גרויסע צרה!"

די קאמאנדע און יאסעלע האבען אויך געהאט זייער ברודער'ל און שוועסטער'ל אויפ'ן „גוטען ארט", און אז עס איז געקומען תשעה באב פלעגען זיי די חברים אהין פיהרען צו זייערע קברים און פלעגען דארטען שווערדען ארייַנשטעקען, און זיך ריהמען מיט זייער ברודער'ל וואס ליגט דארטען, און האבען זיך דערביי געפיהלט גרויסע בעלי־בתים אויפ'ן „גוטען ארט", ווייל זיי האבען א ברודער מיט א שוועסטער'ל דארט — כאטש זייער חבר שמעיה האט א גרעסערע פרעטענזיע צום „גוטען ארט" — ווייל זיין טאטע און מאמע ליגען דארטען.

דורך דעם איז עפעס חנה לאה יעצט, אז זי האט געדארפט אהיים געהן דאס לעצטע מאל פון'ם „גוטען ארט", נאכ'ן געזעגענען זיך מיט דער מאמען און די קינדער שטעהן געבליבען ביים טויער:

— מאמע קרוין, — האט זי געזאגט, — וואוהין געה איך? און אברהם'לעז און הינדלען לאז איך דא — מיינע קינדער, און האט זיך ווידער אמאל געווארפען אויף זייערע קברים'לעך, וועלכע זיינען שוין מעהר נישט געוועזן קענטיג אין דעם מיט גראז בעוואקסענעם פעלד. די ברעטלעך צובראכען — און דער קבר גלייך מיט דער ערד. — זי האט נישט געוויינט, האט נישט געזאגט: „געהט קינדערלעך, לויפט בעט פאר אייער מאמען" — זי האט געטראכט איבער דעם, אז זי לאזט עפעס איבער — און וואס לאזט זי איבער, משטיינס געזאגט, „ס'איז דאך נישט קיין לעבעדיגע", האט זיך די אידענע אליין געזאגט. דאך אוועקגעהן האט זי נישט געקענט...

זי טראכט ביי זיך: „מען דארף דאך מיך אין דער היים, דאס

בעטגעוואַנד איז נאָך נישט געפּאַקט, — און וואָס שטעה איך דאָ, נאַרישע אידענע?"

און זי האָט זיך ווי עפּעס אַרויסגעגנב'עט פונ'ם "גוטען אָרט". אין האַרצען ביי זיך האָט זי געהאַט אַ שלעכטען געפיהל, — אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס אַן עולה געטהאָן...

געהענדיג אַהיים האָט זי שוין געטראָפען די מאַנספּערשוינען געהן אין בית־המדרש מנחה דאַווענען, ס'איז געווען נאָך סכות, נאָך שעהנע טעג, די זון איז אונטערגעגאַנגען, און די בוימער האָבען געראַוישט.

ביי זיך אין שטוב — האָט זי צוערשט געזעהן דאָס פּעקעל, וואָס איז געלעגען אין מיטען שטוב און משה אהרן דער קרעמער האָט גע־וואָרט דאַרויף, פון פּעקעל האָט אַרויסגעקוקט דאָס הענג־לייכטערל, מיט די קלאָהרע פּאַפּירלעך, וועלכעס זי האָט בעהאַנגען אויף פּסח, זי האָט עפּעס אונווילענדיג געדענקט וויפיעל ס'איז נאָך צו פריי־טאָג — און ווי זי וועט דעם פרייטאָג די ליכט בענשען — זי האָט יאָסעלען געהייסען דאָס געלד־באַקסעל פון דער וואַנד אַבצושפּאַרען און אַרונטערטראָגען אין בית־המדרש אַריין.

דערנאָך איז אַריינגעקומען דער פעטער וואָלף אַליין מיט זיין ווייב. דאָס ווייב האָט עפּעס געבראַכט אונטער דעם דזשעקעט פאַר די קינדער'ס וועגען — דער שוואָגער לייביש איז מיט'ן אַגענט גע־קומען — דעם ליטוואַק — האָבען עפּעס גערעדט. אין שטוב איז געווען אַ גרויסער גערודער, די בעטען האָט מען צונומען, די בענק־לעך האָט מען אַוועקגענומען, דאָס ספרים־שראַנקעל אַרויסגעטראָגען, דאָס הענג־לייכטער'ל איז נישט געווען. רחל'ע האָט געפּאַקט דאָס בעט־געוואַנד אין מיטען שטוב. אַ סך שטרוי איז געלעגען אָנגע־לייגט, און די מוהמע שיינדעלע האָט געהוסט און געלאַכט. זי איז עפּעס געשטאַנען אין מיטען שטוב און האָט עפּעס געשריען, נור וואָס געדענקט זי שוין אַליין נישט. פון דענסטמאָל אָן האָט די אידענע געלעבט ווי אין אַ חלום.

# איבער די גרענעץ

די משפחה איז געזעסען אין וואגאן צוזאמענגעדריקט, חנה לאה מיט די קינדער און די פעקלאך, ווי א הוהן זיצט איבער די אייער. און זיי זיינען געפאהרען אין דער וויטער וועלט אריין. חנה לאה האט קיין קינד נישט געלאזט זיך ריהרען פון ארט — האט ווי מורא געהאט, אז מען זאל איהר אייגם נישט אוועקכאפען, און זי האט געהאלטען אין איין שרייען אויף איינעם פון די „קאמאנדע", אויף חיים'ן, וועלכער איז זעהר נייגעריג געוועזען צו וויסען אלעם וואס עס טהוט זיך אין וואגאן און אויסער דעם וואגאן. ער האט זיך אלע מאל אוועקגעשלייכט און געווארפען א בליק דא דורכ'ן פענסטער, דא דורך די טהיר, און ביי יעדעם מאל ווען דער יונג איז אוועקגעקומען פון אונטער איהר האנד, האט זי געמיינט ער איז שוין פערלארען געגאנגען און פערפאלען געווארען. ווארים אויף אלע מענשען אין וואגאן האט חנה לאה געקוקט מיט שרעק און חשד, אלס אזעלכע, וועלכע זיינען אנגעשטאנען אויף איהר לעבען און אויף דעם לעבען פון איהרע קינדער, און זי האט מורא געהאט מיט וועמען א ווארט אויסצוריידען, אדער וועמען עטוואס צו פרעגען (ווארים אזוי האט איהר דער אגענט אנגעזאגט: „מיט קיינעם גאר נית ריידען"), כאטש די מענשען זיינען נאך געוועזען אונזערע און דער לשון אונזערער.

אזוי איז זי אבגעפאהרען א גאנצען טאג אין וואגאן, און ארום פארנאכט איז זי אנגעקומען צו דער סטאנציע, וועלכע איז געוועזען אויסגעשריעבען אין קוויטעל וואס דער אגענט האט איהר געגעבען, און וועלכעס זי האט געהאלטען די גאנצע צייט אין דער האנד און געהיט ווי אן אויג אין קאפ.

דורך די וואגאנען איז דורכגעגאנגען א יונגער־מאן אין א גומע־נעם מאנטעל מיט אן אויסלענדישע אכט־קאנטיגע היטעל און האט געווארפען א געהיימען ברום צווישען די פאסאזשירען: „ווער צו

דער גרענעץ". דאָס איז געווען אַ צייכען, וואָס דער אַגענט האָט איהר געזאָגט, און זי האָט איבערגעגעבען דעם יונגען־מאַן דאָס קוויטעל; דאַן האָט ער געגעבען אַ געהיימען ווינק צו איהר: „געהט נאָך מיר" — און זי האָט צוזאַמענגענומען די פעקלעך. רחל'ע האָט אָנגענומען יאָסעלע'ן ביי דער האַנד. די קאָמאַנדע די פעקלעך אויף די קליינע פלייצקעלעך, און ווי צו דער שחיטה זיינען זיי נאָכגעגאַנגען דעם יונגען מאַן. פון דענסטמאָל אָן האָט זיך חנה לאה געפיהלט „געפאַנגען", און די ריכטיגע רייזע „קיין אַמעריקא" האָט זיך ערשט אָנגעהויבען. מענשען האָבען אויף איהר געשריען, איהר בעפעהלען, און געהייסען אַזוי און אַזוי טהאָן, און זי האָט אַלץ אויסגעפיהרט, ווי אַ געפאַנגענע.

דער יונגערמאַן האָט צוגעוואָרפען אַ וואָרט „צו די פוהר", און פלוצלונג האָט ער געגעבען אַ ברום „בעהאַלט זיך פאַר'ן זשאַנדאַרם", און אַליין איז ער פערשוואונדען געוואָרען ווי אין דער ערד אַריין. אַ פאָר מינוט איז חנה־לאה מיט די קינדער מיט די פעקלעך געשטאַנען אין מיטען סטאַנציע און איז געווען צומישט, האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן און איז בערייט געווען, אַז דער זשאַנדאַרם זאָל צוגעהן צו איהר, און מען זאָל איהר מיט די קינדער אַוועקפיהרען כאָטש אין די שאול תחתיה — און זי האָט זיך אַליין געפונען שולדיג עפּעס פאַר אַ גרויסע זינד וואָס זי האָט געוואָלט בעגעהן, „אַריבער די גרענעץ"... און זי האָט זיך שוין געהאַלטען פאַר פאַרפאַלען. ערשט אין אַ פאָר מינוט אַרום האָט זיך ווידער פלוצלונג געוויזען דער יונגערמאַן, און האָט זיך געגעבען אַ בייזער „צו די פוהר". זיי זיינען צו צו דער פוהר, דאָרט איז שוין געווען פול אידען, ווייבער, קינדער מיט פעקלעך. מען האָט זי מיט די קינדער אַרויפגעוואָרפען — און — וויאָ! די פוהר איז פלינק אַוועק.

די פוהר איז אָבגעפאָהרען אַ צוויי שעה אין די נאַכט אַריין און חנה לאה איז אָנגעקומען אין אַ גרויסען הויף אַריין. אַרום איז געלעגען די שוואַרצע נאַכט איבער די פעלדער, און אַ וואַסער האָט אויך דאָרט געמוזט זיין — ס'האָט געבלאָזען אַ ווינד. הינד האָבען געוואַיעט, און חנה־לאה'ן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אָנגעקומען צום טויער פון די מדבריות, דורך וועלכע מען דאַרף דורכגעהן, אַז מען פאָהרט קיין אַמעריקאַ. אַ טויער האָט זיך אויפגעעפענט און זיי

זיינען אריין אין א גרויסע סטאדאלע, וואו זיי האבען דערזעהן ביי דעם שיין פון א קליין נאפט־לעמפעל, וואס איז געהאנגען אויף דער וואנד, א גאנצע מחנה אויסוואנדלער, וועלכע זיינען געלעגען פאר מיליען־ווייז ארום זייערע פעקלעך אין די ווינקעלעך פון דער קרעטשמע.

יעדער פון די אנגעקומענע האט זיך אויסגעזוכט אן אנדער ווינקעל. חנה־לאה מיט איהרע קינדער האבען באלד געפונען א בינטעל היי, וועלכעס איז געלעגען אן א זייט, האבען דארט אבגעלייגט זייערע פעקלעך און זיך אוועקגעזעצט. חנה־לאה האט זיך אומגעקעהרט און דערזעהן, אז די מענשען, וועלכע געפינען זיך דא, זיינען אידען, און כאטש זיי ריידען ליטוויש — מוז עס דאך זיין ליטוואקעס — דאך זיינען זיי אידען; איז איהר פיעל גרינגער געווארען אויפ'ן געמיטה, וואס זי האט זיך געפונען צווישען אייגענע. זי האט געזעהן, אז די קופקעלעך ארום איהר מאכען זיך בעקוועם. די ליטוואקעס בינדען אב די טשאיניקעס פון זייערע פעקלעך, נעהמען ארויס אוגערקעס פון זייערע טיכלעך, צושניידען זיי און צוטהיילען זיי ארום מיט ברויט צו זייעריגע, יעדע משפחה פאר זיך ארום זייערע פעקלעך, האט זיך חנה לאה דערמאהנט אן איהרע שוואלבען, אז זיי האבען א גאנצען טאג היינט אין מויל נישט געהאט, האט אויפגעפענט איהר פעקעל און ארויסגענומען פון דארט די חלה מיט די ווורשטלעך וואס די רייכע שוועגערין האט איהר מיטגעגעבען אויפ'ן וועג. זי האט צוטהיילט איהר עסען איהרע קינדער, און רחל'ע, וועלכע איז מעהר ענערגיש געוועזן פאר די מוטער און האט מעהר מוטה געהאט פון איהר, האט גענומען דעם טשאיניקעל און איז נאכגעגאנגען די ליטוואקעס אין דעם צווייטען שטיבעל אריין קויפען ווארימע וואסער.

ווען די משפחה האט געטרונקען טהע פון איין גלאז, וועלכעס איז ארומגעגאנגען פון איין האנד צו דער צווייטער, האט זיך צו חנה לאה'ן צוגערוקט א אידענע פון א צווייטען ווינקעל, און אוועקזעצענדיג זיך נעבען זייערע פעקלעך, האט זי זיי געפרעגט:

— איהר פאהרט אויך קיין אמעריקא?

חנה־לאה, ווענמען מען האט אנגעזאגט פאר'ן ארויספאהרען, אז זי זאל קיינעם ניט זאגען, אז זי פאהרט קיין אמעריקא, נאר אז זי

פאָהרט קיין ברעסלוי מיט א קראַנקעס קינד צו א דאָקטאָר — האָט דער אידענע אָבגעענטפערט האַלבע ווערטער:

— ניין, איך פאָהר מיט א קראַנקעס קינד צו א דאָקטאָר קיין אויסלאַנד.

די אידענע האָט מאַהנע די ליפען פערביסען און זיך אָנגערופען מיט א שמייכעל אין א ווינקעל אריין:

— נו, יואל, זיי פאָהרען אויך צו א דאָקטאָר קיין ברעסלוי.

פון ווינקעל האָט ווער אָבגעענטפערט אין א לאַכענדען טאָן:

— מיר אַלע פאָהרען קיין ברעסלוי, — אַי פאָהרען מיר נאָך ברעסלוי!

די אידענע האָט ווידער געפרעגט חנה־לאה'ן:

— וואָס, איהר האָט א מאַן דאָרטען?

חנה־לאה האָט פערשטאַנען, אז דאָ האָט זי נישט וואָס צו בע־האַלטען, האָט זי געפרעגט די אידענע: — און איהר האָט אויך א מאַן דאָרטען?

— הלואי וואָלט איך איהם אזוי נישט געהאַט, ווי כ'האָב איהם! — האָט די אידענע אָבגעענטפערט מיט א קרעכץ.

חנה־לאה האָט זיך פערוואונדערט, און מורא געהאַט ווייטער צו ריידען מיט דער אידענע. זי האָט זיך געוואָלט אויסדרעהען צי די איהריגע, וואָרים אָט טאַקע איז יאָסעלע'ס קעפעל געפאַלען אין איהר שויס. דאָס קינד איז מיעד געווען און מיט'ן שטיקעל ברויט אין האַנד, און מיט דער „מציאה“ וואָס ער האָט געמאַכט איבער די ליפען איז ער איינגעשלאָפען אין דער מוטער'ס שויס.

נור די אידענע האָט זיך נעהנטער אוועקגעזעצט נעבען חנה לאה'ן, און האָט אָנגעהויבען אליין צו דערצעהלען:

— איז אראָבגעפאָהרען פאר אכט יאָהר. „אויפ'ן צווייטען יאָהר נעהם איך דיר אראָב“, האָט ער געזאָגט. אזוי זאָל מען נאָך הערען פון איהם ביז'ן היינטיגען טאָג, מיט א קינד ביי דער ברוסט האָט ער מיך איבערגעלאָזט. איך האָב געמיינט, אז ער איז געשטאָרבען, ערשט עס שרייבען מיר בעקאַנטע היימישע מענשען, אז ער לעבט דאָרט מיט אַן אַנדערער און האָט קינדער מיט איהר. אָט פאָהר איך דאָס אראָב צו איהם מיט מיינע שוואַלבען — ווייזט זי אין ווינקעל אריין אויף די שלאָפענדע קינדער. מען זאָגט, מען וועט מיך גאָר

נישט ארייגלאזען אין אמעריקא. אויב ער וועט נישט אראבקומען צום שיף מיך אראפנעהמען — אט האסטו דיר א פרייע לאנד!

חנה לאה איז זיצען געבליבען מיט א קלאפענדיג הארץ. איין מינוט איז איהר איינגעפאלען וואס די שווערגעריין שיינדעלע האט איהר דערצעהלט פאר מאיר'ס אוועקפאהרען. איהרע ליפען האבען גע־ציטערט, און איהרע הענד האבען קראמפ־האפט אנגעטאפט יאסעלע'ן, וואס איז געלעגען אין איהר שוים — אפשר איהר מאיר אויך? — א קשיא אויף אמעריקא, אין אזא ווייט לאנד! באלד האט זי זיך פאר־געשטעלט איהר מאן. ניין, מאיר נישט, — האט זי זיך בערוהיגט, — ניין, און כאטש דאס הארץ איז געבליעבען אונרוהיג, — דאך ווען די אידענע האט געפרעגט אויף איהר מאן, האט חנה־לאה נישט אהן גאוה אבגעענטפערט:

— מיין מאן (זי האט אקצענטירט דאס ווארט) נעהמט מיך מיט די קינדער אראב. א יאהר איז ער ערשט דארטען און נעהמט אונז שוין אראב.

— א גליקליך ווייב — האט די אונבעקאנטע אידענע געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף חנה־לאה'ן. עס זיינען דא מענער אויף דער וועלט — און איך — האט זי געקרעכצט — וואס האב איך נישט געטהאן! איך האב זיך אין א קאפעלוש געלאזט מאהלען און מיינע בילדער אראבגעשיקט — האט זי געשאקעלט מיט'ן קאפ. מען זאגט צו מיר: לאז דיך אבפאטאגראפירען אין א קאפעלוש, שיק איהם דיין בילד אראב, לאז דיר די באקען רייטלען — וויז איהם, אז דו ביסט אויך א שעהנע ווייבעל. איך האב זיך געלאזט די באקען רייטלען, האב מיך פון דער גגידית'טע א קאפעלוש געבארגט, און האב איהם די בילדער געשיקט. — אוי, — קרעכצט די אידענע, — ס'זיינען פאראן מענער אויף דער וועלט: ערשט א יאהר דארטען, און נעהמט שוין דאס ווייב מיט די קינדער אראב, — שאקעלט זי אויף חנה־לאה'ן.

חנה־לאה האט אויסגעשפיגען, אז די אידענע זאל איהר חלילה נישט קיין עין־הרע געבען, זי האט די קינדער נעהנטער צוגערוקט צו זיך און גערופען דעם יונג, חיים'ען, וועלכער איז שוין געווען אין אלע ווינקעלעך, האט זיך שוין געהאט בעקאנט געמאכט מיט אינגלעך פון אן אנדער משפחה און קוקט שוין דורך דער טהיר אין די צווייטע שטוב אריין. זי האט צוגעשריען אויף איהם, אלץ ארומ־

געהאַלטען אַרום זיך, ווי זי וואָלט חלילה מורא געהאַט, אַז די אידענע זאָל פון איהר גאָר נישט אַוועקנעהמען, און ווי בעוואָרענענדיג זיך שוין פון אַן איבערפאַל האָט זי מעהר זיכער געפיהרט דעם געשפּרעך מיט דער אידענע. אין איהר שטימע האָט זיך געהערט אַ צופריע־דענער טאָן:

— און ווער זיינען דאָס די? — האָט זי געפרעגט אויף דעם ווינקעל, פון וואַנען די אידענע איז אַרויסגעקומען — אייעריגע?

— ס'איז אַ חתן מיט אַ כלה פון אונזער שטעדטעל, פאָהרען ביידע קיין אַמעריקא אַראָב.

— אזוי — האָט חנה־לאה אָבגעענטפערט גאַנץ בעל־הבתיש. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קינד'ס וויינען.

— אהא, מיינס וועקט זיך שוין, — האָט זיך די פרעמדע אידענע אויפגעכאַפּט. נאַ, נאַ, מיר וועלען זיין „שיף־שוועסטער", האָט זי געזאָגט צו חנה־לאה'ן, און איז געלאָפען אין איהר ווינקעל אַריין.

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס? — האָט חנה לאה געפרעגט.

— מיר וועלען אינאיינעם אויף איין שיף פאָהרען — האָט די אידענע אָבגעענטפערט פון דערווייטענס.

דער עולם איז דערווייל איינגעשלאָפען. פון דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ כראָפּען, די קינדער זיינען געלעגען אַרום זייערע מו־טערס אויף די פּעקלעך און זיינען געשלאָפען. די פאָטערס, אָנגע־לעהנט אויף די קעסטלעך, און ביי דעם שיין פון דעם לעמפּעל האָט דער עולם אויסגעזעהן ווי שאָטענס, ווי דורכגעהענדע, ווי אייביגע וואַנדלערס, וואָס קומען אָן פון אַ פרעמדער וועלט און וואַנדלען ער־געץ דורך נעכט, דורך טעג, אין אַ פרעמדער וועלט אַריין. אויף זייערע פּנים'ער איז געלעגען דאָס געהיימניס־טרויער פון אייביגען גלות. די מוטערס האָבען געהאַלטען די קינדער אויף זייערע הענד און זיינען געשלאָפען. די אינגלעך זיינען געלעגען אין די פאָטערס שויסען און געשלאָפען. אויף די ווענד זיינען געפאַלען די מיעדע שאָטענס פון די שלאָפענדיגע, מיט זייערע פּעקלעך און טשאַיניקעס. און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי אַרויסגעטריעבענע פון אַן איינגענו־מענער שטאָדט, ווי נעכטען וואָלט ערשט דאָס בית־המקדש חרוב גע־וואָרען, און אַט ערשט קומען זיי אָן פון דעם וועג פון ירושלים, און נבוזרדן

געהט מיט זיי און טרייבט זיי נאָך; און אַט זיינען זיי דאָס אויף דעם וועג צו דעם לאַנגען, לאַנגען גלות...

אין אַ ווינקעל האָט זיך געהערט אַ שטים פון אַן אַלטען אידען, זיין סדור'ל האָט ער געהאַלטען פאַר דעם שיין פון דעם לעמפּעל און געזאָגט מיט זיין אַלטער טויזענד־יעהריגער אידישער שטימע דאָס שרעקליכע געזאַנג:

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק".

אין צוויי שעה אַרום זיינען די גוים געקומען אַריבערצופיהרען די מחנה אויסוואַנדלער איבער דער גרענעץ.

חנה לאה איז ערשט וואָס געהאַט איינגעשלאָפען אויף דעם קעס־טעלע, וועלכעס איז געשטאַנען הינטער איהר. און דער יונגער־מאַן מיט דעם גומענעם ראָק איז אַרומגעגאַנגען צו די שלאָפענדע און זיי אויפגעוועקט. פון אַלע ווינקעלעך האָבען זיך געהויבען מענשען־קעפּ. מען האָט פלינק צונויפגעלעגט זיך די פּעקלעך; די מוטערס האָבען פאַרזיכטיג זייערע קינדער אויס דעם שלאָף געוועקט, און אַלעס האָט זיך מיט אַ שטילען ערנסט פאַרטיג געמאַכט אין וועג אַריין.

רחל'ע האָט יאַסעלען גענומען אויף די הענד. דאָס קינד איז מיעד געווען און פערשלאָפען און האָט בשום אופן ניט געקענט פער־שטעהן, וואו ער איז און וואָס ס'טהוט זיך דאָ — ער האָט מורא געהאַט און פעסט זיך געהאַלטען אָן דער מאַמען. די „קאָמאַנדע" האָבען אויך די פליגלען פערלאָרען, זיינען שטיל געוואָרען, טרויעריג און פערדענקט. נור רחל'ע אַליין האָט זיך געהאַלטען — אָן אַלעס געדענקט, און האָט מונטער אויסגעקוקט.

פאָראויס זיינען געגאַנגען די גוים, די מחנה נאָך זיי. מען איז אויף דער גאַס אַרויסגעקומען. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע און אַ ליכטיגע. די לבנה האָט זיך געהאַט אַרויסגעוויזען פון הינטער די וואָלקענס — און דאָס איז זעהר שלעכט געווען פאַר די פיהרער, האָבען זיי זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, יאַ צו פיהרען, אָדער נישט. נור דער הימעל איז געווען בעוואָלקענט, און די לבנה האָט זיך פון צייט צו צייט בעהאַלטען הינטער די וואָלקענס — דאָס האָט ערוועקט האָפנונג ביי די פיהרער און מען האָט בעשטימט ווייטער צו געהן. מען איז אַדורכגעגאַנגען דורך דעם טויער פון הויף און מען איז אַרויסגעקומען אויף אַ ברייט פעלד וואָס איז נאָס געווען פון

נאכט־טוי; פון דערוויטענס האט זיך געריסעוועט א שווארצער שאַ־טען פון א וואלד און מען האט זיך געמאסטען צו צוגעהן צום וואלד.

חנה לאה האט געדרעפטשעט מיט די קינדער אין דעם וואסער. יאסעלע, וועלכער איז נאך געווען פערשלאפען, האט נישט געוואוסט וואוהין מען פיהרט איהם, האט מורא געהאט, און האט ניט געוואלט נאכאיילען די וואנדלער, וועלכע האבען געדרעפטשעט איבער דער נאַך וואס געאקערטער ערד. איז זי פון הינטען געבליבען. די גוים האַ־בען געשריען אויף איהר — און יאסעלע האט נאך מעהר מורא גע־קראגען, איז שטיל געווארען, און מיט אידישע טרויעריגע אונטער־טהעניגקייט וואס איז שוין אייגען געווארען דעם אונטערטהעניגען איד, האט ער אנגעהויבען נאכצולויפען, און זיי זיינען אין וואלד אריין.

דער וואלד איז געווען געדיכט און די נאכט האט אנגעהויבען שווארץ צו ווערען. די לבנה האט זיך בעהאלטען און די אגענטען זיינען צופריעדען געווען. פאר מעהר זיכערהייט האט מען די מחנה צוטהיילט און מען איז געגאנגען גרופען־וויז צווישען די געדיכטע בוימער. די צווייגען האבען דעם וועג פערשטעלט און מען איז יעדעס מאל איינגעטונקט געווארען אין א פערוואקסענעם בוש, פון וועלכען מען האט זיך נישט געקענט ארויסקריגען. פון אלע ווינקעלעך האַ־בען ארויסגעקוקט טויטע נשמות וואס האלטען זיך אויף אין די וועל־דער... און יאסעלע האט זיי געזעהן ווי זיי וואנדלען צווישען די בוימער; און אט באלד, באלד וועט מען טרעפען א גאנצע מחנה טויטע נשמות אין ווייסען געהילט ווי זיי ציהען דורך דעם וואלד דורך צו דעם וואסער צו און געהען זיך טובל זיין... איידער זיי שטייגען אין הימעל ארויף צום דין...

אין חדר האט ער זיך אנגעהערט מעשיות, און אליין האט ער געלייענט אין די „מעשה־ביכלעך“, וואס ער פלעגט קויפען ביי לייביש איינבינדער יעדען פרייטאג, פון די ווילדע וועלדער און וויסטע פעל־דער, אין וועלכע ס'וואלגערען זיך נשמות ארום, אין וועלכע גזלנים האלטען זיך אויף און פאנגען דעם „בן־מלך“ מיט די „בת־מלכה“ און פערשליסען זיי אין די טיעפע היילען, און דארט אין דעם וואלד איז דא א שטיין, וועלכער ליעגט אויפ'ן מויל פון דעם הייל, וועלכעס פיהרט אין גן־עדן התחתון אריין. יאסעלע איז געווען זיכער, אז דאס איז דער מורא'דיגער שרעקליכער וואלד, פון וועלכען ער האט אין די

מעשה־ביכלעך געלייענט; און דורך די שרעקליכע מדבריות און וועל־דער געהט מען דאָס טאַקע דורך, ווען מען פאָהרט נאָך אמעריקא. און איהם האָט זיך געדאַכט, אז פון די וועלדער געהען ארויס וועגען וואָס פיהרען נאָך ארץ ישראל און נאָך אַלע לענדער פון דער וועלט; און דאָרט, וואו דער וואַלד ענדיגט זיך, ענדיגט זיך די וועלט, — און כ׳ווייזען זיך באַלד די גרויסע, גרויסע מענשען־פרעסער מיט די לאַנגע בערד, וועלכע האַלטען זיך אויף אין דעם וואַלד. ער האָט געוואָרט אויף זיי מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ, און אַט זיינען זיי שוין דאָ, פון דערווייטענס הערט מען אַ גאַלאָפּ פון רייטערס און אַן עכאָ שלאָגט אָפּ. וואָס איז דאָס? אַלע ווערען שטיל, מען געהט נישט ווייטער, אַט פאַלט מען צו דר׳ערד. די מוטער שלעפּט איהם אראָפּ — בע־האַלט דיך! אַלע, די גאַנצע פּאַרטיע ליעגט שטיל, אויסגעצויגען צווישען די בוימער, האַלטען איין דעם אָטהעם, מען הערט נאָר דאָס קלאַפּען פון די פערדישע פּאַדקאָוועס, וואָס אמאָל נעהנטערען זיך די מענשען־פרעסער, אַט באַלד וועלען זיי זיי דערזעהן און אַלעמען געפאַנגען נעהמען אין זייער היול, און וועלען זיי האַלטען אין אַ שטייג און זיי אויספּאַשען אז זיי זאָלען פעט ווערען, און דערנאָך יעדען טאָג בראָטען איינעם פון זיי אויף דער „פייער־פאַן“. אַ קינד פאַנגט אָן צו וויינען אין דער מחנה און ס׳ווערט פּלוצלונג פערשוויגען, די מו־טער האַלט איהם צו מיט דער האַנד דאָס מויל. נעבען זיך הערט ער אַ ציטערענדיג קול תהילים זאָגען אין דער שטיל, ליעגענדיג אויף דער ערד צווישען גראָז, ער הערט די מאַמעס ליפּען בעוועגען זיך: „גאָט פון אברהם, העלף אונז!“ — רחל׳ע בעט אויך ליעגענדיג אויף דר׳ערד נעבען איהם: רבונו של עולם — און זאָגט מיט דער מאַמע׳ס טאָן, ווען זי בענשט ליכט. איהם האָט זיך געדאַכט, אז אַלע ליעגען גרייט צום טויט און זאָגען שוין אָב וידוי. — אַט באַלד וויל ער וויינען — ניין! די מאַמע פליסטערט צו איהם צו שטיל, שטיל: יאָסעלע, יאָסעלע, זיי שטיל, זיי וועלען באַלד דורכרייטען, — נייז, ער וועט נישט וויינען; ער וועט זיי נישט לאָזען הערען זיין קול, אז זיי זאָלען ניט וויסען וואו זיי זיינען. ער וועט אויך בעטען, ווי די גרויסע, ווי אַלע בעטען — רבונו של עולם — ניין — הימעל, ניין, די גרויסע תפילה וואָס מען זאָגט ווען די נשמה געהט אויס, וואָס אַלע אידען זאָגען, ווען זיי זיינען אין אַ סכנה, און אז מען דערזעהט

א שד, און ווען מען זאָגט עס, קען ער קיין שליטה ניט האָבען.

— שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד! — האָט דער קליינער איד געצויגען אין איין אָטהעם דעם „אחד".

און ווער וויים אויב זיין קליינע תפילה האָט נישט געהאָלפען? מען האָט באַלד געהערט די זשאַנדאַרען'ס פערד אַפּרייטענדיג ווייטער טיעף אין וואַלד.

— אין דער שטיל, ווייטער, מאַכט קיין גערודער... — האָט דער אַגענט געראופען צווישען עולם, און מען האָט זיך אויפגעהויבען און מען איז ווייטער געגאַנגען...

געלויבט השם יתברך! — האָט חנה לאה אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, — די אָבות האָבען זיך געמיהט.

אַזוי איז מען דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט.

און אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען די מחנה האָט זיך געפונען שוין אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, וואו מען האָט זיי אריינגעפיהרט „אין באָד" אויף דיזענפעקציאָן, — האָט זיך שוין קיינער נישט געפיהלט ווי אייגענע מענשען, נור ווי שטיקלעך „סחורה", וועלכע מען האָט עקספּאָרטירט קיין „אַמעריקא" און מען וואַרפט עס פון איין האַנד אין דער אַנדערער אריין, ביז עס קומט אָן צום ברעג...

# שיף־ברידער און שיף־שוועסטער

אין א פאר טעג ארום האט זיך שוין די משפחה געפונען אויף דעם שיף, וואס איז געלעגען אין די וואסערען פון גרויסען אקעאן. דאס שיף איז נאך נישט געהאט ארויסגעפאהרען, עס איז נאך געלעגען אין האפען, און די צווישען דעקענדיגע האט מען א גאנצען טאג צופריהער אויף דאס שיף אויפגעפאקט. א גאנצען טאג איז א גרויס גערודער געווען אויף דעם שיף, פערשיעדענע פעלקער זיינען ארויפגעגאנגען אויף דאס שיף, מעהרסטען קליין־רוסישע גוים, — און חנה־לאה מיט די קינדער זיינען ווי דערטרונקען געווארען אין דעם גערודער. מענשען האבען געשריען אין פערשיעדענע שפראכען, זי איז געגאנגען וואוהין אלע זיינען געגאנגען. א קליין שיפעל האט זי מיט די איהריגע צוגעפיהרט צו דעם גרויסען שיף. זי האט נישט געזעהן דעם ים, זי האט מורא געהאט צו קוקען, זי האט זיך פערלאזט אויף גאט.... א גאנצען טאג האט זיך איינס דאס אנדערע געזוכט, פעקלעך זיינען געלעגען פאר די פיס, קיינער האט נישט געקאנט געפינען דאס זייניגע, און אלעם האט געשריען. מען האט זי דורך קעלערס געפיהרט, אין די טיעפענישען אראב, זי האט געהאלטען יאסעלע׳ן ביי דער האנד און נאכגעגאנגען, זי האט נישט מורא געהאט, זי האט זיך פערלאזען אויף גאט.... צום סוף האט מען איהר אנגעוויזען א סעניק אין א ווינקעלע צווישען א סך, א סך סעניקעס, און זי איז ארויפגעקראכען מיט איהרע קינדער, האט זיך איינגענורעט אין איהר ווינקעל מיט די איהריגע און האט זיך מורא געהאט צו ריהרען. ערשט איצט האט זי אנגעהויבען מורא צו קריעגען פאר׳ן גרויסען שרעקליכען ים, כאטש זי האט איהם נישט געזעהען, כאטש זי האט איהם נישט געפיהלט, ווארים דאס שיף איז נאך געלעגען אין האפען.

דערווייל איז אין דער קאמער, וואו זי איז געלעגען, געווארען גאנץ היימליך, און אז חנה־לאה האט זיך ארומגעקוקט, האט זי דער־

זעהען, אז זי געפינט זיך צווישען בלויז אייגענע. דאָס איז געווען די אבטהיילונג פאר „אידישע פאמיליעס מיט קינדער“.

— נא, זי איז דאָך אויך דאָ! וואו זיינט איהר געווען דורך דעם גאַנצען וועג?

חנה־לאה האָט זיך אומגעקוקט, ווער עס רעדט מיט די ווערטער — עס איז געווען די אידענע, מיט וועלכער זי האָט זיך בעגעגענט ביי דער גרענעץ, און וועלכע פאָהרט צו איהר אנטלאָפענעם מאַן.

חנה־לאה האָט זיך מיט איהר דערפרעהט, ווי מיט אַן אַלטען פריינד.

— וואו זיינט איהר געווען? איך האָב דאָך אייך געזוכט.

און דיביידע שכנות אויף די צוויי סעניקעס האָבען צוזאַמענגענומען זייערע קינדער און האָבען אָנגעהויבען צו ריידען צווישען זיך דורך די גראַטעס, ווי אַלטע צוריקגעפונענע פריינד.

דערווייל האָט זיך הינטען איין איד בעקאַנט מיט'ן צווייטען, אַלע האָבען גערעדט אין איינעם, האָבען אויסגעפרעגט אויף בעקאַנטע פון זייערע שטעדט, און איין איד האָט אַזוי לאַנג געפרעגט דעם צווייטען, ביז עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז איינער איז מיט'ן צווייטען משפחה. אַזוי איז ארומגעגאַנגען דער „ספר היוחסין“, ביז עס האָט זיך געפונען, אז א האַלבע שיף איז משפחה און איין איד איז מיט'ן צווייטען א שני בשלישי.

— אויב אַזוי, טאָ מעגען מיר דאָך טאַקע מנחה דאַווענען, — האָט זיך אָנגערופען א פרעהליך קול.

— נו, אדרבא, אדרבא, האָבען זיך געהערט ארום קולות.

— אידען, איהר ווייסט, אז מען צינדט היינט דאָס ערשטע ליכטעל? — האָט ווער אין א ווינקעל דערמאָהנט.

— א גוטער סמן, אין ערשטען טאָג חנוכה אויף דאָס שיף ארויפגעגאַנגען.

— ווער איז דאָ פון אונז א בעל־מנגן? — פרעגט ווער פון עולם.

— ווי הייסט, מיר האָבען דאָך דעם קעלצער חזן דאָ? — האָט א איד געוויזען אויף א יונגען מאַן מיט א געל בערדעל, וועלכער האָט זיך געהאַלטען א ביסעל אָבגעזונדערט פונ'ם גאַנצען עולם.

— פון וואַנען ווייסט איהר, אז דאָס איז דער קעלצער חזן? — פרעגט מען דעם איד.

— מיר דארף מען נישט קיין פינגער אין מויל אריינצולעגען, איך ווייס שוין, — טענה'ט דאָס אידעל פלינק, און גיט אַ וואונק צום געלען יונגען מאן, — איך הערקען שוין, אין זיין באס־שטים דערקענט מען שוין. — נא, זעהסט, ווייזט ער אויף דעם יונגען מאן, דו זעהסט נישט דעם לאַנגען נאָגעל פון גראָבען פינגער, — ווייסט, איך האָב דאָך איהם אליין דאוונען געהערט.

עס האָט אביסעל געדויערט, ביז דער געלער יונגער־מאן האָט זיך געלאָזט „צו וויסען געבען" פאר זיינע ברידער, אז ער איז טאקע דער קעלצער חזן. דערנאָך האָט עס אַ ביסעל געדויערט ביז ער האָט זיך געלאָזט איינריידען, אז ער זאָל געהן „פאר'ן ברעטעל". נור אין אַ פאָר מינוט ארום איז ער שוין געשטאַנען פאר צוויי ליכטלעך, וועל־כע האָבען געברענט אויף אַ קעסטעל, און דער יונגער־מאן האָט נעגאָרגעלט פאר'ן עולם, און אלע ווייבער און קינדער פון שיף האָבען מיטגעזאָגט קדושה.

א מנחה־דאוונען איז געווען אַ שעהנס און אַ חזנ'יש. נאָך מנחה־דאוונען — האָט מען געפרעגט, ווער האָט „חנוכה־ליכטלעך". עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אלע האָבען זיך געריכט אויף חנוכה און האָבען אָנגעגרייט חנוכה־ליכטלעך. האָט יעדע משפחה אָנגעצונדען די ליכט־לעך אויף איהר קעסטעל. און דער קעלצער חזן האָט זיך אוועקגע־שטעלט פאר'ן עמוד, וואָס איז בעשטאַנען פון איין קעסטעל אויף אַ צווייטען, דער עולם האָט באלד געפונען אַ פאָר קוויטשערלעך פאר איהם, א סאפראנדעל האָט ער אליין מיטגעפיהרט מיט זיך, זיינס אַ אינגעל, אַ קינד אַ וואונדער אין דער וועלט — אמעריקא וועט אויפ'ן קאָפּ שטעהען, — און עס איז געוואָרען אָבגעזונגען אַ חנוכה־בענשען מיט אַ מזמור, וואָס אזעלכעס האָבען נאָך די לייט נישט געהערט. חנה־לאה האָט זיך פערגעסען, אז זי געפינט זיך אויף דעם שיף. איהר האָט זיך געדאכט, אז זי איז ביי זיי אין שטעדטעל אין דער שוהל, עס איז איהר נור ווערה געווען, וואָס מאיר איז נישטאָ דאָ. דאָס געזאַנג איז געגאַנגען וואָס אַמאָל העכער, דאָס אינגעל, דאָס סאפראנדעל, האָט וואונדער געוויזען, און דאָס גאַנצע שיף אידען האָבען אונטערגעהאָל־פען (עס איז אריינגעקומען דער שומר און האָט געשריען — האָט מען איהם דאָס מויל פערשטאָפּט מיט אַ לא יחרצ'ל), און דאָס קול איז גע גאנגען וואָס אַמאָל העכער און פרעהליכער, און אז דער חזן האָט גע־

ענדיגט דאָס זינגען, האָט זיך אָנגערופען דאָס פרעהליכע אידעל, הויך אויפ'ן קול, רייבענדיג זיך די הענד:

— איצט פּאַסט די גוטע „לאַטקע", און די פעטע גריוועז לכבוד חנוכה.

— און אפשר דאָס פיינע קערטעל? — רופט זיך אָן אַ צווייטער.

— און טאַקע דאָס פיינע קערטעל אויך! — ענטפערט אָב דאָס אידעל, רייבענדיג זיך די הענד.

— גריוועז זיינען דאָ — רופט זיך אָב אַ ווייבעריש קול פון אַ סעניק אראָב, און דערלאַנגט פון אַ גרויסען פּאַק ארויס אַן איינגע־פּאַקטען טאָפּ קאַלטע גריווען.

— פון וואַנען האָט איהר גענומען גריוועז? — פרעגט אַ אידענע.

— מיין טאָכטער האָט מיר מיטגעגעבען אין וועג אריין — דאָס הארץ צו דערכאַפּען, — ענטפערט די אידענע גאַנץ גלייכגילטיג.

אין אַ פּאָר מינוט ארום זיינען שוין געזעסען די אידען פון פער־שיעדענע געגענדען און לענדער, וועלכע האָבען זיך נאָך נעכטען נישט געקענט, מיט זייערע קידער ארום איין טיש, האָבען געגעסען פון איין טעלער, האָבען זיך געטהיילט די ביסענס און האָבען זיך געפיהלט צווישען זיך ווי מיטגליעדער פון איין משפחה, ווי אַלטע, אַלטע פריינד פון אמאָליגע, אמאָליגע צייטען, וועלכע האָבען זיך געטראָפען נאָך דאַן, ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען, זיינען אין איינעם אין די פריהערדיגע גלות'ן געווען, און בעגעגנען זיך ווידער דאָ, אויף דעם וועג קיין גלות־אמעריקא....

---

נור יאָסעלע איז ביי דעם אַלעם ניט געווען, בחנם האָט די מו־טער איהם יעדעם מאָל געצויגען ביים ארבעל, ווען דער חזן האָט גע־דאַווענט. וואו איז יאָסעלע'ס שעהנער „אמן" נאָכזאָגען? וואו איז זיין „יהי שמיה רבה", זיין „קדושה", מיט וועלכען דאָס שטערטעל האָט געקלונגען? פערגעסען האָט יאָסעלע זיין אידישקייט. זיינע גרויסע גלאַנצענדיגע אויגען קוקען איצט דורך דאָס פענסטער'ל אין די נאַכט אריין אויף דעם ברייטען גרויסען ים. דאָס איז ער, דער ים הגדול, פון וועלכען עס שטעהט אין חומש, וואָס לויפט ווייט אוועק וואו קיין עק איז נישטאָ, וואו די וועלט ענדיגט זיך, וואו די הימלען הויבען זיך אָן. טונקעל איז ער און שוויינענדיג, קאַלט און ערנסט ליעגט ער

אויסגעצויגען און לויפט ווייט, ווייט אוועק. פון דער ווייטער טיע־פעניש פון ים קומט אַן צולויפען אַ וואל, גרויס איז ער ווי אַ שרעקליך ווילדע חיה, און גיט אַ שרעקליבען ברום, און אַ שלאָג אַן אין דאָס שיף. אָט שוין האָט זי, די חיה — דער וואל — דאָס מויל געעפענט דאָס שיף איינצושלינגען, און אַלע, דאָס גאַנצע שיף וואָלט געוואָרען איינגעשלונגען אין איהם, נאָר גאָט שטעהט און זאָגט: „נישט“, און מיט אַ געבייזער גיט זיך דער וואל אַ שלאָג אָב פון דעם שיף און לויפט ווייט אין ים אריין.... עס פאַלען די הימלען איבער'ן ים, עס שטייגט דער ים אין הימעל אויף און טונקעל ווערט איבער זיי ביידע — און מיט אַמאָל גיבען זיך אַ צינד אָן ליכטלעך אין מיטען ים און שווימען אין דער לופטען, צווישען הימעל און ים, איין ליכטעל, נאָך איינס, אַ גאַנצע רייה, הונדערטער, טויזענדער, איינס נאָכ'ן אנדערען, און גלייך זיינען זיי, ווי בוימלעך איינגעזעצט, שטערען אויסגעזייהט — וואָס איז עס, צי איז ביי זיי אויך חנוכה? — און האָט דער ים זיינע חנוכה־ליכט אָנגעצונדען? אָדער זיינען דאָס די ליכט פון די פענסטער פון הימעל, וועלכע זיינען שוין פון יענער זייט ים? —

און שטיל איז שוין געווען אין דער אבטהיילונג פאר די אידישע עמיגראַנטען. דאָ און דאָרט זיינען די פאַמיליעס געפאַלען איבער די פעניקעס און זיינען איינגעשלאָפען. דאָ און דאָרט איז אַן עמיגראַנט געזעסען ביים שיין פון אַ צאַנקענדיג חנוכה־ליכטעל און האָט אויף זיין קאַסטען געשריבען דעם לעצטען גרוס פון שיף צו זיין פאַמיליע, — און יאָסעלע איז נאָך אַלץ געלעגען ביי דער מוטער'ס זייט אויפ'ן סע־ניק און האָט מיט זיינע גרויסע אויגען ארויסגעקוקט אין די נאַכט אריין אויפ'ן ים. אין דרויסען איז שוין פינסטער געווען, אַ שוואַרצע, שווערע כמאַרע איז געלעגען איבער'ן ים, און אַלץ איז געווען פער־שטעלט, נור פון הינטען, אויף די וועגד פון שיף, האָט זיך געהערט דאָס ברומען פון די וועלען, וועלכע זיינען אָנגעקומען צו לויפען פון ים, און האָבען געקלאַפט אויף די וועגד פון שיף, און יאָסעלע האָט גע־טראַכט, פון וואַנען די וועלען קומען אָן צו לויפען — פון דער טיעפע־ניש פון ים, פון דאָרט ווייט, נאָך די ליכטלעך, וואו עס איז שוואַרץ — דאָרט, וואו עס ליעגט דער לויתן, און אויף זיין עק שטעהט די וועלט, און עס איז געגוג, אַז ער זאָל איין וואָרף געבען מיט זיין עק, אַז די גאַנצע וועלט זאָל אין ים ארייגפאַלען, נור גאָט שטעהט דערביי ;

זאָגט: ריהר זיך נישט — און דער לויתן גיט זיך קיין ריהר נישט. ער האָט איהם איצט בעשיינפערליך געזעהן, דעם לויתן, דאָרט אין דער טונקעלהייט, וואו ער שניידט זיך אויס פון ים ארויס און שטייגט וואָס אַמאָל בולט'ער, בולט'ער פון ים ארויס, אָט וואַקסט זיין קאָפּ, וואַקסט זיין עק, און ציהט זיך אויס וואָס אַמאָל לענגער, אָט, אָט, ביז ער דערגרייכט שוין דאָ אהער, אָט וועט ער באַלד אָנריהרען מיט זיין עק די ווענד פון שיף און אלץ וועט ער אומדרעהען אין ים אריין.

— מאַמע! — האָט פּלוצים יאָסעלע געגעבען אַ שריי אויס מיט אַזאַ הארץ־שרעקענדיגען געשריי, אז חנה־לאה האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך אומגעקוקט, וואו זי איז, — האָט גענומען יאָסעלע'ס קאָפּ הינטער איהר טוך ארונטער און האָט איהם דאָס פּנים פערשטעלט.

— לייען קריאת־שמע, יאָסעלע, און שלאָף.

און יאָסעלע האָט מיט הארץ־קלאַפּעניש קריאת־שמע געלייענט הינטער דער מוטער'ס טוך.

# צום אַמעריקאַנער ברעג

עס איז געוועזן אַ שעהנער טאָג אויפ'ן שיף. די זון האָט ברייט געשיינט איבער'ן ים, און אזוי ווי דאָ וואָלט מען זי געלאָזט איין מאָל אין איהר לעבען אויסציהען זיך אין איהר גאַנצע גרויסקייט, אַז עס זאָלען איהר נישט שטעהן אין וועג קיין שפּיצען פון דעכער און קלויסטערם — האָט זי איבער'ן ים געוויזען איהר פּראַכט און שיין. וויפיעל זי האָט נור געסטייעט, האָט זי זיך פערשפּרייט איבער דעם ברייטען, אונענדליכען וואַסער, און האָט מיט איהר גלענצענדען ליכט, וואָס זי האָט געגאָסען פון זיך, אויפגעקאָכט די קאַלטע גיסענדע וועלען פון ים, דער ים האָט געברויזט געגענאיבער איהר שיין — און דאָס וואַסער האָט געשימערט. איבער די לייננ פון ים, וואו דאָס אויג האָט נור געקאָנט דערזעהן, האָט זיך געוואָרפען איין גרויסע, לאַנגע שי־מערנדע וועל, וואָס האָט געבלישטשעט אַנטקעגען דער זונן, און האָט אזוי געלויכטען, אַז דאָס אויג האָט נישט געקאָנט אריינקוקען אין איהר ליכט, און איבער דער וועל האָט אלץ דאָס שיף געשטאַרקט זיך דורכצושווימען און האָט נישט געקאָנט, די לויכטענדע וועל איז איהם פאַראויסגעלאָפען דעם גאַנצען וועג, און האָט אויסגעברויזט איהרע וואסערען הינטער די רעדער פון שיף.

אויף דעם שיף איז היינט געוועזן יום־טוב. מען האָט זיך דער־נעהענטערט צום ברעג פון אַמעריקא; כאָטש מען האָט דעם ברעג נישט געזעהען — דאָך האָט מען געפיהלט זיין נאָהענטקייט, און מען האָט איהם ערוואַרט יעדען אויגענבליק צו דערזעהן.

נאָך אַ טאָג צו פריהער האָבען די מאַטראָסען דאָס גאַנצע גרויסע שיף געוואַשען, נאָך אַ טאָג צו פריהער האָבען זיך די מעוועןׂ פון דער אַמעריקאַנער זייט געוויזען און האָבען מיט זייער שרעקענ־דיג געשריי בעגלייט דאָס שיף איבער אַ גאַנצער נאַכט; נאָך אַ טאָג צו פריהער האָבען זיך אונענדליך פיעל קליינע שיפלעך געוויזען אי־

בער'ן ים, נאָך אַ טאָג צו פריהער האָט מען אין די קאַיוטעס איבער'ן גאַנצען שיף אויסגערופען: מאַכט אייך גרייט.

די אַמעריקאַנער פאָהן אויפ'ן מאַסט־בוים פלאַטערט שטאָלץ איבער דעם ברייטען ים. און די פעלקער זיינען ארוים פון זייערע געצעלטען אויף דעם אויבער־דעק מקבל פנים צו זיין דעם אַמעריקאַנער באָדען. יעדער איינער האָט דאָס בעסטע ארויסגענומען פון דעם באָדען פון זיין קאַסטען און דערמיט זיך אויסגעצייכענט. און אויסגעפוצט אין יום־טוב־קליידער שטעהען דאָ די פעלקער פון דער וועלט אויף דעם אויבער־דעק פון שיף; זייערע בליקען זיינען געווענדעט מיט בענקשאַפט און זיי ערווארטען מיט קלאַפענדע הערצער דעם אַמעריקאַנער ברעג. דאָ און דאָרט זעהט מען אַ קליין־רוסישען פויער מיט זיין רויט־העמדעל און שווארצען הוט, שטעהט און קוקט תמ'עוואַטע אויף דאָס וואסער, נעבען איהם זיין ווייב, דריקט צו מיט שרעק און געבעט דעם מעטאַלענעם צלם פון איהר הארץ צו איהרע ליפען; אַ פוילישע פאַרטיע אין איהר רויטען נאַציאָנאַל־קאָסטיום גרופירט די קינדער ארום זיך; אַ הויכער ברייטער איטאַליענער מיט זיין רויטען האַלזטוך און צוקנייטשטען קאַפעלוש האַלט זיין מאַנדאַלינע אין דער האנד, ער האָט גאָר ניט צו ברענגען פון זיין רייך לאַנד, נור זיין געזאַנג מיט זיין גיטאַרע צום אַמעריקאַנער באָדען; עס וואַרפט זיך דאָס קאָלירטע טוך אויף אַ שפּאַניש שווארץ־מיידעלשען קאָפּ אין דעם ים פון פארבען; עס בליכט זיך ארוים צווישען דעם ים מענשען־קעפּ אַ בלייך כריסטוס־פּנים, ארומגערינגעלט אין אַ שווארצער באָרד פון אַ פוילישען אידען. דאָ און דאָרט נעהמען זיך צונויף די רומענישע פויערים ארום אַ צלם, וואָס ווייזט זיך איבער זייערע קעפּ, קניען צו דער ערד און לאָזען שאַלען איבער דעם ברייטען ים אַ ברינסטיג רעליגיעזעס לויב־ליעד. די קאַטוילישע בעפעלקערונג טהוט זיי שוין נאָך: אין צווייטען ווינקעל האָבען זיך די פוילישע פּאַרטיעס און פויערים צוזאַמענגעקליבען ארום אַ צלם און אַ קירך־פאָהן און עס דערהערט זיך דאָס מורא'דיגע קאַטוילישע קירכען־ליעד, וועלכעס איז מעהר עהנליך צו האַרץ־רייסענדע געשרייען, ווי צו אַ ליעד. און די זונן בעשימערט דאָס וואסער, בעגיסט מיט ליכט דאָס שיף, ברענט צונויף די פארבען פון די פערשיעדענע פעלקער אין איין גרויסען קאָלירטען פאָהן; די געזאַנגען ווערען אויסגעמישט, די ליעדער ברומען

איבער'ן ים, די וועללען קלאפען הינטער די רעדער פון שיף, און עס ווערט איין גרויסעס, גרויסעס לויב־ליעד צו דעם ברעג, וועלכען אלע ערוואַרטען מיט ביינקענדע בליקען און קלאפענדע הערצער.

אמעריקא מקבל פנים זיין איז אויך אונזער חנה־לאה ארויס מיט איהרע קינדער פון דעם שיף־לאך, אין וועלכען זי האט זיך אויפגע־האלטען צוועלף טעג. אנגעטהאן אין איהר שעהנסטער שבת־הויב מיט דעם נייעם טוך, שטעהט זי דא צווישען די פעלקער פון דער וועלט מיט יאסעלע'ן ביי דער האנד, מיט דער „קאמאנדע" און רחל'ען. אנגעטהאן יאסעלע'ן דאס שבת'דיגע סאמעטען היטעל, אבגעוואשען איהם דאס פנים און פערקרייזעלט איהם די פאות'לאך, אז ער זאל אין די אמעריקאנער אויגען חן געפינען; די „קאמאנדע" אויך אויסגע־פוצט די קאפאטקעלעך, אויסגעשמירט זיי די שטיוועלעך, און רחל'ען פערפוצט מיט איהר נייעם שבת־קליידעל, — שטעהען זיי דא, אונזער פלייש און בלוט, צווישען די פעלקער פון דער וועלט און ערוואַרטען דא אויף דעם אמעריקאנער ברעג, אויף וועלכען עס געפינט זיך זייער פאטער, וואו ער איז אהינגעפאהרען זוכען פאר זיי — אן אברוה און אן אויפהאלט.

קיין ליעד זינגט זי ניט, קיין ווארט זאגט זי ניט. וואס זאל זי ריידען, וואס זאל זי זאגען — וואס זי וויל, וואס זי ווינשט אין איהר הארץ — ווייסט גאט גאנץ גוט.

אזוי שטעהט זי, חנה־לאה, מיט איהרע קינדער, און ערוואַרט אמעריקא מיט איהר מאן מאיר'ן. די הויב גלייך זיך געמאכט אויף איהר קאפ, אז זי זאל ביי מאיר'ן אין די אויגען חן געפינען, ווי א אי־דישע טאכטער די האר פעסט הינטער דער הויב ארונטערגעשטופט — גיט זי א ווארף א בליק אויף די קינדער, — וואס וועט ער זאגען צו זיי, גיט זי א רוק צוריק א יונג פון דער „קאמאנדע", וועלכער האט זיך ארויסגערוקט, מאכט גלייך דאס היטעלע אויף יאסעלע'ס קעפעלע, און גלעט איהם דאס פנים'ל.

באלד האט זיך דערהערט א גרויסער אויסגעשריי אויף דעם שיף, און די מאסע, ווי איין מענש, האט זיך געגעבען א לאז אראפ אויף די קניע און זיך גע'צלם'ט. חנה־לאה האט זיך מיט שרעק געגעבען א קוק אום. זי האט דערזעהן פאר זיך א לייכטענדען דיקען טומאן און פון טומאן האבען זיך ארויסגעשניטען הויכע פיער־עקעדיגע בערג,

עטוואָס אזעלכעס, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען. די מענ־שען אויפ׳ן שיף זיינען געבליבען שטעהן און מיט גרויסע אויגען און אויפגעעפענטע מיילער האָבען זיי געהאַלטען אין איין קוקען אהין צו די בערג, צו דעם — וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען. נאָר וואָס אַמאָל איז דער נעבעל שיטערער געוואָרען, דורכזיכטיגער און לייכטענדער, און פון דעם נעבעל האָבען זיך שוין שאַרף אויסגעשניטען פינף הויכע פייער־עקעדיגע אייזערנע קאַסטענס, וועלכע זיינען געשטאַ־נען איינס הארט נעבען אַנדערען, און האָבען געבילדעט ווי אַן איי־זערנע וואַנד אויף דעם ברעג פון ים, וועלכע פערשטעלט אַלץ, וואָס איז הינטער איהר.

דאָס זיינען געווען די ערשטע וואָלקען־קראַצערס, וואָס שטעהען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען.

די מענשען זיינען געוואָרען פערבליפט און זיינען געשטאַנען ווי איין מענש און געקוקט מיט פערוואונדערונג און נייגיעריגקייט אויף דאָס מאָדנע בעשעפעניס. זיי האָבען אויסגעזעהען, די הויכע פייער־עקיגע קאַסטענס, ווי ווילדע בעשעפעניסען, ווי מורא׳דיגע לייבען, וואָס שטעהען אויף דעם ברעג פון אַמעריקא.

דערווייל האָבען זיך דורכגעשניטען איבער דער לייננ פון וואַסער אונגעהויער גרויסע ליכטיגע שיפען, וועלכע האָבען שרעקליך ווילד גע־פייפט; פון דערווייטענס האָט זיך פערנומען אַ מורא׳דיג ברומען ארויס פון דעם נעבעל, וועלכער איז געלעגען איבער דעם ברעג, ווי דאָרט אין דעם טומאַן, וואָלט זיך אַ ים געקאָכט, און דאָס קאָכעניש ברומט דאָס ארויס פון איהם. דאָס ברומען פון דער ווייטענס און דאָס שרעקעדיגע פייפען פון די לויפענדע שיפען האָט אַ שרעק אָנגע־וואָרפען אויף די מענשען. דאָס קירכען־געזאַנג האָט אויפגעהערט, דער צלם איז פערשוואונדען און אַ גרויסע שטילקייט האָט געהערשט אויפ׳ן שיף. אַלע האָבען זיך געפיהלט צוגעדריקט און קליין פון דער גרויסקייט, וואָס עפענט זיך אויף פאַר זייערע אויגען פון טומאַן ארויס. נור איין חנה־לאה האָט ניט מורא געהאַט און איז ניט דער־שראָקען געוואָרען. אומעטום איז דאָ גאָט, און זי האָט דאָך שוין איהרס דאָרט אויף יענער זייט נעבעל — דער פאָטער פון איהרע קינ־דער איז דאָרט.

דערווייל האָט דאָס שיף אַ גרויסען קרעכץ געטהאָן, האָט געגעבען

אַ גרויסען קראַך אין וואַסער און איז געבליבען שטעהן. צום שיף איז אַ קליין שיפעל צוגעפאָהרען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען צוויי מענשען אַרויף, אַמעריקאַנער, מיט אַמעריקאַנער פעהנדלאַך און שטע־רענדלאַך אויף די היט, האָבען געגעבען אַ זאָג און דאָס גאַנצע שיף מענשען האָט זיך געשטעלט אין אַ רייהע, איינער נאָכ׳ן אַנדערען, זיי האָבען געמאַכט אַ צוים, געשטעלט זיך און אַלע מענשען פון שיף האָבען אָנגעהויבען דורכצוגעהן פאַר זיי.

עס זיינען געווען דער אינספּעקטאָר מיט דעם דאָקטאָר פון דער אַמע־ריקאַנער אינקוויזיציע.

די הערצער האָבען אָנגעהויבען צו שלאָגען פאַר שרעק, אַלע האָבען זיך גלייך געשטעלט, גלייכגעמאַכט די היט און די רעק אויף זיך, שטאַרק געמאַכט די אָרעמס און מיט פעסטע טריט האָבען די פעלקער אָנגעהויבען פאַרבייצוגעהן פאַר זיי.

עס זיינען געגאַנגען רוטענער, פּאָליאַקען, רוסען, אידען, אי־טאַליענער, שפּאַניער, יעדער איינער און איינער, יעדע פרוי מיט איהרע קינדער, האָבען געמאַכט שטאַרק זייערע אָרעמס און פעסט זייערע טריט, אַז זיי זאָלען געזונד אויסזעהן. גוט האָבען די אַמעריי־מאַנדע". אָנגענומען זיך ביידע ביי די הענד, האָבען זיי מיט זייערע געקוקט אין די אויגען אַריין, אָנגעטאַפּט די הענד, אויב געזונד איז דאָס מענשען־מאַטעריאַל, וואָס ברענגט זיינע הענד אַראָב, זיי צו בעדיענען, אויב געזונד און שטאַרק וועט זיין דער דור, וואָס וועט פון די געבוירען ווערען, צו בעזעצען זייער לאַנד...

און אַז עס איז אָנגעקומען די רייהע צו חנה־לאה׳ן, אַז זי זאָל זיך און די איהריגע פאַר די אַמעריקאַנער ווייזען, האָט זי, ווי יעקב פאַר עשו׳ן, איהר מתנה צוטהיילט: פאָראויס האָט זי געשיקט פאַר זיך רחל׳ען מיט איהרע צוויי שוואַרצע שבת׳דיגע צעפּעלעך. — רחל׳ע האָט חן געפונען — דורכגעלאָזט; נאָך איהר איז געגאַנגען די „קאָ־קאַנדע". אָנגענומען זיך ביידע ביי די הענד, האָבען זיי מיט זייערע שבת׳דיגע שטיוועלעך הויך געשטאַפּעט אויפ׳ן פּאָל, און זיי זאָלען גע־זונד אויסזעהן. בעקוקט די אויגען, דעם האַלז, אַ קלאַפּ געטהאָן זיי אויפ׳ן רוקען און מיט אַ צופריעדענער מינע זיי דורכגעלאָזט. דער־נאָך איז געגאַנגען חנה לאה מיט יאָסעלע׳ן ביי דער האַנד (אַ מינוט צו פריהער איהם געקרייזעלט די פּאות׳לאַך, אַז ער זאָל חן געפינען). דער

דאָקטאָר האָט גענומען יאָסעלע'ן פאַר דער האנד, איהם געקוקט אין די אויגען אריין — יאָסעלע האָט געציטערט, האָט אָנגעכאַפּט די מור־טער ביים קאַפּטען — דער דאָקטאָר האָט איהם אויפגעדעקט דאָס קאַשקעטעל, געגעבען א קוק אויפ'ן קעפּעל און האָט א וואונק געטהאָן צום אינספּעקטאָר.

חנה־לאה'ס הארץ האָט עפּעס שלעכטס אָנגעזאָגט. איהרע הענד האָבען א ציטער געטהאָן.

— גאָר נישט, פון לעצטען טיפוס א קראַץ אין קאָפּ, — פערענט־פערט חנה־לאה.

דער אינספּעקטאָר האָט געגעבען א וואונק צו נאָך איינעם. קיין איין וואָרט איז נישט געוואָרען געזאָגט, און יענער האָט שוין אָנגע־נומען יאָסעלע'ן ביי דער האנד, און אוועקגענומען איהם אָן א זייט.

יאָסעלע האָט אָבער פעסט געהאַלטען דער מאַמע'ס קאַפּטען, זיינע אידישע אויגען האָבען א ציטערנדיגען בליאַסק געגעבען. די פּאות־לאָך האָבען געציטערט.

— פון לעצטען טיפוס א קראַץ אין קאָפּ געבליבען — טענה'ט נאָך אַלץ חנה־לאה פאַר'ן אינספּעקטאָר אויף אידיש, אָנהאַלטענדיג יאָסעלע'ן ביי דער האנד.

קיינער האָט זי נישט געהערט, מען האָט זי באַלד אוועקגעשטופּט. אויף איהר אָרט האָבען פעלקער געוואָרט.

— אוי, מאַמעלע קרוין! — האָט די אידענע געגעבען א שריי אויס און איז שוין געווען אין דעם ווינקעל, וואו מען האָט יאָסעלע'ן אהינגעפיהרט.

— און וואו זיינען מיינע שוואָלבען? — האָט זי געזוכט מיט איהרע בליקען אויף יענער זייט צוים די איהריגע.

נאָר אויף יענער זייט איז שוין געשטאַנען רחל'ע, די „קאָמאַנדע“ האָט זי געהאַט נעבען זיך און האָט די מוטער בערוהיגט מיט א מאַך מיט דער האנד, אז זי קען זיך פערלאָזען אויף איהר.

# אויף דעם אינזעל פון טרעהרען

מאיר איז אראָב צום שיף אָבנעהמען די זייניגע.

ער האָט געוואַרט אויף דעם טאָג די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אין דעם פרעמדען לאַנד, און ער האָט זיך צוגעגרייט צו דעם פון דער ערשטער מינוט פון זיין אראָבקומען קיין אמעריקא — געגאַנגען אין גאַס, אַן איבעריגען טאָלער געהאַט, געזעהן אין א סטאָר א קינדערשען מענטעלע, געקויפט, אהיים געבראַכט. ביי זיך אין קאַסטען האָט ער אָנגעגרייט אָנצוטהאָן פאַר דעם ווייב מיט די קינדער. אראָב פון שיף, אריין צו מיר אין שטוב, קודם כל אראָב דעם „גרינעם" און טהוט אייך איבער — האָט ער זיך געטראַכט. א דירה שוין אויך גרייט, געהאָלפען איהם דינגען דער מוהמעס זוהן, אין שכנות מיט דער מוהמע אויף דער דריטער סטריט. — א קעלער, אַבי זיין אייגען ווינקעל — האָט ער געזאָגט — און איצט האָט ער זיך אָנגעגרייט זיי פון שיף אראָבצונעהמען.

געפאָהרען מיט זיי דורך דעם גאַנצען ים, אלע טאָג אין אָפּים געלאָפען, וואו ער האָט געקויפט די שיפּס־קאַרטע, און נאָכגעפרעגט זיך „וואו דאָס שיף האַלט". פון נעכטען אָן וויים ער, אַז היינט 1 אַזייגער נאָכמיטאָג וועט דאָס שיף אָנקומען אין האָבאָקען; דאָרט, וויים ער גאַנץ גוט, וועט מען איהם די „זייניגע" ניט אַרויסגעבען — דאָרט לאָזט מען נור אראָב די ערשטע־קלאַסיגע און צווייטע־קלאַסיגע; צו די זייניגע וועט ער מוזען פאָהרען שפּעטער נאָך עליס איילענד, נור דאָרט, אין האָבאָקען, וועט ער זעהן זיינע פון דערווייטענס אויפ'ן אויבערדעק.

א נאַכט פריהער איז ער געגאַנגען צו דער מוהמע'ן; איינע לאַנדסלייט האָבען איהם צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען מיט איהם מיטגעהן צום שיף — און איצט שטעהט ער שוין דאָ צווישען א גרויסען עולם ביי א פענסטער פון דער גרויסער האַלע ביי דעם ברעג פון ים און זעהט ווי דאָס גרויסע שיף דערנעהענטערט זיך צו דער האַלע צו,

לאנגזאם געהט עס, שווער, און עס איז ארומגערינגעלט מיט א טור־מאן, ווי עס וואלט געשוועבט דערויף דאס טיפע געהיימניס, וואס האט מיטגענומען מיט זיך פון אפענעם ברייטען מעער, פון וואנען דאס שיף שווימט איצט ארויס, זיין הארץ קלאפט אין איהם, דאס פנים איז בלייך, און ער האט זיך שוין אייניגע מאל נערוועז מיט דער האנד איבער דער בארד אריבערגעצויגען. באלד וועט ער זיי זעהן דא, וואו ער איז איצט, די וואס ער האט זיי אין דער היים אי־בערגעלאזט, און איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז דאס איז גאר־נישט נאטירליך, אז דאס איז עפעס א גרויס וואונדער, וואס די השגחה פרטית האט מיט איהם געטהאן.... ער האט זיך דערמאנט אן חנה־לאה'ן, — ער האט די אויגען פערקנייטשט, — זי איז דאך אן אשה צדקנית, האט ער זיך געזאגט, און עס האט איהם געגעבען א נעהם ארום אזא ווארים געפיהל, אז ער האט זיך פלוצים פאר זיך זעלבסט פערשעהמט. א רויטער שעהם־פלעק האט זיך איהם אויפ'ן פנים בעוויעזען, און ער האט מיט א כיון אן עפעס זיך פערגעסען געמאכט....

דאס שיף פאהרט איצט דערווייל צו, עס דרעהט זיך ווי א שלאנג אין וואסער און ברומט אויף די וועלען. הונדערטער און איבער הונ־דערטער מענשען ווארפען זיך צו די אפענע גרויסע פענסטער פון האלע און זוכען מיט די אויגען די זייעריגע; דארט, געגענאיבער אויף דעם ריעז, וואס דערנעהענטערט זיך איצט צו די פענסטער, זעהט מען אויך הונדערטער און איבער הונדערטער ווארפען זיך צו דער זייט פון שיף און פאכען מיט די ווייסע טיכלאך, הויבען אויף פענדלאך, רויטע טי־כער און גיבען צייכענס פון דערווייטענס. א מינוט איז נאך טוידט־שטיל ארום, נאר דאס שיף קרעכצט אלץ שווערער, צוגעהענדיג צום ברעג, באלד ברעכען אויף דא און דארט איינצעלנע אויסרופען, גע־וואלדען, היסטערישע אויסגעשרייען, עס דערקענען זיך פאטערס מיט קינדער פון דערווייטענס, באלד ווערען די געשרייען עפטער און העכ־ער, און וואס נעהענטער צום ברעג, אלץ העכער שטייגען די אויסרו־פען, ביז דאס שיף געהט צו צום ברעג און ווערט פערטויבט אין איין גרויסען, גרויסען היסטערישען פריידען־געשריי.

מאיר שטעהט נאך אלץ און זוכט מיט די אויגען אונרוהיג און מיט שרעק צווישען די קעפ. ער זעהט נישט און הערט נישט, וואס

ארום איהם איז — ער שטופט אלעמען אב און רייסט זיך צו צום פּראַנט פון פענסטער און זוכט אלץ מיט די אויגען. ער זעהט נישט, ער ווארפט אלע אוועק פון זיך — „וואס איז? וואס איז?" — קלאפּט ער נערוועז מיט די ליפּען און א קאלטער שוויים האקט איהם ארום ארויפ'ן שטערן. באלד האט ער בעמערקט א גרופּפּע קינדער, ווי זיי שטופּען זיך צווישען דער מענגע צום עק פון שיף. דאס מיידעל העב־בער, די אינגלעך נאך איהם — זיינען דאס זיי? — ער קוקט. דאס פּנים ווערט איהם איבערגעצויגען מיט א גרימאסע פון פרייד, אין די אויגען א בלישטש, ער שטרעקט אויס די הענד, וויל לויפען און דאס קול איז איהם פערשטיינערט געווארען אין האלז. באלד קוקען אויף איהם א פּאר גרויסע ליכטיגע אויגען — חיים איז עס. ער שלאגט זיך אין דער דעה: איז עס יא דער פאטער, נישט דער פאטער? — באלד שטעקט ער אויס די הענטלעך און באלד האט עס געגעבען א הילך אין דער לופטען: דער טאטע! — און עס האט זיך געדאכט, אז דאס שיף האט א ציטער געגעבען, און מענשען האבען זיך ארומגע־קוקט: וואס איז?

עס איז געווען א יונג פון דער „קאמאנדע". חיים, וועלכער איז גע־שטאנען אויף דער צווייטער זייט אויפ'ן שיף, האט געריסען מיט איין האנד דעם ברודער מיט די שוועסטער, און מיט דער צווייטער האנד געוויזען אויף מאיר'ן, און האט געהאלטען אין איין שרייען:

— דער טאטע! דער טאטע! דער טאטע! — און אזוי הויך. און מיט אזא פייער, אז מען האט געמוזט דעם יונג איינשטילען.

— און וואו איז די מאמע, יאסעלע? — האט מאיר אין זיך גע־פרעגט און געזוכט אלץ מיט די אויגען.

אין א פּאר מינוט ארום איז ער פון אלעם געוואהר געווארען.

---

ער איז געלאפען איבער דער שטאדט מיט א לאנדסמאן (דער מוהמע'ס זוהן) זוכען הילף. מען איז ביי אלע לאנדסלייט געווען, און אלע האבען שוין דעם טאג געוואוסט פון דעם „מראבעל" וואס מאיר האט מיט זיינס א קינד. מען איז אין די רעדאקציעס פון די אידישע צייטונגען געלאפען, האט מען זיי אבגעשיקט צו די סאסייעטיס, די סאסייעטיס צו די לאיערס, און דאך האט קיינער גאר נישט געקאנט

מאכען. צום סוף איז מאיר אליין אויף עלים איילענד אראב, — לאַמיך כאַטש זעהן די איבעריגע.

אויף עלים איילענד, ביי דעם טויער, דורך וועלכען אלע געהען דורך אין דעם גאָלדענעם לאנד אריין, האָט זיך געצויגען אַן איביגע מענשען־סטענגע פון ברעג ים צו דעם גרויסען פיער־שטאָקיגען הויז, דורך וועלכען אלע זיינען דורכגעגאנגען אין דאָס לאנד אריין. ביי פינף אייזערנע גראטקעס זיינען געשטאנען אמעריקאנער טשינאָווניקעס און האָבען אויסגעפרעגט יעדען פערבייגעהענדען: ווי און ווען? — פאר וועלכע זיי האָבען בעדארפט זייער געלד ווייזען, און די געזונדע הענד זייערע, וואָס זיי האָבען מיט זיך מיטגעבראכט. די סטענגע האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט, יעדעס מאָל זיינען נייע שיפען צוגעפאָהרען צום ברעג, האָבען נייע מענשען ארויסגעוואָרפען — און די מענשען, וואָס איינער איז געשטאנען הינטער דעם צווייטען, האָבען זיך געהאלטען אין איין ציהען. עס זיינען געגאנגען יונגע און אלטע, ווייבער און מענער, ערוואקסענע און קינדער, ס'זיינען געגאנגען פערשידענע פעלקער, נאציאָנען, אין פערשיעדענע פאסאָנען און קאָלירען, די שפראכען פון דער ערד האָבען זיך געהערט דורך דער סטענגע רייען, און קיינמאָל, קיינמאָל האָבען זיך די רייהען נישט געענדיגט און ציהען זיך נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג און ביז צו דער איצטיגער מינוט.....

און אַ שרעק ליעגט אויסגעגאָסען אויף די פנים'ער פון די פעלקער, וועלכע ציהען דורך דעם טויער אין גאָלדענעם לאנד אריין. מען זעהט, ווי זייערע הערצער קלאפען, ווי זייערע הענד ציטערען, און יעדער איינער רופט אָן דעם נאָמען פון זיין גאָט אין זיין שפראַך און בעט אום הילף — און אלע פיהלען זיך נאָהענט, איין מענש מיט'ן צווייטען. צום ערשטען מאָל הערען זיי די שפראַך, און דאָך פיהלט מען זיך נאָהענט. איין גרויסע אימה בינדט צוזאמען די הערצער פון די פערשיעדענע מענשען פון די פערשיעדענע נאציאָנען אין דער איינער רייהע....

מאיר איז אראָפּגעקומען. זיין הארץ איז געווען פערביטערט און זיינע ליפען פערקלעמט. ער האָט זיך גע'חזר'ט אַ גאנצע רעדע וואָס ער וועט האלטען פאר זיי, פאר די אמעריקאנער. „ווי הייסט?“ — האָט ער געשריען אין זיך — „אז מען זאָל נעהמען אַ קינד פון אַ פאָ־

טער און אוועקרייסען. אין סדום איז דאך אזעלכעס ניט געווען״ !
— שרייט ער אין זיך — „ווי הייסט, וואס זאל איך טהאן, אריינוואר־
פען מיין קינד אין וואסער אריין, צוריקשיקען״ !

און א גרויסער שרעק האט איהם ארומגעכאפט פאר דעם ווארט. ער האט מורא געהאט צו טראכטען ווייטער, אבער עס האט איהם גע־פויקט אין קאפ „צוריקשיקען״, א קינד אליין איבער׳ן ים, איבער דעם גרויסען ים !

ער איז געלאפען אהין צו דעם אידישען אדוואקאט, וואס זיצט דארט פאר די אידישע עמיגראנטען, א בריעף האט ער געהאלטען אין זיינע הענד, אנגעגרייט פאר איהם פון עפעס א סאסייעטי, „אלעס וועל איך איהם זאגען. וואו איז דאס געהערט געווארען? עס איז דאך עפעס אין אמעריקא, אין פרייען אמעריקא״ !

אהין געקומען צום טישעל פון אדוואקאט, האט ער געזעהן, אז ער איז ניט דא איינער — ארום טישעל זיינען געשטאנען אייניגע גא־ליציאנער אידען און ווייבער און האבען געמאכט אזעלכע געוואלדען: „אמעריקא, פערשאלטען זאל ווערען קאלומבוס און זיין מדינה!״ א אידענע איז געשטאנען און האט געוויינט, מען לאזט איהר די טאכ־טער ניט אריין, און עפעס א יונגער־מאן האט זיך געקלאגט וועגען א כלה, און אלע האבען געשריען איבער דעם יונגען־מאן, דעם זאדוואַ־קאט, אז ער זאל צולאזען זייערע משפחות. דער יונגער־מאן איז גאנץ רוהיג געזעסען און האט זיך גלייכגילטיג אויסגעהערט די געוואלדען פון די אידען מיט די ווייבער און רוהיג זיך עפעס פערשריבען אין א ביכעל אריין. מען האט געזעהן, אז ער איז שוין געוואהנט געווארען צו דעם.

מאיר האט זיך דערשלאגען צו איהם און האט איהם איבערגעגע־בען דעם בריעף פון די סאסייעטי. דער יונגער־מאן האט גאנץ גלייכ־גילטיג דעם בריעף דורכגעלעזען (ביי מאיר׳ן האבען געציטערט הענד און פיס), דערנאך גענומען דעם בריעף און איהם גלייכגילטיג אויף דעם טיש אוועקגעלייגט, געגעבען א נעהם אראב די פאנסנע פון די נאז, א פינקעל געטהאן מיט די אויגען און געגעבען א ציה מיט די פלייצעס :

— איך קען גאר נישט טהאן.

— אבער א קינד, א קינד, א קינד ! — האט מאיר ארויסגעריסען

די ווערטער פון צווישען די צייהן, וועלכע האבען זיך געשארפט איי־נער צווישען אנדערען.

דער יונגער־מאן האט א ציה געגעבען מיט די פלייצעס.

— אן אפעלאציע נאך וואשינגטאן קען מען אנגעבען — האט דער יונגער־מאן געזאגט. מאיר האט ניט געהערט זיינע ווערטער.

— אבער זעהן זיך, זעהן זיך, זעהן זיך — האט מאיר ווידער געשריען און געקריצט מיט די צייהן.

— דאס יא — האט דער יונגער־מאן געענטפערט, זיך אויפגעהוי־בען און ערהגעץ־וואו געפיהרט מאיר'ן. מאיר איז נאכגעגאנגען נאך איהם אויף טרעפען. ער האט איהם אריינגעפיהרט אין א שטוב אריין און געהייסען איהם ווארטען.

באלד האט מען געגעבען א פיהר אריין צו איהם חנה־לאה'ן.

א סעקונדע האבען זיךביידע ניט דערקענט. באלד האט די אי־דענע געגעבען אזא הארץ־געשריי: „מאיר!" און האט געגעבען א בראך ארויס אין אזא געוויין, אז מאיר'ן האט דאס הארץ פערצי־טערט.

ער איז צוערשט בייז געווען אויף איהר, איבער איהר פינסטער מזל, נור עס האט איהם יעצט אזא טיעף רחמנות־געפיהל ארומגענומען אויף די אונגליקליכע אידענע, דאס הארץ איז איהם אזוי צוגאסען גע־ווארען, אז ער האט אויף גאר נישט געקוקט, נור איז צוגעגאנגען צו איהר און האט געמאכט מיט די האנד איבער איהר פנים, איבער איהר צורודערט שייטעל, איבער איהר קאפטען און האט די ליפען געביסען פאר צער און האט קיין ווארט ניט גערעדט.

און זעה, חנה־לאה שטעהט אזוי און נעהמט צו די לאסקעס פון מאן, וואס זי האט קיינמאל, קיינמאל פון קיינעם ניט געהאט און איהר הארץ געהט אויס אין כליפען.

— איך וויים, איך בין שולדיג — כליפעט די אידענע מיט טרעה־רען — מאיר, מיין שווארץ פינסטער מזל איז אזוי... איך בין שול־דיג, איך בין שולדיג — שלאגט זיך די אידענע מיט די הענד איבער'ן קאפ.

און מאיר שטעהט אלץ און מאכט איהר מיט די האנד איבער'ן פנים, און איבער'ן צושויבערטען שייטעל, און איבער דעם קאפטען.

— וואָס ביזטו שולדיג? — נאַרישע אידענע — וואָס ביזטו שול־דיג! — און פערשטעלט זיך מיט די האנד די אויגען.

איין מינוט זיינען זיי ביידע אזוי געשטאַנען פערגעסען פון אלעס, פעראייניגט אין איין גרויסען צער — און מיט פיעל רחמנות — און אפשר איז עס געווען די איינציגע מינוט אין זייער ביידענס צוזאַ־מענלעבען....

— און וואו זיינען די קינדער? — האָט זיך מאיר באלד דערמאָנט.

— איך ווייס? — האָט חנה־לאה אונשולדיג געענטפערט.

נור באלד האָט זיך די טיהר געעפענט און מען האָט פאר זיי אריינגעפיהרט די קינדער, און אז די „קאָמאַנדע" האָבען דערזעהען דעם פאָטער מיט די מוטער, האָבען זיי פערגעסען אָן אלעס און עס איז געוואָרען דאָרט אזא געשריי און אזא שמחה און אזא געוויין, אז די בעאַמטע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען פון די ארומיגע צימערען, זיי צו בערוהיגען; אָבער חנה לאה האָט אלץ געהאלטען אין איין וויינען און זיך געשלאָגען מיט די פויסטען אין קאָפּ.

— יאָסעלע, יאָסעלע, מיין אָרים, אָרים קינד!

מאיר האָט זיך געגעבען א כאַפּ אויף, האָט געלאָזט אלע שטעהן און געגעבען א לויף צו די טרעפּען, און איז צוגעלאָפען צום יונגען־מאַן, צום אדוואָקאַט, האָט געגעבען א נעהם ארויס דאָס געלד, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך און געגעבען א וואָרף דעם יונגען־מאַן אויפ'ן טיש און האָט געגעבען א געשריי:

— איך וויל איהר זאָלט מיר שרייבען א בריעף צום סאַמע פּרע־זידענט, און איהר זאָלט איהם זאָגען, אז דאָס איז, אז דאָס איז — נור מאיר האָט נישט געקענט קיין וואָרט ווייטער פון מויל ארויס־ברענגען.

דער יונגער־מאַן האָט געגעבען א קוק אויף איהם און האָט זיך מיט שרעק אָבגערוקט פון איהם. זיין געזיכט איז בלייך געווען ווי א לייליך, נור זיינע אויגען האָבען געפינקעלט און די בלייכע צייהן האָ־בען זיך איבערגעביסען איבער די ליפּען, און דער איד האָט אלץ ניט געקענט ארויסברייינגען פון מויל קיין וואָרט אויף דעם וואָס איז איהם געשעהן; נור איבער זיין פּנים איז געלעגען אויסגעגאָסען אזא צער און אזא כעס, אז דער יונגער מאַן האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס איז דעם אידען געשעהען און האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען פאר איהם.

# יאסעלע

יאָסעלע איז דערוויל געזעסען אין אַ גרויס צימער צווישען אַ סך מענשען און האָט געוואַרט אויף די מוטער. ער האָט ניט געוויינט, ער האָט ניט די מאַמען צוריקגעהאַלטען, אַז מען האָט זי גערופען, ער האָט געשוויגען. פון די ערשטע מינוט אָן, ווען עס האָט זיך מיט איהם דאָס אונגליק געטראָפען, האָט ער גאַנץ גוט פערשטאַנען, וואָס עס איז דאָ געשעהן מיט איהם, און האָט זיך געפונען שולדיג, עפּעס איבער אַ געהיימער זינד. און עס האָט זיך ערוועקט אין דעם קליינעם איד די גאַנצע הכנעה און געדולדיגקייט, מיט וועלכע זיין פאָלק טראָגט איבער זיינע צרות, און ער האָט זיך געפונען צוגעגרייט צו די צרות אַזוי, ווי זיינע עלטערען און אור־עלטערען פון אַלע דורות וואָלטען פאַר איהם אַ וועג אויסגעטראָטען צו די צרות.... שווייגענדיג און בעהאַלטען אין זיך איז ער געזעסען ביי זיין מוטער, ווי אַן ערוואַקסענער, דענ־קענדער מענש, אַזוי ווי ער וואָלט די אַלע זאַכען פיהלאָזאָפיש געגנו־מען און האָט נור אייגענטליך פעדרוס געהאַט וואָס מען האָט די מאַמע אוועקגעריסען פון זיינע ברידער און עס איז איבער דעם פערשטערט געוואָרען די שמחה פון זעהען זיך מיט׳ן טאַטען.

און דאָס אָרט, וואו ער האָט זיך געפונען, האָט געהייסען אין לשון פון פאָלק „דער אינזעל פון טרעהרען“. און עס איז ווירקליך דאָרט געוועזען דער טרעהרען־אינזעל. אין דעם צימער, וואו יאָסעלע איז געוועזען, האָבען זיך אויפגעהאַלטען די אַלע, וועלכע זיינען געוועזען פעראורטהיילט צוריקגעשיקט צו ווערען מיט די שיפען, וועלכע האָבען זיי געבראַכט, אָדער, איבער וועלכע עס האָט זיך נאָך אונטערהאַנדלונ־גען געפיהרט מיט וואַשינגטאָן. עס זיינען מעהרסטענס דאָרט געוועזען פעראייניזאַמטע, פער׳יתום׳טע מענשען, וועלכע האָבען ניט געפונען קיין גואל, קיין קרוב, וועלכער זאָל זיי פון שיף אראָבנעהמען; אָדער גאָר עלטערע מענשען שוין, אָדער גאָר יונגע נאָך, וואָס האָבען מיט

זייער אייגענעם כח נישט געקענט גוט־זאָגען פאַר זיך אַליין, און האָבען בעדאַרפט האָבען אַן אייגענעם מענשען, וועלכער זאָל גוט זאָגען, אַז ער וועט זיי נעהמען צו זיך — און זיי האָבען אזעלכע ניט געפונען; זיי זיינען פרעמד געווען אין דעם לאַנד. און זיי האָבען אויסגעזעהען ווי „רעשטלאַך", ווי עס וואָלט דאָ פאַרגעקומען אַ גרויסע „חלוקה" פון מענשען צווישען אייראָפּא און אמעריקא, און אַ „רעשטעל" איז איבערגעבליבען צווישען די שיפען, ווי קערענדלאַך גערשטען, וועלכע וואַלגערען זיך ביי די ברעגען פון די פּאַרטען אַרום, ווען מען טראָגט איבער תבואה פון איין שיף אויף די צווייטע....

עס זיינען געווען אזעלכע, וועלכע האָבען נאָך געהאַט אַ האָפנונג, אַז מען וועט זיי אריינלאָזען אין לאַנד, האָבען געהאַט דאָ אייגענע, וויים אין די מדינה און מען האָט געשריבען נאָך זיי. זיי זיינען געווען גליקליכער, רייכער פאַר די אַנדערע און האָבען שוין יענע צוגעזאָגט הילף, אַז גאָט וועט העלפען, אַז מען וועט זיי אריינלאָזען, וועלען זיי זיך זעהן סטאַרען, אַז די איבריגע זאָל מען אויך אריינלאָזען. איבערהויפּט איז דאָרט געווען אַן עלטערע „מוהמע", וואָס האָט געהאַט אַ „פּלימעניק" אין שיקאַגאָ וואָהנען. דער פּלימעניק האָט געזאָלט זיין גאָר אַ גאַנצער מאַכער און אַ גאַנצער אַמעריקאַנער. זאָל ער נור קומען — האָט זי געזאָגט — וועט ער שוין אַלע ארויסנעהמען, און יעדען מענשען וואָס זי האָט בעגעגענט אין קאָרידאָר, ווען מען האָט זי עסען געפיהרט אין גרויסען שפּייזע־זאַאַל, האָט זי געפרעגט אויף איהר פּלימעניק, אויב ער פאַהרט שוין, אַזוי ווי יעדער איינער וואָלט געדאַרפט קענען איהר פּלימעניק פון שיקאַגאָ, וואָס איז אַ גאַנצער מאַכער און אַן אַמעריקאַנער. די אַנדערע זיינען געזעסען שטיל. די אַלטע אידען, וואָס האָבען ניט געקענט געפינען זייערע קינדער, זיינען געזעסען און געזאָגט תהלים, די ווייבער האָבען געוויינט און די קינדער, וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען, האָבען זיך שטיל אין די ווינקעלאַך בעהאַלטען. אויף אַלע איז געלעגען דער אומעט פון אַן „ארויסגעשטויסענעם" און עס האָט איבער זיי געוועהט אַ פורכט פאַר דעם ים, איבער וועלכען זיי שטעהט צוריק צו פאַהרען, אין די היימאַטה־לאָזיגקייט.

— מיר איז ניט קיין חילוק, זאָלען זיי מיך אפילו שיקען קיין גושן, איז עס מיר שוין אויך אַלץ איינס. צו וועמען וועל איך פאַה־

רען, ווען האָב איך אין דער היים ? — האָט אַ אידענע גע׳דרשו׳ט פאר די אנדערע.

— אוי, אהיים — האָט זיך אַ צווייטע געקלאָגט, — אז דו האָסט, מ׳שטיינס געזאָגט, דאָס ביסעלע בעטגעוואנד גענומען און פערקויפט, אין די וויסטע וועלט זיך געלאָזט.

— איך האָב דיר באלד געזאָגט, אז דו זאָלסט ניט פאָהרען, שׂרה, פאָהר ניט. דער יונג איז ערגעץ־וואו פערפאלען געוואָרען. האָט פאָטאָגראפיעס געשיקט, ווייס איך, ווער גלויבט זיי — האָט דער איד פון תהלים מפסיק געווען און געזאָגט אין אזא טאָן ווי ער וואָלט אין גאנצען אין אמעריקאָ מסופק געווען, אויב עס איז גאָר מעגליך אזעלכעס.

— און בעטגעוואנד איז שוין אלעס ? — מישט זיך אַ דריטע אריין.

— אז וואָס בעטגעוואנד, און אַ שטוב האָט ער יא ? און צו ווערען וועט ער געהן ? — ווייזט זי אויף דעם מאַן, ווי פאר זיך וואָלט זי געווען פערזאָרגט.

ווי די ווייבער ריידען אזוי צווישען זיך, האָט זיך דערזעהן יאָסעלע געפונען אַ חבר. דאָס איז געווען אַ אינגעל אין זיינע יאָהרען, וועלכער האָט זיך אויך דאָרט אין דער שטוב ארומגעדרעהט. ער האָט שוין איינינגע מאָל געוואָלט צוגעהן צו יענעם, יענער צו איהם, און האָבען זיך ביידע ארום איינס געדרעהט מיט אַ געוויסע שעמעוודיגקייט און געשוויגען. צום סוף זיינען זיי דאָך בעקאנט געוואָרען, האָבען זיך ביידע ביי די הענד אנגענומען, אין אַ ווינקעל זיך געזעצט און ווי די גרויסע אָנגעהויבען צו ריידען.

— מען שיקט דיר אויך צוריק ?

— יא, און דיך ?

— אויך.

— פאר וואָס ?

— מען זאָגט, אז איך האָב טריבע אויגען.

— און מיר איז פון לעצטען טיפוס אַ קראַטץ אין קאָפּ געבליבען,

— און יאָסעלע נעהמט אראָב דאָס היטעל און ווייזט דאָס קעפּעל.

— דו האָסט אַ טאַטען דאָ ?

— יא, און דו ?

— איך בין א יתום, איך בין צו א פעטער אראפגעקומען — ענט־פערט דער צווייטער.

יאסעלע האט גרוים דרך ארץ געקראגען פאר'ן צווייטען אינגעל, ווייל ער איז א יתום און האט זיך געהאלטען פאר נידריגער פאר איהם, און ווי די צוויי געטרייע קינדער פון זייער פאלק, האט זיך קיין שמייכעל אויף זייערע ליפען ניט געוויעזען, די יוגענד פון זייערע גע־זיכטער איז אויסגעשטארבען, ווי קלוגע אלטע ערוואקסענע מענשען זיינען זיי געזעסען און איינער פאר'ן צווייטען דאס הארץ אויסגע־גאסען.

באלד איז אריינגעקומען יאסעלע'ס מאמע. איהרע טרעהרען זיי־נען נאך געווען פריש און זי האט מיט נאסע אויגען א צערטליכען רחמנות־בליק געווארפען אויף יאסעלע'ן. יאסעלע האט פערשטאנען זיין עלענד, זיין אונגליק און זיין שלים־מזל — אלעס איבער איהם... און האט זיך געפיהלט ווי שולדיג, ווי ער וואלט דאס אלעס אנגע־מאכט....

---

אין א פאר טעג ארום איז צוריקגעקומען די ענטשיידונג פון וואַ־שינגטאן. עס האט גאר ניט געהאלפען. יאסעלע האט געמוזט מיט דאס נעקסטע שיף צוריקפאהרען.

די פאמיליע איז געשטאנען צוזאמען. אלע האבען געשוויגען און אלע האבען געוואוסט וועגען וואס עס געהט, כאטש מען האט דערפון קיין ווארט נישט גערעדט. עס האט זיך געהאנדעלט אין דעם, ווער עס זאל יאסעלע'ן אהיים בעגלייטען.

די מוטער האט דאך בעדארפט דא בלייבען מיט די איבריגע קינדער, מען איז דאך שוין פארט דא. די מוטער האט געוויינט:

— איך וועל ניט לאזען דאס קינד אליין: עס וועט מיר פערלא־רען ווערען, איך וועל עס ניט לאזען, איך וועל אלעס אין מיטען ים איבערלאזען און וועל מיט'ן קינד מיטפאהרען.

האט זיך רחל'ע אבגערופען ווי אן ערוואקסענע.

— אויף וועמען וועסטו די קינדער לאזען, דער טאטע מוז דאך ארבייטען געהן, בלייב שוין דא, בלייב שוין דא. איך וועל שוין פאהרען — און זי האט זיך דאס טיכעלע גלייך געמאכט אויפ'ן קאפ, ווי עס וואלט זיך געהאנדעלט אום א גאנג צום פעטער צו געהן.

מאיר האָט געשוויגען און האָט נור בלויז געקוקט אויף רחל'ען. די מאַמע האָט ווייטער געוויינט.

— וואו וועל איך אייך אליין לאָזען? — ביסט דאָך נאָך אויך א קינד, איבער א ווייטען ים וואו וועל איך אייך אליין לאָזען?

— גיעב נור א קוק, איך וועל מיר שוין אן עצה געבען, איך וועל מיר שוין — ענטפערט רחל'ע און מאַכט זיך ווידער דאָס טיכעל גלייך אויפ'ן קאָפּ, ווי זי וואָלט שוין גרייט געווען צו פאָהרען.

— מיין אָרים קינד, מיין אָרים קינד — פאַלט די מוטער ארויף אויף איהר.

און רחל'ע צוקושט זיך מיט די מוטער אין טרעהרען, ווי זי וואָלט שוין אַן אַלטע אידענע געווען. דער פאָטער האָט גאָר נישט געזאָגט, געשטאַנען, געקוקט און די ליפּען זיך געביסען.

און אַז מען האָט יאָסעלע'ן צו דער שיף צוגעפיהרט, אויפ'ן שיף איהם ארויפצוזעצען, האָט ער גאָר נישט געזאָגט, אזוי ווי ביי דעם קליינעם איד וואָלט דאָס הארץ פערשטיינערט געוואָרען. שווייגענדיג האָט ער פערנומען דעם פאָטער'ס קושען, האָט געפיהלט די מוטער'ס ווארימע טרעהרען רינען אויף זיין קאָפּ; ער האָט גאָר גישט געזאָגט, ער האָט זיך געפיהלט שולדיג, שולדיג אין אלעם. מילא, ער איז פערפאַלען, נור ער שלעפּט רחל'ען מיט זיך מיט. ער האָט גוט גע־וואוסט און פערשטאַנען וואָס עס איז פאר די שוועסטער יעצט צו פערלאָזען אלעם און צוריק פאָהרען מיט איהם.

ער האָט געשוויגען, געשוויגען און דאָס קעפּעל געבויגען צו דר'ערד.

דאָך, ווען ער איז ארויף אויפ'ן בריקעל וואָס פיהרט צום שיף און האָט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן די מוטער מיט'ן פאָטער, האָט זיך דאָס קינד אין איהם ערוועקט און ער האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו וויינען:

— מאַמאַ!

און דאָס איז אזוי נישט פּאַסענד געווען פאר דעם אכט־יאָהרי־גען איד.

# אידישע רחמנות

די נאכט איז געלעגען א שווארצע איבער'ן ים. האט אלעס אריינגענומען אין זיך און פערהוילען פון מענשען'ס אויגען. דאס שיף איז אליין געגאנגען איבער'ן ים. קיין מענש האט זיך דערויף נישט געוויזען, אזוי ווי די מענשען וואלטען עס איבערגעלאזען אויף גאט'ס חסד, אז עס זאל זיך אליין אין דער פינסטער זיין וועג אויסשניידען. א געדיכטער נעבעל איז געפאלען איבער אלעס און האט אלעס פייכט געמאכט. דאס גאנצע שיף איז דורכגעווייקט געווען. דעם ים האט מען נישט געזעהן. ער איז געלעגען פערהוילען אין די שווארצע נאכט ארום. מען האט נור פערנומען זיין שווער אטהעמען פון דער נאכט ארויס. דאס איז געווען א שרעקליך ברויזען פון די וועלען, וועלכע מען האט נישט געזעהן, נור מען האט געהערט זייער גיסען זיך איינס אין דאס צווייטע אריין דארט אין דרויסען, אין די נאכט, און דאס האט נאך מעהר געשראקען און אנגעזאגט עפעס אונהיימליכעס, ווי עס וואלטען דארט אין דרויסען שרעקליכע לעבעדיגע ים-ברואים געלעגען און געביסען זיך איינס דאס אנדערע און געוואיעט אונהיימליך.

אין אזא נאכט האט זיך קיין לעבדיגער נפש נישט געוויזען. די מוזיק שפיעלט אין דער ערשטער קלאס און דארט אין ליכטיגען עלעגאנטען זאאל איז פערזאמעלט דאס ערשטע קלאסיגע פובליקום, אנגעטהאן אין באל-קלייד און פראק. בריליאנטען און פערל בלישצען געגענאיבער דאס עלעקטרישע ליכט. די פיינע זיידענע שפיצען שארמען זיך ארום די פים פון די שעהנע דאמען און שימערן ווי דער שוים פון ים ביים ברעג שטראנד.... דער קאוואליער פיהרט די דאמע צום טאנץ אונטער דעם קלאנג פון אן עלעגאנטען וויענער וואלצער, וואו זיינע אבגעריסענע טענער קומען אהער צו בלאנדזשען און ווערען פערלוירען אין דעם געברום פון די גיסענדע וועלען אין דרויסען אין דעם ים, וואס ליגט פערהוילען אין די שווארצע נאכט.

פופצעהן מעטער הינטער דעם רייך־בעלויכטענדען זאאל פון וואַנען עס פערנעהמט זיך יעצט די מוזיק, אין אַ טונקעל ווינקעל פון אַ לאַנגער ניעדריגער קאַמער, העלפט אויף טאַפּטשאַנען — העלפט אויף דר׳ערד, איז יעצט פערזאַמעלט אַ קליינער עולם. אויפ׳ן טיש לייכט זיך אַ שטיקעל ליכט, אַ פּאָאַר דאַמענעס זיינען צו־וואָרפען, אַ גלאָז און איבערגעבליבענע שטיקלעך עסען. אין אַ ווינקעל־טיש שרייבט ווער אַ בריעף. קיינער בעמערקט איהם נישט; דער עולם איז יעצט פערנומען אין אַן ערנסטען געשפּרעך.

עס פערצעהלט יעצט אַ הויכער שוואַרץ בעוואַקסענער מענש מיט טונקעלע אויגען און זעהר שאַרפע טונקעלע ברעמען, און אַלע האָרכען זיך איין צו איהם מיט אויפמערקזאַמקייט — וואָרים ביז יעצט האָט ער געשוויגען און קיינער האָט נישט געוואוסט ווער ער איז אַזעלכער, כאָטש די אַלע רייזענדע פון שיף האָבען זיך שוין געהאַט בעקענט פון ערשטען טאָג אָן, און ער פערצעהלט גאָר וואונדער.

אויסגעוועזן איז ער שוין די גאַנצע וועלט. אַפריקאַ קען ער ווי זיינע פינף פינגער און דאָרט וואו נור אַ איד פאָהרט, איז ער שוין געוועזן, און דאָך פערלאָזט ער דאָס אָרט און פאָהרט אַוועק, נישט ווייל עס געהט איהם שלעכט, — אומעטום וואָלט ער זיין שטיקעל ברויט געקענט פערדיענען, נור ער קען זיך נישט געפינען קיין אָרט. „עס בינדט איהם ניט צו“ — זאָגט ער — קומט אויף אַן אָרט, קוקט זיך ארום, קריעגט ארבייט און איז אָפּ אַ חדשים צוויי, דריי, אַ האַלב יאָהר און נעהמט באַלד דאָס פּעקעל און — היידאַ ווייטער. און אַזוי פון קליינערהייט אָן. ער איז אַ קינד געוועזן, ווען ער איז פון דער היים אוועק. ער וואָלט שוין ראָטשילד געווען, ווען ער וואָלט אויף איין אָרט געזעסען, נור ער קען נישט, — עס לאָזט איהם נישט. יעצט פאָהרט ער צוריק נאָך רוסלאַנד אין דעם קליינעם שטעדטעל, פון וואַנען ער קומט ארויס, ער פאָהרט צו קבר אבות; ווייל דעם פאָטער־מוטער׳ס קברים זעהן; דער פאָטער איז איהם צו חלום געקומען. האָט ער זיך דערוואוסט, אז דער פאָטער איז טויט. נו, ווייס ער נישט, אויב רוסלאַנד וועט איהם צוריק אריינלאָזען, צום מיליטער נישט גע־קומען. שטעלט ער זיך דאָס לעבען איין — ביים פאָטער׳ס קבר מוז ער דאָך זיין — עס לאָזט איהם נישט רוהען.

אַלע האָבען איהם אויסגעהאָרכט אויפמערקזאַם און מיט פורכט

אביסעל געקוקט אויף זיינע שווארצע ברעמען, ווי אין זיינע שווארצע אויגען וואָלט געלעגען א טראָפּען פון דעם אומענדליכען גרויסען ים, וואָס גיסט זיך פון איין עק וועלט צו דער אנדערער, וואָס ער וואָל־געדט זיך איבער זיינע ברעגען אַרום.

— אין אפריקא אויך געווען? — פרעגט א אידענע פון א ווינקעל אַרויס.

— געווען — ענטפערט דער שווארצער אָפּ אויף זיכער.

— דאָרט האָב איך א זוהן — זאָגט די אידענע — איהר האָט איהם נישט געזעהן?

— אודאי איהם געזעהן, נור ווער קען וויסען — ענטפערט דער פרעמדער אָב אויף געוויס.

— אין ארץ ישראל אויך געווען? — פרעגט אַן אַלטער איד פון א ווינקעל אַרויס, וועלכער פאָהרט פון אמעריקא שטאַרבען אין דער היים.

— געווען — ענטפערט אָב דער פרעמדער.

— און די מאַמע רחל'ס קבר געזעהן?

— דאָרט געווען, שטיינדלעך פון קבר אַראָבגענומען, — ווייזט דער פרעמדער און נעהמט אַרויס פון הינטער די וועסט א זעקעלע מיט ערד, וואָס ער טראָגט אויפ'ן הארצען.

— אָה וועה! — בעקוקען אַלע.

— כלעבען, גלייכער ווי אין אמעריקא — קרעכצט דער אַלטער איד — הלואי וואָלטען מיינע ביינער די זכיה געהאַט דאָרט צו ליגען, אז שוין יא איבער'ן ים געפאָהרען.

— איך טראָג עס שטענדיג אויפ'ן הארצען — ווייסט ניט וואו דו וועסט ליגען, אין דער פרעמד, צווישען גוים קענסטו שטאַרבען. דאָס (ווייזט ער אויפ'ן זעקעלע) זאָל מען מיר שטענדיג אויף די אויגען לעגען, איז עס ווי דו וואָלסט אין ארץ ישראל געלעגען.

אוי איז עס וואהר, אוי איז עס וואהר! — הלואי וואָלט איך עס געהאַט — כלעבען אביסעלע מעהר ווי אין אמעריקא געווען — קרעכצט דער אַלטער איד, וואָס פאָהרט אהיים שטאַרבען — צוועלף יאָהר ביי מיין זוהן אין אמעריצקע געווען, גאָלדענע רינגען האָט ער מיר אָנ־געהאַנגען, א גאָלדענעם שטעקען מיר געגעבען. וואָס, אין דעם (ווייזט דער איד אויף די רינגען מיט'ן שטעקען) וועט מען מיך בעגראָבען?

— אַז דו וועסט איהם בעטען, וועט ער דיר אפשר אַביסעלע שטיינדלאַך געבען — זאָגט די אַלטע אידענע, וואָס זיצט נעבען איהם — זעהט זיך אוים זיין ווייב.

— וואָס, אַזאַ מתנה — עס איז דאָך טהייערער פון בריליאַנטען און פערל — דאָס אַוועקשיינקען? — זאָגט אַן אַנדער אידענע.

— עס קאָסט דאָך ניט קיין געלד, ווער עס וויל קען עס דאָך נעהמען.

— מען דאַרף אָבער דאָרט זיין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער פרעמדער איז דאָך געוועזען געריהרט פון אַלטען און האָט איהם אַביסעלע ערד אָבגעלאָזט פון זעקעלע. דער אַלטער איד האָט עס צוגענומען, איינגעבונדען עס זיך אין ציצה־כנפות און מיט אַזאַ דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף דעם פרעמדען, אַז טרעהרען האָבען זיך געוויעזען אין זיינע אויגען.

— אפשר איז מיין פאָטער אויך אַזוי געוועזען, — זאָגט דער פרעמדער, — איך האָב דאָך מיין פאָטער נישט געזעהן, — אַז איך זעה אַן אַלטען אידען, דאַכט זיך מיר, אַז עס איז מיין טאַטע.

— און איך וויל מיין היימאַטהס־לאַנד נישט פערלירען. וואָס עס וועט זיין, דאָך אַ היימאַטהס־לאַנד.

אַלע האָבען זיך אַרומגעקוקט, ווער וויל דאָס נישט זיין „היימאַטה־לאַנד“ פערליערען. עס איז געוועזען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געזאָגט די ווערטער. ער האָט געוויעזען אויף זיך מיט די האַנד און געזאָגט נישט אָהן פאָזע: „כאָטש איך וויים מען וועט מיך צו די סאָלדאַטען נעהמען, דאָך פאָהר איך אהיים, איך וויל מיין היימאַטהס־לאַנד נישט פערליערען“.

— מילא היימאַטהס־לאַנד, איך ווייס גאָר נישט אויב מען וועט מיך אַריינלאָזען אין מיין „היימאַטהס־לאַנד“ אַריין.

— פאַר וואָס זאָל מען אייך נישט אַריינלאָזען?

— איך האָב דעם פאַס אָבגעגעבען אַן אַנדערען, יעצט שיקט מיך אַמעריקאַ צוריק.

— וואָס הייסט מען וועט דיך נישט אַריינלאָזען? — נור ווער דען זאָל דיך צוריקנעהמען? דו ביסט דאָך אַ רוסישער?

— אַ קשיא אויף רוסלאַנד.

דאַ האָט זיך עפּעס בעוויעזען אין אַ ווינקעל אַ קינד פון אַ יאָהר

צוועלף, איז צוגעגאנגען צום קופקעלע מענשען, זיך איינגעהארכט און איהרע שווארצע אויגען האבען מיט שרעק אנגעהויבען ארומצו־קוקען די מענשען. זי האט זיך שוין אנגעהויבען ערנסט צוצוהארכען צו די רייד, און אנגעהויבען אויסצופרעגען א אידענע וואס איז גע־זעסען נעבען איהר, וועגען דעם וואס מען רעדט דא.

— וואס, מען וועט נישט צוריק אין רוסלאנד אריינלאזען? — האט די מיידעלע געפרעגט. אין איהרע אויגען איז א שרעק געלעגען און איהרע ליפען האבען געציטערט.

— וואס איז דען? — פרעגט די אידענע.

— מען שיקט צוריק מיינעם א ברודער׳ל — איך פאהר מיט איהם צוריק; וואס זאגט דער איד, מען וועט נישט צוריק קיין רוס־לאנד אריינלאזען?

— און א פאס האסט דו? — פרעגט די אידענע.

— א פאס? — שטאמעלט רחל׳ע און פערליערט זיך נור אויף איין מינוט, — וואס הייסט א פאס, מען לאזט דאך איהם ניט אריין, ווייזט זי אויף דעם קליינעם יאסעלע, וועלכער איז געלעגען איינגע־קארטשעט אין א ווינקעל און האט געשלאפען, צוגעדעקט מיט רחל׳עס סאפטאן און האט אויסגעזעהן ווי אז ארימער ווארים וואלט געלעגען.

דער עולם איז שטיל געווארען און האט זיך אנגעהויבען איינצו־הארכען צו רחל׳ען. זיי האבען זי שוין באלד פון ערשטען טאג בע־מערקט, נור רחל׳ע האט זיך אזוי פון דערווייטענס געהאלטען פון אלע רייזענדע און האט מורא געהאט מיט וועמען א ווארט אויסצו־ריידען (אזוי האט מען איהר אנגעזאגט), אז קיינער פון די רייזענדע האט נישט געוואוסט פון די קינדער׳ס צרות און מ׳האט געמיינט, אז זיי זיינען מיט א מוטער צוזאמען. יעצט אז זיי האבען געהערט, אז דאס פאהרט זי צוריק מיט א ברודער׳ל, האבען אלע אבגעהאקט דאס געשפרעך און אנגעהויבען זיך מיט איהר צו פעראינטערעסירען.

— וואס הייסט מען שיקט אייך צוריק? פאר וואס שיקט מען אייך צוריק?

— ער האט א ראצעל אין קעפעל, פון טיפוס געבליעבען — פער־צעהלט רחל׳ע, ווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויף דעם שלאפענדען יא־סעלע, אין אזא טאן, ווי זי וואלט זיין מוטער געוועז.

— האט מען אייך נישט אריינגעלאזט? אמעריטשקע גנב, אזא

אומגליקליך קינד, — זאָגט אַ אידענע און נעהמט דאָס ליכט און בע־קוקט דעם שלאָפענדען יאָסעלע — אַזאַ מלכות'דיג קינד — און וואו איז די מאַמע?

— די מאַמע האָט דאָך געמוזט בלייבען מיט די איבריגע קינ־דער, פאָהר איך אַליין מיט איהם צוריק.

— פאָהרסט דו מיט איהם צוריק. — וואָס זיצט דו ניט? גיב איהר אַ בענקעל, לאָז זי זיצען, קום אַהער דאַ מיידעלע, זעטץ זיך דאַ, — ווייזט איהר אָן פּלאַטץ אַ אידענע, וועלכע האָט זיך אויפגע־הויבען. נאַ זעץ דיך, די פיס מוזען דאָך נעבעך דיר וועה טהאָן.

— נאַ־דיר, דערכאַפּ דיר דאָס הארץ, — טראָגט איהר אַ אידענע אונטער אַ שטיקעל לעקעך, — און וועה די אומגליקליכע מאַמע! איך פיהל נעבעך איהר ביטער הארץ, — קרעכצט די אידענע און ווישט זיך אַ טרעהר פאַר חנה לאה'ן.

— מילא זי שלאָפט שוין נישט דאָרט קיין נאכט, די אומגליק־ליכע מאַמע, — קרעכצט אַ צווייטע אידענע און רופט דעם מאַן: שמואל, שמואל! נעהם נור אַרויס פון קעסטעל די פאָמעראַנצען, די מיידעל איז דאָך נעבעך שוואַך.

— שווייגט, שווייגט! — איהר וועט דאָך דאָס קינד אויפ־וועקען, — רופט זיך אָפּ אַ דריטע אידענע און נעהמט אַראָפּ איהר טוך פון זיך און דעקט צו דערמיט דעם שלאָפענדען יאָסעלע'ן — דאָס קינד נעבעך, עס איז דאָך קאַלט אויפ'ן שיף.

אין אידען האָט זיך געגעבען אַ דערוועק דער רחמנות. אַ גע־פיהל וואָס קען נור האָבען אַ פאָלק וואָס לעבט שוין אַזוי לאַנג, וואָס איז שוין אַזוי משפחה'דיג צווישען זיך, וואָס האָט שוין אַזעלכע צרות דורכגעלעבט. דאָס געפיהל פון רחמנות האָט געגעבען זיך אַ צינד אָן אין אַלע אידישע הערצער אויפ'ן שיף צו די צוויי קינדער און אַלע האָבען זיך געפיהלט משפחה'דיג מיט די קינדער, אַזוי ווי זיי וואָלטען געמוזט די ערטער פון זייער פאָטער־מוטער פערטרעטען.

רחל'ע האָט ניט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטהאָן מיט די אַלע מתנות, וואָס האָבען זיך געגעבען אַ שאָט צו איהר פון אַלע זייטען. וואו עס האָט זיך נור געפונען אַ אידענע אויף דעם שיף, איז זי אַהער געקומען אויסצוגיסען איהר מוטערליכען געפיהל צו איהר... ווער עס האָט נור עטוואָס זיסעס געהאַט אין זיין קאַסטען בעהאַלטען, האָט

מען עס געבראכט צו רחל'ען. איינע האט איהר איהר געלעגער אָבּ־געבּאָטען, די צווייטע האט איהר טיכעל אויסגעטהאָן און רחל'ען אָנ־געטהאָן, פאַמעראַנצען איהר געבראכט, א שטיקעל שאָקאָלאַדע ווער עס האט נור געהאט, אלעס אין איהר שוים אריינגעלייגט.

— וואָס טויג מיר די נארישקייטען — רופט זיך א איד אָן — מען הארף געוואהר ווערען אָט וואָס, דעם עיקר — גיט ער א וואונק און א גענה צו רחל'ען און רוימט איהר איין אין אויער:

— און עפּעס געלד האט אייך דער טאַטע מיטגעגעבען?

— אודאי, ווייזט רחל'ע אויף א זעקעלע, וואָס זי טראָגט אויפ'ן האלז.

— האָס איז גאר נישט — זאגט דער איד, נישט זעהענדיג וואָס אין זעקעלע — מען דארף אָט וואָס:

— שמואל! — גיט ער א רוף א אידען אין א ווינקעל אריין, — גיב נור אהער א פּאָר גילדען. אין א פּאָר מינוט ארום זיינען שוין די אידען אין א ווינקעל געשטאַנען און געלד צוזאַמענגעלייגט פאר די קינדער.

און אז יאָסעלע איז פון שלאָף אויפגעשטאַנען, האט ער זיך גע־פונען ווי אין א גן־עדן, מען האט איהם אויף די הענד געטראָגען. „לאָזט צו, לאָזט צו", האבען אידען געשריען און איהם אוועקגעזעצט אויבען־אָן און געבראכט צו שלעפּען, וואָס אייגער האט נור געהאט. יאָסעלע האט זיך ארומגעקוקט, האט ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך און האט מיט שרעק געקוקט אויף רחל'ען.

— עס דאָס עפּעלע, מיין קינד, — זאגט צו איהם א אידענע און בעקוקט איהם דערווייל מיט ליעבע דאָס קעפּעלע, — א ראטע, — זאָגט זי, — גאר נישט קיין ראטע, אמעריטשקע גנב. איך שמיר איהם איין מיט אביסעלע שפּירימוס, איז אוים ראטע. איבער דעם נעהמט מען א קינד און מען רייסט עס פון א מאמע אוועק. גוים, ימח שמם!

— וואָרים א אידיש קינד געהט זיי דען עפּעס אָן? א אידיש קינד — זאגט א צווייטע, און בעטראכט אויך יאָסעלע'ס קעפּעלע.

— און איך וויים פון א דאָקטאָר אין בערלין, ער זאל נאָר ווע־לען, מיט איין מאך מיט דער האנד, איז אוים ראטע, — דערצעהלט א אידענע.

— וואָס הייסט ער וועט ניט וועלען? — מען וועט איהם בע־צאָהלען דערפאַר, — זאָגט אַ איד.

— אודאי בעצאָהלען, וואָס הייסט ער וועט ניט וועלען? — שטימען אונטער די אידען.

— יענער איז אַ פּראָפעסאָר, אַ גרויסער מאַן, ער היילט קיסרים סאַמע, האָט מיר מיין דאָקטאָר פון ניו יאָרק מיטגעגעבען אַן אדרעס צו איהם, ער זאָל מיר מיינע שטיינער גרינגער מאַכען. אוי, איך האָב שטיינער! — קרעכצט די אידענע.

— ווייזט נור דעם אדרעס, לאָזט נור זעהן, — זאָגט אַ איד.

די אידענע האָט אַרויסגענומען פון אַ הינטער־קעשענע אַ שטיקעל פּאַפּיער און געוויזען דעם אדרעס פון גרויסען דאָקטאָר, וועלכער היילט סאַמע קיסרים.

— נו, שוין גוט. איך וועל אודאי דורכפאָהרען דורך בערלין, וועל איך שוין אַליין מיט זיי אַרויפגעהן. מיר וועלען זעהן, אויב ער וועט ניט פאַר אונזער גראָשען געלד דעם קינד׳ס קאָפּ אויסהיילען, — זאָגט דער איד און בעהאַלט זיך דעם אדרעס אין קעשענע.

---

אין אַ פּאָאָר טעג אַרום האָט מען געקענט בעמערקען פּאַר אַ שעהן הויז אויף דער פריעדריך שטראַסע אין בערלין זיינען געשטאַנען צוויי קינדער, אַ מיידעל און אַ קליין אינגעל, רוסישע „אויסוואַנדלער“, און האָבען זיך געאַמפּערט מיט׳ן שווייצער, וועלכער האָט אויף זיי חושד׳יג געקוקט און זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזען. די מיידעל האָט אָבער זעהר ענערגיש גע׳טענה׳ט און געבעטען און געוויזען אויף יאַ־סעלע׳ס קעפּעלע, אַז זי וויל צום דאָקטאָר קאַהאַן, וועלכער היילט נור קסרים. נאָך אייניגע מינוטען אונטערהאַנדלונג, איז זיי דאָך גע־לונגען אַריינצוקומען אין הויז, און די זעלבע סצענע האָט זיך אויך אָפּגעשפּיעלט אין די טהיר פון דר. קאַהאַן מיט די שיקסע פון דר. קאַהאַן. רחל׳ע האָט אָבער אויף גאָר נישט געקוקט, גענומען פעסט יאָסעלע׳ן ביי דער האַנד און אַריינגערוקט זיך אין שטוב אַריין. יאָ־סעלע האָט זיך געלאָזט שווייגענדיג נאָכשלעפּען מיט אַ מינע פון יאוש „עס איז מיר גאַנץ גלייך“.

זיי האָבען לאַנג געוואַרט אין עמפּפאַנגס־צימער צווישען די געסט. אַז אַלע זיינען שוין אַוועק, האָט מען זיי אַריינגעלאָזט צום

דאָקטאָר. דער דאָקטאָר, אַ ניעדריגער און אַ פולער מיט אַ הוילען קאָפּ און אַ פּאָאר גע׳ממזר׳טע אויגעלעך, וועלכע לויפען ארום איז פנים, מיט אַ פּאָאר אראָפּגעפּאַלענע וואָנסעלעך, האָט זיי צוגערופען אביסעל פערוואונדערט מיט די הענד פון דערווייטענס. רחל׳ע האָט די געלד געהאַלטען אין איין האַנד און מיט די צווייטע האַנד געוויזען אויף יאָסעלע׳ס קעפּעלע, האָט זיך ניט דערשראָקען, גע׳טענה׳ט מיט אַ פול מויל אידישליך צום דאָקטאָר אַזוי:

— פּאַני דאָקטאָר, האָט רחמנות, די מאַמע מיט׳ן טאַטען זיינען אין אַמעריקא, מיין ברודער׳ל לאָזט מען ניט אריין — ער האָט אַ קעפּעל, — ווייזט זי אויף יאָסעלע׳ן — היילט עס איהם אויס, איהר קענט דאָך; האָט רחמנות אויף אַ אידיש קינד. די מאַמע מיט׳ן טאַטען זיינען אין אַמעריקא, — האָט רחל׳ע געזאָגט אין טרעהרען, און האָט דערלאַנגט דאָס געלד מיט דער האַנד.

זעהט זיך אויס, אַז דער גרויסער פּראָפעסאָר, וואָס היילט נור סאַמע קיסרים, האָט פערשטאַנען רחל׳עס שפּראַך — האָט דאָס געלד צוגענומען פון רחל׳ען, אויפ׳ן טיש אוועקגעלעגט און גוט זיך די הענד געוואַשען און בעקוקט יאָסעלע׳ס קעפּעלע און געשאָקעלט מיט דער גאָמבע.

— איהר זייד וואָהל אויסוואַנדלער, רוסישע אויסוואַנדלער, וואָס?

כאָטש רחל׳ע האָט נישט פערשטאַנען וואָס דאָס איז, נור כדי צוליעב צו טהאָן דעם דאָקטאָר, האָט זי צוגעשטימט: „יא, יא“, און יאָסעלע האָט איבערגעגעבען דאָס קעפּעל אין דאָקטאָר׳ס הענד.

ער האָט געהייסען וואַרטען אויף די צייט און פערשריעבען אַ רעצעפּט.

אַז די קינדער זיינען אַהיים געקומען אין די אכסניא אריין אין אַ פערוואָרפען געסעל, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אייניגע וואָס זיינען געפאָהרען מיט זיי אויפ׳ן שיף און אונטער וועלכע עס איז אויך געווען די אידענע וואָס האָט געהאַט דעם אדרעס פון דאָקטאָר, האָט מען זיי אויסגעפרעגט און אַלע האָבען זיך געפרעהט, וואָס דער בעריהמטער פּראָפעסאָר האָט זיי צוגענומען און געריהמט רחל׳ען פאַר איהר בריה׳שאַפט.

צווישען די רייזענדע האָט זיך אויך געפונען דער איד פון שיף,

וואָס האָט צוגענומען דעם אדרעס פון דער אידענע. ער איז דאָס געפאָהרען מיט זיי פון דער שיף אָן און נישט פערלאָזט די קינדער. ער האָט אויך געהאַט אַ פּאַס, אויף וועלכען עס זיינען געווען פערשריעבען זיינע קינדער, און מיט איהם האָבען דאָס געזאָלט רחל'ע מיט יאָסעלע'ן אריבערפאָהרען דעם גרענעץ אויף זיין פּאַס, אלס זיינע קינדער. ער האָט זיך גענומען יעצט יאָסעלע'ן אויסלערנען דעם נאָמען, ווי ער וועט הייסען ביי דער גרענעץ, — שמואל גאָלדמאַן.

— אלזאָ, ווי הייסט דו? — פרעגט דער איד.

— שמואל גאָלדמאַן — ענטפערט יאָסעלע אָפּ פעסט.

— אָט אַזוי, וועסט ניט פערגעסען?

— ניין, איך וועל נישט פערגעסען. שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן — חזר'ט זיך יאָסעלע פאַר זיך.

— אָט אַזוי זאָגט דער איד. און ווי הייסט דו? — פרעגט ער רחל'ען.

— חנה גאָלדמאַן.

— וואויל. גוטע קינדער, גוטע קינדער — פרעהט זיך דער איד.

און יאָסעלע האָט טאַקע נישט פערגעסען, ווי אַ געניטער רייזענדער וואָס איז שוין אַזוי פיעל מאָל די גרענעץ אריבערגעגאַנגען, און ווייס, אַז מען דאַרף זיך אָן עצה געבען, האָט ער אויפ'ן גרענעץ דעם זשאַנדאַרם געוויעזען אויף דעם פרעמדען אידען, אַז ער איז זיין פאָטער.

עס איז געווען דאָס איינציגע מאָל אין לעבען, וואָס יאָסעלע האָט זיין פאָטער פערלייקענט. דאָס הארץ האָט איהם נישט געשלאָגען דערפאַר. ער האָט געוואוסט, אַז עס דאַרף אַזוי זיין.

נאָך דער גרענעץ האָבען זיי זיך הערצליך געזעגענט מיט זייער „גרענעץ־פאָטער", וועלכער איז אוועקגעפאָהרען אין אַן אַנדער ריכטונג און מיט די אַנדערע ווייבער, וואָס זיי האָבען געטראָפען אויף דער רייזע. מען האָט זיך אָנגעוואונשען אל־דאָס־גוטס, געדאַנקט און מיטגעגעבען זיך גוטע זאַכען.

און אַז זיי זיינען מיט די פוהר צוריק אין זייער שטעדטעל אריינגעפאָהרען צו די מוהמע שיינדעלע, האָט יאָסעלע'ס הארץ אָנגעהויבען צו קלאַפּען אַ:, אַז די מוהמע שיינדעלע האָט זיי דערזעהן, האָט זי

זיך גאַרנישט געוואונדערט, נור האָט געשמייכעלט מיט איהרע רויטע בעקעלעך און בלייכע ליפּען.

— כי, כי, כי! — האָט זי געזאָגט — איך האָב באַלד געוואוסט, אז עס וועט אַזוי זיין.

# דער נס מן השמים

ווי נור די געקומענע האָבען די אמעריקאַנער לופט דערשפּירט, זיינען זיי ווי מיט דער האַנד פערענדערט געוואָרען און מאיר איז ווי אַ פרעמדער צווישען זייניגע ארומגעגאַנגען. צייט ער האָט דאָס ווייב מיט די קינדער אַראָבגענומען און די קינדער האָבען אָנגעהויבען צו געהן אין סקוהל אריין, זיינען זיי פאַר זיינע אויגען ווי פערפרעמדט געוואָרען פון איהם. ער האָט נישט געוואוסט, ווי אזוי עס איז געוואָרען, נור מיט יעדען טאָג זיינען דאָס אַנדערע קינדער געוואָרען, נישט זיינע, נור פרעמדע, וועלכע ער האָט נישט געקענט און פאַר וועלכע ער האָט אָנגעהויבען מורא צו קריעגען.

מאיר, דער יודע ספר, וואָס איז דאָרט אין דער היים געווען אַ איד אַ חסיד, אַ מפורסם, איז קליין און פערשעהמט געוואָרען פאַר זיינע אייגענע קינדער, וועלכע זיינען ערשט נאָר וואָס אין חדר גע־געגאַנגען. קוים זיינען זיי נאָר אַראָבגעקומען, און האָבען אָנגעהויבען אין סקוהל צו געהן, זיינען זיי ווי מיט דער האַנד פערענדערט געוואָרען, האָבען נאָר צווישען זיך ענגליש גערעדט און זיינען געווען איינגעטונקט אין ספּאָרט, ווי דאָס וואָלט נישט געווען מאיר דעם אידען'ס פון קליינעם פּוילישען שטעדטעל, נאָר אויפגעוואַקסען אין אַ גאָר אַנדערע סביבה, פעראינטערעסירט אין די פוס־באָל (פוט־באָל), וואָס איין שטאָדט שפּיעלט מיט די צווייטע, און ספּאָרט־צייטונגען געלעזען. זיי האָבען דעם פאָטער געהאַלטען פאַר אַ „גרינעם“ און פעראַכטעט איהם וואָס ער קען ניט אזוי רעדען ענגליש ווי זיי און פעראינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, מיט וואָס אין אמעריקא פעראינטערעסירט מען זיך.

קיין זאַך אסימילירט נישט אזוי אין אמעריקא ווי די סקוהלס און מיט יעדע לעקציע, וואָס די יונגען האָבען גענומען אין די סקולס, זיינען זיי אַנדערש געוואָרען פון מאיר'ס שניט. דאָס זעלבסטשטענ־

דיגקייט, וואָס איז איינגעפּלאַנצט אין דעם אמעריקאנער באַי (אינ־געל), האָט זיך אויך ביי זיי ערוועקט. קוים האָבען זיי נאָר ענגליש געקענט ריידען, האָבען זיי שוין געפּרובירט אליין צו פערדיענען. אהיים געקומען פון דער סקוהל, זיינען זיי אין די רעדאקציאָנען גע־לאָפען, גענומען „פּייפּערס“ (צייטונגען) צו פערקויפען, אָדער זיך געשטעלט אין טעלעגראַמען־קאַנטאָרען טעלעגראַמען אָבטראָגען. און קוים האָט דאָס קינד די ערשטע פּאָר קוואָדערס (האַלבע רובל) אהיים געברענגט די מוטער, האָט עס זיך שוין געפיהלט זעלבסטשטענדיג; קיינער האָט שוין קיין דעה נישט אריינצורעדען אין זיינע „ביזנעס“ (עסקים). די אידעאַלע זעלבסט־בעוואוסטזיין און אכטונג צו פערזענ־ליכע פרייהייט, וועלכע די אמעריקאנער פובליקום סקוהל פלאַנצט איין אין די צוקינפטיגע בירגער פון די יונייטעד סטייטס, האָט זיך באַלד ערוועקט מיט די גאַנצע קינהייט אין די יונגען פון דעם קליי־נעם שטעדטעל, איבער וועלכע דער פאָטער האָט דאָ ערשט ניט לאַנג געהאַט אַזאַ גרויסע הערשאַפט. און זיי זיינען גרייט געווען, ווי יע־דעם אמעריקאנער קינד, צו פערטהיידיגען זייער פרייהייט מיט די „פייטס“, וועלכע זיי האָבען זיך אזוי גוט אין די סקולס אויסגעלע־רענט. דורך דעם איז דעם פאָטער'ס וואָרט קיין וואָרט ניט געווען פאַר זיי. זיי זיינען געגאַנגען אין חברה אריין דעמאָלט, ווען זיי האָבען געוואָלט, און געדאווענט, ווען עס האָט זיך זיי געגלוסט. נישט געוואַשען זיך צום עסען, נישט קיין ברכה געמאַכט, מעהרסטען אָהן היט ארומגעלאָפען און געטהאָן וואָס זייער הארץ האָט זיך געגלוסט.

מאיר האָט זיך באַלד איבערצייגט, אז אמעריקא איז ניט לענשנע. אין לענשנע האָט ער געקענט זיין אַ געוועלטיגער אי־בער זיינע קינדער, אָבער אין אמעריקא איז אַן אנדער מאָדע; דאָ האָבען טאַטעס איבער קינדער גאָר נישט צו זאָגען, און אויף אַלע פּאָרוואָרפע, וואָס ער האָט זיי געמאַכט, האָבען זיי איהם צוריק אָב־געענטפערט:

— מיינד יור אָון ביזנעס (היט דיר דיינע געשעפטען). און חנה־לאה פלעגט פערשילטען קאָלומבוס'עס ביינער, כאָטש זי האָט נישט געוואוסט ווער און וואָס אַזעלכעס איז דאָס געווען דער קאָלומבוס, נאָר זי האָט געהערט, אז אַלע ווייבער אין אמעריקא שילטען קאָלומ־בוס'ן, האָט זי אויך געשאָלטען.

— אראבגענומען מיר קיין אמעריקא מיין מאן צו קאלומבוס'ען! אוי, קאלומבוס, איינליעגען אין ד'ערד זאל ער נישט קענען!

און ניט דוקא די „קאמאנדע", נאר אפילו רחל'ע (לאנג איז זי שוין געוועזן צוריק אראבגעקומען מיט יודעל שניידער, איבערלאזענדיג יאסעלע'ן ביי דער מוהמען), — אפילו רחל'ע איז דא אויך א גאנץ אנ־דער מיידעל. געגאנגען איז זי אין שאפ און האט זיך אויסגעלערענט פון חבר'טארינס, אין קאפעליושען האט זי זיך געפוצט און אין די טהעאטערס געגאנגען (האט חנה־לאה'ן אויך אמאל מיטגענומען).

זיינען זיי ביידע, מאן און ווייב, געזעסען און געבענקט נאך יאסעלע'ן, וועלכער איז איבערגעבליעבען אויף יענער זייט ים ביי דער מוהמען. דאס „איינציגע קינד" האבען זיי איהם גערופען און האבען איהם געגארט צו זעהען.

---

און יאסעלע איז דערווייל אן ערוואקסען איינגעל געווארען, וואר־רים עס איז שוין געווארען א יאהר אנדערטהאלבען, צוויי, ווי ער האט די עלטערען נישט געזעהען; לענגסט שוין אנגעהויבען גמרא צו לערנען, לענגסט שוין איבערגעגאנגען צו יעקב יודעל'ס אויף „שיעור" און נישט מאיר און נישט חנה־לאה האבען די זכיה זיין גמרא־נגון צו הערען. עס הערט זיין לערנען יעדען שבת נאכמיטאג, ווען ער פער־הערט זיך ביים פעטער, די מוהמע שיינדעלע, נאר די מוהמע שיינדעלע „חיתערט" אזוי, אז מען ווייס נישט צו זי פרעהט זיך דעריבער, צו זי טרויערט. איהר געזיכט ווערט וואס אמאל בלייכער און די פלעקען אויף די באקען וואס אמאל רויטער און די אויגען וואס אמאל מעהר גרינער. זי זיצט א גאנצען טאג און נייהט זיך אליין תכריכים. „מען מוז זיין גרייט" — זאגט זי— „יעדער מענש דארף זיין גרייט". זי איז געווארען א חברה־קדישא אידענע. און ווי עס שטארבט ווער אין שטאדט, היט זי די נשמה אב, און יאסעלע ווייסט פון אלע טוידטע, ווי אזוי זיי זיינען געשטארבען און וואס פאר א גרימאסען זיי האבען געמאכט ביים טוידט... און נישט דאס דוקא ווייסט ער. נור ער ווייסט אויך, ווער עס וועט דער נעקסטער שטארבען, ווארים די מוהמע זיצט דורך די גאנצע ווינטער־נעכט און רעכענט אויס די, וועלכע וועלען באלד שטארבען, און יאסעלע זעהט זיי אין גאס און איהם דאכט זיך, ווי ער זעהט דעם מלאך המות וואס טאנצט פאר זיי

פּאַראוים.. און דער פּעטער זיצט גאַנצע טעג און שווייגט, קיין איין איבעריג וואָרט הערט מען נישט פון זיין מויל, נור דאָס וואָס ער דאַרף, ווי ער וואָלט אין אַן אַנדער וועלט געשטעקט דורך זיין גאַנץ לעבען און קומט נור טהייל־מאָל צוריק דאַ אהער אין אַן אַנדער וועלט אריין, ווען ער דאַרף עסען.... יאָסעלע רעדט זיך דורך מיט די עלטע־רען דורך בריעף.

און דאָס בענקשאַפט צווישען פּאָטער און זוהן איז געווען זעהר גרויס. אַ ים איז געלעגען צווישען זיי, און דער ים האָט זיי אריבער־געבראַכט בריוועלעך פון איינעם צום אַנדערען, אין וועלכע זיי האָבען זיך די הערצער אויסגעגאָסען. יאָסעלע האָט דעם פּאָטער מיטגע־טהיילט פון יעדען נייעם שיעור, וואָס זיי, די חדר־איינגלעך, הויבען אָן און פון יעדען שטיקעל פּלפּול, וואָס דער רבי לערענט מיט זיי, און דאַגעגען דער פּאָטער איהם פון אַלעס, וואָס עס פּאַסירט אין אמע־ריקא.

וואָרים דער פּאָטער האָט זעהר געבענקט נאָך איהם. פון די „קאַמאַנדע" דאָרט אין אמעריקא האָט ער געהאַט גרויס שברת הלב. הויבען זיך אויף אין דער פריה און כאַפּען דאָס עסען און פערגעסען צו דאַוונען. זיי זיינען גאַנצע טעג אין די סקוהלס, וואו מען לערענט נור מיט זיי גוי'יש און לויפען ארום אָהן היט אונטער דעם פרייען הימעל אין די גאַסען, וואו זיי ציגדען אָן גרויסע פייערס, און זיי האָ־בען פערגעסען אַ אידיש וואָרט, און רעדען נור גוי'איש, און הערען נישט, וואָס דער טאַטע זאָגט און וואָס די מאַמע זאָגט — וואָרים דאָרט איז אַ מנהג, אַז קינדער האַלטען נישט כבוד אב ואם, און רחל'ע איז אויך אין גאַנצען געענדערט געוואָרען, קליידט זיך אין קאַפּעליו־שען און געהט אַרום אין טהעאַטערען און צירקען. יאָסעלע האָט זיך זעהר פערוואונדערט איבער זיינע ברידער. עסען זיי אונגעדאַוונט! ווי עסט מען אָהן דאַוונען? ווי קען דאָס אַ איד לעבען אָהן דאַוונען? און ער האָט זיי בריעף אראָבגעשריעבען, אין וועלכע ער האָט זיי דער־מאָנט די מצוה פון כבוד אב ואם, אין מעשה ביכעלעך זיי אראָבגע־שיקט, אין וועלכע עס ווערט דערצעהלט ווי גרויס די מצוה איז פון כבוד אָב ואם בדרך משל, אַז זיי זאָלען זיך אַ מוסר אראָבנעהמען, אָבער זיי האָבען זיך צו איהם נישט צוגעהערט.

און וואָס גרעסער די קינדער זיינען געוואָרען אין אמעריקא, אַלץ

פרעמדער האָט מאיר זיך געפיהלט צו זיי. פאר זיינע אויגען זיינען זיי אויפגעוואקסען און אויסגעוואקסען זיינען זיי אונפערשטענדליך און פרעמד צו איהם, דעם פאָטער'ס העויות און פרומקייט האָט ביי זיי געלעכטער ערוועקט, זיי האָבען שוין ניט געוואָלט מיטגעהן אין די חברה אריין צו קדוש השבת, זיינען ווי עשו אום שבת אויף דעם „געיעג" געלאָפען. דער „געיעג" האָט געהייסען ביי חנה־לאה'ן דער באַל־שפּיעלען, צו וועלכען די יונגען האָבען גרויס חשק געהאַט. אהיים געקומען יעדען פאַר־נאַכט אָבגעריסען, אָהן היט, מיט א צו־דראָפּעט פּנים, און ריידען זיי א וואָרט האָט מען ניט געטאָרט. און אַמעריקא איז אזא לאַנד, וואו שלאָגען קינדער טאָר מען נישט און די גאַנצע אימה פאַר'ן טאַטען איז מיט די האַנד אָבגעווישט געוואָרען. און מאיר געהט אַרום אין זיין הויז ווי א פרעמדער, ער זעהט ווי זיינע קינדער וואַקסען אויס גוים, גוים ממש און זיינען עובר אויף הונ־דערט עברות יעדען טאָג און ער קען זיי גאָר נישט זאָגען, און נאָך מעהר: זיי הויבען דעם פאָטער אָן צו האַלטען פאַר א חסר־דעה, פאַר א נאַר, פאַר א „גרינהאָרן", און זיינען איהם מבטל מיט זיין גאַנץ ביסעל לערנען, מיט זיינע ספרים. און זיין אידישקייט זעהט גאָר אויס ביי זיי ווי חוכא וטלולא. און דאָ קריעגט ער יאָסעלע'ס בריעף, „מלא אהבה על כל גדותיו", און די פּשט'לעך, און דער שעור! יאָ־סעלע איז זיין איינציגע כשר'ע אידישע קינד, — איז מאיר'ס האַרץ אויסגעגאַנגען נאָך איהם. ער האָט איהם געוואָלט זעהן, מיט איהם ריידען, ביי איהם, יאָסעלע'ן, וועט ער זיין דער פאָטער מאיר, יאָסעלע וועט איהם מכבד זיין, וועט זיך פערהערען ביי איהם, וועט מיט איהם אין די חברה געהן. — האָט ער געשריעבען צום שוואָגער לייבוש בריעף און צו יאָסעלע'ן בריעף, למען השם, אז יאָסעלע זאָל קענען אַראָב־קומען.

---

עס איז געווען א פאַר־פּורים טאָג. די זון האָט זיך שוין אָנגע־הויבען בעוויזען אין שטעדטעל, דער שנעע האָט אָנגעהויבען צו צו־געהן און אין דער לופט האָט מען שוין געפיהלט ווי עס בלאָזט דער ווינד פון פריהלינג. די קינדער פון חדר האָבען שוין אָנגעהויבען צו ריידען וועגען די גייע קאַפּאָטקעלעך, וואָס זייערע עלטערען מאַכען זיי אויף פסח און האָבען געוויזען זייערע חברים די פּראָבקעס סחורה און

זיינען געגאַנגען צו די שניידערס אַנמעסטען. האָט זיך יאָסעל'ען שרעקליך פערבענקט נאָך טאַטע־מאַמע. ער האָט נור געוואָלט איין טאָג, איין אויף־דער־נאַכט דאָרט זיין, שטעהן הינטער זייער טהיר און אריינקוקען דורך דעם שליסעל־לאָך און זעהען וואָס דערינען טהוט זיך. די מאַמע'ן זעהען, דעם פאָטער. ער איז אהיים געגאַנגען פון חדר פאַר־נאַכט, מען האָט דאַן שוין אויפגעהערט צו לערנען ביינאַכט, די טעג זיינען שוין געווען גרעסער געוואָרען און די נעכט קלענער. און זעהענדיג, ווי זיינע חברים איילען זיך מיט שמחה אהיים, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פאָטער און מוטער און האָט זעהר ביטער גע־קרעכצט און האָט די אויגען אויפגעהויבען צום הימעל און זיין הארץ האָט אזא תפלה געזאָגט: „רבונו של עולם! ווי לאַנג נאָך וועל איך גלות אָבריכטען! (יאָסעלע האָט געהאַלטען דאָס, וואָס ער מוז זיין אָבגעריסען פון זיינע עלטערען, פאַר גלות אָבריכטען). ווי לאַנג נאָך, רבונו של עולם!" און ער האָט זיך זעהר, זעהר צואוויינט.

אז ער האָט זיך געהאַט גאַנץ גוט אויסגעוויינט פאַר גאָט, איז איהם אויפ'ן הארצען לייכטער געוואָרען, ווי מען וואָלט איהם אָנגע־זאָגט, אז די ישועה איז נאָהענט און גאָט האָט געגעבען א מחשבה אין זיין הארץ און ער האָט אָנגעהויבען א טראַכט צו טהאָן וועגען זיין קעפּעל.

צו מאָרגענס אין דער פריה האָט ער זיך פאַר קיינעם נישט ווי־סען געמאַכט (א פּאָר גראָשען האָט ער שטענדיג ביי זיך געהאַט. דאָס טאַשען־געלד, וואָס דער פאָטער האָט איהם געשיקט, האָט ער נישט אויסגעגעבען) איז ער געגאַנגען צו שמואל רופא פון זייער שטעדטעל און האָט איהם געוויזען דעם קראַטץ, אז ער זאָל איהם געבען א רפואה.

שמואל רופא האָט איהם דאָס קעפּעל איינגעשמירט מיט אזא שמירעכץ און, זעה גאָט'ס וואונדער, דאָס וואָס דער פּראָפעסאָר פון בערלין, וועלכער היילט סאַמע קסרים, האָט נישט געקענט בעווייזען, דאָס האָט שמואל רופא בעוויזען. דער קראַטץ האָט אָנגעהויבען צו פערשווינדען, ווי אונטער די האַנד. מען האָט געזעהן גאָט'ס נס בע־שיינפערליך. נישט בחנם האָט דאַן די זון געשיינט אכט טאָג כסדר ווי אין מיטען זומער. שמואל רופא האָט געזאָגט, אז דאָס איז א גרויס וואונדער, וואָרים דאָס שמירעכץ היילט נור בימות החמה, ווען

די זון שיינט — אָבער יאָסעלע האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ נס מן השמים, וואָרים דער רבונו של עולם האָט זיינע קרעכצען געהערט און וויל איהם העלפען.

אַז יאָסעלע׳ס קעפּעלע איז ריין געוואָרען, האָט ער דעם פּאָטער געשריעבען אַ בריעף און האָט איהם מודיע געווען, אַז פון דעם קראַטץ איז ניט איבערגעבליעבען קיין שריד ופליט און די שרים פון דעם גרענעץ וועלען גאָר ניט געגען איהם האָבען. דער פּאָטער האָט באַלד צוריקגעשריעבען אַ בריעף צום שוואָגער און מען האָט איינגעזעהן, אַז מן הסתם וויל גאָט, אַז פּאָטער און זוהן זאָלען זיך צוזאַמען קומען, וואָרים עס האָט זיך פּונקט געמאַכט, אַז יודעל שניידער האָט אראָבגענומען זיין משפחה קיין אמעריקא, איז געבליעבען, אַז יאָסעלע זאָל מיטפאָהרען מיט יודעל׳ס משפחה. אין די רייזע האָט מען זיך געקליעבען באַלד נאָך פּסח.

זעהר ריהרענד איז געווען דאָס צושיידען זיך פון יאָסעל׳ן מיט דעם מלמד און זיינע חברים. און דער רבי האָט איהם אויסגעלערענט אַ נייעם פּלפּול מקיים צו זיין די גמרא, אַז איין תלמוד חכם שיידט זיך מיט׳ן צווייטען, געהען זיי אוועק מיט דברי תורה.

ווי די רייזע איז צוגעגאַנגען און די נסיעה איבער׳ן ים וועלען מיר ניט בעשרייבען, וואָרים דאָס איז ביי יאָסעל׳ען נישט געווען קיין נייעס. ער האָט געקענט דעם ים ווי זיינע פינף פינגער. אַ קלייניגקייט נאָך די נסיעות וואָס יאָסעלע האָט שוין געהאַט געמאַכט!

און אַז עס איז געקומען, אַז ער זאָל זיך ווייזען פאַר די פּריצים פון אַמעריקא, האָט זיין האַרץ נישט געקלאַפּט ווי דעם ערשטען מאָל. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מן השמים וויל מען, אַז ער זאָל דאָס מאָל זיך בעהעפטען מיט זיין פּאָטער, אַז זיין גלות האָט זיך געענדיגט, האָט ער מיט ברייטקייט אראָבגענומען דאָס היטעל און געוויזען דעם גאַנצען קאָפּ.

און שמואל דעם רופא׳ס רפואה האָט טאַקע געהאָלפען, וואָרים די שרים האָבען גאָר נישט געהאַט דערקענט, אַז עס איז אַמאָל דאָ געווען אַ קראַטץ און איבער דעם קראַטץ האָט מען איהם נישט געהאַט אריינגעלאָזט, וואָרים פון דעם קראַטץ איז מיט השם יתברך׳ס הילף קיין שריד ופליט ניט געבליעבען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, אַז יאָסעלע האָט דערזעהן דעם פּאָטער

און די מוטער און אז מאיר האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און האָט איהם פון שיף אראָבגענומען און זיי האָבען געשטעלט דעם ערש־טען טריט אויף דעם אמעריקאנער באָדען און ווי ער האָט זיך מיט זיינע ברידער בעקענט און מיט רחל'ען, און אלע לאַנדסלייט זיינען גע־קומען צוגעהן, האָט יאָסעלע פאַר אלעמען זיין היטעלע אראָבגענומען און יעדען געוויעזען זיין ריין קעפּעלע, ווי דאָס וואָלט קיינער אין דער וועלט נישט פערמאָגט, נור ער בלויז אליין... און די שמחה איז דאָרט געוואָרען אזוי גרויס, — נור דאָס וועל איך נישט בעשרייבען, וואָרים דאָס איז א מענשען'ס פעדער נישט אימשטאַנד אויסצושרייבען.

# דער ערשטער טאג אין סקוהל

און יוסף האט זיינע ברידער ניט דערקענט. דורך די צוויי יאהר, וואס ער האט זיי נישט געזעהען, זיינען זיי גאר אנדערע געווארען און ער האט פאר זיי מורא געקראגען. זיינען דאס זיינע ברידער בעריל און חיים? ניין, די פנים'ער גוי'שקע, ווי די שקצים, און געהען א גאנצען טאג אהן א הוט ארום, אין קורצע קליידער, און ריידען צוויי־שען זיך אויף א שפראך, וואס ער פערשטעהט ניט. פאר'ן טאטען האבען זיי נישט קיין מורא און עסען אונגעראווענט, אונגעוואשען, און נישט דוקא זיי זיינען אנדערש געווארען, נור אלע. רחל'ע געהט שוין אנגעטהאן ווי א גרויסע פריצטע און איז א גאנצען טאג אין שטוב נישטא, און די מאמע איז אנדערש. זעהט ווי חיים און בעריל עסען אונגעוואשען, און זי זאגט זיי גאר נישט. זיי צוברעכען האלץ אום שבת און צינדען פאפיער אונטער, און דער טאטע איז פערשטעלט, א קורצען ראק געהט ער אנגעטהאן און קומט אהיים אויף דער נאכט און לעזט א צייטונג, און אלע געהען דא פערשטעלט ארום. שוין צוויי וואכען איז ער דא, יאסעלע, און קיינעם איז נאך נישט איינגעפאלען, מען זאל איהם אין חדר פיהרען צו א רבי'ן. מען זאגט, מען וועט איהם אין א שקאלע פיהרען, דארט וואו חיים און בעריל געהען. און דארטען וועט ער אויך אהן א הוט זיצען און לערנען ווי זיי. דערווייל דרעהט ער זיך אין שטוב ארום מיט דער מאמען (ער האט מורא אין גאס ארויסצוקוקען). וויפיעל די ברידער האבען איהם נישט אין גאס ארויסגעצויגען, האט ער נישט געוואלט. ער האט מורא געהאט פאר די פרעמדע גאס. אזא גרויסען רעש הערט מען פון די גאס ארויס, דרעהט ער זיך ארום, ווי נאך עפעס אין א פרעמדער שטוב און ער קען זיך אלץ ניט צוגעוועהנען צו דער שטוב. אלעס קומט איהם אויס פרעמד דא: די שטוב, די ברידער און אפילו די מאמע אויך. עפעס אנדערש געהט זי אנגעטהאן ווי אין דער היים און רעדט אנדערש ווי אין דער היים. וויים ער נישט אויף וואס פאר א וועלט ער איז.

נעהמט ער טהיילמאל די גמרא, וואס שטעהט אין שראנק, און זעצט זיך אוועק איבער'חזר'ען דעם „שיעור“, וואס ער האט געלערענט אין דער היים. די מאמע שטעהט אין א ווינקעל און וויינט פאר פרייד. קו־מען די ברידער אריין, לאכען זיי איהם אוים און רייסען איהם פון דער גמרא אוועק. דורך די אפענע טהיר און פענסטער רייסט זיך דער רעש פון די גאס אריין. מען קלומפערט אין דרויסען, מען שרייט און א שפיעל־קאסטען שפיעלט און צוטומעלט איהם דאס לערנען. שלע־פען איהם די ברידער אויף דער גאס ארוים. אין די גאס איז ליכטיג און אזוי פיעל קינדער זיינען דא, און א קאסטען שפיעלט, און די קינ־דער שטעהען ארום דעם קאסטען און טאנצען; דארט זאמלען קינדער פאפיערען פון די גאסען, לייגען עס צונויף און צינדען א פייער אונ־טער. יונגען שפיעלען אין פאלענט און אלע פרעהען זיך און לאכען און שרייען און די קינדער שלעפען איהם מיט צום שפיעל און ער שטעהט פון דער וויטענס, האט מורא צוצוגעהן. די ברידער שלעפען איהם און ער רייסט זיך פון זייערע הענד ארוים. האט מורא פאר די פרעמדע קינדער, האט מורא פאר דעם רעש און לויפט צוריק אין שטוב אריין און בעהאלט זיך אין א ווינקעל. די מאמע נעהמט איהם אליין ביי די האנד און פיהרט איהם אויף דער גאס ארוים. פיהרט איהם צו די שפיעלענדע קינדער צו, שטופט איהם צו: „געה, יאַ־סעלע, געה, שפיעל זיך“. יאסעלע האט מורא, רוקט זיך אן א זייט אפ, קומט צוריק אין שטוב אריין. זעצט זיך אן א זייט אוועק, נעהמט זיך צוריק צו זיין גמרא, אדער זוכט זיך א ספר'ל אוים און קוקט זיך אריין, ווי אן אלטער, ערוואקסענער מענש.

טהיילמאל נעהמט איהם א בענקעניש אן צוריק אהיים, כאטש ער ווייס, אז אין דער היים איז שוין נישט קיין היים, אז דא איז זיין פא־טער און מוטער. אבער ניט דא איז די היים, נאך וועלכע ער האט געבענקט דארט ביי די מוהמע, יענע היים פון אמאל. ניין, ערגעץ־וואו איז דא יענע היים, וואו דער טאטע האט בייגאכט געלערענט און ער איז אויפ'ן טיש איינגעשלאפען ביים טאטען'ס גמרא־נגון, ערגעץ־וואו איז זי דא, יענע היים — פון די מאמע, וואו זי איז געשטאנען און האט די ליכט אנגעצונדען.

נאר טהיילמאל אויף דער נאכט, ווען דער טאטע איז דא און ער נעהמט די גמרא און געהט צו צום טאטען און מישט איהם אויף דעם

לעצטען שיעור און דער טאטע זעצט זיך אנידער מיט איהם און לערענט מיט איהם דורך דעם שיעור הויך אויפ'ן קול מיט'ן גמרא־נגון, דאכט זיך איהם, אז ער איז ווידער אין דער אלטער היים, אז ער האט עפּעס צוריק געפונען, און ביידע, פאטער און זוהן, פיהלען זיך צוריק נאהענט און האבען זיך ביידע פערבענקט נאך דער אלטער, אלטער היים, פון וועלכע זיי זיינען ביידע אבגעריסען געווארען.

אזוי האבען פאטער און זוהן אלע אויף דער נאכט זיך צוריקגעפונען ביי דער גמרא לערנען אין דעם גרויסען פרעמדען ניו־יארק.

עס איז געקומען די צייט, מען האט געמוזט יאסעלען אין שקאלע אבגעבען.

מען איז שוין געווען איינינע מאל פון דער שקאלע און געפרעגט אויף איהם. די מוטער האט איהם ביי דער האנד אנגענומען. בעריל איז מיטגעגאנגען און מען האט יאסעלע'ן צו דער שקאלע געפיהרט.

אריינגעקומען אין א גרויס הויז. יאסעלע האט מורא געקראגען, נור געזעהן, ווי בעריל פיהרט זיך היימיש דארט, גריסט זיך מיט אלע, איז ער א ביסעל רוהיגער געווארען. בעריל האט זיי אריינגעפיהרט אין דער קאנצעלאריע אריין, וואו מען האט יאסעלע'ן פערשריעבען (לאנג האט די מוטער געמוזט טענה'ן מיט איהם, ביז זי האט גע׳־פועל׳ט, אז דאס אינגעל זאל דאס היטעל אויסטהאן — ער האט זיך פערהאלטען מיט ביידע הענד דעם קאפּ). ער האט פערוואונדערט אנגעקוקט בערל'ען, ווי ער שטעהט און טענה'ט זיך אוים מיט א הויבען גוי אויף גוי'יש און ער האט גאר קיין מורא נישט. דערנאך האט בעריל יאסעלע'ן ביי דער האנד אנגענומען און אריינגעפיהרט איהם אין א גרויסען זאאל אריין.

יאסעלע האט נישט געוואלט אריינגעהן, ער האט מורא געהאט און מיטגעצויגען די מאמע — „קום מיט!"

— געה, קינד, געה, האב נישט קיין מורא, זעהסט דאך, בעריל איז דאך אויך דארט.

נור ווי יאסעלע איז אין דעם גרויסען זאאל אריינגעקומען, אזוי איז ער ערשטוינט געבליבען. אזא שטוב האט ער נאך נישט געזעהען, גרעסער ווי א שוהל, להבדיל, און אלע קינדער זיצען ארום אויף שטוהלען. ער האט נישט בעמערקט, ווי מען האט איהם אוועקגעזעצט אויף א שטוהל. ער האט געקוקט אויף דעם בעלעמער. דארט זיינען גע־

שטאנען שרים און שררות׳טעס און מען האט געשפּיעלט אויף א כּלי־זמר, וואס האט געמוזט זיין אן ארגעל און וואס א איד טאר נישט הע־רען, ווארים אין בית המקדש האט געמוזט זיין אזא כּלי־זמר, דער אר־געל האט געשפּיעלט און די קינדער האבען אלע מיטגעזונגען א ליעד, וואס ער האט נישט פערשטאנען. נור עס איז אזוי שעהן געווען, אז מען האט עס אודאי נישט געטארט הערען... נור איבערהויפּט דער ארגעל. דער קול איז עפּעס געווען אזוי מאראליש און עס האט אזוי געדונערט איבער דעם הויכען גרויסען זאאל, אז יאסעלע איז געבליבען זיטצען און איז דערשראָקען געווארען פאר׳ן קול און טרעהרען האבען זיך איהם געוויעזען אין די אויגען, ווארים דער קול איז געווען זעהר זיס און שטארק און עס האט געצויגען דאס הארץ. אין בית המקדש האט מען געמוזט אזוי שפּיעלען, און דא זיצט ער אהן א פּערדעקטען קאפּ און הערט זיך איין צום ארגעל. נור באלד האט דער געזאנג אויפגעהערט, די קינדער האבען זיך אנגעהויבען מיט רעש צוצוגעהן און ער איז פערוואונדערט געווארען, דערזעהעדיג ווי בעריל געהט צו צו איינע פון די שררות׳טעס און רעדט מיט איהר אזוי גלייך און פרעהט זיך מיט איהר און האט גאר נישט קיין מורא פאר איהר. און באלד קומט די זעלבע שררות׳טע צו צו איהם. בעריל ווייזט עפּעס מיט די האנד אויף איהם און רעדט מיט איהר. די שררות׳טע געהט צו צו איהם און נעהמט איהם אן מיט דער האנד ביים הענטעל און קוקט איהם אן מיט א ליעבליכען שמייכעל און רעדט עפּעס צו איהם. יאסעלע ווערט פערשעהמט פאר איהר, לאזט אראב דאס קעפּעל, בע־האלט די אויגען. זי הויבט איהם אויף דאס פּנים און ווידער שמייכעלט זי אזוי ליעבליך צו איהם און גלעט איהם מיט׳ן האנד אי־בער׳ן קעפּעל. יאסעלע ווערט זעהר פערשעהמט און דאס פּנים ווערט איהם רויט — א פרעמדע שררות׳טע דאך, נישט די מאמע... באלד נעהמט זי איהם אן ביי דער האנד און פיהרט איהם ארויס פון זאאל. ער קוקט זיך אום נאך בעריל׳ען. בעריל איז שוין לאנג נישטא און דא נעהמט איהם אן די שררות׳טע ביי דער האנד און שפּרינגט מיט איהם און האפּסט מיט איהם איבער׳ן זאאל ארויף אויף די טרעפּען און רעדט אלץ צו איהם, און שמייכעלט אלץ צו איהם, און דערצעהלט איהם און ווייזט איהם מיט די הענד. יאסעלע ווייס ניט וואס זי וויל, ווייסט איבערהויפּט נישט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם מעהר. עפּעס

איז עס ווי א חלום, און וואָס טהוט ער דאָ, און ווער איז די שררות'טע? באַלד ברענגט זי איהם ווידער אין א זאַאל אריין, קינדער זיינען דאָר־טען, און ווי זיי האָבען זי דערזעהען, זיינען זיי זי בעפאַלען מיט לאַ־כען און פרייד, זי ווייזט די קינדער אויף יאָסעלע'ן און אלע קוקען יאָ־סעלע'ן אזוי נייגיעריג אָן. און זי נעהמט איהם ביי דער האַנד און זעצט איהם הינטער א סטענדער אוועק, און נעהמט פאַפּיער און לעגט פאַר איהם, און א בליי־שטיפט גיט זי איהם אין האַנד אריין און ווייזט איהם אויף א מענשעלע, וואָס שטעהט אויסגעמאָהלט אויף א טאַבליצע און הייסט איהם, אז ער זאָל נאָכמאָהלען דאָס מענשעלע און געהט אי־בער צו די אַנדערע קינדער.

יאָסעלע זיצט מיט די בליישטיפט אין דער האַנד און הויבט זיך אָן ביסלעכווייז ארומצוקוקען, וואו ער געפינט זיך דאָ. די זון שיינט אריין דורך די גרויסע אָפענע פענסטער, די זעלבע זון, וואָס האָט אריינ־געשיינט ביי דעם רבי'ן יצחק יודעל'ס דאָרט אין לענשנע, נור דאָרט איז געווען א שטיקעל זון און דאָ איז א גאַנצע זון. און דאָ איז אַלץ גרעסער; דאָרט זיינען געווען בלויז אינגלאַך חברים. משה'לע דעם רב'ס איז געזעסען נעבען איהם, און געגענאיבער האָט ער געהאַט שלמה יעקב'ן דעם חזן'ס, און די גמרות זיינען אָפען געלעגען און אלע האָבען געזאָגט הויך אויפ'ן קול און דער רבי האָט זיך ארומגעדרעהט מיט'ן קאַנטשיק אין דער האַנד און האָט אכטונג געגעבען, אז מען זאָל נישט ארויסקוקען פון דער גמרא ארוים; און קוים האָט נור א יונג בעלמוטשעט אויף אָן אויגענבליק, איז דער קאַנטשיק געגעבען א פאַל איבער די נאָז. מען האָט געפיהלט דעם עול, דעם תכלית פון לער־נען, און דאָ גיט מען איהם פאַפּיער מיט א פעדער און מען הייסט איהם בעלמוטשען און מענשעלעך מאַכען. און מיידלעך זיצען דאָ אויך און מען לאַכט ארום און מען שפּיעלט זיך מיט די שררות'טעס און אלע בעלמוטשען.

און ווי ער קוקט אזוי אויף די זון, וואָס שיינט אריין דורכ'ן פענסטער, האָט איהם א גרויס בענקעניש אָנגענומען נאָך יצחק יודעל'ס חדר. אוי, וואָלט ער געוואָלט זעהען יעצט משה'לען און שלמה־יעקב'ן און אין איינעם הויך אויפ'ן קול אָבזאָגען דעם שיעור און אויסטייטשען גוט דעם תוספות'ל! און ווי ווייט מוזען זיי שוין יעצט זיין, אודאי הויבען זיי שוין אָן א נייע מסכתא און דער שיעור

איז שוין אודאי לאנג געענדיגט, און דא זיצט ער גאר און מען גיט איהם מענשעלעך צו מאכען. און וואס טהוט ער דא? ווי קומט ער דא אהער? וואו געפינט ער זיך? וואס איז?

ער האט געוואלט וויינען, נור ער האט זיך געשעהמט פאר די אלע קינדער ארום, איז ער געבליעבען זיצען, ווי אין א פרעמדע וועלט, ווי דאס וואלט אלץ אין חלום פארגעקומען.

באלד רופט זיך עפעס אן צו איהם ווער. ער קוקט זיך אום און דערזעהט, אז דאס אינגעל, וואס איז געזעסען נעבען איהם מיט צו־שויבערטע האר און שרעקליכע ווילדע גוי'שע אויגען, רעדט עפעס צו איהם אויף אזא לשון, וואס נישט ער און נישט די קינדער ארום האבען פערשטאנען.

עס איז געווען אן איטאליעניש אינגעל פון סיציליען, קאטע־קאמבאס, וועלכער איז אויך, ווי יאסעלע, פון סיצילישען דארף אנגעקור־מען אין דעם גרויסען אמעריקאנער טאפ, די אמעריקאנער סקוהל, און זיצט שוין דא פיער טעג און פערשטעהט נישט קיין ווארט, וואס די קינדער ריידען און קיינער פערשטעהט איהם נישט.

דאס איטאליענישע אינגעל האט געפרעגט יאסעלע'ן, אויב ער קומט אויך ארוים פון דעם דארף ציראנע, פון וואנען ער קומט אליין. יאסעלע האט נור מיט שרעק איהם אנגעקוקט און זיך אבגערוקט פון איהם. זעהט זיך אוים, אז די פרעמדע סביבה און דאס אונפער־שטענדליכקייט ארום זיך האט דעם איטאליענישען אינגעל אזוי אויפ־גערעגט, אז ער האט זיך געווארפען אויף יאסעלע'ן מיט די קולאקעס שלאגען.

די לעהרערין האט עס באלד בעמערקט, צוגעקומען און בערוהיגט דאס הייסע איטאליענישע בלוט פון דעם סיציליאנער אינגעל, יא־סעלע'ן איבערגעזעצט אויף אן אנדער בענקעל, געקוקט אויף איהם אזוי ליעבליך און בערוהיגט איהם מיט דער האנד אויפ'ן קעפעלע און גע־זאגט צו איהם די אידישע ווערטער: „האב נישט קיין מורא“.

יאסעלע, וועלכער האט דערהערט די אידישע ווערטער פון די שררות'טע, האט זי אנגעקוקט פערוואונדערט. פון וואנען קען זי אי־דיש? נור פון דענסטמאל אן האט איהר בליק פון איהרע מילדע אוי־גען איהם בערוהיגט און ער האט געהאט צו איהר צוטרויען.

די לעהרערין, וועלכע איז אליין ארויסגעקומען פון רוסישע אי־

דען און האָט אַלס קליין קינד פערלאָזט רוסלאַנד, וועלכעס זי האָט נישט מעהר געדענקט, האָט אָבער נאָך תמיד געבענקט נאָך רוסלאַנד און האָט צו רוסלאַנד געפיהלט ווי צו אַ צווייטע היימאַטה, אָבער מעהרסטען איז איהר הארץ געווען צוגעבונדען צו אידישע עמיגראַנטען־קינדער, וועלכע קומען פון רוסלאַנד. אין זייער צושראָקענהייט האָט זי דערפיהלט דעם גאַנצען גלות פון אידען אין רוסלאַנד און אַ גרויס רחמנות האָט זי ארומגענומען צו די אידישע קינדער. זי האָט זיך אליין פאָרגעשטעלט אלס אזא עמיגראַנטען־קינד, ווען זי איז קיין אַמעריקא אראָבגעקומען. דאָס האָט זי זעהר נאָהענט צוגעבונדען צו יאָסעלע׳ן. אין זיינע דערשראָקענע אויגען און זיין ציטערען האָט זי דערזעהן די גאַנצע עלענד, פערלאָזענקייט פון אידישען קינד אין רוסלאַנד. יעדעס קינד, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, האָט איהר אַ גרוס געבראַכט פון גלות. איבער דעם האָט זי זיך מיט בעזונדערע ליעבע געווענדעט צו יאָסעלע׳ן.

יאָסעלע האָט דערפיהלט די ליעבע אין איהרע אויגען, און כאָטש ער איז אַזוי פרעמד געווען דאָ, דאָך האָט איהר בליק און די פּאָר אידישע ווערטער איהם דערנעהענטערט און היימישער געמאַכט. דאָך איז יאָסעלע דורך די גאַנצע צייט פון די לעקציע געזעסען, ווי אין אַ צווייטע וועלט, און אַז בערי׳ל איז דערנאָך געקומען און האָט איהם מיטגעשלעפּט אויף די גאַס ארויס אין אַ פּאַרק אריין, ווייזען ווי די יונגען ברעכען זיך, האָט ער נישט געוואָלט געהן אהין און געוויינט, אַז ער זאָל איהם אהיים פיהרען.

אהיים איהם געבראַכט, האָט זיך יאָסעלע אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל. בחנם האָט איהם די מוטער געבעטען, ער האָט גאָר נישט גערעדט, נור ער איז געזעסען און געשוויגען, געשוויגען און עפּעס בעהאַלטען אין זיך. די זון האָט אריינגעשיינט, פון די גאַס האָט זיך אריינגעריסען דאָס געשריי און פרייד פון די קינדער.... וויעדער האָט זיך דערהערט דאָס קאַסטען־שפּיעלען. די מוטער האָט איהם ביי דער האַנד אָנגענומען און געוואָלט איהם ארויספיהרען צו די קינדער, האָט איהם ארויסגעשטופּט פון שטוב, צוגעפיהרט איהם צו די שפּיעלענדע קינדער. יאָסעלע האָט זיך אָבער צוריקגעקעהרט אין שטוב אריין, זיך צוריק אוועקגעזעצט אין זיין ווינקעל און געשוויגען, געשוויגען. קיין וואָרט האָט ער נישט געוואָלט דערצעהלען פון דער שקאָלע. נור אַז

דער פּאָטער איז אויף דער נאַכט אַהיים געקומען, האָט יאָסעלע נאָכ'ן עסען אַרויסגענומען די גמרא פון שראַנק, צוגעגאַנגען צום פּאָטער, זי אויפגעמישט און האָט אָנגעהויבען מיט'ן פּאָטער צו לערנען הויך אויפ'ן קול. און אַז זיי זיינען אין מיטען בעסטען ניגון געווען, האָט זיך יאָסעלע פּלוצלונג אַזוי ביטער צואַוויינט און נאָך איהם האָט זיך חנה־לאה צואַוויינט, און מאיר האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען שפּרייזען איבער'ן שטוב אַהין און צוריק מיט גרויסע טריט און געבּיסען זיך די באָרד אין מויל און קיינער האָט נישט געפרעגט, וואָס איז געשעהן, פאַר וואָס און ווען — זיי אַלע דריי האָבען עס גאַנץ גוט געוואוסט.

פּאָטער, מוטער און קינד האָבען געבענקט נאָך די „אַלטע היים".

# אַ זומער טאָג אין ניו יאָרק

עס איז געווען אַ וואַרימער זומער־טאָג. ביי אונז וואָלט עס שוין געהייסען אַ הייסער תמוז־טאָג, אין ניו יאָרק איז עס געווען איינער פון די מאַי־טעג. אַ פייכטער ווינד האָט געבלאָזען פון אָפענעם ים און געלעגט זיך ווי אַ טומאַן איבער די ניו יאָרקער לופט. די פענסטער פון די טענעמענט הייזער האָבען זיך אָנגעהויבען צו עפענען, און אַלעם וואָס האָט זיך געשטיקט אין זיי אַ גאַנצען ווינטער האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצורייסען אין גאַס אַריין. די באַלקאָנען פון די הייזער (פייער עסקייפס) און די פענסטער זיינען פול בעלעגט געוואָרען מיט זאַכען, בעט־געוואַנד און ווינטער־קליידער; מאַטראַצען און קישענס האָבען זיך פון יעדען פענסטער־לאַך געוויעזען. די טרעפּלעך פאַר די טהירען האָבען די איינוואָהנער אָנגעהויבען צו בענוצען אַלס פאָרט־זעצונג פון דער שטוב, און די שטוב האָט זיך אַרויסגעריסען פון פער־מאַכטען הויז און איז אַרויסגעגאַנגען אין דער גאַס אַרויס. מען האָט זיך אַרויסגעצויגען אויף די טרעפּלעך אין גאַס מיט קינד און קייט, מיט נאַסע ווינדעלעך, און ברודיגע האַנדטיכער; ווייבער אין אויס־געטהאָנענע קאַפּאָטאַנס זיינען געזעסען אויף די טרעפּלעך אין גאַס אַרויס, און האָבען די קינדער געשטילט מיט זייערע נאַקעטע בריסטען, און האָבען זיך ניט געשעהמט פאַר די פאַרבייגעהענדע, ווי עס וואָלט זיך ניט געווען מיט וואָס צו שעהמען. ביי קיינעם איז ניט בעסער, און יעדען ניו יאָרקער איינוואָהנער טרייבט דער זומער פון שטוב אין גאַס אַרויס. פון די אויסגעלעגטע זאַכען, איז די לופט פול געוואָרען מיט פעדערען און עפּעס שטיקענדעס; און איבער די קעפּ, איבער די גאַסען איז געלעגען אויסגעשפּרייט דער אייזערנער וועג פון דער שטאַדט־באַהן, און פון מינוט צו מינוט האָט זיך געהערט דער רעש פון אַ דורכלויפענדען צוג, און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גערוך און אַ קאָרזש.

איבער דער גאַס האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קינדישע מוזיק

שפּיעלען, פּיקעלעך האָבען געפּויקט און פלייטלעך האָבען געקוויטשעט אַן אַמעריקאַנער סאָנג. באַלד דאַרויף האָט זיך געוויעזען אַ שאַאַר פון קינדער; פּערשטעלטע און אויסגעציערטע אין פּערשיעדענע קאָלירטע פּאַפּיער־קאָסטיומען זיינען זיי געגאַנגען אונטער די טענער פון אַ קינדער־מוזיק. דאָס איז געווען אַ „מאַי־פּאַרטיע". די פּובליק שול, אין וועלכער יאָסעלע האָט געלערנט, האָט געפיהרט איהרע קינדער אין צענטראַל פּאַרק (אין שטאַרט גאַרטען) צו פערגוויילונג. פריהער איז געגאַנגען די לעהרערין, מיסס איזאָבעל, די זעלבע וועלכע האָט יאָסעלע'ן אזוי פיין צוגענומען ביי זיין ערשטען אריינטריט אין דער שולע. זי האָט ביי דער האַנד געהאַלטען יאָסעלע'ן, וועלכער איז גאָר ניט געווען צו דערקענען. יאָסעלע האָט געזאָלט זיין דער פּאַקעל־טרעגער פאַר דעם „קעניגליכען פּאָר", וועלכע זיינען געגאַנגען נאָך איהם הינטער אַ בלויע שטערען־בעזעצטע חופּה. יאָסעלע האָט געהאַט אויף זיך אַ ווייס העמדעל מיט אַ בלויען לאַמפּאַס און אַ פּאַפּיערענעם הוט מיט אַ טראָלט, און האָט געהאַלטען אַ שטורקאַץ אין דער האַנד. אָבער יאָסעלע האָט זיך פּאָראויס געשלעפּט אין דעם פערשטעלטען אַנצוג מיט זעהר אַ שווערען אידישען געמיטה, און זיין קאָפּ איז איהם ניט געלעגען צו די נאַרישקייטען און ער האָט גאָר ניט געוואוסט צו וואָס מען שלעפּט איהם מיט אין דעם הולך. די קינדער, וועלכע זיינען בעשטאַנען אויס אַלע נאַציאָנען פון דער וועלט, אויס אַלע טהיילען פון דער וועלט, זיינען יעצט געווען גרופּירט אין איין קינדער־לעגענדע. נאָך דעם „קעניגליכען פּאָר" איז נאָכגעגאַנגען זייער פעלד־יעגער, דאָס איז טאַקע געווען דאָס איטאַליענישע אינגעל קאַטעקאַמבאַס, וועלכער האָט שוין יעצט ענגליש פערשטאַנען. אין אַ רויטען הוט, ווי אַ גלית, האָט ער נאָכגעפיהרט זיין געליעבטען הונד, וועלכער איז געווען בעפּוצט פון קאָפּ ביז צום ווידעל אין פערשיעדענע קאָלירטע פּאַפּיע־רען. און נאָך איהם די קינדער אַלס פּאַזשען, גענערעלע, וואַלד־גזלנים און שקלאַפען. די קינדער זיינען געווען אויפגעראַמט. די מוזיק האָט געשפּיעלט פּאָראויס פאַר זיי און זיי האָבען זיך געהאַלטען אין טאַקט. די יונגען זיינען געגאַנגען שטרענג, געקלאַפּט מיט די פיס זעלנעריש, די מיידלעך האָבען בלומען פערשפּרייט איבער די טראָטואַרען און געמאַכט פּאַראַד פאַר דעם „קעניגליכען פּאָר". אַ סך מוטערס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך די קינדער; האָבען אין די קינדער־וויעגעלעך נאָכ־

געפיהרט די אינגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע האָבען אויך געוואָלט זיין ביי דעם „מאַי פּאַראַד“, אָדער האָבען אין די קערבעלעך זיי עסען נאָכגעטראָגען, און צווישען אַלע האָט געהערשט אַ פריינדליכע שטימונג.

אַלע זיינען געווען גליקליך איבער די ליעבע זון, וואָס האָט זיך אריינגעריסען צווישען די אייזערנע וועגען, וועלכע זיינען געלעגען איבער זייערע קעפּ און האָט בעגאָסען די קינדער מיט פרעהליכע זומער שטראַהלען. נאָר יאָסעלע, איין יאָסעלע, נישט ער האָט דאָס פליטענשפּיעל געהערט, נישט ער האָט דאָס קינדער־לאַכען פערנומען, וואָס האָט ווי פּרישעס וואַסער ארום און אַפּגעקלונגען, נישט דאָס פרעהליכע זומער ליכט האָט זיין מוטה ערהייטערט, ווי אַן אַלטער איד, זאַט פון צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין דער וועלט, געהט ער דאָ צווישען די קינדער אַ פערשטעלטער מיט אַן אָבגעקריידט פּנים, אין אַ פּאַפּירענעם הוט און מאַכט זיך משוגע אין מיטען שעהנעם טאָג. און וואָס וועט דער תכלית זיין? דער „תכלית“ האָט צום מייסטען געפּיקט אין דעם קעפּעל פון דעם קליינעם איד. — דאָרט אין דער היים, לערנען די חברים ביי יצחק יודעל׳ס און ווייט, ווייט האַלטען זיי שוין אודאי אין דער מסכתא! און וואָס וועט דער סוף זיין?... און דער טאַטע איז אַ גאַנצען טאָג אין שטוב נישט דאָ, אַרבייט, אויף דער נאַכט, ווען ער קומט אַהיים, איז ער מיעד, שלאָפט ער; און די ברידער זיינען גוים, גוים ממש, און ארום און ארום איז גלות, און וויפיעל מאָל קומט אוים איהם אַליין בייצושטעהן דעם יצר הרע, מען איילט זיך מיט׳ן דאַווענען — מען פערפעהלט שטיקער, און היינט דעם גאַנצען טאָג אָהן אַ הוט זיצען און קיין צורת אות נישט זעהן. ער פערגעסט, פערגעסט אַלעס... — בחנם האָט איהם די מיס איזאַבעל, וועלכע האָט איהם יעצט געהאַלטען פעסט ביי דער האַנד, אייניגע מאָל אויפגעוועקט: „יאָסעלע“, געקוקט איהם ליעבליך אין די אויגען אריין און געפּרופּט איהם צו ערהייטערען, איז מיט איהם אַליין פּאָראויס געגאַנגען און אָנגענומען די מינע פון די קינדער און געטרעטען מיט די פיס אַזוי ערנסט, ווי זיי, און איהרע ווייכע האָאָר האָבען זיך איהר צולאָזט און אין די קורצע קליידעל, פון וועלכע מען האָט איהרע קליינע קינדישע פיסלעך ארויסגעזעהן, מיט דעם קינדישען שמייכעל אויף די ליפּען איז זי אַליין געגליכען געווען צו איינס פון די קינדער און מיטגעפרעהט

זיך מיט די קינדערס פרייד. אָה, בחנם האָט זי געפּרופּט יאָסעלען צו ערהייטערען — האָט איהם ליעבליך אין די אויגען געקוקט און גערופען איהם „דארלינג" און ליעבליך געפרעגט: „וואהאט איז דהי מעטער מאַי דיער באָי"! און זי האָט איהם ביי דאָס הענדטעל געצויגען און פאַר־אוים געגאַנגען, געלאָפען מיט איהם, דערהויבענדיג הויך זיין האַנד מיט'ן פּאַקעל. בחנם איז דאָס אַלעס געווען. — יאָסעלע האָט דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגען און פערשעהמט זיך פאַר איהר.

די מענשען אין גאַס האָבען מיט ליעבע נאָכגעקוקט די קינדער און מיט יענעם „קולט", מיט יענער בעגייסטערטער בעציהונג צו קינדער, ווי נאָר די אַמעריקאַנער פערשטעהען, האָט מען די שפּאַציר־רענדע קינדער מיט פרייד אויפגענומען. די מענשען האָבען זיי נאָכגע־פּאַטשט בראַוואָ מיט די הענד, די פּאָליסלייט האָבען אָבגעשטעלט אַלע טראַמוואַייען און וועגען, און די קינדער דורכגעלאָזט. פון די הייזער האָבען מוטערס זייערע קינדער אַרויסגעפיהרט און צוזאַמענגעהעפט מיט די מאַי־פּאַראַד, און וואָס לענגער זיי זיינען געגאַנגען, איז די גרופּע געוואָרען גרעסער, זיינען וואָס מעהר מוטערס צו זיי צוגעקומען און די קינדער אין גאָרטען בעגלייט.

אין דעם שעהנעם גאָרטען פון ניו יאָרק, אין „צענטראַל פּאַרק", וועלכער שטעהט אין מיטען דער שטאָדט, האָט די שטאָדט דעם שענ־סטען מיט גראָז־בעזייהטען פּלאַץ פאַר די קינדער אָבגעגעבען צו שפּיע־לען זיך. דאָס גרויסע אונענדליכע גרינע פעלד, וועלכע האָט זיך געצויגען אויף אַ היגעל אַרויף און דאַן זיך אַראָבגעלאָזט אין אַ גרינעם אויסגעבעטענעם טהאָל, איז געווען אויסגעזייהט מיט קינדער, וועלכע האָבען אין זייערע בונטע פערשיעדען־פאַרביגע פּאַפּי־רענע קליידער אויסגעזעהן, ווי אַ פעלד, וועלכעס איז בעשאָטען אין גאַנצען מיט פערשיעדען־פאַרביגע טיולפּאַנען, וואָס לויפען אַרום איבער אַלע ווינקעלעך פון פעלד... די קינדער פון פערשיעדענע שקאָלעס האָבען זיך באַלד צוזאַמענגעמישט. די לעהרערינס האָבען איינגעאָר־דענט פאַר זיי פערשיעדענע שפּיעלען און זיינען אַליין אַרומגעלאָפען מיט די קינדער. די מיס איזאַבעל האָט זיך געיאָגט מיט איינינגע מייד־לעך, דערביי זיינען איהר די ווייכע האָאָר צופאַלען, און זי האָט זיך מיט די קינדער אָנגעהויבען אַרומקייקלען איבער דעם גרינעם ערשט אָבגעשניטענעם גראָז. פון פערשיעדענע אַנשטאַלטען האָט מען די קינ־

דער פּראָוויאַנט צוגעשיקט. דאָ און דאָרט האָבען זיך קינדער אויסגע־זעצט עסען און אַ קינדער מוזיק האָט געשפּיעלט פאַר זיי.

די מיס איזאַבעל האָט זיך געהאַלטען אין איין יאָגען מיט איהרע צוויי חבר׳טאָרינס און איינס האָט דאָס אַנדערע מיט אָבגעשניטען גראָז בעשאָטען. אין דעם האָט זי דערזעהן יאָסעלע׳ן, ווי ער זיצט אַליין הינטער אַ בוים אָבגערוקט פון די קינדער און קוקט זיך צו צו די שפּיע־לענדע, און אַ שמייכעל, וואָס דריקט אויס אי צער, אי איראָניע, אי גלייכגילטיגקייט צו אַלעם און צו זיך, שפּיעלט אויף זיין בלייך פּנים׳ל. זי האָט זיך נעבען איהם אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבען מיט איהם צו רעדען.

יאָסעלע האָט נאָך ניט פערשטאַנען קיין ענגליש, כאָטש ער איז שוין צוויי־דריי וואָכען אין שוהלע. דאָך האָט ער שוין פערנומען דעם קלאַנג פון די שפּראַך און נעפּעל׳דיג בעגריפען דעם אינהאַלט פון אַ זאַץ, אָהנע צו פערשטעהן די בעדייטונג פון יעדען וואָרט בעזונדער. נור אַם בעסטען האָט ער פערשטאַנען די מיס איזאַבעל׳ס ענגליש. ער האָט אין איהרע אויגען, אין דעם שמייכעל פון איהרע ליפּען געפיהלט וואָס זי וויל זאָגען, און צייט ער האָט געהערט פון איהר די צוויי אידישע ווערטער, איז ער געוועזען צו איהר זעהר נאָהענט. מעהרסטענס האָט ער געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט, און האָט זיך זעהר געשעהמט אין איהר געגענוואָרט און איז רויט געוואָרען. מיס איזאַבעל האָט זיך אויך געפיהלט צום קינד זעהר נאָהענט, און האָט איהם זעהר ליעב געהאַט. און וואָס מעהר יאָסעלע האָט זיך געפיהלט פרעמד אין דער שוהלע, אַלץ גרעסער איז געוואָרען איהר רחמנות־געפיהל צו איהם. זי האָט אין דעם שווייגען, אין דעם טרויעריגען געמיטה פון קינד געזעהן דאָס גאַנצע אָרימקייט פון אידישען קינד, און אין יאָסעלע׳ס פּערזאָן מיט די ליעבע וואָס זי ווייזט אַרויס צו דעם פער׳יתום׳טען קינד, האָט זי בעצאָהלט איהר חוב צו איהר פאָלק, דאָרט ווייט אין דעם פרעמדען רוסלאַנד.

וואָרום אין דעם פרעמדען ווייטען רוסלאַנד האָט זי אַ פאָטער געלאָזען. די מוטער איהרע האָט זיך געזעגנט מיט איהם און איז אַראָב־געקומען מיט אַ פרעמדען מאַן, ווען זי האָט אַ מאַן געהאַט. איהר פאָטער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזעהן און קיינמאָל נישט געהערט פון איהם. אין יאָסעלע׳ס בלייכע געזיכט, טרויעריגע אויגען האָט זי

געוואָלט איהר פאָטער דערזעהן, דעם פרעמדען פאָטער, וואָס זי האָט געלאָזען אין דעם ווייטען, פרעמדען רוסלאַנד.

ווען זי האָט יעצט יאָסעלע׳ן מיט אַן איינגעבויגענע קעפּעלע דער־זעהן היינטער׳ן בוים זיצען, האָט זי אַ געפיהל ארומגענומען „איהר פאָטער". זי איז צוגעגאַנגען צו איהם, זיך אוועקגעזעצט לעבען איהם. לאַנג האָט זי איהם געקוקט אין די שווארצע אויגעלעך אריין און בעטראַכט זיין בלייך געזיכטעל, וואָס איז וואָס אמאָל מעהר בלייכער געוואָרען צייט ער איז אין אַמעריקא, און גאָר נישט קיין וואָרט צו זאָגען, האָט זי אַלע נאָכאַנאַנד דאָס אינגעל בעטראַכט און פון איהר פאָטער געקלעהרט, וואָס זי האָט ערגעץ דאָרט. זעהט ער אויך אַזוי אויס ווי ער? און האָט אויך אַזאַ שווער אידיש געמיטה? און אַזעלכע טרויעריגע אויגען? און וועגען וואָס קלעהרט ער? וואָס טהוט זיך שוין דאָ אין דעם קליינעם קעפּעל? — האָט זי ביי זיך געטראַכט. וואָס זוכט עס? און פאַר וואָס איז עס אַזוי טרויעריג? גאָט, אַזוי טרויעריג — האָט זי זיך געטראַכט — און עס האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אַ בילד פון איהר פאָטער מיט אַזעלכע טרויעריגע אויגען ווי יאָסעלע, אַזוי געהט ער ערגעץ דאָרט איבער די ווייטע סטעפּעס פון רוסלאַנד, מיט זיין פּעקעל איבער די פּלייצעס שפּרייזט ער דאָרט ערגעץ־וואו איבער די לאַנגע וועגען פון דעם גרויסען רוסישען לאַנד און האָט אַזאַ טרויעריג געזיכט און אַזעלכע טרויעריגע אויגען, ווי דאָס קינד האָט, און אַלע אידען האָבען דאָרט אַזעלכע טרויעריגע אויגען און געהען אַזוי די קעפּ אַראָבגעלאָזט אין אַזעלכע שווערע געמיטהער.

זי האָט יאָסעלע׳ס קעפּעל אויפגעדעקט און געפרעגט איהם, וואו ער האָט דעם ראַטץ געהאַט, וועגען וועלכען זי האָט שוין געוואוסט פון בערל׳ען, אז מען האָט יאָסעלע׳ן דערפאַר צוערשט נישט אריינגעלאָזט קיין אַמעריקא.

יאָסעלע האָט געוויזען אויף אַן אָרט אין קעפּעלע. זי האָט לאַנג בעטראַכט יאָסעלע׳ס קעפּעלע און האָט אין דעם ראַטץ געזעהן דאָס גאַנצע אָרימקייט פון אידישען פאָלק, ווי עס וואָלט אַ סימבאָל געווען איבער דעם אונגליק פון אידישען לעבען.

— און איבער דעם האָט מען דיך צוריק געשיקט?

— יאָ, — האָט יאָסעלע אָבגעענטפערט אויף אידיש, פערשטע־הענדיג איהר פראַגע.

— און ווי אזוי ביזטו אליין אהין געקומען ? — האט זי געפרעגט האלב אידיש, האלב ענגליש.

— גוטע מענשען האבען רחמנות געהאט און מיך אבגעפיהרט אהיים.

זי האט זיך איין מינוט דערמאנט אין זיך און האט זיך געזעהן אלס יעהריג קינד, ווי די מוטער איז מיט איהר אנגעקומען צום ברעג פון אמעריקא מיט דעם קינד אויף דער האנד, וואס האט געקענט האבען דעם אייגענעם אידישען ראטץ, ווי דאס קינד וואס זיצט דא אונטער'ן בוים, און זי וואלט אויך געהאט אזעלכע טרויעריגע אויגען און אזא שווער געמיטה, ווי דאס קינד דא האט, און זי האט מיט אמאל דער־פיהלט די גאנצע נאהענטקייט, איהר גאנץ בשותפות'דיגעס, וואס זי האט מיט דעם אידישען קינד.

זי האט פלוצלינג ארומגענומען יאסעלע'ס קעפעל און מיט קושען עס בעדעקט, און פון איהר הארץ האבען זיך ארויסגעריסען די איינציגע אידישע ווערטער, וואס זי האט געקענט:

— ארים, ארים אידישע קינד!

און יאסעלע האט דערפיהלט אויף זיין פנים'ל איהרע ווארימע טרעהרען.

---

אז יאסעלע איז אהיים געקומען איז דאס גאנצע געסעל, וואו זיי האבען געוואוינט, פול געווען מיט ליכט און לעבען. אלע קינדער זיינען אין גאס געווען און אלע פאמיליעס האבען אויף די טרעפלעך פון זייערע הייזער געוואוינט. דא און דארט האבען זיך שטורקאצען אנגע־הויבען אנצינדען פאר די שטענדערס מיט די סחורות וואס זיינען געשטאנען אין געסעל. און די גאס וואס האט א גאנצען טאג נור ווייבער און קינדער געזעהן, האט זיך אנגעהויבען אנצופילען מיט מענער און יונגע לייט. צוערשט זיינען זיי געגאנגען גרופענווייז, נור וואס אמאל מעהר. ווי די נאכט־שטונדען האבען זיך אנגעהויבען אנצו־רוקען, האט דאס געסעל אנגעהויבען שווארץ ווערען פון מחנות מענשען. דאס זיינען געווען די ארבייטער, וואס האבען זיך אגעהויבען ארויסצו־שיטען פון די שעפער און די ווערקשטאטען צו געהן אהיים אויסרוהען פון א גאנצען טאג שווערע ארבייט. פון מינוט צו מינוט האט געקלאפט דער עלעווייטער (די הויך־באהן) איבער'ן קאפ, אבגעשטעלט, ארויס־

געשפיגעלט פון זיך א שמוציגע מחנה און ווייטער געקלאפּט. און ווי ווערימלעך האָבען זיך די מענשען אַנגעהויבען צו צושיטען איבער אַלע זייטען פון גאַס. די וועגלעך האָבען אָבגעטראָטען פון די טראָטואַרען, זיינען אין די ברייטע גאַס ארויס, די פעדלערס האָבען אַנגעצונדען זייערע שטורקאַצען און אויסגערופען זייערע סחורות. און וואָס מעהר די נאַכט־שטונדען האָבען זיך אַנגערוקט, אַלץ לעבעדיגער זיינען די גאַסען געוואָרען. עס האָט זיך גערדאַכט, אַז די איינוואוינער פון דער גאַס האָבען זיך פערשפּעטיגט דעם טאָג און הויבען ערשט זייער פריה־מאָרגען אָן, קויפען ערשט יעצט די מאָרגען־צייטונגען, וואָס אינגלעך לויפען מיט זיי אין גאַס ארום. אַלע באַהנען, אַלע שענקען פילען זיך מיט מענשען אָן. אַלע קענדי־סטאָרס זיינען פול מיט יונגע לייט; ווייבלעך לויפען אין די קראָמען ארום, קויפען איין עסען; פּאָטערס שטעלען זיך פאר די וועגלעך אָב, קויפען זייערע קינדער מתנות. און וואָס אמאָל מעהר ווערט דאָס לעבען גרעסער אין געסעל. קינדער פילען אָן די גאַס, וואַלגערען זיך אין די רינשטאָקען, צווישען די פיס פון די פערבייגעהענדע. קיינער האַלט זיי ניט איין, קיינער קוקט זיך נישט אויף זיי ארום, ווי די גאַס וואַלט איין גרויסע שטוב געווען. די טראָטואַרען ווערען פול מיט שפּאַציערענדע מיידלעך און בחורים, וועלכע געהען אַנגעטהאָן אין קאַפּעליושען מיט ברייטע ראַנדען. די עלעקטרישע לאָמפען הויבען זיך אָן אַנצוצינדען פאר די טהעאַטער־האַלס און קינאָמעטאָגראַפען (מאָאווינג פּיקטשור פּלעצער) און בעגיסען דאָס גאַנצע געסעל מיט ליכט. די קאָמעדיאַנטען כאַפּען די פערביי־געהענדע אין זייערע צירקען, זייערע קאַסטענס שפּיעלען, קינדער טאַנ־צען אין גאַס און זינגען, קרעמער שרייען, רופען, אינגלעך שלעפּען צונויף פּאַפּיערען און שמאַטעס און צינדען אונטער, ווייבער לויפען ארום מיט אייז־קרים און סאָדא־וואַסער, מענער, ווייבער, קינדער האַלב נאַקעט עסען אויף די טרעפּלעך פון זייערע הייזער ביי דעם ליכט פון די שטורקאַצען און עלעקטרישע לאָמפען. די פענסטער פון די הייזער זיינען פינסטער, די הייזער ווערען פערלאָזען און די גאַנצע גאַס ווערט איין גרויסעס, גרויסעס לעבען, אין וועלכען אַלע איינוואוי־נער מישען זיך אויס, קאָכען זיך צונויף מיט ווייב און קינד אין דעם עלעקטרישען ליכט פון די צירק־האַלען, ווערען פערטרונקען אין די טענער פון די שפּיעל־קאַסטענס און אין די געשרייען פון די סוחרים,

און איבער זייערע קעפּ קומען צולויפען פון מינוט צו מינוט די עלט־
ווייטעדס, ווי חיות רעות, מיט פלאַמענדע אויגען און אַלעס ווערט
פערטויבט אין זייער רעש.

ווי אויף אַן אנדער וועלט איז יאָסעלע געזעסען אין אַ ווינקעל אויף
די טרעפּלעך און האָט מיט שרעק געקוקט אין גאַס אריין. די ליכט און
די געוואַלדען, וואָס האָט אין זיך דאָס גאַנצע געסעל אריינגענומען,
האָט אויף איהם אַ שרעק אָנגעוואָרפען און ער האָט זיך בעהאַלטען אין
דער טונקעלער שטוב. נור אין שטוב איז זעהר דושנע געווען — האָט
איהם די מוטער קוים אויף די טרעפּלעך ארויסגעשלעפּט פאַר'ן הויז.
דער פאָטער, מאיר, ליגט אין העמד און קאַפּעל אויף אַ שטוהל. ער
איז געפאַלען פון מיעדקייט און שלאָפט. ווייט דאָרט אין געסעל לויפען
חיים און בעריל ארום. די מוטער זיצט אויך אויף די טרעפּלעך און
דרעמעלט אין רעש, וואַרפט דעם מיעדען קאָפּ אהין און צוריק, און
יאָסעלע קוקט אמאָל אויפ'ן פאָטער, אמאָל אויף דער מוטער און
חלום'ט פון עפּעס ווייט, גאַנץ ווייט. ער הערט ניט דעם רעש, ער זעהט
נישט דאָס ליכט. ער דערמאָנט זיך אָן געסעל אין לענשנע דעם זומער
פאַר־נאַכט. פון בית־המדרש הערט זיך דעם פּרוש'ס קול תורה, די
לבנה שפּאַציערט אַליין איבער'ן געסעל אויפ'ן בית־עולם ארוים — און
זיין פאָטער, און זיין מוטער — ער קוקט זיך ארום אין די גאַס, אויף
זיינע עלטערען און פיהלט זיך מיט אמאָל אַזוי פרעמד, אַזוי עלענד
און אַליין דאָ. דאָס איז נישט דער פאָטער, וועגען וועלכען ער האָט
גע'חלום'ט דאָרט, אין לענשנע, אַ מיעדער בעל־מלאכה זיצט און שלאָפט,
אָבגעארבייט אַ גאַנצען טאָג. קיין קול תורה הערט מען שוין נישט פון
זיין מויל ארויס, קוים וואָס ער דאַווענט. און עפּעס איז די מאַמע דאָ
אויך אַן אנדערע געוואָרען, און אַלעס, אַלעס איז אַנדערש — די
מוטער וועקט זיך און רופט האַלב אין שלאָף: — „געה, יאָסעלע, געה
צו די קינדער זיך שפּיעלען“, און מיט אמאָל נעהמט עס איהם אַזאַ
וועהטאָג ארום. דער קעפּעל הויבט איהם אָן צו דרעהען, די אויגען צו
שווינדלען. ער לעהנט אויך אָן דעם קאָפּ אויף די שטיינערנע טרעפּלעך,
די אויגען פערמאַכען זיך און אַ מיעדקייט פאַלט אָן אויף איהם. קוים,
קוים קלעהרט ער נאָך פון עפּעס. אין פינסטערקייט, צוגעמאַכט די
אויגען זעהט ער דאָס בית המדרש'ל פון לענשנע האַלב אין טומאַן, יצחק
יודעל'ס חדר, דאָס שיינקעל געגען איבער דעם טיש. צוויי בוימער

שטעהען פאר דעם גוי'אישען בעדנערס טהיר; די בוימער רוישען יעצט און איינגלעך ווארפען שטיינער אויף די בוימער און קלייבען כראבאנדזשעס, זשאבעס ברומען אין טייך. — און וועד לערענט דארט? איז עס דעם טאטענ'ס קול? זים, זים ציהט עס זיך איבער דער שטוב. פערצעהלט עס דען פון חורבן בית המקדש, וואס שטעהט אין די גמרא? — און טונקעל ווערט אלעם מיט אמאל. א מינוט ליכטיג, א מינוט טונקעל. פלוצים ווערט אלעם מיט אמאל אבגעהאקט...

יאסעלע'ס צוהיצטער קערפער'ל האט זיך א מיעדער ארומגעוואלגערט ווי א שמאטע, ווי א שטיק פאפיר איבער די טרעפלעך אין דעם רעש און געוואלד פון גאס און די שטורקאצען האבען געברענט, דאס עלעקטרישע ליכט האט זיך געגאסען און דער שפיעלקאסטען האט געשפיעלט און די ווייבער, מענער און קינדער האבען געשריען און דער עלעוויטער האט געקלאפט און איבער דעם האט געבלאזען א נאסער ווארימער שטראם פון ים, די צוהיצטע מויערען, שטיינער און אייזענס האבען פון זיך דאס ווארימקייט ארויסגעלאזט, וואס זיי האבען געהאט אין זיך אריינגענומען דורך דעם גאנצען טאג פארען זיך אין די זון, און די לופט איז פול געווארען מיט א שטיקענדען פייכטען ווארימען שטראם, וואס האט ווי מיט בליי אלע אברים אנגעגאסען און געווארפען א מיעדקייט אויף אלעמען.

# יאַסעלע׳ס טויט

ביי דעם בעט איז געזעסען די מיסס איזאַבעל און האָט געהאַלטען יאַסעלע׳ס שוואַכע, בלייכע הענטעל און אריינגעקוקט איהם אין די אויגען אריין.

יאַסעלע איז געלעגען אויפ׳ן בעט. זיין פּנים איז רויט געווען און די הייטלעך האָבען זיך אריבערגעצויגען איבער זיינע הויכע ארויס־געזעצטע אויגען. אויף זיינע ליפּען האָט די מיסס איזאַבעל בעמערקט דעם שוועבענדען, גלייכגילטיגען שמייכעל, און דער דארער האַלז וואָס האָט זיך ארויסגעצויגען פון דעם ביינענדיגען לייבעלע האָט שווער־אָטהמענדיג געאַרבייט. פון צייט צו צייט האָט די מיסס איזאַבעל איהם צולעגעגט אייז צום קאָפּ, וועלכע חנה־לאה האָט איהר צוגעטראָ־גען אויף אַ טעלער. חנה־לאה האָט שוין ניט געוויינט, מען האָט אין איהר פּנים געזעהן, אז זי איז שוין מיעד וויינענדיג. מאיר האָט זיך אהין און אהער איבער דעם שטיבעל געדרעהט, געביסען די באָרד אין די צייהן, איבערגעריבען די האנד איבער׳ן שטערן, געקרעכצט: „אוי, טאַטע!“ און איז יעדעס מאָל צום בעטעל צוגעגאַנגען, אַ קוק געוואָרפען אויף יאַסעלע׳ן.

אין שטוב איז שטיל געווען, טונקעל און דושנע. מען האָט דעם לאָמפּ אראָבגעדרעהט, אז עס זאָל ניט זיין אזוי היים, און דאָך איז די לופט אין שטוב געווען אזוי ווי אויסגעשטאָרבען און אזא פייכטקייט און מיעדקייט איז געפאַלען אויף אַלעמען, אז רחל׳ע און די „קאָמאַנדע“ זיינען געלעגען צונויפגעוועלגערט אויף דער ערד, די קעפּ געהאַלטען אויף די שטיינערנע טרעפּ פון קאָררידאָר, אז עס זאָל זיך קיהלען, און זיינען געלעגען אזוי פער׳חלש׳ט, אז מען האָט ניט געוואוסט צי זיי שלאָפען אָדער זיי ליעגען וואך, וואָרים די לופט איז אויסגעגאַנגען אין אויר. — עס איז ניט געווען וואָס צו אָטהעמען און זיי זיינען געפאַלען ווי פליעגען.

עס איז געווען איינע פון יענע זומער־נעכט אין ניו יאָרק, ווען די

לופט געהט אוים אין אויר, ווי מען וואָלט מיט אַ פייער אויסגעברענט די לופט, און די מענשען הויבען אָן אנידערצופאַלען, די גליעדער ווערען ווייך, צוגאַנגען — און ווערען לויז איינס פון דאָס צווייטע אַזוי, אַז דער מענש האָט ניט די מעגליכקייט זיך מיט זיי צו בעדיענען. עס איז געווען איינע פון יענע זומער־נעכט, ווען מען הויבט אָן מורא צו קריעגען אַז ניו יאָרק וועט ניט צו־מאָרגענס אויפשטעהן; איינע פון יענע נעכט, ווען די נאַטור פערגעסט זיך אַז דער מאַנהעטען אינזעל איז שוין אַ ישוב און בלאָזט אַלץ מיט יענעם טראָפּישען זומער ווי ווען די אינדיאַנער האָבען נאָך דאָ געוואָהנט און די בופעל־אָקסען זיינען נאָך צווישען די בוימער געלעגען...

צייט דריי וואָכען, זינד די גרויסע היצען האָבען איינגעטרעטען, איז יאָסעלע קראַנק. קיינער האָט ניט בעמערקט ווי דאָס אינגעל איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטען צווישען זייניגע און האָט קיינעם ניט פערטרויט דאָס, וואָס האָט איהם געדריקט. אַ גרוים ביינקעניש האָט אין זיין האַרץ געגליהט נאָך דער אַלטער היים, נאָך דעם אַלטען לעבען, נאָך דער אידישקייט, און אַלעס איז דאָ איהם פרעמד געוואָרען, אפילו זיין אייגענער פאָטער, וועלכער האָט אַ גאַנצען טאָג געאַרבייט און ביינאַכט אַנידערגעפאַלען אַ מיעדער, אַ טויטער, און האָט קיין צייט ניט געהאַט מיט איהם אַ וואָרט אויסצורעדען; זיין אייגענע מוטער, וועלכע איז געווען איינגעטונקט אין ווירטהשאַפט און אָבגעגעבען זיך מיט די אַנדערע קינדער, איז באַלד צוגעוועהנט געוואָרען צו זייער אויפפיהרונג און צו זייער לעבען, און זיינע ברידער אודאי שוין.

דער איינציגער מענש, מיט וועלכען ער האָט זיך געפיהלט נאָהענט איז געווען די מיסס איזאַבעל, וועלכע איז צו איהם אַזוי גוט געווען — נור זי איז איהם אַזוי פרעמד... איז דאָס קינד אַרומגעגאַנגען אַ פרעמ־דער, און האָט געביינקט, ניט געגעסען און אָן איינזאַמער בעהאַלטען אין די ווינקעלעך, איז זיין קערפּער אויסגעמאָגערט געוואָרען. קיין געזונד קינד איז ער קיינמאָל ניט געווען. די צרות וואָס ער איז שוין אויסגעשטאַנען דורך זיין קורצען לעבען, האָבען זיין גוף צובראָכען און אז עס האָבען זיך אָנגערוקט די גרויסע היצען, צו וועלכע ער איז ניט געוועהנט געווען, האָט עס איהם אין גאַנצען אַנידערגעלעגט. ער איז אין היץ אַריינגעפאַלען, די דאָקטוירים האָבען איהם רעצעפּטען פערשריבען, ער אָבער האָט די רעצעפּטען ניט געוואָלט נעהמען, נאָר

ניט געוואָלט, נור געלעגען בעהאַלטען אין זיך, ווי ער וואָלט אין אַן אנדער וועלט אריינגעגאַנגען. די מיסס איזאָבעל האָט איהם פון צייט צו צייט בעזוכט, אבער צו איהר איז ער אויך געוואָרען פרעמד. מעלאַנכאָליש שווייגענדיג, מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגעטוישט, ליעגט ער דאָ אַזוי מיט זיין אויסגעדארט פּנים און אויסגעגלאָצטע אויגען, שוואַך פערוואָרפען דעם קאָפּ אויפ׳ן קישען, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך האָב ניט מעהר נור מיין זינדיגען גופ׳ל, נאַט, אז איהר ווילט עס, נעהמט עס צו.

אין שטוב איז אָבער געוואָרען אַזוי אונערטרעגליך און דער אָטהעם האָט אַזוי פערכאַפּט, אַז מען האָט בעשטימט יאָסעלע׳ן ארויסצוטראָגען אין גאַס ארויס. די מוטער האָט איהם געגומען אין איהר שויס אריין, זיין קערפּער איז אַזוי איינגעשרומפּפען געוואָרען, ווי ער וואָלט צוריק אַ קליין קינד געוואָרען, און זי האָט איהם אין גאַס ארויסגעטראָגען.

די מיסס איזאָבעל האָט זיך געזעגענט מיט די עלטערן, איז צו צו יאָסעלע׳ן, האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט איהם, נור ער האָט יעצט געשטעקט אין אַן אנדער וועלט און האָט קיינעם ניט געזעהען.

אויף דער גאַס איז אָבער נאָך ערגער געווען ווי אין שטוב. פאַר די טהירען זיינען געלעגען צונויפגעקייקעלט גאַנצע פאַמיליעס מיט די קינדער און זיינען געלעגען ווי שטיקער שמאַטעס אויפגעוואָרפען איינס אויף דאָס אַנדערע און האָבען זיך ניט געקענט ריהרען. די קינדער האָבען זיך אין די רינשטאָקען, אויף די טראָטוארען ארומגעוואַלגערט, טהייל געשלאָפען, טהייל געפאַלען פאַר מיעדקייט און די מוטערס האָבען זיי בעשמוצטע אייז־קרים דערלאַנגט. אין אַ ווינקעל איז אַ אידענע געשטאַנען ביי אַן עמער לימאָנאַד, האָט מיט אַ שוואַך קול אויסגערופען איהר וואַסער, נור קיינעם האָט זיך ניט געגלוסט צוצושלעפּען צו דעם עמער וואַסער, כאָטש אַ סך האָט זיך געוואָלט טרינקען. די לופט איז געוואָרען וואָס אַמאָל ערגער, קיין בלעטעל, קיין פּאַפּיערעל האָט זיך ניט אַ ריהר געטהאָן, אַז צום סוף איז די אידענע מיט דעם קענדעל וואַסער אויך שטיל געוואָרען און דער לאָמפּ וואָס האָט דאָרט געברענט ביי איהר אין קרעמעל איז פערלאָשען געוואָרען, ווי ער וואָלט אויך שוין געפאַלען. אַזוי איז די מיעדקייט געפאַלען אויף די קעפּ און האָט

אלעמען צוגעדריקט צו דער ערד, און עס איז אזוי ענג געווארען, אז עס האט זיך געדאכט, אז נאך א מינוט וועט דער הימעל זיך אראברוקען צו דער ערד און וועט דא אלעמען צודריקען מיט זיין לאסט...

חנה׳לאה איז זיך מיט דעם קראנקען יאסעלע צוגעקראכען אין רינשטאק אריין און האט מיט איהרע הענד אויסגעשטרעקט יאסעלע׳ן אין דער ברייטער גאס ארויס, ווי זי וואלט דארט וועלען אנשעפען א הויך לופט פאר איהם צו אטהעמען, אבער יאסעלע איז געלעגען אין דער מוטער׳ס שויס און איז געווען פערנומען גאר אין אן אנדער וועלט.

ער האט זיך געפונען אויף א ברייטען ליכטיגען וועג, וואס איז געווען אזוי ווייס ווי הימעל־ליכט, און איבער דעם וועג און איבער די פעלדער ביים וועג, וואס זיינען אויך געווען ווי שטיקער הימעל, זיינען געגאנגען אידען — די גאנצע וועלט אידען, און פון אלע דורות אידען זיינען געווען פערזאמעלט אויף די פעלדער און אויף דעם וועג, ווארים משיח איז געהאט געקומען און אלע זיינען צו תחית המתים אויפגעשטאנען. אין מיטען דער ערדה שטעהט דער משיח אין א גרויסען טלית אין א גרויסער, גרויסער עטרה אויפ׳ן קאפ, און אלע אבות זיינען ארום איהם, און אלע נביאים, און משה רבינו איז אויך דארט. און אלע רבנים, וואס האבען ווען אמאל געלעבט, זיינען ארום דעם משיח און דער רב פון זיין שטעדטעל, רב ישמעאל׳ע, וואס איז געהאט נפטר געווארען, שטעהט אויך דארטען צווישען זיי. — אט זעהט ער איהם בעשיינפערליך, נור פאר דעם משיח פיהרט מען שוין א לויה. עפעס א גרויסער צדיק איז נפטר געווארען און דער מת איז אין א טלית איינגעהילט און מען טראגט איהם אויף שטעקענס אין דער הויך איבער די קעפ פון דער עדה, און די גאנצע עדה איז נור פערזאמעלט לכבוד דעם מת, וואס מען טראגט איבער די קעפ. און עס איז עפעס א גרויסע שמחה ביי דער לויה: לוים שפיעלען אויף די הארפען און ארגלען זיינען דארט און ס׳איז א גרויס, גרויס געזאנג — די גאנצע עדה זינגט און טראגט דעם מת. נור הינטער דעם מת געהט נאך די מאמע רחל אין איהרע תכריכים און שווייגט, און זי איז אזוי הויך, העכער פון דער גאנצער עדה, און אלע רוקען זיך אב פאר איהר; דערנאך געהען די אבות, אלטע לייט מיט לאנגע ווייסע בערד, און דערנאך געהען משה און אהרן אין צוויישען און זיי זיינען אויך זעהר הויך, העכער פון דער גאנצער עדה, און אלע רוקען זיך אב פאר איהר; דערנאך געהען די גאנצער עדה; און דערנאך געהט דוד המלך איינער אליין און א הארפע

איהם געהען נאָך די מלכי ישראל, און דערנאָך די נביאים אין ווייסען אָנגעטהאָן, און דערנאָך אלע רבנים פון אלע דורות און דער רב פון זייער שטאָדט אויך צווישען זיי, און דערנאָך דאָס גאַנצע פאָלק — אלע, אלע אידען, וואָס האָבען ווען אמאָל געלעבט. און צווישען דער עדה אידען זעהט ער ווי מען רינגעלט ארום אַן אלטען אידען מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד און אַ גרויסען קאָפּ האָט ער און אַ שטעקען האַלט ער אין דער האַנד — דאָס איז רש״י. אַ גרויסען חומש האַלט ער אונטער'ן אָרים און אלע אידען רינגלען איהם ארום און גיבען איהם שלום עליכם אָב. און משה געהט פאָראויס פאַר אלע, ער פיהרט אָן די לויה און ווייזט מיט זיין האַנד אָן וואו מען זאָל געהן. דער וועג איז גאַנץ ווייט, און וואָס לענגער מען געהט אויף איהם, אלץ מעהר הימלי־שער ווערט ער, און ער פיהרט צו די הימלען צו, וואָס זיינען דאָרט ביים עק וועג.

און דער הימעל איז דאָרט ווי אַ ים. דאָרט הויבט זיך אָן אַ נייעס לעבען פון הימעל און אַזוי ליכטיג איז דאָרט, אַז מען קען ניט אריינ־קוקען אין די ליכט אריין, נור אין דער ליכט זעהט מען ווי מלאכים שטעהען אין ווייסען און וואַרטען אָב די לויה, אַז זי זאָל אָנקומען צו זיי. און וואָס מען קוקט אריין טיעפער אין הימעל, אלץ מעהר מלאכים שטעהען דאָרט, און די לויה פיהרט צום הימעל. וואָרים משיח ווייזט אָן מיט'ן פינגער דאָרט צום הימעל, — און פּלוצלינג פיהלט ער זיך, אַז ער איז דאָס דער מת אין טלית און איהם פיהרט מען דאָס אין הימעל אריין, און וואָס מעהר מען געהט און וואָס נעהענטער מען קומט אָן, וואָס ליכטיגער עס ווערט דער וועג, אלץ מעהר גאַנצע שטיקער הימלען טרעפט מען אָן, אָט באַלד, באַלד וועט מען אָנקומען אין דעם הימעל אריין — נאָר דערווייל געהט מען נאָך אלץ אויפ'ן וועג. און אָט באַלד ווערען שוין די געדאַנקען שטילער, שטילער, ציהען זיך אויס, די אויגען הויבען אָן צו שווינדלען פון ליכט, דער קאָפּ וועלקט זיך, משיח טרעט שוין אריין אין הימעל אריין, אַ פער־בלענדעניש איז ארום, אַז עס הויבט אָן צו טונקלען פאַר די אויגען. אָט טרעטען שוין אריין די וואָס טראָגען די לויה און באַלד האָט זיך אויפגעעפענט אַ שפּאַלט הימעל און אלע זיינען אראָבגעזונקען אין דעם ים פון הימעל — און יאָסעלע איז געשטאָרבען אויף חנה־לאה'ס הענד.

*

אז חנה־לאה איז צוריקגעקומען פון יאָסעלע'ס לויה, ווי מען האָט איהם בעגראָבען אויפ'ן גוטען־אָרט פון דער חברה אנשי לענשנע, האָט זי נעהאט דאָס זעלבע געפיהל, וואָס זי האָט געפיהלט ביים פערלאָזען איהרע קינדער'ס קברים אויפ'ן לענשנער גוטען־אָרט און זי האָט געטראכט, ווי אזוי וועט זי זיך שוין קענען אוועקציהען פון דאנען און איבערלאָזען יאָסעלע'ס קבר דאָ?...

און איהר האָט זיך געדאכט, אז זי מוז שוין דאָ פערבלייבען אויף דער ערד, — זי האָט שוין דאָ א קבר...

# אויפ׳ן וועג קיין אמעריקא

# איבער דער גרענעץ

## 1.

דאָס שטעדטעל ליגט אַ האַלבס אויפ'ן בארג, און דער עק פון צווייטען האַלבען שטעדטעל גרייכט שוין אין וואסער אריין. און שטע־הענדיג אויפ'ן בארג, פאר'ן שוהל־פלאַץ, קוקט מען גלייך אריבער אויף יענער זייט וואסער, וואו די פעלדער ציהען זיך ווייט אַוועק, און דאָרט אויף יענער זייט וואסער ווערען זיי ערגעץ וואו פערבלאָנדזשעט, אַז גאָט איינער ווייסט וואו... און שטעהענדיג אויפ'ן בארג, פאר'ן שוהל־פלאַץ, און אראָבקוקענדיג אונטען אין וואסער אריין, דאָרט ווייט אין די פעלדער אריבער, וואָס זיינען אויף יענער זייט וואסער, ווילט זיך טיילמאָל אַ חדר־אינגעלע די הענד פערשפּרייטען, די פיס דערהויבען, און היידאַ.... אַ פליה אַריבער, ווייט אַוועק, איבער'ן וואסער, ווייט אין די פעלדער אריבער, פערבלאָנדזשעט מיט זיי אין איינעם צו ווערען, ווייט.... אַז, גאָט איינער ווייסט וואו...

---

געוועזען איז אַ טאָג אַ שעהנער און אַ פרעהליכער. די הימלען אויבען האָבען זיך געטהאָן דאָס זייעריגע, קיילעכדיג זיך פערשפּרייט, און האָבען מיט פיעל ליטזעליגקייט בעשיצט גאָט'ס וועלטעל אַזוי, ווי זיי זיינען געבאָטען געוואָרען פון ששת ימי בראשית.אָן. און דאָס וואסער האָט זיך אויך געטהאָן דאָס זייניגע, ווייט האט עס זיך אוים־געגאָסען, איין וואָל האָט נאָכגעיאָגט דאָס צווייטע, די צווייטע האָט געכאַפּט די דריטע און האָט זיך אין איהר אריינגעגאָסען. און אוים־געזעהן האָבען די וואלען, ווי אַ שליח מיט אַ ראַפּאָרט קומט פון גאנץ ווייט און געהט ערגעץ וואו, גאנץ ווייט, און דערלעבט ניט זיין שליחות אויסצופיהרען, ער צוגיסט זיך און צוגעהט דערווייל אין וואסער; יאָגט איהם נאָך אַ צווייטער, צוגעהט ער אויך אין וואסער, און אַ דריטער... און אַ פיערטער... און דאָס וואסער שווימט ווייט אין דער וועלט

אריין... ביי דעם ברעג, אויפ'ן בארג, ווי א געטרייער בעל־הבית, שטעהט זיך דאס שטעדטעל, די ניעדריגע הייזלעך דערהויבען זיך, און קייטלען זיך אויפ'ן בארג ארויף. איין הייזעל שטעהט אויפ'ן צווייטען הייזעל'ס דעכעל. און בכלל זעהט אויס גאט'ס וועלטעל ווי א ליעבליך הויזגעזינד, וואס לעבט אין שלום, יעדער טהוט זיך דאס זייניגע. דער מאן קלאפט אויף דער מאשין און זינגט זיך זיין ליעדעל, דאס ווייב שטעהט ביי דער קיך, קאכט אב וועטשערע און זינגט זיך איהר ליעדעל.

א דאנערשטאג נאך מיטאג. די קינדער זיינען פריהער פון דעם חדר אהיים געקומען, מען לאזט זיך צום וואסער אראב. אט שטעהט א אידענע ביי'ם ברעג און וואשט די קינדערלעך אויס לכבוד שבת. דאס קינד, א מיידעלע פון א יאהר זעקס, רייסט ארויס איהר נאסען, איינ־געזאפטען קאפ פון אונטער די מוטער'ס הענד און וויינט הויך. די אינגלעך שטיפען ארום אויף א לאדקע וואס שטעהט ביי'ם ברעג. איינער שטופט מיט דעם שיפלער פון דעם ברעג אב, און אט לאזט זיך די לאדקע אין וואסער. די קינדער שרייען און שאלען מיט גדולה, און אט קומט פון דער ווייטען א בערלינקע אן צו שווימען, און שווימט זיך רוהיג, פאמעלעך, ווי א שאטען דורך דאס שטעדטעל. פון דארט, פון דער ווייטען ווייזען זיך רויטע ספאדניצעס און נאקעטע פיס שטעהען אין וואסער, און נאקעטע הענד קלאפען אין ווייסע שטיקער וועש. א מיידעל שטעהט ביים ברעג און וואשט דאס געפעס אב, עס שווימט איהר א טעלערעל אוועק אין וואסער, זי וויינט, קומט אן א חדר־קונדס, ער לאזט שוין זיין לאנגע קאפאטקעלע אין וואסער נעצען און מיט'ן הוט שלעפט ער פון וואסער דאס אוועקגעשוואומענע טעלערעל ארויס. און אט קומט אויף דער לאדקע ר' חיים דוד און ברוך פישער צו־שווימען, מיט א גרויסע פולע נעץ פיש לכבוד שבת; און נאקעטע בני־יעקב'לעך אין די ארבע כנפות'לעך, אזוי ווי זיי וואלטען גאר קיין גלות־קינדער געווען, באדען זיך, און האדעווען זיך אין וואסער, ווי אמת'ע קינדער אויף דעם שוים פון אן אמת'ע מאמע. און דער ווינד בלאזט, פערשפרייט די לייוונעד אויף די לאדקע, לופטערט בערד, מאכט ציטערן פאות, און פאטשט מיט ציצית פון ארבע כנפות'לעך אין פנים אריין.

אביסעל אונטער דער שטאדט ציהען זיך אויס די הימלען זיכער, גיעסט זיך אויס דאס וואסער זיכער, אויף גאט'ס חסד געשיצט, און ביים

ברעג ליגענען אנדערע מענשען פון אן אנדער וואסער, א פארטיע „ליט־וואקעס“. יונג און אלט ליגען זיי אויפ׳ן פעלד. פון דערווייטען זעהען זיך נור די בלעבענע טשייניקעס אנגעבונדען אויף די געפעק. עס ליגט א אידענע אנגעלעהנט דעם קאפ אויף א קעסטעלע און איבער־געבענדיג א „כפרה“ די נאקעטע ברוסט דעם נאקעטען קינד, וואס ליגט ביי איהר, ציהט זי איהר קאפ צום הימעל ארויף. די פערמאכטע אויגען בעטען שוין ניט, עס הייסט ווי זיי וואלטען צום בורא זאגען: ווילסט אזוי, טא זאל זיין אזוי...

עס זיצען די פאטערס אויף די געפעק זאכען; טהייל די קעפ אויף די הענד אנגעלעהנט און קלערען, טהייל גאר, — אזוי ווי עס וואלט זייער עסק ניט זיין, זיצען און שווייגען, ווארטענדיג אויף עפעס. ביים טאטען אויף דער ערד זיצט די מאמע און צוטהיילט די קליינע קינדער־לעך ברויט מיט אוגערקע, דער פאטער בייגט דעם קאפ פון די עסענדע קינדער אוועק און קוקט אין הימעל אריין. און דארט ביים ברעג וואסער שטעהט די עלטערע טאכטער און קוקט אויף די פליסענדע וועלען, און פון די אויגען רינען שטילע טרערען, און עס דאכט זיך, אז די ליפען שאקלען זיך.

און שטיל איז אין דער פארטיע. עס פרובירט צו רעדען א יונגער מאן עפעס מיט אן אלטען — דער לעצטער שווייגט. דער יונגער מאן רעדט ווייטער, דער לעצטער שווייגט אלץ.

עס לאזט זיך א אינגעלע, א ליטוואקעל א קליינס, פון דער פארטיע ארויס און גנב׳עט זיך צו צו די שטאדט־אינגלעך, וואס באדוען אין די לאנגע קאפאטקעלעך, דארט אין דער גרויסער לאדקע וואס איז ביים ברעג וואסער. עס געהט דאס ליטוואק׳ל, געהט און קוקט זיך אום. לאזט זיך און כאפט זיך צוריק, און אט האט ער שוין אויף א פוס אין די לאדקע אריינגעשטעקט. נאר דארט אין דער פארטיע שטעהט א הויבע אידענע און ווינקט מיט שרעק אויף דעם אינגעלע, מאכט מיט׳ן פינגער: שלמה׳קע! און דאס ליטוואק׳ל געהט ברוגז׳דיג צו דער פארטיע צוריק, זעצט זיך צווישען די אידען און קוקט מיט בענקשאפט אויף די שפיעלענדע אינגעלעך, און שווייגט אויך.

פון אונטער דער ווינד־מיהל, וואס פערשטעלט די פארטיע פון מענשענס אויגען לאזט זיך עפעס א קליין מאגער אידעל ארויס מיט א געשווירען בערדיל און טראגט אנגעטהאן עפעס א מין דייטשען רעגענ־

מאַנטעל, אונטען צוגעפּאַטיעט, און אַ פּיער־קאַנטיג היטעלע, ער האַלט אַ ביכעל אין דער האַנד און שרייבט דערין. נאָך איהם לאָזט זיך נאָך פון אונטער דער ווינד־מיהל עפּעס אַ הויכער סאָלדאַט מיט אַ רינגעלע אין אויער. עס רוימט זיך דער סאָלדאַט מיט דעם אידען אין דער שטיל. דער סאָלדאַט קוקט אויף די זיצענדע אידען און דאָס אידעל שרייבט אין ביכעל, הינטער זיי גערהט נאָך אַ הויכער יונג. דאָס פּנים זיינס איז פערבונדען מיט אַ טוך, און ער האַלט אַ גראָבען שטעקען אין דער האַנד, און דער יונג קלאַפּט וואוילעריש מיט'ן שטעקען אַן דער פייכטער ערד.

אין דער פּאַרטיע ווערט שטיל. עס בלייבען זיצען די וואַנדערער אויף זייערע געפּעק און שווייגען. עס קעהרט צוריק דאָס מיידעל פון ברעג און זעצט זיך אין דער קאָמפּאַניע. דאָס קליינע ליטוואַק'ל בעהאַלט זיך אונטער דער מאַמע'ס פּאַרטוך און ציטערט. און די אימה'דיגע געזיכטער, און די אַראָבגעלאָזטע אויגען רעדען עפּעס אין דער שטיל: מיר זיינען גאָר ניט שולדיג! גאָר ניט שולדיג!

פון אונטער דער ווינד־מיהל ווייזט זיך אַרויס אַ שטיק שוואַרצע קאַפּאָטע, אַ האַלב געזיכט, אַ האַלבע באָרד, אַ האַלבער הוט און איין אויג בעאָבאַכטעט פון דערווייטען דעם איד מיט דעם רעגענמאַנטעל. באַלד ווייזט זיך פון אונטער דער ווינד־מיהל אַ האַנד אַרויס און ווינקט צו דער „פּאַרטיע", מאַכענדיג אַרויף און אַראָב.

די וואַנדערער זיצען, קוקען איינער דעם צווייטען אָן און שווייגען.

---

פּאַרנאַכט. אַ ווינד בלאָזט, עס רודערט אויף די ליעגענדע, שטיל פּליסענדע וועלען, און פון דערווייטען דאַכט זיך, ווי אַן אונגעהויערע חיה שווימט אין וואַסער מיט לאַנגע גרויסע וואַסערדיגע קאָלטענעס. די לייוועגד ווערען אויף די בערלינקעס אויפגעצויגען, ווי זיי גרייטען זיך עפּעס אָן צו עפּעס אַ מלחמה. פון ערגעץ ווייט קומט אָן אַ טראַטווע צו שווימען און אַ פייערל ברענט זיך אויף דער טראַטווע. און דאָרט איילט אַ מענש אויף אַ לאָדקע צום ברעג, און ווייטער גיסט זיך דאָס וואַסער; עס גיסט זיך אויס געגענאיבער דעם טהוי־בעדעקטען הימעל, דער העלד האָט זיך אָבגעמאַטערט און רוהט. און פון דעם באַרג גלענ־צען אַראָב די קליינע זעקס ליכטלעך, וואָס שטעהען אין קליינעם בית המדרש פאַר'ן „עמוד". טונקעל ווערט אויפ'ן וואַסער, טונקעל ווערט

אויפ'ן הימעל און דאָס שטעדטעל הילט זיך אין טהוי־נעבעל איין און רוהט אויך. און פון דעם קליינעם בית־המדרש'ל לאָזט זיך א וויינענ־דיגער „והוא רחום" הערען, און די תפלה שוועבט אין דער לופטען, איבער דעם וואסער, ווייט איבער די פעלדער... א קריאת־שמע לייענען איז עס פאר'ן שלאָפען לעגען זיך פון דער גאנצער וועלט...

## .2

נאכט איז געוואָרען, און שטיל אי: ארום. דאָס וואסער, ווי עס וואָלט זיך עפּעס א ברוגז מיט די חדר־אינגלעך געמאכט, וואָס שטיפען דערמיט א גאנצען טאָג ארום, האָט זיך אין א טהוי־נעבעל איינגעהילט, עס הייסט אויף מענשען לשון: אין שטוב זיך ארייינגעכאַפּט, די לאָדען פערמאכט און שלאָפט. אויף א טראָטוואַר ערגעץ ברענט זיך א פייער'ל, א ברילאַנט איז אין דער פינסטערער נאכט איינגעפאסט, און דאָס פינ־קעלט אזוי פון דערווייטען... די שטאָדט־בעלי־בתים האָבען זיך אין זייערע הייזלעך בעהאַלטען, און יעדער שיצט זיך אונטער זיין דעכעל, וואָס דער עלטער־זיידע האָט איהם איבערגעלאָזט. און דאָס גאנצע שטעדטעל בעהאַלטענדיג זיך אין דעם נעבעל, וואָס שטייגט פון וואסער ארויס, דאכט זיך, דאנקט און לויבט השם־יתברך, זיך איינקאָרטשענדיג: אוי, וואָס פאר א גוטען גאָט מיר האָבען! און דער נעבעל, שוועבענ־דיג איבער דעם שטעדטעל איז עפּעס ווי א מאמע, וואָס פערשפּרייט איהר פאַרטוך איבער איהרע קליינע קינדערלעך, בעטענדיג זיך: דאָ ניט... דאָ ניט...

נאָר די לבנה, איינע אליין אויפ'ן הימעל, קוקט אראָב איינע אליין אויף דר'ערד, און בלאָנדזשעט ארום איינע אליין אויף דער וועלט, זו־כענדיג נאָך א לבנה.... און אויף דעם שלאָפענדיגען וואסער פאַלט א קאַלטער שטראַהל און בעלויכט עפּעס, שוועבענדיג אויף די רוהיגע, שלאָפענדע חוואַליעס. אלץ טוליעט זיך, הילט זיך אונטער די פליגלען פון דער שכינה איין, בעטענדיג אין דער שטיל מיט פאָרכט: גאָט, זיי ערבארימדיג איבער אונז!

אונטען אויפ'ן פעלד איז דאָס וואסער פערגליווערט אין איין שטיק, אין דעם אויר פון דער נאכט. פערגליווערט מיט אלעם: מיט דער וועלט, מיט דער ערד, הימעל און גאָט. ביים ברעג, אויף די פליגעל

פון א שווארצען ריהרעוודיגען אָדלער ליעגען ווער... צו זיינען עס מענ־שען, אָדער טויטע שאָטען פון דער נאַכט?... פּנים'ער קוקען אין דער לבנה אריין, בעטענדיג עפּעס.

און שטיל איז ארום.

פון דערוויייטען הערט זיך, ווי עס רודערט זיך עפּעס אין וואסער... איין וואַל אויף דער צווייטער און דאָס גיעסט זיך צוזאמען, ווי עפּעס קושען זיך און פּליסטערן אין דער שטיל.... צו זיינען מתים דאָ די נשמות זייערע טובל אין וואסער?... באַלד בעוועגט זיך א שאָטען אין דער לופט, שוועבענדיג איבער'ן וואסער. עס רודערט זיך און עס נעהנט זיך, דער שאָטען. אָט הערט זיך, ווי עס שווימט.... לאָקך... לאָקך.... דאָס וואסער קושט אין דער שטיל דעם ברעג... דאָס וואסער קלאַפּט אויף דעם ברעג... דאָס וואסער שלאָגט דעם ברעג.... עס איז ווער צום ברעג צוגעפּאָהרען.

א שאָטען איז אויף דעם ברעג ארויף...

— שא—שא, ש־שטיל זייט!

עס רודערט זיך אויפ'ן פּעלד. טריט קנייטשען און בויגען ווייך דעם טהוי־בעדעקטען גראָז.

— יודען!

— וואו זיינט איהר? זיינט איהר אַלע צוזאמען?...

— קומט!

— ש... שטיל.

עס רודערט זיך אויפ'ן פּעלד, פייכטע גראָז קנייטשט זיך אונטער די טריט.

— ליזע, האָלסט אברהמ'לען?

מען פּליסטערט אין דער שטיל.

— ברוכ'ל, וואו ביסט דו?

— ביים טאטען. —

מען געהט.

— יודען, האַלט אייך אָן ביי די הענד, קאָמאנדעוועט ווער אין דער שטיל. מען געהט.

— ששששששששא.

— שטיל זייט נאָר.

— שווייגט, האָרכט!...

עס הערט זיך אַ רודערען צווישען צווייגען פון דערווייטען.
— מען האָרכט, דאכט זיך.
— יאָ.
— האָרכט נאָר —
— מען געהט.
— מען יאָגט נאָך...
— שטיל זייט — ששששש...
— לעגט אייך פּאמעליך אויף דר'ערד אניעדער.
— בעהאַלט דאָס פּנים אין די גרעזער.
— האַלט איין דעם אָטהעם.
שטיל איז ארום.
— די לבנה איז בעוואָלקענט, זיי וועלען אונז נישט זעהען.
— גוט.
— אָ, גאַנצע מחנות שווארצע וואָלקען ציהען זיך איבער איהר!
— געלויבט צו גאָט.
עס הערט זיך אַ פּישצען פון אַ קינד.
— האַלט דעם קינד דאָס מויל צו, זאָל עס ניט שרייען.
— גערענקט אין גאָט, וואָס טהוט איהר?!
דאָס קינד הערט אויף צו פּישצען.
עס הערען זיך טריט פון פערד.
— מיר זיינען פערלוירען!
— האָט קיין מורא.
— ליעגט אויף דר'ערד, רודערט אייך גאָר ניט.
— בעט גאָט אין הארץ. —
— רבו—נו—ש—ל עולם!
ש־ש־טיל.
— מאַמע, וואו ביסט דו?
— דאָ, דאָ!....
— שווייגט!
— מאַמע, איך האָב מורא.
— זיי שטיל, איך בעט דיך.
— מאַמע, פערדעק מיך מיט'ן טוך.
— שטיל וועט איהר זיין!...

— מאמע...

— ווארפט איהם אין וואסער!...

די טריט פון די פערד הערען זיך שוין נעהענטער.

— ש־ש־ש־טיל.

די פערד האבען זיך אבגעשטעלט.

שטיל איז ארום.

—שעוועליטסיא? ניעט? (עס ריהרט זיך עפעס? ניט?)

שטיל איז, מען הארכט.

— ניע סלישנא. (מען הערט ניט.)

עס הערט זיך א גאלאפ, מען רייט געשווינד.

די טריט פון די פערד הערען זיך שוין פון דערווייטען.

באלד, זיי פערשטומען אין דער שטילקייט פון דער נאכט.

— געלויבט השם יתברך!

מען שווייגט.

— וואס פאר א גוטען גאט מיר האבען!

— הויבט אייך אויף פאמעליך...

— האלט אייך אן ביי די הענד.

— קומט, יודען.

עס הערען זיך טריט פון מענשען.

— אט איז די לאדקע, לעגט אריין די געפעק.

דאס וואסער קלאפט אויף דעם ברעג.

— וואו איז אברהמ'על?

— דא, דא.

— שטייגט איין פלינקער.

— דאס לעצטע מאל זעה איך דיך, מיין לעצטער טריט אויף דיין ערד!...

— וועסט שפעטער זאגען קנות.

— דעם טאטען מיט דער מאמען דא אין קבר איבערגעלאזט, און די טראג זיך די ביינער אנדערש־וואו....

— מאך דיך נישט צום נאר.

— היידא... פלינקער, קיין צייט נישטא.

— פערטיג?

— שטופט אב.

— פאַמעליך, אין דער שטיל.

עס רודערט זיך, דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג, עס הערט זיך חוואַליעס יאָגען, מען שיפּט זיך.... לאַנג... לאַנג.... מען פּאַטשט דאָס וואַסער...

די לבנה שווימט רוהיג פון די וואָלקען ארויס. זי שמייכעלט. עס פאַלט אַ קאַלטער שטראַהל אויף די וואַלען.

# אויף דער שיף

אויף די שיף צווישען אלע צווישענדעקער האב איך זי בעמערקט. עס איז געווען א ליטווישע גוי'ע מיט צוויי קינדער. דאר און טרוקען איז איהר געזיכט געוועזן, און הארט איז איהר הויט געוועזן. און גרויס און לאנג זיינען איהרע הענד געוועזן. דאר אזוי ווי די ערד וואס האט זי ארויסגעגעבען, — די ארימע ליטווישע ערד, וועלכע ציהט זיך מיילען אוועק, און קיין וואסער און קיין בארג בעזוצט איהר רוקען ניט. טונקעל און ארעם איז איהר געזיכט. נור איהרע שווארצע, טיעפע אויגען זיינען פייכט און ווארפען א טרויעריגען שימער אויף איהר געל פארמעט־געזיכט.

פון די ערשטע מינוט אן, וואס זי האט זיך מיט איהרע קינדער אויף איהר ארט אין די צווישענדעק אוועקגעלעגט, אזוי איז זי געבליבען ליעגען, ניט צו בעוועגען זיך פון ארט, ווי א הוהן, וועלכע האט זיך אויף איהרע הינדעלעך ארויפגעזעצט, און ווארימט זיי מיט איהרע פעדערען, אזוי האט זי אונטער איהר קאפטען איהרע צוויי קינדער ארונטער־גענומען, און בעהאלטען זיי. מיט קיינעם האט זי קיין ווארט געטוישט, האט נור פון צייט צו צייט א חושד'יגען בליק אויף די ארומיגע געוואר־פען און באלד האט זי זיך ווייטער געגעבען א לאז אריין אין איהרע געדאנקען און האט געשוויגען... און איהר בליק איז ערגעץ־וואו געווען געריכטעט, וואס ניט די שיף, ניט דער ים, איז זיין ציעל געוועזן.

עס האט זיך דיר געדאכט, אזוי ווי זי האט איהר בליק איינגע־טאפיעט אין דעם סטאוו וואס גיסט זיך הינטער איהר ארעמע כאטקעלע, דארט אין דער ליטע, און קען זיך ניט אברייסען פון איהם. די „שקצים'לעך", איינס אכט יאהר, דאס צווייטע פיער יאהר, האבען אויך פון הינטער זייער מוטער'ס קאפטען זייערע בליקען ערגעץ־וואו געריכטעט. אזוי איז זי אבגעזעסען גאנצע טעג אהנע א ווארט צו רעדען, אדער זיך צו בעוועגען פון איהר ארט.

איך פלעג טהיילמאָל אין אבענד אריינגעהן אין צווישענדעק. איך האָב מיך יעדעס מאָל אָבגעשטעלט קוקען אויף די גוי'ע מיט די צוויי קינדער, וועלכע ליעגען אין די טונקעלע נאכט אין דעם רוישענדען רעש פון די אַרומיגע פויערים און קוקען מיט שרעק דורך דעם פענסטער אין דעם שווארצען ים אריין. וויפיעל מאָל איך האָב ניט געפּרואווט רעדען מיט איהר, האָט זי מיר ניט אָבגעענטפערט, נור געוואָרפען אַ חושד'יגען בליק אויף מיר, און צוגעשאַרט די „שקצים'לעך" צו זיך, מורא־האָבענדיג אַז איך זאָל זיי ניט אַוועקנעהמען פון איהר, און איך האָב שטענדיג דאָס געפיהל געהאט ווי דאָס שיף, אויף וועלכען מיר פאָהרען, מיט זיינע שווארצע קוימענס איז עפּעס אַ ריעזיגע ים־חיה, וועלכע קומט אַנגעלאָפען און גזל'ט אַוועק מוטערס פון זייערע קינדער, קינדער פון זייערע מוטערס און פיהרט זיי אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט, אין פרעמדע לענדער, צו פרעמדע ברעגען.

אויף די שיף האָט געהערשט מאַזלען. דער דאָקטאָר איז יעדען אין דער פריה אַרומגעגאַנגען און האָט אונטערגעזוכט די אויגען און די אויערען פון די קינדער. די מוטערס פלעגען מיט שרעק קוקען יעדען אין דער פריה אויף די קינדער, און ווען דער דאָקטאָר איז צוגעקומען צו זיי, האָבען זיי רחמנות'דיג מיט ציטערנדע הענד און שלאָגענדע הערצער בעהאַלטען די קינדער ביי זיך, און נור געוויזען די קעפּלעך פון די קינדער, און בלייך געקוקט אין דאָקטאָר'ס אויגען אריין.

דער דאָקטאָר האָט אויך בעקוקט יעדען טאָג די גוי'עס אינגלעך. די גוי'ע האָט ניט געוואוסט צו וואָס און ווען, נור יעדעס מאָל ווען דער דאָקטאָר פלעגט זיך דערנעהנטערן צו איהר, פלעגט זי נעהמען איהרע קינדער אונטער איהר קאַפּטאַן, און אַרויפלעגען זיך אויף זיי, און מיט שרעק און מורא געקוקט אויפ'ן דאָקטאָר, ווי אויף אַ מלאך המות, און אויסגעשטרעקט איהרע הענד, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פון איהם רעטען, און נור מיט געוואָלט פלעגט עס געלינגען די קינדער פון אונטער איהר בויך אַרויסצוקריגען, און בעקוקען זיי.

אין איין טאָג האָט דער דאָקטאָר געהייסען זיינע בעגלייטער צו־נעהמען דעם קליינעם אינגעל אין קינדער־האָספּיטאַל, אין די אבטהייד־לונג פון מאַזלען און קיינעם ניט צולאָזען צו איהם. דער קליינער אינגעל איז קראַנק געוואָרען. אַז מען האָט געפּרואווט אַוועקטראָגען דעם אינגעל, האָט די גוי'ע צום ערשטען מאָל געגעבען אַזאַ שריי אויס

„יעזוס“, אז די גאַנצע צווישענדעק איז דערציטערט געוואָרען, און מיט אויסגעשטרעקטע הענד ווי א וואָלפין האָט זי זיך געגעבען א לאָז אריין צווישען די מאַטראָזען, מיט איין שטוים האָט זי דעם מאַטראָז געוואָר־פען צו דער ערד, און האָט צוריק אַרויסגעקריגען איהר קינד, א וואָלפע אַרויף זיך אויף איהם, פערדעקט איהם מיט איהר קערפּער, און אויס־געשטרעקט איהרע אויגען מיט איהרע נעגעל אריינצוועסען זיך אין דעם שונא'ס פלייש אריין אום איהר קינד צו ראַטעווען.

נאָך א שעה שווערער אנשטרענגונג איז אַכט מאַטראָזען מיט צודראַפּעטע הענד, צוביסענע פינגער און צובלוטיגטע פּנים'ער געלונגען דאָס קינד פון אונטער איהר אַרויסצוקריגען און אין האָספּיטאַל צו ברענגען. די גוי'ע האָט זיך אָבער געגעבען א וואַרף אַרונטער הינטער די טהיר פון האָספּיטאַל און איז אָבגעלעגען א גאַנצע נאַכט. ווי א הונד האָט זי געוואַרעט אויף די טהיר און ביי די ערשטע געלעגענהייט, ווען דער פעלדשער האָט געעפענט די טהיר, האָט זי זיך געגעבען א לאָז אריין, און מיט איין שפּרונג איז זי שוין געלעגען אין קינד'ס בעטעל און האָט אַרומגענומען איהר קינד און צוגעטוליעט צו זיך.

ווען דער דאָקטאָר איז אריינגעקומען האָט ער שוין דערזעהן ווי דאָס קראַנקע קינד נאָרעט איין זיין רויט צוהיצט פּנים'ל אין די בריסטען פון זיין מוטער. ווי א קאַלב אַזוי גראָבט ער איין דאָס פּנים'ל אין די מוטער'ס לייב, און די מוטער הויכט דאַרויף, צו קיהלען זיין היץ און אָטהעמט איין אין איהר מויל דעם קינד'ס ווארימען אָטהעם, און בעקושט עס, און בעלעקט עס, ווי א קוה בעלעקט איהר יונג קעלבעל, אזוי בעדעקט זי מיט איהר געלב פּנים דעם קינד'ס פלאַמענדע קעפּעל און פּנים'על.

עס איז שוין געווען פערפאַלען, מען האָט געמוזט די גוי'ע לאָזען ביים קינד. הינטער דער טהיר איז אָבער געלעגען דאָס עלטערע אינגעל און האָט מיט זיין קעפּעל געשלאָגען אויף די טהיר פון האָספּיטאַל, און האָט מיט א וויינענדע שטימע געשריען: „מאַמוכאַ, מאַמוכאַ!“ עס האָט ניט געוואָלט נעהמען צו זיך ניט קיין עסען, ניט קיין צוקערוואַרג. די מוטער פלעגט אַרויסשפּרינגען פון בעט, צולויפען צו די טהיר, רייסען די טהיר, האַקען, אָבער די טהיר איז געווען גוט פערשלאָסען. האָט זי צו איהם דורך די טהיר אַרויסגעשריען א פּאָאַר „לאַסקאַווע“ ווערטער, און האָט זיך צוריקגעלעגט צום קינד אין בעט אריין. כל זמן זי האָט

געהערט דעם קינד'ס געוויין פון יענער זייט טהיר איז זי רוהיג געװען, נור צום סוף האָט מען מורא געהאַט, אַז די מוטער זאָל זיך ניט ארויס־קריגען פון האָספּיטאַל און אריינגעהמען דאָס צווייטע קינד און אָנ־שטעקען עס מיט מאָזלען, האָט מען דעם אינגעל מיט געוואַלט אוועק־גענומען פון הינטער דער טהיר, און אָבגעפיהרט איהם אין אַ צווייטע אבטהיילונג.

די גוי'ע האָט געהערט פון אינווענינ דעם קינד'ס געשריי. מיט איין שפּרונג איז זי געווען ביי דער טהיר און געקלאַפּט מיט איהר קאָפּ אָן וואַנד, שרייענדיג מיט אַ הארצרייסענדען קול: „גאָספּאָד פּאָמילוי", „גאָספּאָד פּאָמילוי"! זי האָט מיט די הענד געקראַצט אויף די טהיר, געביסען, געוואָרפען זיך, און געשלאָגען מיט דעם קאָפּ, אבער עס האָט גאָר ניט געהאָלפען; די טהיר איז געווען צו שטאַרק.

ביי די ערשטע געלעגענהייט ווען עס איז נור ווער אריין אין האָספּיטאַל, האָט זי זיך געגעבען אַ חאַפּ ארויס און איז אריין אין די צווישענדעק און האָט אָנגעהויבען זוכען צווישען די בעטען און די קינדער איהר אינגעל, רופענדיג איהם ביים נאָמען: „אנטאָניו, אנטאָניו!"

עס איז געוואָרען אַ געוואַלד, די גוי'ע שטעקט אָן די קינדער מיט מאָזלען, די מוטערס האָבען געכאַפּט די קינדער און זיינען אנטלאָפען פון איהר, בעהאַלטענדיג זיך אין די ווינקעלעך, אויף די בעטען. די פאָטערס האָבען זי אוועקגעיאָגט פון זייערע קינדער, און זי איז ווי אַ משוגענע ארומגעלאָפען אין אַלע ווינקעלעך, אויף אַלע דעקען און בעטען און געזוכט איהר עלטערן „שקצ'ל" — בעטענדיג זיך ביי די מוטערס. מען האָט מורא געהאַט פאַר איהר, דער דאָקטאָר האָט געשריען: „בעהאַלט די קינדער!" אנדערע האָבען געשריען: „דער טויט, דער טויט, זי וועט אייך די קינדער טויטען!"

מען האָט זי געפּרואווט צוריקצונעהמען אין האָספּיטאַל אריין. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. וויפיעל די מאַטראָזען האָבען זיך ניט אָנגעשטרענגט, זי האָט מלחמה געהאַלטען מיט איהרע נעגעל און מויל, און דער געשריי אין צווישענדעק איז געוואָרען וואָס אמאָל העכער און הארצרייסענדער.

דאָן איז דער דאָקטאָר אריין אין האָספּיטאַל און האָט ארויס־גענומען דאָס קראַנקע קינד אויף זיינע הענד, האָט עס אריינגעבראַכט

אין צווישענדעק און האָט עס געוויזען פון דערווייטען דער גוי׳ע. די גוי׳ע, דערזעהענדיג דאָס קינד, האָט זיך געגעבען אַ וואָרף אויפ׳ן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט עס אָבער גענומען און גאַנץ פּאַמעלעך דערמיט אַרוים פון צווישענדעק, ווייזענדיג עס אַלץ די גוי׳ע.

דאָס קינד האָט די הענדטלעך אויסגעשטרעקט נאָך דער מוטער, און די מוטער איז ווי אַ קוה נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קינד, אַלץ אומ־קוקענדיג זיך, זוכענדיג מיט די אויגען און שרייענדיג: „אַנטאָניו, אַנטאָניו!“

ער האָט זי, נאָכלויפענדיג נאָך איהר קראַנקעס קינד, אַריינ־געצויגען אין האָספּיטאַל אַריין, און האָט זי געהאַלטען פערשפּאַרט דורך די גאַנצע צייט פון אונזער רייזע.

# אַמעריקאַנער רייזע איינדריקע

# אמעריקאנער איינדריקע.

## 1

### ניאגארא פאללס.

מען זאגט אז די פארצייטיגע פעלקער האבען זיך געבוקט און גע־האלטען פאר א גאט יעדע גרויסע ערשיינונג פון דער נאטור, ווי די בערג, דעם ים, די גרויסע וואסער־פאלען. מען זאגט, אז די פארצייטיגע פעלקער האבען זייערע ערשט געבוירענע זיהן, די בכורים, געבראכט פאר קרבנות צום ים־גאט; זיי האבען זיי אראבגעווארפען פון די בערג און געלאזט זיי קייקלען זיך אין די וואסער־שטראמען פון די גרויסע וואסער־פאלען. עס קען גרייליך זיין. איך געדענק, אז דאס ערשטע מאל ווען איך האב דערזעהן דעם אפענעם ים, בין איך אנטלאפען פאר אימה; איך האב מורא געהאט, אז דער ים זאל נאך ניט ארויס פון זיין צוים און מיר נאכלויפען און איינשלינגען. מיט דערציטערטע אימה האב איך געדאנקט גאט, וואס ער האט אבגעצאמט דעם ים און האט איהם בעפוילען ניט ארויסצוגעהן פון זיינע ברעגען. איך געדענק, אז דאס ערשטע מאל ווען איך האב דערזעהן דעם וויים־בעשנעעטען שפיץ פון „געבאנט“ אין די טאטרען־בערג, ווי ער האט געברענט אונטער די שטראהלען פון דער אונטערגעהענדער זון — בין איך איינגעקארטשעט געווארען פאר קליינקייט. אלץ מורא געהאט, אז די הויכע טאטרען, וואס האבען אמאל געמוזט זיין לויפענדע ים־שטרא־מען און זיינען, פאר עפעס א זינד, פון גאט פערשאלטען געווארען און פערוואנדעלט געווארען אין ווילדע שטיינער מיט מאך בעוואקסען — זאלען זיך ניט צושיטען און די גאנצע וועלט פערשלינגען. דאס זעלבע

איז געוועזען ווען איך האָב צום ערשטען מאָל דערזעהן די גרויסע וואסער־פאלען פון אימאַטראַ. און נאָך מעהר איצט — דעם וואסער־פאל פון ניאַגאַראַ.

אַליין אַ קינד, געבוירען אויף די פויערישע פייכטע פעלדער פון קליאַווע אין פוילען, וואו דער גרעסטער אויסברוך פון דער נאַטור איז א רעגען־שטורם, וואס פערפלייצט די געסלאך פון אונזער שטעדטעל, אדער א בליץ, וואס ברענט אויס די הילצערנע בריקעל, וואס ליגט איבער אונזער טייך — שרעק איך זיך פאר יעדע אויסערגעוועהנליכע נאַטור ערשיינונג. ניט דאָס ערשטע מאָל זעה איך אַ וואסער־פאל; איך קען גוט די אימאַטראַ, אין פינלאנד, אין וועלכען עס האָבען זיך אריינגעוואָרפען מיידלאך פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן.

דער אימאַטראַ איז אַן אויסגעגאָסענע טייך איבער אַ ברייט פעלד און יאָגט זיך איבער שטיינער דאָס וואסער צוברעכט ביין און געניק, נאָך איידער עס קומט צו צום וואסער־פאל. אז מען קוקט אויף דעם אימאַטראַ פאל אין פינלאנד, האָט מען דאָס געפיהל, אז מיט'ן טייך האָט עטוואָס געטראָפען אַ סיבה פאר מיילען ווייט; ער איז ארויס פון זיינע ברעגעס און האָט זיך צוגאָסען אַ ווילדער איבער פעלדער, און די שטראָמען יאָגען זיך ווי דערשראָקענע הירשען איבער די פעלדער, ביז זיי פאלען אראָב אין אַ טיעפען גרוב און צוברעכען ביין און רוקען.

אַנדערש אָבער איז דער ניאַגאַראַ־פאָל. דער טייך איז נאָך פעסט איינגעשלאָסען אין זיין קארעטע; די ברעגעס פוןביידע זייטען טייך זיינען אויסגעבעט מיט די אונשולדיגסטע, צאַרטסטע גרעזלאָך און געוויקסען.

עס איז נאָך פריה אין פריהלינג. די שוואַרצע בוימער זיינען נאָך שיטער בעבלומט מיט יונגע, נאָר וואָס אַרויסגעקומענע קנאָספען, און צווישען די שיטערע צווייגען ווייזט זיך דער קלאָהרער, בלויער הימעל. די זון האָט גענוג פלאץ ארויסצוקומען פון צווישען די צווייגען און אויסצובעטען זיך ווייך און קוים בעריהרענדיג איבער די נאָר וואָס געשניטענע, געל בעבלומטע לאָנקע. די גרעזלאָך פון די לאָנקעס, ביי דער קארעטע פון טייך, זיינען אזוי יונג, אזוי צאַרט, אַז עס דאכט זיך, אַז אַן איידעלע, צאַרטע פרויען־האנד האָט געצערטעלט יעדעס גרעזעלע, אויסגעגלעט עס מיט איהרע קאלטע נשמה'דיגע פינגער און בעקושט עס מיט איהרע בעטויהטע פרישע ליפען...

דאָס וואַסער אין טייך איז פריש, בעלעבט, נאָר וואָס בעפרייט פון אייז. עס לאָזען זיך נאָך איבער'ן טייך שטיקער קריהעס אייז, שטיקער העלצער, אויסגעריסענע צווייגען, צונויפגעשלעפּטע בוימער, וואָס דאָס אייז ברענגט מיט זיך. — דאָס אַלעס שלאָגט זיך אָב אָן די שטיינער, וואָס זיינען אין טייך, נאָר דער שטראָם כאַפּט עס מיט און לאָזט זיך ווייטער. מיט איין רגע פריהער ווערט נאָך ניט דער שטראָמדיגער טייך, אַז זיין סוף איז אַזוי נאָהנט. ער פערלאָזט זיך נאָך אויף גאָט'ס חסד און ווערט נאָך אָבגענאַרט פון די אונשולדיגע, בעבלימטע ברעגעס, און פון דער שעהנער זון. און פּלוצלונג, אין מיטען שטראָמען, רייסט זיך איבער די וועלט. און דער גאַנצער טייך, אַזוי גרויס ווי ער איז — מיט'ן קאָפּ אַראָב, איבער שטיינער, איבער פעלזען, איז אין דעם טיעפען תהום אַראָב!

און ווי עס דערשרעקען זיך די שטראָמען, אויף אַ סעקונדע וואָלטען זיי שטעהן געבליבען דערזעהענדיג פּלוצלונג דעם טיעפען אָבגרונד, אין וועלכען זיי פאַלען אַריין. פאַר שרעק שטעלען זיי אויף זייערע וואַסער שטראָמען, ווי די ווילדע חיות זייערע קאָדלעס, נאָר עס שטופען זיי באַלד אַראָב די שטראָמענדיגע וועלען וואָס קומען אָן צוויאָגען הינטער זיי. און איינס נאָכ'ן אַנדער'ן קייקלען זיך די וועלען מיט די קעפּ אַראָב אין טיעפען תהום אַריין. אויף טויזענדער שטיקלאַך ווערט צומאַהלען יעדר טראָפּען וואַסער צווישען די פעלזען־שטיינער.

עס ווערען אויפגעשניטען די שטראָמען, פאַלענדיג איבער די פעל־זען. די זון רייסט זיך אַריין אין דעם אויפגעשניטענעם האַרץ פון'ם וואַסער, און דו זעהסט דאָס פערבאָרגענסטע געהיימנים, וואָס דער טייך בעהאַלט אין זיין טיעפעניש.

עס פאַלען מיט מיט'ן טייך די גרויסע שטיקער אייז, די קלעצער, די בוימער, די צווייגען, און אַלעס ווערט צוריבען צווישען די פעלזען און די שטאָרמענדיגע קאָדלעס פון דעם פאַלענדען טייך.

פון אונטען, פון תהום געהט אַרויס אַ געשריי. אָס איז דער נסיכה־געשריי פון די פאַלענדע וועלען, וואָס ווערען צוריבען אין דעם גיהנם מיהל. עס הויבט זיך אויף אין דער לופט אַ ווייס שוימענדיגער וואָלקען פון דעם צוריבענעם וואַסער און עס רייסט זיך אַריין די זון אין דעם שוימענדיגען וואָלקען און פלעכט איהם אַדורך מיט די פייערען פון רע־

געז־בויגעז און פערשטעלט פאר׳ן מענשליכען אויג דאס געהיימנים פון טויט...

געשטארבען איז דער טייך וואס גיסט זיך אין דער הויך און גע־בוירען איז געווארען א נייער טייך אין טיעפען טהאל. פאמעליך, מיט קינדערשע טריט, גיסט זיך דער טייך אין דער טיעפער קארטע; עס איז דער ערשטער טאג פון דעם ניי־געבוירענעם טייך...

---

איך האב ליעב צו זיין מיט דער נאטור אליין אין דער שטילער נאכט. אין דער שטילער נאכט הער איך דאס גערויש פון דעם וועלטען גאנג אין זיין קרייזלען זיך אין תהום. אין דער שטילער נאכט בין איך ביי דעם ניאגארא־פאל געשטאנען און צוגעזעהן ווי די וועלט קייקעלט זיך אין טיעפען תהום אריין. אלעס האט דער טייך געשלעפט מיט זיך. און איך האב געגלויבט, אז נאך א מינוט וועל איך זיך אויך מיטלאזען מיט די שטראמען מיט׳ן קאפ אראב, אז יעדער טראפען בלוט מיינער, יעדעס ביינדעל מיינס, זאל צוריבען און צומאהלען ווערען אויף טויזענ־דער שטיקלאך און אויפגעשטראמט ווערען צווישען די שארפע קיעזעל שטיינער מיט די שרייענדע וואסער וועלען...

ארום און ארום האט די וועלט געטהאן דאס איהריגע; געהארכ־זאם האט זיך אלעס צוגעהערט צום בעשעפער׳ס געבאט און ערפילט עהרליך די פליכטען. געוואשען האט זיך די יונגע לבנה צווישען די בלויעליך, מלוכה־ווייבערשע וואלקענס; געשטאנען זיינען די שטערן יעדער אויף זיין וואך אין הימעל־פעלד, און יעדעס בוימעל איבער דער ווייטער לאנקע האט זיך פרום געשאקעלט און געלופטערט זיינע צווייגען. געטוליעט האבען זיך די געלע טולפאנעס, אין די בייטען, צו דער ברוסט פון דער ערד, און די יונגע בלומלאך, ווי בלינדע קינדער האבען בעהאלטען זייערע קעפלאך אונטער די ווייכע פליגלען פון די נאכט־גרעזער. און איבער דעם אלעס איז געהאנגען, מיט איהר ברייט־פאלדען קלייד, די מוטער־נאכט און צוגעדעקט אלעס אונטער איהר טונקעלען פארטוך.

נאר דער טייך, ער האט ווידער געשפעניגט; ער האט געשאלטען גאט אין פנים אריין, ניט געוואלט פאלגען זיין געבאט און געווארפען זיך מיט׳ן קאפ אראב אין טיעפען טהאל אריין...

אַה, זיי געלויבט, ניאַגאַראַ־פאַל! דו גרויסער געשריי! האַלט אויף, האַלט אויף, דאָס ביסעלע ווילען! עס איז אזוי ווייניג דאַ אין דער וועלט!

פערשטאַנען האָב איך די פּאַרצייטיגע פעלקער, וואָס האָבען געדיענט צום ניאַגאַראַ־פאַל, און געוואָרפען אין איהם זייערע ערשט־געבוירענע זיהן.

---

און ווידער בין איך געשטאַנען ביים ניאַגאַראַ־פאַל. אין פריה־מאָרגען, ערשט נאָר וואָס הויבען זיך אָן ארויסצוהויבען פון מאָרגען־טהוי די איינצעלנע בוימעלעך און די לאַנגע לאַנקעס ענטפּלעקען זיך פון נאַכט וואָלקען. מיט פערוואונדערונג עפענען אויף די טול־פּאַנען זייערע מיילכעלאַך און הויבען אָן צו טרינקען דעם טהוי און די זונען־שיין. און די געלע גאָלד־בלימעלאַך ענטפּלעקען זיך פון אונטער די גראָז פּליעגלען. אויפגעדעקט ווערט דאָס גאַנצע לאַנדשאַפט; די ווייסע וועלט קומט פון דער נאַכט ארויס ווי אַ יונגע פרויענצימער פון איהרע שוואַרצע שלייערס. און ווידער שטראָמט דער וואַסער מיט'ן קאָפּ אַראָב אין טיעפען אָבגרונד, ווידער הערט זיך דאָס בעשטענ־דיגע געשריי פון די ווילען.

אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיך די ווילען געוואָרפען אויף די פעלזען און גאָר נישט האָט זיך געענדערט דורך דער נאַכט; אַלעס איז ווי עס איז געווען נעכטען, ווי איבער־נעכטען — אפילו אויף אַ האָהר האָט זיך זיין קאַרעטע ניט געביטען; דער זעלבער שטראָמען, דער זעלבער רוישען. קיין איין טריט איז ער נישט ווייטער געגאַנגען, ניט אויף לינקס און ניט אויף רעכטס.

לאַנגווייליג איז מיר געוואָרען זיין שטראָמען. איינטאָניג זיין ברומען. איך בין ניט מעהר דערשראָקען געוואָרען פאַר איהם, מיט יעדען אויגענבליק בין איך געוואַקסען ביי מיר: — ניין, ניין! ניט דו ביזט דער ווילען, ניט דו ביזט דער געשריי. עהרליך ערפילסט דו דיין פליכט. ווי דאָס בלינד־קינדישע בליהמעלע, וואָס שטרעקט יעצט ארויס זיין קעפּעל פון הינטער דער גרעזעל, אַ שטיקעל שטראַהל־ליכט צו כאַפּען, אזוי וואַרפסט דו דיך מיט דיין קאָפּ אין טיעפען טהאָל אַראָב. דו געפעלסט מיר אויף וויפיעל די זון שפּיעלט זיך אין דיין

וואסער און ענטפלעקט די פארבען פון רעגען־בויגען... איך בין דער ווילען! איך ווידערשפעניג, איך שפיעל מיט די פליכטען, איך טהו, וואס איך וויל! איך וועל דיר איינשפאנען, וואסער־פאל, איך וועל צונעהמען דיין שטראם, אריינציהען א צאפען פון דיינע שטראמען אין מיין וואש־צימער אריין און וועל מיך איעדען פריה־מארגען ארונטער־שטעלען אונטער איהם אויסצואווייקען זיך... דיין בעשטענדיגעס ברומען ערשרעקט מיך שוין מעהר ניט; עס בערוהיגט מיינע נערווען, עס שלעפערט מיך איין. לאנגווייליג ביזטו מיך גאר, איך וועל ליעבער געהן אין דער גרינער לאנקע און צוקוקען זיך צום קאליערען־שפיעל, וואס איז אין די רויט־בלוטיגע קנאספען בליהמעלאך, וואס די לאנקעס גיבען ארויס פון זיך: נאכקוקען דעם שאטען־שפיעל, וואס די בעבלע־טערטע צווייגען ווארפען אויף די גרינע לאנקעס. איך בענק אויך נאך אן אויסברוך פון דער נאטור. איך וויל, אז דער הימעל זאל זיך איינשפאלטען, אז איך זאל בלייבען הענגען אין דער לופטען! און אויב ניט, בענוגען איך זיך מיט'ן היימישען דונער און מיט דעם בליטץ, וואס צינדט אונטער דעם הילצערנעם בריקעל איבער אונזער טייכעל.

ניאגארא־פאל! דו ביזט דאס געזאנג פון פערניכטונג! אז איך וועל וועלען מיינעביינער צושיטען, וועל איך קומען אויסמישען מיין בלוט מיט די שטראמען פון דיינע וואסערן, וואס לויפען איבער די שפיציגע פעלזען מיט'ן קאפ אראב אין טיעפען תהום אריין. היינט איז דער מאנאט מאי, און אין דעם געצערטעלטען טיעפען יונגען גרינס פון אן איינציג גרעזעלע איז מעהר שעהנהייט פאראן; דא האט זיך די נאטור מעהר ענטפלעקט ווי אין דיינע וואסער־פאלען.

**ניאגארא־פאלס, מאי דעם 9טען.**

---

## 2

## דער אינדישער זומער.

(א ליעד אין פראזע)

עס זיינען געוועזן די לעצטע טעג פון זומער. טעג ווי ליעדער, הערליכע, ווי די לעצטע טראפען פון א קעניגליכען בעכער... אבער אין דער ווארימקייט פון דער זון האט זיך שוין דערפיהלט דער טויט־

אורטהייל וואס הענגט איבער איהר. מיט בענקשאפט און א חרטה־געפיהל איז זי אונטערגעגאנגען אין די פארנאכטען און בעגאסען די הימלען ארום מיט איהר רויטע פייערדיגע בלוט, ווי א געשריי פון א חיה, וואס וויל ניט אוועקגעהן... מיט דעם בליק פון טויט איז זי גע־בארען געווארען יעדן פריהמארגען, בעטריבט אין איהר טרויער האט זי ארויסגעקוקט דורך איהר מארגען־שלייער — דורך די וואלקענס, איבער דער וועלט. און אין די מיטאג־שעה'ען, ווען עס האט זיך געדאכט, אז זי האט צוריקגעקריגען איהר גלאנץ און פראכט, האט זיך ניט געפיהלט מעהר אין איהר ווארימקייט דאס מעגליכע און דאס פרוכטבארע. קיין ביינער זיינען מעהר ניט געווען אין איהרע שטראהלען, נור לעדיגע ניערען און הוילע הויט... ווי דאס רעשט לעבען פון א מענשען וואס איז צום טויט פערורטהיילט.

נור דער ווילדער פארק האט זיך געבאדען אין זיין אייגען בלוט... עס איז געווען ווי א פרינצעסין שטארבט אב, פאר איהר טויט ווארפט זי פון זיך אראב איהר ציערונג, איהר פראכט, איהרע קליידער, שניידט איהרע גאלדענע לאקען פון איהר קאפ, איהר ווייסע ברוסט אב, און מענשען טרעטען אויף זיי... עס האבען געווארפען פון זיך אהן־רחמנות'־דיג די בוימער זייער לעצט ביסעל גאלד, ווי טראפענס בלוט, און גע־בארען זייערע ווארצלען אין זייער אייגען בלוט... און רויט־פייערדיגע ברעזינטעמען זיינען קראנק געווארען אויף זייערע דינע צווייגעלאך און אנגעהויבען צו וועלקען. נאקעט זיינען געווארען די בוימער, און דערשראקען זיינען די וועוויארקעס ארומגעלאפען פון איין בוים צום אנדערען און געזוכט א בעהאלטעניש. עס איז ענטפלעקט געווארען די לעדיג־שטעהענדע נעצען פון די פויגלען — נור דאס וואסער אין פארק איז געווען פריש, געררונצעלט זיין אויבערפלעכע פאר קאלטקייט, און אזוי אויפגעוועקט ווי מען וואלט מיט א מעסער איהם דורכגע־שניטען...

---

אין די צייטען פון שפעטען הערבסט ווערט מיין פריינדין אונ־געדולדיג. א גאנצען יאהר איז מיין פריינדין שטיל, זי געהט נאך איהר טאג־טעגליכער ארבייט, ווי אן אונטערטהעניגער אייזעל טראגט זיין יאך. אין די ווארימסטע זומער־טעג, ווען אלע זוכען ערקוויקונג

ביים ברעג פון ים — איז מיין פריינדין ניט היים, זי ארבייט. אין די שנעע־געפראהרענע אבענדען פון ווינטער, ווען אלע זוכען פערוויילונגען אויף בעללער, אין די טהעאטערע — זיצט מיין פריינדין מיט דער נאדעל אין דער האנד און פעררייכט די וועש פון שטוב. דאס יונגע ווינטעל פון פריהלינג גלעט ניט איבער די האר פון מיין פריינדין, רוימט איהר גאר ניט אין אויער איין. נור ווען עס קומען די רויטע טעג פון הערבסט — ווערט מיין פריינדין אונגעדולדיג. עפעס־וואס וועקט זיך אין איהר, זי ווייסט אליין ניט וואס.

אין די טעג פון הערבסט קען מיין פריינדין ניט ארבייטען. זי נעהמט די טאליע קארטען מיט זיך — פאהרט פריה אין פארק, זוכט זיך אויס דאס שטילסטע ווינקעל ביים וואסער, האלב בעהאלטען אין די רויטע ריטער לעבען טייך — לעגט זי זיך די קארטען אויס.

זי שפרייט אויס די טאליע קארטען פאר זיך, פערטיעפט זיך אין זיי מיט דעם גאנצען ערנסט פון איהר לעבען. איהרע גרויסע שווארצע אויגען, דאס איינציגע איבערבלייבעניש פון איהרע יונגע טעג — ווע־רען בעלעבט; אט ווערט זי גליקליך, שמייכעלט אין זיך אריין, אן ערלער אויסדרוק פון א ווייטע האפנונג בעלעבט איהרע געזיכטס־ציגע, דער שניט פון איהר גאמבע ווערט לעגגער, אויסגעצויגענער, עס בעהאלט זיך די אונטער־גאמבע, עס פערשווינדען די געלע פלעקען אונטער די אויגען, דער קנייטש ארום מויל ווערט אויסגעשלאסען, און דער מיידעלשער חן, וועלכער איז נאך אויף איין מינוט ניט פערשוואונ־דען פון איהרע שווארצע האהר, וועלכע זיינען שייטעל־גלאטיג פער־קעמט, בעהערשט דאס גאנצע פנים, און עס דאכט זיך, אז מיין פריינדין איז נאך גאר א יונגע מיידעל. ערעל שניידען זיך די קליינע צייהן פון די פרישע ליפען ארויס, ווי ווייסע געוואשענע שעפסלאך וואלטען פרעהליך פון א טהאל אויפגעשטיגען... און זי מורמעלט פאר זיך מיט גליק:

— ער קומט... ער קומט...

נור באלד איז עס ווי מען וואלט עס אין מיטען איבערגעשניטען. עס לאזט זיך אראב דער גוידער פון די אונטער־גאמבע, די אויגען פאלען איין אין די געלע לעבער אריין, דער אלטער בעקאנטער וואכענ־דיגער גרוי גיט זיך א ציה אויס איבער איהר פנים — און זי ווערט צוריק די אלטע בערטהע.

— די טויז פיק איז דורכגעלאָפען.
— דער טויט איז דורך דורכ'ן וועג.
נור די טרויעריגקייט דויערט בלויז אַ מינוט. באַלד, מיט מעהר ענערגיע, נעהמט זיך מיין פריינדין די קאַרטען אויסצולעגען, און ווי־דער בעוויייזט זיך יענער האָפנונגספאָלער שמייכעל איבערן פנים, ווידער מורמלען די ליפען אין דער שטיל מיט גלאַנץ אין די אויגען: ער קומט... ער קומט... ביז עס בעווייזט זיך די טויז פיק — דער טויט לויפט דורך איבער'ן וועג.
און אַ גאַנצען הערבסט, אַזוי לאַנג ווי עס האַלטען אָן די לעצטע טראָפּענס פון קעניגליכען בעכער, אַזוי לאַנג ווי די בוימער וואַרפען פון זיך דאָס לעצטע ביסעל גאָלד — קען מיין פריינדין קיין רוה ניט האָבען, קומט אין פּאַרק אריין, בעהאַלטען פון מענשען, און זוכט אין די קאַרטען עפּעס.
קענט איהר מיר ניט זאָגען, וואָס מיין פריינדין זוכט אין די קאַרטען?
ביז עס פאַלט דער ערשטער שנעע, און עס ווערט צוגעדעקט און בעגראָבען דאָס לעצטע ביסעל רויט פון זומער, ווערט מיין פריינדין ווידער רוהיג, געהט צוריק צו איהר טאָג־טעגליכער ארבייט און טראָגט מיט געדולד דעם יאָך פון לעבען ווי אַן אונטערטהעניגער עזעל.
ביז צום נעקסטען הערבסט.

---

דריי צייטען האָט מיין פריינדין געהאַט. אַז זי איז יונג געוועז, איז זי אונרוהיג געוואָרען אין פריהלינג: אַז זי איז עלטער געוואָרען, איז זי אונרוהיג געוואָרען אין זומער; היינט ווערט מיין פריינדין אונ־רוהיג אין הערבסט.
קענט איהר מיר ניט זאָגען וואָס מיין פריינדין זוכט אין הערבסט?

---

## 3

## א שטיקעל „גרינע ערד".

א גאנצע נאכט בין איך געפאהרען איבער שטרעקעס בעארבייטע פעלדער, איבער בייטען אויפגעהענדע קארן און שטעהענדען האבער. איך האב טאקע בייגאכט די בעארבייטע פעלדער ניט געזעהן, נור איך האב געוואוסט, אז זיי פערהוילען זיך איצט אונטער דער שווארצער נאכט־דעק; און עס געטרויט דער מענש זיין ארבייט דער נאכט, און איז זיכער, אז ער וועט צומארגענס זיינע פעלדער צוריקגעפינען אנגעטרונקען און אנגעקארמעט מיט נאכט־שפייז.

צומארגענס, ווען איך האב זיך אויפגעכאפט, האב איך זיך געפונען ביי די זאמדיגע ברעגען פון די עריע. דאס לאנדשאפט האט מיך דערמאהנט אן מיין היימאטה, אין פוילען, ביי דער ווייכסעל. א זאמדיגער ברעג ארום א געל־בלאטיגען וואסער, דא און דארט שטארט ארויס אן איינזאמע גרינע טאפאלע פון די ברעגעס. איבער די געלע וועגען שטעהען די איינזאמע ווערזשבעס און צוואגען אוים זייערע לאנגע צווייגען, ווי געפלאכטענע מיידעלשע צעפ אין דעם ווינט און אין דער זון; דא און דארט ווייזט זיך א הייזעל; ווייסע ווענט, סעדער פון עפעל און סעדער פון פלוימען ציהען זיך אויף מיילען לאנג פאר די הייזער און נאך די הייזער, פונקט אזוי ווי אין פוילען. נור איין זאך פעהלט — די ארימע פויערשע קינדער, וואס וואלגערען זיך ארום ווי די חזרים'לאך פאר די הייזלאך אין פוילען. און האט מען דא א קינד געטראפען געהענגדיג איבער דער דארפישער גאס, איז עס געווען ליכטיג און ציכטיג אנגעטהאן; אן אבגעוואשענעס מיט א ווייס פארטוכעל, מיט ביכער אונטערן ארם, איז זיך עס געגאנגען מיט'ן פריהשטיק אין שוהלע אריין. און דאס האט זיך אזוי ניט געפאסט צום פוילישען לאנדשאפט...

אז איך האב געזעהן דאס פוילישע לאנדשאפט ביי די ברעגעס פון די עריע, האב איך פערשטאנען פאר וואס מיינע לאנדסלייט, די פאליאקען, האבען זיך ליעב צו בעזעצען אין דער מידעל־וועסט ווען זיי קומען קיין אמעריקא; איך האב פערשטאנען פאר וואס די פוילישע שפראך ווערט אזוי אפט געהערט אין די געגענד פון די עריע. אלעס

וואס געפינט זיך אין דער אַלטער וועלט געפינט זיך אין דער נייער וועלט, יעדעס לאַנד פון דער אַלטער היים האט דאַ אין אַמעריקא איהר שוועסטערישע לאַנדשאַפט, און יעדער נאַציאָן, וואָס קומט אריבער, זוכט זיך אין דער נייער וועלט די ענהליכע לאַנדשאַפטען פון זיין היימאַטה אין דער אַלטער וועלט. צוליעב דעם האבען זיך די פּאָליאַקען בעזעצט ביי דער עריע, די דייטשען — ביים לייק מישיגען, און די אידען? די אידען — אין די שמוציגסטע קאַבעדיגסטע גאַסען; אין די אַלטע טהיילען פון די גרויסע שטעדט.

צוויי וואָכען מיט דער באהן, דריי וואָכען מיט דער שיף איבער'ן ים, און נאך דריי מעת־לעת מיט דער באהן אין דער נייער מדינה, האט זיך דאס הויז־געזינד — חנה שרה מיט איהר מאַן נחמן, מיט די קינ־דערלאַך, — געשלעפּט פון זייער קליינער שטעדטעל אין קליין רוסלאַנד ביים טייך דניעפּער, אין דער גרויסער שטאָדט סט. לואיס, וואס ליעגט אויפ'ן מיסיסיפּי ריווער אין מידעל וועסט, צו בעזעצען זיך אין מאַרגאַן גאַס, אין שכנה'שאַפט מיט ניגערס; אויפגעעפענט זיך אַ קליינעם „קלינינג" סטאָר, אויסצולאַטען געטראָגענע הויזען פון די ניגערס.

דער שניידער איז זי, חנה־שרה, פון דעם שטעדטעל קרעמענטשוג ביים דניעפּער. זי זיצט ביי דער מאשין און פיקסט די הויזען, דער מאַן איהרער נחמן זאָגט צו מיר מיט אַ האלב־פערשעהמטער מינע: נייהען קען איך נישט, מען האט מיך נישט געלעהרענט. איז ער דער פּרעסער; ער פּרעסט אוים די ארבייט וואס זיין ווייב נייהט אויף.

שוין צוועלף יאָהר צייט זינט זיי וואָהנען אויף דער מאַרגאַן גאַס, און זי האט, דורך דער גאַנצער צייט, קיין שפּאַן גרינע ערד נישט געזע־הען; קיין טראַפּען לעבעדיגע וואסער, קיין אַטהעם לופט פון פעלד ניט געפיהלט. אַזוי זיצט זי אין די מאַרגאַן גאַס, ביים פערשפּינוועבטען פענסטער און נייהט איבער געטראָגענע הייזען פאַר ניגערס, און דער מאַן נחמן פּרעסט זיי אויס. און אזוי נייהענדיג די ניגערס הויזען האט זי נאך צייט געהאט אכט קינדער פון איהרע געדערים ארויסצוגעבען: פיער האט זי מיט זיך מיטגעבראַכט פון קרעמענטשוג, און פיער האַט זי שוין דאַ געהאט. צוויי בעגראַבען און צוויי האבען זיך דערהאַלטען. די סקוהל טיטשערס אין אמעריקא זיינען רשעים; פערלאַנגען דוקא, אז די קינדער זאָלען געהן ריין אנגעטהאַן אין שוהלע. האט זי בייטאָג גענעהט די הויזען און אין אבענד האט זי געוואשען פאַר די קינדער

די קליידלאך. אזוי גאנצע צוועלף יאהר, קיין איין מינוט ניט צייט געהאט דעם אטהעם אבצוכאפען. די עלטסטע צוויי זיינען שוין ערוואקסענע, געענדיגט דא די היי סקוהל און זיינען ערגעץ־וואו פערשוואונדען. איינער איז א סיילסמען אין שיקאגא און דער צווייטער פאהרט ערגעץ וואו ארום איבער אמעריקא. פון ביידע הערט זי קיין ווארט ניט — עס איז אמעריקא... די איבריגע פיער זיינען נאך אין דער היים — קען זי איבער זיי קיין בארדער ניט האלטען; מוז זי אליין נאך ארבייטען, נור זי ווייסט ניט — עפעס איז, אין דער לעצטער צייט מיט איהר געשעהן! זי פערשטעהט ניט פון וואס דאס קומט.

— צוועלף יאהר — זאגט זי מיר — בין איך אבגעזעסען ביי אט דער מאשין, — ווייזט זי מיר אן אויף דער פערפלעקטער מאשין ביי דער וואנד — און גאר ניט, מען האט געלעבט. נור עפעס אין דער לעצטער צייט נאגט מיך שטארק ביים הארצען, און די פיס ברעכען מיך. איך וויים ניט פון וואנען דאס איז מיר געקומען.

— שוין א יאהר ווי זי קלאגט זיך אויפ'ן הארץ, — לעגט צו דער מאן, וועלכער שטעהט דערביי ווי האלב שולדיג, וואס ער, צוליעב זיין אונפעהיגקייט, מוז נור זיין א פרעסער, ניט קיין אפערייטאר — עפעס קלאגט זי זיך אויפ'ן הארץ. איך גלויב, אז עס איז איהר געקומען פון פערקיהלונג.

— דער דאקטאר האט מיר פערשריעבען הארץ־טראפען, אבגענומען א דאלאר און א האלב פאר א בלויזען קוק, און פערשריעבען הארץ־טראפען, — זאגט זי צו מיר, מיט איהרע געלע אויגען, געל, איינגעפאלען געזיכט און איינגעשרומפען מויל פון די אונצייהלנדיגע יאסלעם — ער הייסט מיר רוהען, ליעגען אויפ'ן בעט, געהן שפאצירען, עסען פרישע אייער. געהערט א דאקטאר! הייסט מיר ליעגען אויפ'ן בעט! און אז איך וועל ליעגען אויפ'ן בעט, וועט ער דען פאר מיר נעהען די הויזען?

— און אז זי נעהט ניט, האב איך דאך ניט וואס צו פרעסען, — זאגט דער מאן מיט א האלב־שולדיגע מינע, ארויסצופענדיג די פעדערען פון זיין בארד.

— מען האט אונז געזאגט אין קרעמענטשוג בעפאר מיר זיינען אהער געקומען, אז דא אין אמעריקא איז דא אזא סאסייעטי, וואס גיט יעדען וואס ער וויל — א שפאן ערד אומזיסט, מען מאכט איהם א

פארם... שוין צוועלף יאהר פרעג איך זיך נאך אויף די סאסייעטי און קיינער קען מיר ניט זאגען וואו זי איז, איינער זאגט, זי איז אין ניו יארק, א צווייטער — אין קאליפארניא. קענט איהר מיר ניט זאגען, וואו די סאסייעטי געפינט זיך?

— דערמאהנט זיך א מעשה פון פערצייטענס! — זאגט דער מאן

— וואס דארפסטו עס? וואס טויגען דיר אקסען? וואס וועסטו טהאן מיט זיי?

— וואס דען, ווייטער זיצען ביי דער מאשין, און דאס הארץ זאל נאגען און די פיס זאלען ברעכען? צוליעב דעם האב איך זיך געדארפט שלעפען פון קרעמענטשוג איבער ימים, איבער באהנען און פערוואגעלט ווערען פון דער היים? אמעריקע! דאס האב איך דאך אין קרע־מענטשוג אויך געהאט, נאך אין אטעם לופט. וואסער, דניעפער. אוי וואלט דיר צוניץ געקומען א שטיקעל ערד, א לאנקע, ביי א וואסער, ווי אין קרעמענטשוג! צו דער מאשין האב איך קיין כח ניט. אבער די ערד — עס איז דאך א לייכטע ארבייט, און מען ווערט דערביי געזונד, זאגט מען. אז מען טרינקט פרישע מילך פון דער קוה, ווערט מען געזונד אויפ'ן הארצען. אפשר געפינט זיך דאך אזא סאסייעטי, וואס זאל זיך אננעהמען פאר אן ארימע אידענע, וואס האט איהר הארץ און איהרע פיס פערלארען נעהענדיג ביי דער מאשין, און זי ארויס־זעצען אויפ'ן לאנד? אז מענשען זאגען, מוז דאך עפעס זיין... און, כ'לעבען, עס קומט מיר, איך האב עס עהרליך פערדיענט; צוועלף יאהר אבגעדיענט ביי פרעה'ן ביי דער מאשין, קומט מיר שוין, אויפ'ן דרייצעהנטען, א שפאן גרינע ערד, וואו איך זאל מיר מיין צובראכען הארץ קענען היילען. ווערט געוואהר וועגען דער סאסייעטי, טהוט א מצוה.

איך האב דער אידענע צוגעזאגט געוואהר צו ווערען וועגען דער סאסייעטי, וואס גיט יעדען א שפאן גרינע ערד, און איהר לאזען וויסען. איך האב זיך פיעל נאכגעפרעגט און צום סוף בין איך געוואהר גע־ווארען, אז עס איז טאקע דא א סאסייעטי, וואס גיט יעדען איינעם א שפאן גרינע ערד אבצורוהען זיך פון דער שווערער ארבייט. אבער — ניט ביים לעבען... נאכ'ן טויט איז פאר יעדען איינעם אנגעגרייט א שפאן גרינע ערד...

זאל איך עס דער אידענע מיטטהיילען?

## 4.

## ווען די נאדעל שווייגט.

איך האב נעכטען געהאט א גליקליכען נאכמיטאג. איך האב בע־זוכט דאס זומער־הויז פון דער ווייסט מייקערס יוניאן אין פיין־הילל, אין די בערג. שוין דער וועג אליין און דער אויסבליק פון הויז האט מיך בעגליקט. דאס הויז ליעגט אויף א הונדערט פוס הויכען בארג, און ווען מען קלעטערט ארויף אויפ'ן בארג עפענט זיך פאר די אויגען דאס שעהנסטע לאנדשאפט פון די בערג. הינטען צו דער פוס פון בארג טיעף אין טהאל, ליעגט פיין־הילל, מיט איהרע קליינע הייזלאך, מיט איהרע קליינע גרינע פעלדער און מיט איהר קליינעם טייכעל, און עס זעהט אוים נישט ווי מענשען־הייזער נור ווי קינדער־הייזער, וואס זיי האבען זיך אויסגעשטעלט פון קארטען. און אויף דער צווייטער זייט בארג קריכען די הייזלאך, קריכען וואס אמאל העכער און יעדעס מאל בלייבען זיי שטעהן, פערטרונקען אין ים פון גרינס, פון גרינע בוימער, פון קוסטען גראז, אז קוים עס זעהען זיך ארוים די רויטע דעכער, און די בלויע בעמאהלטע ווענד. און ארום דעם טהאל שטייגען אויף די בערג, איינער איבער דעם אנדערענס קאפ, ווי יעדער איינער וואלט זיך בעמיהט איבערצושטייגען העכער פון דעם צווייטען. א בלויער זונען נעבעל הילט ארום די בערג און בעוועבט איין בוים צום צווייטען, און דער גאנצער בארג ווערט ארומגעהילט אין א לייכטען בלוילען טומאן. נור פון ארט צו ארט רייסט זיך דורך דעם טומאן א בלויליכער וואסער־פאל וואס ווארפט זיך מיט'ן קאפ אראפ פון שטיין צו שטיין, און צוהאקט און צושפריצט זיך אויף טויזענדער וואסער צאפען — און די וואסער־צאפען גיסען זיך ווידער צונויף און יאגען זיך מיט א רעש פון די בערג אראב.

---

אין דעם הויז וואהנען ארום פערציג אידישע ארבייטער מיידלאך, אייניגע איטאליענישע מיידלאך, א פאר בחורים ארבייטער, און די מענעדזשעריין פון הויז — וועלכע איז א דייטשקע, און זעהט אוים — זאל עס איהר זיין צום לויב — ווי די סטאטוע „גערמאניא" וואלט

אראב פון איהר שטיינערנעם פעדעסטאל, אוועקגעלעגט די שווערד און שילד אין א זייט און געווארען א מענעדזשערין פון א אידישע יוניאן־הויז. נאר ווען זי האלט א סאציאליסטישע רעדע פאר די מיידלאך (וואס קומט פאר פאר יעדען עסען אלס א געבעט און ביים עסען אלס א טאאסט, און נאך דעם עסען — אלס א בענשען), ווי זי ריהמט די גרויסקייט פון פראלעטאריאט איז אזוי, אז אט איז זי אנגעטהאן אין די שילד, און זי האלט די שווערד אין האנד, און שטעהט אויף איהר שטיינערנעם פעדעסטאל. די מיידלאך מאכען איבריגענס זיך גאנץ ווייניג פון די „גערמאניא'ס" דונערען מיט סאציאליסטישע רעדעס, זיי צולאזען זיך די האהר, די שעהנע שווארצע צעפ, די שעהנע גאלדענע בלאנדע צעפ, און זיי צולאזען זיך ווי בערג־פרויען, אין די גראזען, אין די טונקעלהייט פון די בוימער. און באלד ערשיינט פון א וואסער־פאל א נימפע מיט א בעקרענצטען קאפ בלומען. באלד ערשיינט א וואלד־קעניגין פון די בערג אראב, געבונדען די הענד אין א קייט פון ווילדען וואלד־לאק. און דארט קוקט דיר צווישען די שפאלטען פון די בעבלעטערטע צווייגען א פערפיהרערשע וואלד־מויד ארוים מיט א מויל ווייסע צייהן און זי זעהט אויס ווי א מענשען וואסער־פאל וואלט זיך פון די בוימער געגאסען...

און גאנץ ווייניג בעדארפען זיי צו זייער גליק — מען האט דאס געפיהל, ווי די מיידלאך וואלטען ניט א גאנץ קיילעכדיגען יאהר מיט דער נאדעל אין האנד געזעסען, און זייערע שלאנקע רוקענס וואלטען ניט איינגעהויקערט ביים שאפ־טיש געווען, און זייערע איידעלע פינגער וואלטען ניט אין איין שטעכען געהאלטען, און דער בליץ פון זייערע אויגען וואלט ניט צום איינפעדעמען געדיענט.—ניין, דאס אלעס איז קיין מאל ניט געווען. גארניט האט געקענט אבטויטען דאס אינערליכע גליק, דאס גליק פון געדעכטען, וועלכעס קוועלט ארויס פון די ביינער פון די יונגע מיידלאך. קיין נאדעל־ציעל האט נישט געקענט אבווישען דעם פרישען אויגען־גלאנץ פון די מיידלאך, און עס איז גענוג געווען איין הויך פון לופט, איין פרייער אטהעם, דער רוף פון וואלד, דאס רוישען פון וואסער־פאל, אבצוואשען דעם שאפ־שטויב פון א גאנץ יאהר פון די מיידלעד'ס קעפ, און די פרייד פון די יוגענד רייסט זיך ארויס פון זייערע ברוסטען ווי א ליעד...

און פרעהליכער פון אלע איז די בלאנדע, מיט די גאלדענע צעפ

(איך וועל איהר נאמען נישט אויסזאגען), די וועלכע האט די בויגזאמע פיגור, ווי א יונגער לינדען־בוים. זי קען ניט איינשטעהען אויף איהרע פיס. עס איז געגונג, אז עס זאל ווער דארט ברומען אין א ווינקעל א נגון, אדער א פויגעל פיסטשען אין וואלד, און זי טאנצט שוין. עס איז אזוי ווי דאס מיידעל וואלט אויסגעטאנצט מיט איהרע פיס אלע איהרע פערלאנגען און אלע איהרע בענקשאפטען. זי קען נישט רע־דען, זי קען טאנצען. און וואס עס זינגט זיך איהר אין הארצען טאנצט זי אוים מיט איהרע פיס. זי קומט ארויף אויף די שטיגעלאך טאנ־צענדיג, און זעצט זיך אוועק עסען טאנצענדיג. און רעדט מען צו איהר ענטפערט זי מיט א טאנץ. זי טאנצט ווען זי איז מיט מענשען, און זי טאנצט ווען זי איז אליין, אליין מיט זיך אין וואלד. און איך האב דאס געפיהל, אז אין מיטען דער נאכט, ווען אלע מיידלאך שלאפען, גנב'עט זי זיך ארויף אויפ'ן גרויסען באלקאן פון הויז, פון וואנען עס ווייזט זיך דער טונקעלער טיעפער טהאל, און עס שטעהן די בערג ארום און שווייגען, און זי טאנצט אין איהר ווייסע נאכט־העמד פאר די שטערען און פאר די בערג...

אן אנדערע איז דארט דא, זינגט זי. וואס איז איהר דער חילוק וואס זי זינגט צו „מארגארעטקעלאך", צו „ל'מיר זיך איבערבעטען", צו דאס איטאליענישע לידעל וואס זי האט זיך אויסגעלערנט. זי טראכט גאר ניט פון די ווערטער און ניט פון נגון וואס זי זינגט. עס זינגט זיך איהר עפעס, און זי קען ניט קיין אנדער לידעל נור די פראסטע פאלקס־לידלאך, בראקט זי איין אין די לידעלאך אלעם וואס זי האט אויף איהר הארץ. מען האט דאס געפיהל, אז דאס מיידעל וויל עפעס זאגען, זאגען גאנץ אנדערע ווערטער, און זי זינגט די לידע־לאך און מיינט עפעס אנדערש, און טראכט זיך עפעס אנדערש, און זינגט זיך עפעס אנדערש. אזוי דערפיהלט זי דאס לידעל ערגעץ וואו אין וואלד אריין, און פון וואלד קלינגט ארוים דאס פראסטע אי־דישע פאלקס־לידעל:

ל'מיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
וואס ביזטו אויף מיר ברוגז?

מיט אזא מין געפיהל, ווי עפעס ניט דאס וואלט דאס מיידעל גע־וואלט זאגען, נור עפעס פערזענליכעס, איינענס, עפעס פון זיך אליין דערצעהלען...

דערפאר איז דא איינע וואס קען שוויגען. איך האב נאך אין מיין לעבען נישט געהערט אזא רעדענדיגע שוויינקייט, וועלכעס עס בעזיצט דאס מיידעל מיט די שארפע ברעמען און מיט'ן חז'דיג שארפען שרונט פון איהרע האהר. זי זיצט אראבגעבויגען, מיט איהר קאפ און אויגען צו דער ערד און עס דאכט זיך, אז איהרע ברעמען זעהען אלעס, איהרע דינע ליפען זיינען פערקלעמט, פערשלאסען און דאך רעדט זי... אלע האבען געלאכט, געפרעהט זיך, געזונגען און געטאנצט און זי איינע איז געזעסען און געשוויגען, און עס דאכט זיך מיר, אז איהר שוויגען האט מעהר גערעדט, מעהר פערצעהלט ווי אן אנדערערס ריידען...

און נאך איינע איז דארט געווען — האט זי געהאט אויגען. איך קען אייך נישט ריכטיג אבמאהלען ווי איהרע אויגען זעהן אויס, ווייל איך האב זיי נישט געזעהן, נור געפיהלט. איך געדענק, ווען איך בין צום ערשטען מאל אויפגעטראטען פאר'ן פובליקום אין א טהעאטער, האט פון דער שווארצער מאסע וואס איז געווען פערהוילען אין טונקעלקייט פון אדיטאריום ארויסגעקוקט צו מיר א פאר מיידעלשע אויגען, מיט אזא נאאיוויטעט און מיט אזא גלויבען, אז איך האב זיך געפיהלט שולדיג, זינדיג געגען די אויגען, און א לאנגע ווילע ניט געקענט דאס מויל עפענען און געשראקען זיך פאר די אויגען, די אויגען פון גלויבען. און פון דאן אן זוך איך די אויגען, און איך האב דאס געפיהל, אז ווען איך זעה א מאסע מענשען פאר מיר, קריעגט די מאסע איין פאר אויגען, און די אויגען קוקען אויף מיר. פאר די אויגען קען מען קיין ליגען ניט זאגען. און די אויגען זעהט מען נישט נור מען פיהלט זיי... איך האב דא געפיהלט אויף מיר דעם בליק פון די אויגען און איך האב געשוויגען..

און פון א ווינקעל דרינגט אהער א רוסישע ליעד, האבען זיך דארטען צוזאמענגעקליבען צוויי מיידלאך,ביידע בלאנדע, ווי די פויערשע שיקסעס, און ביידע רעדען זיך מיט'ן שארפער רייש און ביידע זעהן זיי אויס, מיט די צולאזטע צעפ און ארויפגעשארטע הענד, ווי זיי וואלטען ערשט פון פעלד געקומען, וואו זיי האבען היי געבונדען און געהן באלד די קיה מעלקען. און ביידע זינגען זיי א טרויעריגען, מעלאנכאלישען קליין-רוסישען נגון. זיי קומען ביידע פון אוקראינע. איינע איז שוין דא זעקס יאהר, די צווייטע אכט, זיי האבען

זיך ניט געקענט, דא האבען זיי זיך ערקענט, און צום ערשטען מאל דורך דער צייט וואס זיי זיינען אין ניו יארק, געפינען זיי זיך אויפ'ן לאנד. און זייענדיג דא אין די בערג האבען זיך ביידע דערמאהנט זייער קינדהייט און די גרינע לאנקעס, און די בעגרעזטע בערגלאך, און די רוישענדע וואסערלאך פון דער אוקראינא, און בענקען ביידע נאך זייער קינדהייט, און דערמאהנען זיך די ליעדעלאך פון די אוק־ראינער שיקסעס, און מען קען זיי שוין ביידע ניט אבוייסען. די צוויי מיידלאך עסען שוין צוזאמען, שלאפען, שפאצירען צוזאמען און האלטען שטענדיג אין איין זינגען, ווי טאג, ווי נאכט, די טרויעריגע מעלאנכאלישע קליין־רוסישע ליעדער, ווי זיי וואלטען מיט די ליעדער וועלען צוריקרופען זייער קינדהייט...

נור אין א ווינקעל, אבגערוקט פון אלע אנדערע זיצען דריי מיידלאך. זיי זינגען שוין נישט. זיי טאנצען שוין נישט. זעלטען ווען ערשיינט דער שמייכעל אויף זייערע ליפען. די אויגען אויס־געלאשען, פערמאטערט קוקען מיט בענקשאפט אויף די פרעהענדע, לאכענדע און זינגענדע מיידלאך. און מיט איינמאל צינדט זיך אן אין די אויגען פון איינע דאס פייעריל פון קנאה, און די ליפען פער־ביסען זיך מיט א גרימאסע, און פון מויל זעהן זיך ארוים די האלב־פערפוילטע גאלדענע צייהן — נישט איינמאל ווארפט א מיידעל מיט בעדענקען איהר בליק אין יענעם ווינקעל אריין, און א טרויער נעהמט זי ארום, ציטערענדיג פאר איהר צוקונפט... די דריי מיידלאך האבען אזוי לאנג וויסטען געלעבט, ביז זיי האבען זייער לאכען, זייער פרייד, און זייער יוגענד אריינגעלייגט אין פרעמדע קליידלאך. די קליידלאך מיט זייער יוגענד האבען אנדערע מיידלאך בע'חנ'ט, זיי זיינען געווארען בעריהמט אלס גוטע שניידערקעס, און איבערגע־בליבען אהן יוגענד...

---

נור האט זיך די נאכט אראבגערוקט און דריקט מיט איהר ברוסט דאס הארץ פון טהאל און פון טהאל הויבט זיך אויף א וואלקען ווי א איידעלער, דורכזיכטיגער שלייער און שוועבט איבער די בארד פון בארג, איבער די בוימער. פון טהאל הויבען אן ארויסצושיינען די נאכט לעמפלאך פון די הייזלאך, ווי א קינדער־שפיעל, און די

מיידלאך און די בחורים האבען זיך פערקליבען אויפ'ן באלקאן פון הויז. די „גערמאניא" מיט שווערד און שילד האט שוין אפגעדא־ווענט איהר סאציאליסטישע ברכה, און צוויי בחורים האבען גענומען שפיעלען אויפ'ן גיטארע. דאס מאל איז דער שפיעלען גאר א מייר־סטערהאפטער. די גיטאר זינגט אוים מיט א וויינענדיגע שטימע: אונזער „אלי, אלי, למה עזבתני", און באלד פאלט זי אריין אין א פרעהליכעס, און צום טאקט טאנצט אריין די בלאנדע טענצערין און וואלצערט איבער'ן באלקאן. די איטאליאנישע מיידלאך האבען זיך בעהאלטען. זיי מוזען יעדען אבענד אבגעבען קאנצערט—נור ווען די אי־דישע מיידלאך האבען געזונגען די אידישע ליעדעל „מארגארעטקעס" האבען זיי זיך ניט געקענט איינהאלטען, געקומען און מיטגעזונגען דאס אידישע ליעדעל מיט זייערע איטאליענישע שטימען.

יעדעס מאל ווען מען וויל זיי רופען, די איטאליענישע מיידלאך, זינגט מען די „מארגארעטקעס", מוזען זיי ארויסקומען מיטהעלפען. זיי קענען זיך ניט איינהאלטען, ווייל זיי האבען עס אזוי ליעב — דערצעהלען מיר די מיידלאך.

---

שפעט אין אבענד. די נאכט איז געדיכט געלעגען אין וואלד, האבען מיך די מיידלאך אראבגעפיהרט פון בארג אין שטאדט אראב. פון פאראוים איז געגאנגען די נאכט־לאמטערנע און האט בעלויכטען אונזערע צוויי מוזיקאנטען, וועלכע האבען מיך בעגלייט מיט א אידישען חתונה־נגון. איך בין געווען ארומגערינגעלט מיט מיידלאך און געפיהלט זיך ווי א חתן, און טהיילמאל האט זיך מיר געדאכט, אז איך בין פערבלאנדזשעט געווארען אין וואלד, און בין אריינגעפאלען אין די הענד פון וואלד־נימפען און בערג־מיידלאך און אט פיהרט מען מיך אין טיעפען וואלד, צו פערוואנדלען מיך אין א פאן און צו מאכען מיך פאר א חתן פון די שעהנסטע נימפע...

נור שרעקט אייך נישט. אויפגעכאפט האב איז זיך ניט אין טיעפען וואלד, נור אין מיין צימער, און איבערגעבליעבען איז מיר די אנגענעהמע עראינערונג פון דעם יוניטי־הויז. און איך האב געדאנקט מיט'ן גאנצען הארצען די יוניאן פון די ווייסט מייקערס פאר דעם גליקליכען געדאנק צונויפברענגען איינמאל איהרע מיטגליעדער ניט אין טרויעריגען שאפ, אדער אין דעם פערשוויצטען האלל, נור אויף

די פרייע לופט, צווישען בערג און בוימער, וואסער און גרינסען, וואו איין מיטגליעד קען זיך מיט דעם אנדערען דערנעהנטערען מיט זיין מענשליכעם וועזען...

און הלואי זאלען אנדערע איהר נאכטהאן.

---

### 5.

## לייסענס.

(הומאָרעסקע).

(ווי אזוי משה רבינו, און איך שלום אש, האבען געהאלפען א אידען צו קריגען „לייסענס" אויף א סאלון אין אזא שטאדט ווי פילאדעלפיא)

---

מיט א געוויסע צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף א פארלעזונג אין אזא שטאדט ווי פילאדעלפיא (נישט פילאדעלפיא, נור אין אזא שטאדט). די סאסייעטי יעלכע האט מיך אראבגעבראכט אויף די פארלעזונג האט זיך געמיהט, אז מיין בילד מיט א בעשריי־בונג פון מיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט זאל געדרוקט זיין אין די ארטיגע פרעסע. אין דעם אבענד, ווען די פארלעזונג איז פארגעקומען, איז צו מיר, הינטער די קוליסען, ארונטערגעקומען א יונגער מאן אין א פאר בלויע ברילען אנגעטהאן, אין א רעגען־מאנטעל, מיט א ציגאר אין מויל, און האט מיר זעהר ליעבענסווירדיג געקלאפט אויף די פלייצעס, ארייגעשטעקט מיר א ציגאר אין מויל אריין, און נישט זאגענדיג קיין ווארט, האט ער ארויסגענומען פון פאקעט קעשענע אלע אויסשניטען פון די ארטיגע פרעסע איבער מיר, און געוויזען מיר, געגעבען מיר נאך א קלאפ איבער די פלייצעס, און טהוט א מאך צו מיר מיט דעם ציגאר אין מויל:

— מיר וויסען ווער איהר זייט, א פאבליק מען, דאטס אריימה,

— און שמייכעלט מיר אין פנים אריין.

איך האָב איהם בעדאַנקט, און בין אַרויסגעגאַנגען אויף דער ביהנע, וואָרים דער נומער מיט דעם קאָמיקער פון אידישען שטאָדט־טהעאַטער וואָס איז געווען פאַר מיר האָט זיך שוין געהאַט געענדיגט, און דער טשערמאַן האָט מיך פאָרגעשטעלט.

צוריקקומענדיג אין גאַרדעראָבע, נאָך מיין „נומער", האָב איך נאָך אַלץ געפונען דעם זעלבען יונגען מאַן מיט די בלויע ברילען, אין א רעגען־מאַנטעל (אין דרויסען איז געווען א פּראַכטיגער אויסגעשטע־רענטער ווינטער אבענד), מיט דעם ציגאַר אין מויל. ער קלאַפּט מיר ווידער אויף די פּלייצעס, זאָגענדיג צו מיר מעהר מיט דעם ציגאַר, איידער מיט די ליפּען.

— דעט'ס נייס, — און ווענדענדיג זיך צו איינעם פון דעם קאָ־מיטע וואָס האָט מיך אויסגעשריבען, ווייזט ער אויף מיר:

— מען דאַרף איהם געבען א „רייטה".

— שור, — זאָגט דער קאָמיטע־מאַן.

— ליסען, — ווענדעט זיך צו מיר דער רעגען־מאַנטעלדיגער יונגערמאַן, — איך וועל אייך מאָרגען נעהמען אויף מיין אַטאָמאָביל, און אייך געבען א שאָו די אַמוּנישאַן פעקטאָריס. ביי אונז אין שטאָדט אַרבייט מען די אַמוּנישאַן פאַר די „עליים" — וועל איך אייך געבען א „רייטה".

איך האָב איהם זעהר בעדאַנקט. וואָרים ווירקליך איז מיר געווען זעהר אינטערעסאַנט צו זעהן די פאַבריקען, וואו מען אַרבייט די גרויסע האַרמאַטען פאַר די „עליים".

די נאַכט בין איך ניט גוט געשלאָפען. איך האָב פערבראַכט אין זיך אַליין מקנא זיין. ווי גוט איז צו זיין א אידישער שרייבער, האָב איך מיר געזאָגט: קומסט אין א שטאָדט — א קאָמיטע, אַן עמפּפאַנג, געפינט זיך א יונגערמאַן און גיט דיר א ראַיד אין אַן אויטאָמאָביל — עפּעס ווי דו וואָלסט געווען א יונגע, שעהנע מיידעל נאָך וועלכע יונגע לייט לויפען נאָך...

טאָקע צו מאָרגענס אין דער פריה, ווי איך האָב זיך נאָר אָנגע־טהאָן, האָב איך שוין געהערט פאַר דעם פענסטער פון מיין האָטעל א טראָמפּויט פון אַן אויטאָמאָביל. אין א מינוט אַרום פאַלט אַריין צו מיר דער זעלביגער יונגער מאַן מיט'ן רעגען מאַנטעל און מיט דעם

ציגאר אין מויל — אזוי ווי ער וואלט געשלאפען אין זיי א גאנצע נאכט — און מאכט צו מיר.

— רעדי?

— רעדי, — ענטפער איך און געה נאך דעם יונגען מאן.

— וואס איז דרויסען א רעגען? — פרעג איך, קוקענדיג אויף זיין רעגען-מאנטעל.

— נייז, שעהן — ענטפערט ער און פיהרט מיך צו זיין אויטאָ־מאביל.

מיר זיינען געפאהרען א שטונדע צייט ווייט ארויס פון דער שטאדט. מיר זיינען צוגעקומען צו א גרויסען פּלאץ, וואו מען האלט אין בויען גרויסע קאזארמעדיגע פאבריקען.

— אט דא וועלען ארבייטען דרייסיג טויזענד מאן, און דא, צוואנ־ציג טויזענד מאן — ווייזט מיר דער יונגער מאן, — נור ווארט א מי־נוט, איידער מיר געהן אריין אין די פעקטארים מוז איך אריין צום גלח — ער איז א קאטהאלישער. ער איז א פיינער מענש, אהן איהם קען מען ניט אריינקומען. אז ער הייסט, לאזט מען אריין.

דער יונגערמאן איז פערשוואונדען. אין א פּאר מינוט ארום זעה איך איהם טאקע שפּאצירענדיג מיט א קאטהאלישען גלח צו אונזער אויטאמאביל צו. דער יונגערמאן האלט אין דער האנד די אויסשניטען פון די צייטונגען, אין וועלכע עס איז געווען מיין בילד און נאטיצען איבער מיר, און מאכט זעהר שטארק מיט די הענד, איינ־טענה'ענדיג מיט דעם גלח.

„צו וואס דארף ער ווייזען דעם גלח די אויסשניטען פון די צייטונגען", טראַכט איך מיר. נאָר אז זיי זיינען צוגעקומען צו מיר מאכט ער צום גלח אזוי:

— דאס איז ער, דהי גרייט אידיש רייטער — וואס די צייטונגען שרייבען וועגען איהם — „הי איז מאי בעסט פרענד" — קלאפּט ער מיר אויף די פּלייצעס פאר'ן גלח. — איך האב בלויז אזעלכע פרענדס פּאבליק-מען און גרייט מען. מיר זיינען אין איין סקוהל מיט איהם געגאנגען.

איך קוק אן דעם יונגען מאן און פערשטעה קיין ווארט נישט.

דער גלח האט זיך מיט מיר געגריסט, און דער יונגערמאן האלט ווייטער אין איין רעדען.

— ביי אונז איז אלץ איינס, א קריסט, א איד, מיר זיינען פּראָגרעסיוו, דאס זיינען נור די אלטע אידען אזוי פאנאטיש, אבער מיר, יונגע לייט, מיר ווייסען ווער עס איז אזעלכער געווען יעזוס קרייסט, יעזוס קרייסט איז געווען א איד, און משה איז געווען א איד. משה איז געווען א גרייט מען, און יעזוס קרייסט איז געווען „א גרייט מען", און ביי מיר איז קיין דיפערענץ צו א טשוירטש צי א סינאגאג, — איין גאט. ניט אזוי?

— סוירטענלי, — זאגט דער גלח, לאכענדיג און ווייזט זיינע ווייסע ציינער.

איך קוק אן דעם יונגען מאן און קען ניט פערשטעהן, צו בעדארף מען דאס אלעס, כדי אריינצוקומען אין די פעקטארים פון אמיונישאן. אפשר יא. אויב אזוי, שווייג איך.

— און מיין פריינד מיינט אויך אזוי — קלאפּט ער מיר אויף די פּלייצעס, — איך האב בלויז פריינד פּראגרעסיוו מען, ווי די פּייפּערס שרייבען אויף איהם.

דער גלח שמייכעלט ווידער, ווייזענדיג זיינע ווייסע ציינער, און זאגט „סוירטענלי" און געהט אוועק מיט'ן יונגען מאן.

איך זיץ און פערשטעה נישט קיין איין ווארט וואס דא טהוט זיך.

אין א פּאאר מינוט ארום איז דער יונגער מאן צוריקגעקומען מיט א לייכטענדען פּנים, און גיט מיר א קלאפּ אין פּלייצע, כאפּט א ציגאר, א ביים אפּ, א שפּיי אויס, און א כאפּ אין מויל אריין, א צווייטען ציגאר מיר אין מויל אריין, און זאגט:

— „א רייטה"!

מיר פאהרען.

— געהן מיר צו די פעקטארים?

— באלד. נור צוערשט וויל איך אייך ווייזען מיין „פּליים". איך האב „לאטס" דא, און זעהט איהר, געגענאיבער די פעקטארים, דער קארנער געהערט צו מיר. אזוי ווי איך האב נור געזעהן, אז מען געהט דא שטעלען פעקטארים, האב איך אבגעקויפט דעם קארנער, — וואס מיינט איהר, דא איז א גוטער פּליים פאר א סאלון?

— איך ווייס ניט — ענטפער איך.

— יעס, דער קארנער איז א גוטער פּליים פאר א סאלון. ווען איך וואלט נור נישט מורא געהאט פאר די איירישע גויה דארט, איהר זעהט

דעם צווייטען קארנער, דארט שטעהט א הייזקע, איך וויל שוין דער איירישער גויה געבען פאר דער הייזקע זיעבען טויזענד דאלאר און זי וויל ניט אנדערש נאר צעהן.

— שא, — זאגט צו מיר דער יונגערמאן, — איך וועל אייך בעטען א טובה, איך וועל אייך אריינפיהרען צו דער גויה אלס א סוחר פון דער הייזקע, איהר זעהט זעהר רעספעקטעבל אויס, — קוקט ער מיך אן — איהר וועט בעקוקען די הייזקע, און זאגען דער גויה, אז איהר ווילט ניט מעהר געבען ווי פינף טויזענד, איהר הערט, פייף טאוזענד, מעהר איז עס ניט ווערטה.

— בעדארף מען דאס אלעס, כדי אריינצוקומען אין די אמונישאן פאקטארים? פרעג איך.

— שור — זאגט דער יונגער מאן, און פיהרט מיך גלייך אריין צו דער איירישער גויה אין דער הייזקע.

אז מען האט נור אנגעקלונגען, זיינען אונז אקעגען געלאפען הינד מיט קעץ. אריינגעקומען אין „פארלאר" אריין, האבען מיר געטראפען אויך הינד און קעץ, וואס זיינען געווען אויסגעוועבט אויף די דיוואנען. פון די ווענט אראב, פון די בעטען, פון די טישען און טשערס האבען צו אונז אראבגעקוקט הינד און קעץ, איבעראל וואו מען האט זיך ארומגעקוקט, זיינען געווען הינד און קעץ. לעבעדיגע אדער אויסגעהאפטענע.

אן אלטע איירישע גויה מיט א פנים אויך ווי א הונד און א קאץ איז ארויסגעקומען. דערהערט א סוחר אויף די הייזקע, האט זי מיך ארומגעפיהרט, געוויזען מיר די צימערען, די קיטשען, די בוידעמס, די קעלערס. אלעס ערנסט בעקוקט, האט מען זיך אוועקגעזעצט אין „פארלאר" און די גויהווארט אויף א ווארט פון מיר.

— דבר'ט, דבר'ט, — זאגט צו מיר דער יונגער מאן.

— פייף טאוזענד — שטאמעל איך ארויס מיט שרעק פאר די הינד מיט די קעץ.

אז די גוי'ה האט דערהערט דאס ווארט „פייף טאוזענד", האט זי מיך געגעבען א קוק אן, נאך איהר האבען אלע הינד, די לעבעדיגע און די אויסגעהאפטענע, מיך געגעבען א קוק אן, דאס בלוט איז מיר פערגליווערט געווארען.

און איך שטאמעל צום יונגען מאן:

— קומט, קומט.

גאט צו דאנקען ארויסגעקומען.

— נו, מעהר געה איך נישט, יונגערמאן, — זאג איך צו איהם, — פיהרט איהר מיך אין די אמיונישאן פעקטארים איז גוט, אז ניט אהיים, פיהרט מיך אהיים.

— שוין, דאצאל — זאגט דער יונגערמאן, — מיר פאהרען שוין אהיים.

— און די אמיונישאן פעקטארים? — פרעג איך.

— די אמיונישאן פעקטארים בילדט מען ערשט, — זאגט צו מיר דער יונגערמאן גלייכגילטיג און פעררויכערט זיך זיין ציגאר.

— צו וואס האט איהר מיך אבער ארויסגעפיהרט?

— איך האב אייך געוואלט ווייזען דעם גלח — ענטפערט מיר דער יונגערמאן גאנץ גלייכגילטיג.

— צו וואס האט איהר מיר בעדארפט ווייזען דעם גלח? — פרעג איך.

— איך בעדארף איהם צו די לייסענס אויף דעם סאלון וואס איך וויל דא עפענען, האב איך איהם געוואלט ווייזען ווער מיינע פריינד זיינען, אז ער זאל זעהן, אז איך בין נישט קיין פראסטער מענש. דער גלח וועט זעהן, אז איהר — א „פאבליק מען", א מאן וועמעס פיקטשור שטעהט אין די פייפערס איז מיינער א פריינד, וועט ער אב־געבען אויף מיר א גוטען רעקארד, און איך וועל קריגען לייסענס.

— האט איהר צו אייערע לייסענס אויף א סאלון בעדארפט ארויס־שלעפען משה־רבינו, און צוזאמענמישען מיט יעזוס קריסטוס? הע?

— האב איך איהם געפרעגט אויפגערעגט.

דארויף האט מיר דער יונגערמאן מיט'ן ציגאר אין מויל געענט־פערט קאלטבלוטיג:

— ביזנעס!

.6

## א יוניאן פאר שבת

(הומאָרעסקע).

— מיינסטו, אז אמעריקא איז א טריפה לאנד? ווער עס וויל אין אמעריקא זיין א איד קען זיין א איד, און ווער עס איז א גוי פון דער היים, דעם העלפט אמעריקא אויך נישט, — האט נאטע קיקריקי, דער פעלצען־פליקער, בערוהיגט משה אהרן ליב מלמד, שבת, ביים דאווענען, אין חברה „אנשי אמת" דק"ק באראסאוויטש, וואס האט זיך געפונען אויף דילענסי סטריט.

משה אהרן ליב מלמד איז ערשט וואס נור געקומען פון באראסא־וויטש קיין אמעריקא און מיטגעבראכט זיינע לאנדסלייט א גרוס פון דער היים. אין דער היים איז ער געווען א פרומער איד, א „גער'ער חסיד", און ער האט מורא געהאט פאר אמעריקא מיט זיין אידישקייט ווי פאר פייער. די צרות האבען אבער איהם געיאגט פון דערהיים. האט ער איינגעשטעלט זיין אידישקייט און איז אהער געקומען צו זיין ברודער'ס צוויי זיהן, מיט וועלכע ער האט זיך אין דער היים געשעהמט, דערפאר וואס זיי זיינען נישט געגוג פרום געווען.

ניט פרום זיינען זיי געווען, אבער גוטע הערצער האבען זיי גע־האט, און ווען משה אהרן ליב מלמד האט זיך נור צו זיי געווענדעט, האבען זיי איהם געשיקט א שיפס־קארטע און א פאאר דאלאר און אראבגעבראכט קיין אמעריקא. דעם ערשטען שבת האבען זיי אפילו פאר זיינטוועגען ניט געארבייט און געפיהרט איהם אין די חברה אריין, וואו די לאנדסלייט דאוונען, כדי ער זאל זיך זעהן מיט בעקאנטע און זיי זאלען איהם שאפען א פליים, וואו מען ארבייט ניט אום שבת.

אז משה אהרן ליב מלמד האט געזעהן די אידישע חברה, דער־הערט דעם היימישען דאוונען פון נאטע קיקריקי, דעם פעלצען־פליקער, האט ער זיך אביסעל בערוהיגט. טאקע נאטע „קיקריקי" ווי די חדר אינגלאך האבען איהם גערופען, דערפאר וואס ער האט ביים דאוונען געקרייט ווי א האהן (און דעם נאמען האבען פערטראגען זיינע לאנדס־לייט קיין אמעריקא אויף דילענסי סטריט), איז אין דער היים געווען

א פּעלצען־פּליקער און גערימען זיך צום „ברעטעל“ דאוונען, און מען
האט איהם קיינמאל ניט צוגעלאזט (דערפאר וואס ער איז געוועזן א
גראבער יונג), און דא איז ער געווארען דער למדן פון דער חברה —
דאך איז עס א איד. און משה אהרן ליב מלמד איז רוהיגער געווארען,
די וועלט איז א וועלט, און אומעטום זיינען דא אידען. די לאנדס־
לייט האבען איהם נאך מעהר בערוהיגט וואס אנבעטרעפט זיין אידיש־
קייט, און טאקע זונטאג אין דער פריה האט איהם א לאנדסמאן גע־
פיהרט אויף א „פלעים“ אין ברוקלין צו א פרומען אידען, וואו בלויז
פרומע אידען ארבייטען ביי „שוירטס“, טאקע זיי פערדיענען ווייניג,
זיעבען־אכט דאלאר א וואך, אבער דערפאר איז דער בעל־הבית א
פרומער איד, א יודע סופר, און מנחה דאווענט מען מיט מנין, דער
גאנצער שאפּ, און מען זאגט קדושה. טאקע מען בעצאהלט פאר דער
מנחה מיט א האלבע שעה אין דער פריה, און מיט א האלבע שעה
שפּעט אין אבענד, אבער דער איד איז דאך נישט מחויב צו פערלירען
דערפאר וואס ער איז פרום. „אדרבה, זאל מען זעהן, אז מיט פרומ־
קייט קען מען אויך אויספיהרען אין אמעריקא“ — האט געזאגט דער
פרומער בעל־הבית, א דיקער אידעל מיט דיקע שמוציגע פינגער, צו
די פרומע אידען. „מיינע קאנקורענטען זאגען מיר, אז איך וועל ניט
קענען אויספיהרען, אז מיין פרומקייט וועט מיך ברלות שטעלען און
איך וועל מוזען פערמאכען מיין שאפּ. לאמיר זיי ווייזען, אז פרומע
אידען קענען אויך ארבייטען, און כאטש מען דאווענט מנחה קען מען
אויך אויספיהרען“.

און די פרומע אידען האבען טאקע געוואלט ווייזען די אנדערע
באסעס, האבען זיי געארבייט אהן דעם אטהעם צו כאפּען. זיי האבען
זיך ניט ערלויבט איינער מיט'ן אנדערען א ווארט אויסצורעדען, און
ווען דער פעטער אידעל האט געזעהן ווי זיינע פרומע אידען זיצען
איינגעהויקערט איבער די מאשינען און יאגען פון זיך דעם אטהעם
ארויס, האט ער הנאה געהאט, א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף
זיינע ליפּעלאך, ער האט געבראכען זיך די פינגער און אבגעגענעצט
פאר פערגעניגען:

— און די יונגאטשעס, די הולטייעס ווילען איינפיהרען „יוניעס“.
אהן א „יוניע“ וויל מען היינטיגע צייטען ניט ארבייטען — האט דער
פרומער אידעל גע'טענה'עט צו זיינע ארבייטער — מיר, פרומע אידען,

בערארפען קיין „יוניע" נישט. אט וואס איז אונזער „יוניע" — „אשרי יושבי ביתך". מיר דאוונען אין איינעם מנחה, אין וועלכען שאפ דאוועגט מען מנחה? זאלען זיי זאגען, די „יוניע"!

— גאט וועט אייך דערפאר בעצאהלען. גאט וועט בעצאהלען מיט גוטע יאהרען, מיט געזונד און לעבען — האבען איהם די פרומע אידען בעשאטען מיט ברכות פאר זיין גוט הארציגקייט.

און משה אהרן ליב מלמד, וואס האט קיינמאל קיין נאדעל ניט געהאלטען אין האנד, און ניט געוואוסט, ווי זיין ווייב האט אויף איהם געזאגט, ווי „א קאץ אן עק צו פערבינדען", האט זיך שוין אויס־געלעהרענט. „אין אמעריקא לעהרענט מען זיך אלץ אויס". און מיט דער זעלבער התמדה וואס ער האט אין דער היים איבער דער גמרא זיך געשאקעלט, האט ער זיך דא געשאקעלט איבער א ווייבערש העמד. אין די ערשטע צייט איז עס איהם אזוי פריקרע אויסגעקומען צו נעהמען אין האנד. אזא איד ווי משה אהרן ליב מלמד, וואס דער קאפ איז איהם פול מיט רש"י, תוספות, מיט די דברי חכמים, און דא הייסט מען איהם גאר העמדער נייהען! דאס איז גוט פאר א אידענע. פלעגט ער זיצען איבער א העמד און דערמאנען זיך א משנה, א אגדתא פון די גמרא, א דין פון שולחן ערוך און דאס איבער'חזר'ן זיך אין קאפ, אבער באלד האט ער זיך צוגעוואהנט. די משנות מיט די אגדתות מיט די גמרות זיינען פון קאפ ארויסגעפלויגען, און איבערגעבליבען זיינען נור העמדער... העמדער... העמדער...

אבער דאך, דאס זייניגע האט ער ניט אבגענעבען. ער הויבט זיך אויף פיער אוהר פארטאג, לעהרענט זיך אב זיין פרק משניות, זאגט זיך אב זיין יום תהלים, דאווענט, און געהט צו דער ארבייט. אבענד פאלט ער אנידער ווי א שטיין פון מיעדקייט, און מורמעלט פון שלאף דעם קריאת־שמע לייענען, דערפאר איז ער דעם באס אזוי דאנקבאר וואס ער לאזט די ארבייטער מנחה דאוונען מיט מנין. כאטש איין דאוונען אין טאג מיט צבור, כאטש איין קדושה, טראכט ער זיך, גאט צו דאנקען דערפאר.

נור באלד איז געווארען ווי דער נביא זאגט: „ישראל איז פעט געווארען, האט ער ווידערגעשפענסטיגט". דער פרומער באס האט זיך אנגעהויבען דאס בערדעל צו שניידען, און וואס לענגער זיינע פרומע אידען האבען ביי איהם געארבייט, אלץ קורצער איז זיין בערדעל און

זיינע קליידער געווארען. „ער שניידט זיך אויף א דייטש“. „מילא, פרנסה“, האבען די פרומע אידען געזאגט. ער איז שוין ניט געקומען מנחה דאווענען מיט זיינע ארבייטער; „פעריאגט נעבעך, — האט קיין צייט ניט“, האבען איהם די פרומע אידען פערענטפערט.

מיט אמאל זיינען די פרומע אידען געקומען צו דער ארבייט, געפינען זיך גאר מיידלאך ביי די מאשינען — אידישע און קריסט־ליכע. די אידען האבען זיך ניט געוואלט אוועקזעצען צוזאמען מיט „נקבות“, האבען זיך געבעטען ביים בעל הבית, אז מען זאל די אידען זעטצען בעזונדער און די מיידלאך בעזונדער. צוערשט האט מען זיי דאס נאך צוליעב געטהאן, דערנאך האט דער בעל הבית געזאגט, אז ביי איהם איז ניט קיין מענער־שוהל בעזונדער און א ווייבער־שוהל בעזונדער. די פרומע אידען האבען געקרעכצט און געשוויגען.

אין א שעהנעם פארנאכט ווען די פרומע אידען האבען זיך אויפ־געשטעלט מנחה דאווענען, ווי זייער געוואהנהייט איז געווען, איז דער בעל־הבית אריינגעקומען און האט זיי ערקלעהרט, אז זיין שאפ איז קיין בית־המדרש ניט. ווער עס וויל דאווענען, קען ער דאווענען אין דער היים, און דא בעדארף מען ארבייטען.

— וואס, ווי הייסט, ר׳ ברכיה, איהר זיינט דאך א פרומער איד?

— יא, א פרומער, נישט קיין פרומער, איך צאהל אייך פאר אר־בייטען, ניט פאר דאווענען, — האט דער אידעל געזאגט.

נור די פרומע אידען האבען איהם ניט געהערט. אז עס איז גע־קומען די צייט מנחה צו דאווענען, האט פון ערגעץ א ווינקעל א איד זיך אויפגעשטעלט און געזאגט „אשרי יושבי ביתך“, און קוים האבען עס די אידען דערהערט, האט מען זיי ניט געקענט איינהאלטען, פון אלע ווינקעלאך איז געווארען א מורמעל „אשרי יושבי ביתך“.

בחינם האט זיך דער באס געקאכט, געסטראשעט, געשריען. די אידען האבען דערוויילע אריינגעכאפט א קדושה׳לע און ווידער גע־נומען זיך צו דער ארבייט.

נור וואס אמאל איז דער שאפ גרעסער געווארען, וואס אמאל זיינען מעהר מיידלאך אריינגעקומען, און וואס אמאל מעהר אינגערע און שעהנערע, און וואס לענגער זיי האבען געארבייט, איז דעם אי־דעל׳ם בייכעל אלץ דיקער געווארען, זיינע פינגערלאך פעטער, און זיינע אויגען גלאנצענדיגער.

אמאל, אין א שעהנעם פריה־מארגען האט דער באס ערקלעהרט זיינע ארבייטער, אזוי ווי ער האט זיין שאפ אויפגעפיקסט און גע־מאכט איהם אויף „א מאדערן סטייל״, וועט מען ביי איהם, ווי אין אלע „מאדערנע פעקטארים״ ארבייטען שבת, און רוהען זונטאג.

אז די פרומע אידען האבען עס דערהערט, איז ווי די ערד וואלט זיך געעפענט פאר זיי. זיי זיינען בלייך געווארען און דערשראקען, נור משה אהרן ליב מלמד האט זיך „איינגעשטעלט״ דאס לעבען פאר גאט און געזאגט, ווי יהודה פאר יוסף'ן:

— אדוני בעל הבית, און אפילו אז איהר וועט אונז שמייסען מיט אייזערנע ריטער ווי נבוזרדן הרשע האט געטהאן, וועט איהר דען פועל'ן ביי אונז, אז מיר זאלען חלילה דעם הייליגען שבת פערשטערען?

— דארף מען נישט! ווערען עס געפעלט ניט, דער קען געהן! און איהר מחוצף פנים, וואס איהר רעדט אקעגען א בעל־הבית, וועט געהן דער ערשטער.

נור דא האט זיך משה אהרן ליב מלמד דערמאהנט אז זיינע צוויי פלימעניקעס, מיט וועלכע ער האט זיך געשעהמט דערפאר, וואס זיי זיינען ניט פרום, אבער — האבען גוטע הערצער, האט ער זיך אבגערופען:

— קומט אידען מיט מיר, איך האב אן עצה.

דעם זעלבען אבענד איז אבגעהאלטען געווארען דער ערשטער סטרייק־מיטינג פון די פרומע אידען. דעם מלמד'ס צוויי פלימעניקעס האבען די פרומע אידען ארגאניזירט אין א יוניאן. די לייט פון דער יוניאן זיינען געקומען און האבען געהאלטען פאר זיי רעדעס, אבער די הויפט רעדע, וועלכע האט געמאכט אויף די סטרייקערס דעם שטארק־סטען איינדרוק, האט געהאלטען משה אהרן ליב מלמד. ער האט אונ־געפעהר געזאגט פאלגענדעס:

„רבותי, עס איז אויפגעשטאנען א המן, א רשע מרושע, וועלכער וויל נויטען, ווי נבוזרדן, אז אידען זאלען חלילה דעם הייליגען שבת צושטערען, און ווי ביי פרעה הרשע נויט ער אונז מיט אייזערנע רי־טער אז מיר זאלען ארבייטען ביי איהם עבודת פרך. אידען, לאזען מיר זיך איינשטעלען דאס לעבען פאר גאט און לאזען מיר סטרייקען, כדי אבצוהיטען די תורה און איהרע מצוות, און ווער עס וועט הערען, אויף דעם וועט קומען אלע ברכות פון די תורה, און אויף דעם רשע

אלע קללות פון דער תוכחה. אמן סלה. אידען, שטארקט אייך, מי לה' אלי״!

נאך צוויי וואכען פון פערביסענעם סטרייק, אין וועלכען די פרומע אידען האבען ארויסגעוויזען א שטארקע קאמפפס־פעהיגקייט, האבען זיי זיך צוריקגעקעהרט אין דעם שאפ „בתופים ובמחולות״. זיי האבען געוואונען אלע בעדינגונגען, וועלכע די יוניאן האט ארויס־געשטעלט, און צווישען זיי זיינען געווען די ערשטע: אבצוהיטען שבת, מנחה דאווענען מיט מנין, געהעכערטע וויידזשעס און יוניאן־שטונדען.

מנחה ווערט היינט געדאווענט אין שאפ ניט ווי פריהער אב־געכאפט, נור מיט קדיש און מיט קדושה, און אז דער בעל הבית גע־פינט זיך אין שאפ זיינען זיי איהם מכבד מיט קדושה.

— פאר זיין געלד זאל ער הנאה האבען — שמייכלען די אידען אונטער אין די בערד.

און משה אהרן ליב מלמד איז פון דענסטמאל אן געווארען דער געטרייסטער יוניאן מאן. א־ווא! — זאגט ער, עס איז דאך א גרויסער תקון עולם, די יוניאן. אהן איהר וואלטען דאך אידען, חלילה, געווען הפקר...

# 7

# ע נ ג.

ווען יחיאל מאיר איז געבוירען געווארען, איז געקומען די ענג־שאפט און זיך געשטעלט נעבען איהם, און האט איהם בעגלייט זיין גאנץ לעבען. פון זיין ערשטען טאג אז האט ער געמוזט קעמפפען מיט זיינע עלענבויגענס פאר דעם שטיקעל פלאץ וואס זיין זינדיגער קער־פער האט געדארפט פערנעמען אין דעם רוים פון דער אונענדליכקייט...

געבוירען איז ער געווארען אין איינע פון יענע געסלעך, וואו די הייזלעך שטעהען אנגעבויגען איינס אויפ'ן אנדערען. און דעם ערשטען איינדרוק וואס יחיאל מאיר האט געקריגען פון אונזער וועלט איז גע־ווען אזעלכער, אז די וועלט איז צו ענג. דאס שטיבעל, אין וועלכען ער האט דערזעהן די שיין פון דער זון, איז געווען אנגעשטעלט מיט בעטען און טישען, און וואו ער האט זיך געריהרט האט ער זיך אנגע־שלאגען אן אן עק פון א בעט. יעדעס שטיקעל ווינקעלע אין שטיבעל איז געווען פערנומען. וואו ער איז געגאנגען און וואו ער איז געשטא־נען איז דאס שטיקעל פלאץ שוין געווען פערנומען פון אן אנדער זאך.

קיינמאל ניט אין זיין לעבען איז ער געשלאפען אליין... שטענדיג איז זיין לייב צוגעקנעטען געווארען צו אן אנדערענס, א ווייטענס אדער א נאהענטענס, שוין פון קינדהייט אן האט ער געמוזט אויס־קעמפפען זיין שטיקעל פלאץ אויף דער משפחה־„שלאף באנק". זיינע צוויי ברידער, גדליה און שלמה, זיינע מיטשלאפערס, האבען איהם צוגעקוועטשט צו דער וואנד, און ער האט זיי צוריקגעקוועטשט. א גאנצע נאכט האבען די דריי ברידער געקעמפפט, וואכענדיג אדער שלאפענדיג, מיט זייערע קערפערס, פאר פלאץ אויף דער „שלאף־באנק". און ענדליך האט דער שלאף שלום געמאכט צווישען זיי, און זיי אלע דריי אזוי צוזאמענגעקנאטען, אז עס האט זיך געדאכט אז עס איז איין קערפער.

אין חדר ביים רבי'ן איז געווען ענג — צוזאמענגעדריקט צווישען אינגלעך, געדענקט ער, איז ער געזעסען אויף דער באנק. אפילו אין הייליגען בית המדרש איז געווען ענג. די ווענד האבען געשוויצט פון היץ, און ער איז געשטאנען מיט'ן טאטען ביי דער וואנד און שווער דעם אטעם געכאפט. זיין וואכעדיגער טאג איז געווען ענג און זיין שבת איז געווען ענג. תמיד האט ער געמוזט קעמפפען פאר דעם שטיקעל פלאץ וואס עס בעדארף פערנעמען זיין נישטיגער קערפער סיי בייטאג און סיי ביינאכט...

נור איין איינציג מאל האט ער דערפיהלט אז די וועלט איז ברייט און גרויס און לאנג. א, יענע ברייטקייט האט ער אפט געדענקט און געקלערט וועגען איהר — און געבענקט נאך איהר, און געהאפט, אז ער וועט אמאל לעבען אין איהר.

דאס איז געווען אין זיינע קינדערשע יאהרען, ווען ער איז אנט־לאפען פון חדר, ניט געוואלט לערנען, האט ער זיך ארויפגעכאפט אויף א מילכיגער'ס א פוהר — יחיאל'שע שוויצער האט דער מיל־כינער געהייסען. ער פלעגט יעדען פריהמארגען ברענגען אין געסעל אריין די קאנען פרישע מילך, און די סווארעד און די געטריקענטע קעזלעך. די ווייבער פלעגען ארומרינגלען זיין פוהרעל מיט די טעפ־לעך בארשט אין די הענד און געקויפט ביי איהם פאר א פיערער סמעטענע דעם בארשט אונטערצושלאגען. יחיאל מאיר איז צעהן יאהר אלט געווען ווען ער איז פון חדר אנטלאפען און זיך ארויפגע־כאפט אויף יחיאל'שעם פוהר, ווען דער מילכיגער איז צוריק אין דארף אריין געפאהרען. ער האט זיך בעהאלטען אין א בינטעל היי, און ווען דער איד איז ארויסגעקומען אויפ'ן וועג ארויס, האט יחיאל מאיר ארויסגעקוקט דורך דעם בינטעל היי אויף די פרייע וועלט. פריהלינג איז עס געווען, שבועות־צייט. די גרעזער זיינען געשטאנען הויך אויף די לאנקעס, צונויפגעמישט מיט קווייטען און געלע פעלד־בלימעלעך, און די לאנקע איז געווען אזוי ברייט און לאנג, אהן אן עק ביז צום הימעל ווייט — און אזוי איז אויך געווען דער הימעל. און די פוהר פאהרט איבער'ן פעלד איינע אליין צווישען גראז און קווייטען.

א גאנצע נאכט איז יחיאל מאיר דענסמאל איבערגעבליבען אין דארף, אויפגעהאלטען זיך ביים אידישען מילכיגער אין שטאל, צוזאמען

מיט די קיה. זיין גאנצען לעבען האט ער געפיהלט דעם געשמאק פון דעם אבגעשניטענעם היי, וואס האט זיך געטריקענט אויפ'ן בוידעם פון שטאל. און אז עס איז פריהמארגען געווארען, און דער איד האט אויפגעעפענט דעם שטאל די קיה צו מעלקען, האט ער יחיאל מאיר'ן ארויסגעלאזט פון שטאל. דער איינגעל איז געגאנגען אין פעלד אריין. דאס פעלד איז נאך נאס געווען פון די נאכט־ראסע. האט ער דערזעהן אז אויבסט־גארטען שטעהן, גאר ניט אין נאך רייף געווען. א חוץ די אגרעסען וואס האבען זיך געגרינט אויף די צווייגען, האט ער אנ־געריסען צוויי פולע טאשען מיט אגרעסן און געגעסען זיי אויף דעם ניכטערען מאגען. עס איז איהם זויער געווארען אין מויל און פייכט אין די פיס — און דאס אבגעשניטענע היי האט געשמעקט און די זון האט געווארעמט...

דער איד האט איהם מיטגענומען אין שטאדט אריין, און צוריק־געבראכט איהם צום טאטען. און דער טאטע האט אוועקגעגעבען יחיאל מאיר'ן צו א שניידער אויף דער לעהר.

פון דענסטמאל אז האט איהם שוין די ענגשאפט ניט פערלאזען אויף איין טאג.

זעקס יאהר איז ער אבגעזעסען ביים שניידער אויף דער לעהר. דאס שטיבעל איז געווען אנגעשטעלט מיט מאשינען און שניידער־טישען, און אויף דער פאדלאגע האבען זיך ארומגעוואלגערט פייכטע קינדערלעך, און וואו מען איז געגאנגען האט מען אנגעטראטען אויף א קינד אדער אויף אז אנדער לעבעדיגע זאך. און ביינאכט אויפ'ן „שלאף־קאסטען" איז זיין לייב צוזאמענגעקנאטען געווארען, ניט מיט זיינע ברידער'ס לייבער, נור מיט פרעמדע לעהרן־אינגלעך, וועלכע דער שלאף האט צוזאמענגעוועבט...

דערנאך, אז ער איז געקומען אין דער גרויסער וועלט אריין, אין לאדז, איז די וועלט אבגעשניטען געווארען פאר איהם, און זי איז בעשטאנען נור פון דער ענגער ווערקשטעל, וואו ער איז געזעסען ביי־טאג מיט זיינס גלייכען און געארבייט, און ביינאכט זיך געטיילט יעדען מאל זיין נאכטלעגער מיט אן אנדערען מיטשלעפער...

אפילו אין דער שיף, וועלכע האט איהם אריבערגעשוואומען פון איין וועלט אין דער אנדערער אריין, איז ענג געווען. טויזענדער זיינס־גלייכען זיינען זיי אלע צוזאמענגעפרעסט געווארען ווי הערינג

אין דעם צווישענדעק. ארום זיי איז געווען א גרויסער אונענדליכער ים. אבער אין די באראקען צווישען דעם צווישענדעק זיינען געלעגען צוזאמענגעקנאטעו די נאציאנען פון דער וועלט. א האנד פון פוילען האט דערגרייכט נאך איטאליען, און א פוס פון גאליציע האט גע־שטעקט אין גריכענלאנד אדער אין סיריען...

אויך צייט ער איז געקומען אין דער נייער וועלט אריין, וואו ער האט געהאפט צו געפינען ברייטקייט, האט איהם די ענגשאפט ניט אבגעלאזט אויף איין טאג, אויף איין מינוט. פיער און צוואנציג שעה אין מעת־לעת האט זיך די ענגשאפט צוגעקלעפט צו זיין לייב, און איז גע־ווארען א שטיק פון איהם. אויף איין מינוט האט זי איהם ניט געלאזט אליין זיין מיט זיך. די ענגשאפט איז שטענדיג געווען ארום איהם, און ער האט זיך געטראגען אין איהר, ווי א מענש טונקט זיך אין וואסער. זי האט איהם געהאלטען אין איין בעריהרען, אין איין צודריקען זיך צו איהם. זי איז שטענדיג געווען ביי אלץ וואס ער האט געטהאן. זי איז געווען ביי איהם סיי ביי־טאג, סיי ביי־נאכט. זי האט געגעסען נעבען איהם, געארבייט נעבען איהם און אמוזירט זיך נעבען איהם...

אז ער געהט נאך ארויס אין גאס, ווערט ער באלד ארומגענומען פון די ענגשאפט. פרעמדע קערפערס קלייבען זיך ארום איהם, אזוי טראגט ער זיך צווישען פרעמדע קערפערס צו דער ארבייט און פון דער ארבייט, אין די באהנען אונטער דער ערד, אין די באהנען איבער דער ערד. ביי דער ארבייט, א גאנצען טאג, איז ער ארומגערינגעלט מיט פרעמדע קערפערס, וועלכע יעהרען אין דער ווארעמקייט אין דעם שוויים, ווי ער... און וואו ער זאל ניט געהן, צי אין א טעאטער, אין א מואווינג פיקטשור, אין א האל אויף א פערזאמלונג — וואו ער שטעהט און געהט — געהט די ענגשאפט מיט איהם, זעצט זיך נעבען זיין טיש מיט איהם און לעגט זיך אין זיין בעט אריין שלאפען מיט איהם.

אפטמאל געדענקט יחיאל מאיר אן דעם איינציגען ברייטען טאג, וואס ער האט געהאט אין זיין לעבען, אן די איינציגע נאכט וואס ער איז געשלאפען אליין אין שטאל אויפ'ן אבגעשניטענעם היי, אין זיין קינדהייט, און יעדעס מאל ווען ער דערמאהנט זיך אן די ברייטקייט פון דער וועלט פיהלט ער דעם זויערליכען טעם פון אגרעסן אין מויל, און פיהלט די פייכטקייט פון דער ראסע צווישען די גרעזער און די וואַ־

רעמקייט פון דער זון. דער זכרון אז דעם איינציגען טאג פון דער בריימקייט האט איהם ניט פערלאזט אלע זיינע יאהרען. און ווען די בענקשאפט נעמט ארום יחיאל מאיר'ן מיט איהרע צוואנגען, דער־מאהנט ער זיך אז יענעם פרייען טאג, אז יענע הויכע גרעזער אויף דער לאנקע וואס ער האט אמאל געזעהן אין זיינע קינדער־יאהרען. און ער בענקט נאך די פרייהייט און האפט, אז ענדליך אמאל וועט ער זיך ארויסרייסען פון דער ענגקייט, און וועט לעבען אין די ברייטע פעלדער צווישען הויך־געוואקסענע גראזען און וועט פיהלען אין מויל דעם טעם פון זויערע אגרעסן...

און אפט פלעגט ער רעדען דערפון. עפעס וועגען א פעלד מיט הויכע גרעזער. וואס קיינער פון די ארומיגע האבען איהם ניט פערשטא־נען. און זומער־צייט פלעגט ער אפט אנרעדען דאס ווייב, אז זיי זא־לען נעהמען די קינדערלעך און ארויסגעהן אויפ'ן פרייען פעלד, וואו עס וואקסען די הויכע גרעזער און וואו מען קען פליקען אגרעסן. דאס ווייב זיינס, נעכע, וועלכע האט מיט איהרע אייגענע הענד אויפגעצוי־גען זעקס קינדער אין אמעריקא, פאר אלע קליידעלעך געוואשען, און הויזען פערריכט, אז די לעהרערין זאל זיי ניט פערשעהמען פאר די אנדערע קינדער און אהיים שיקען זיי פון שול — נעכע האט ניט פערשטאנען וואס איהר אלטער וויל. „לאנקעס מיט הויכע גרעזער" פערגלוסט זיך איהם אין מיטען־דערינען. „אין אמעריקא זיינען קיין לאנקעס מיט הויכע גרעזער ניטא", און וויטער ווי ביז „קוני איי־לענד" איז עס ניט דערגאנגען.

נאר אין „קוני איילענד" זיינען ניט געווען קיין „לאנקעס מיט הויכע גרעזער", און קיין אגרעסן זיינען דארט אויך ניט געוואקסען, און די ענגשאפט האט זיך מיטגעכאפט אויף דער קאר קיין „קוני איי־לענד", און געבאדען זיך צוזאמען מיט איהם אין ים...

און ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואקסען, האבען זיי דעם טאטען מיטגענומען אין פארק אריין זונטאג נאכמיטאג, זעהען די „הויכע גרעזער", פון וועלכע דער טאטע האט תמיד גערעדט. איז די ענגשאפט שטענדיג מיטגעגאנגען מיט זיי. און יחיאל מאיר'ן איז עס ניט געפעלען.

— ווי קומען די אמעריקאנער פעלדער צו די היימישע? אויך מיר פעלדער? — פלעגט יחיאל מאיר פערקרימען זיך — וואו האסטו

דאָ גראָז? מען שניידט עס דאָך באַלד אָפּ. ביי אונז אַ פעלד, איז עס הויך מיט גראָז ביז'ן האַלבען לייב, — בעגייסטערט זיך יחיאל מאיר — און אַגרעסן וואַקסען אין די סעדער, און דו געהסט אַריין און דו פליקסט דיר אַב וויפיעל דיין האַרץ געלוסט. און דאָ, וואו דו שטעהסט און וואו דו געהסט האַסטו מענשען.

וואָס עלטער יחיאל מאיר איז געוואָרען, וואָס מעהר עס איז אין איהם די האָפנונג וועגען די „הויכע גרעזער" אויסגעלאָשען געוואָרען — פאַר דעם לעבען — אַלץ מעהר האָבען דערפאַר די „הויכע גרעזער" אָנגעהויבען צו בליהען פאַר איהם אין יענער אונגעזעהענער וועלט, וועלכע דער מענש דערפיהלט, ווען ער דערנעהענטערט זיך צו איהר. דאָס פעלד פון זיין קינדהייט האָט זיך ביי איהם פערוואַנדעלט אין אַ פעלד פון אַ בית־עולם, אויף וועלכען ער וועט רוהען: און יענער פריי־ער טאָג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין זיינע קינדער־יאָהרען, איז שוין ניט געווען אַן איבערלעבעניש פון זיין פערגאַנגענהייט, נאָר עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז עס איז אַ טאָג פון יענעם לעבען וואָס שטעהט איהם פאַר אין די נעקסטע וועלט.

— אַ, שוין ניט אויף דער וועלט זעהען פעלדער — אויפ'ן בית עולם געפינען זיך הויכע גרעזער, און עס וואַקסט אַגרעסן, — האָט ער געשפּאַסט, ווען די קינדער האָבען איהם אָנגעהויבען צורעדען אויסצו־פאָהרען מיט זיי אין די פּאַרקס צו זעהען „הויכע גרעזער".

די ענגשאַפט האָט איהם ניט אָבגעלאָזט ביז אין די לעצטע מי־נוט פון זיין לעבען. זי האָט איהם בעגלייט ביז צו דער טיר פון האָספּיטאַל. צוזאַמענגעדריקט צווישען אַנדערע קראַנקע האָט ער גע־וואַרט ביז אַן אַנדערער קראַנקער וועט פריי מאַכען אַ בעטעל פאַר איהם. די ענגשאַפט האָט זיך אַפילו אַריינגעכאַפּט מיט איהם אין האָספּיטאַל אַריין און האָט זיך געשטעלט צו זיין צוקאָפּענס. זי האָט זיך פערשפּרייט אַרום איהם, זי האָט זיך צוגערוקט צו איהם. זי האָט איהם ניט אָבגעלאָזט אַפילו ווען ער האָט די נשמה אויסגעהויכט. זי איז געשטאַנען נעבען זיין בעט און געהערט ווי ער געזעגענט זיך מיט זיין משפחה, זי האָט איהם, ווי אַ טרייע בעגלייטערין, די אויגען צוגע־מאַכט, און געשטעלט זיך צו זיין צוקאָפּענס אָבהיטען דעם טויטען.

צונויפגעדריקט נעבען אַ קבר פון אַ ברודער האָט מען איהם בעד־האַלטען אין דער ערד. און ער איז ניט געלעגען צווישען הויכע גרעזער,

וואו עס וואקסען אגרעסן, פון וועלכע ער האט גע'חלומ'ט, נור זיין טרייע בעגלייטערין, די ענגשאפט, איז גלייך געקומען און האט אויס־געשפרייט קברים נעבען איהם. צו זיין צוקאפענס, צו זיין צופוסענס, ביי די זייטען זיינען באלד אנדערע קברים אויסגעוואקסען, און פונקט אזוי ווי ביי זיין לעבען איז ער פערטרונקען געווען צווישען א ים פון לעבעדיגע, אזוי איז ער נאכ'ן טויט פערטרונקען געווארען אין א ים פון טויטע... די ענגשאפט האט איהם אריינגענומען אין איהרע ארעמס און האלט איהם צוגעדריקט צו זיך ביז אלע אייביגקייטען...

## 8

# א „טשענס“.

(ערצעהלונג)

יעדען פריהמארגען, ווען די איינוואהנער פון דער שטילער ברוקלינער גאס הויבען זיך אויף פון זייער שלאף, געפינען זיי שוין אונטער זייערע טירען אנגעגרייט זייער טאג־טעגליכעס ברויט, איינ־געוויקעלט אין פאפיר, אזוי ווי א מלאך פון הימעל וואלט געקומען ביינאכט און פאר יעדען איינוואהנער פון דער ברוקלינער שטילער סטריט אוועקגעלעגט מן הינטער דער טיר, ווי פאר די אידען אין דער מדבר. די „בילס“ אבער, וואס דער גרויסער און דיקער בעקער האט צוגעשטעלט די איינוואהנער פון דער ברוקלינער גאס פינקטליך יעדען ערשטען מיט א שמייכעל אויפ'ן פנים און מיט א לאכעדיגען בויך — האט צושטערט די אילוזיע פון א גוטען מלאך, וואס ווארפט אונטער מן די איינוואהנער הינטער די טירען. נור ווי גרויס די בילס זיינען ניט געווען, און ווי גרעסער זיי זיינען ניט געווארען מיט יעדען מאַ־נאט, וואס דער בעקער סעווערויס האפקינס האט געקענט אזוי לייכט פארגלעטען מיט דעם שמייכעל אויף דעם גרויסען פנים און מיט דעם נאך מעהר אנגענעהמען שמייכעל פון זיין גרויסען בויך אראפ. זיינען דאך די איינוואהנער פון דער ברוקלינער גאס דעם בעקער גע־ווען זעהר דאנקבאר פאר זיין הומאנישער ווערק, וואס ער טוט פאר זיי באזארגענדיג זיי מיט זייער טאג־טעגליך ברויט.

און ווער וויים, ווי לאנג האפקינס וואלט געווען אנגעגאנגען מיט זיין הומאנישער בעשעפטיגונג, ווען דער איד גארפינקעל, וואס ער האט צוגעשטעלט דעם בעקער מעהל פאר דעם ברויט, וואלט ניט גע־ווען בעשאנקען פון דער נאטור מיט א רייכער פאנטאזיע, און פון זיין ראסע גע'ירש'נט דאס שטרעבען צו עפעס העכערעס, ווי צו האנד־לען מיט מעהל. פלעגט ער מיט זיין פאנטאזיע אויך אנשטעקען דעם קריסט. גארפינקעל פלעגט אפט פארפיהרען מיט דעם בעקער האפ־קינס געשפרעכען, וועלכע זיינען געווען שעדליך פאר'ן בעקער. גע־שפרעכען וועגען דאס געבענשטע לאנד אמעריקע, אז דא האט יעדער

איינער אַ „טשענס“ צו ווערן אַ מיליאָנער, און אַז אין אַמעריקע וואַלגערן זיך מיליאָנען אין די גאַסן. מען דאַרף נור זיי זעהען און קענען אויפהייבן. גאַרפינקעל האָט געוואוסט די ביאָגראַפיען פון אַלע אַמעריקאַנער מיליאָנערן און האָט זיי דערצעהלט דעם בעקער מיט די געהיימניסען, ווי אַזוי זיי האָבן געמאַכט די מיליאָנען: קאַרנעגיע איז אַמאָל אַליין געווען אַ שיק־אינגעל ביי אַ טעלעגראַפען־אָפיס, און ראָקעפעלער — אַן אַרבייטער אין אַ פאַבריק. און שיף — אַן אַנגעשטעלטער אין אַ באַנק פאַר צוועלף דאָלער אַ וואָך. נור זיי האָבען געהאַט אַ „טשענס“. און אַט קען ער איינעם אַ אידעל דאַון־טאַון, וואָס איז געווען אַ פּראָסטער קויהלען־סוחר, האָט איהם ווער געגעבען אַ „טיפּ“ אויף דער בערזע, וואָס ער זאָל קויפען, איז ער ווערט היינט אַ רונדען האַלבען מיליאָן.

אַזוי פלעגט דער מעהל־סוחר דעם בעקער דערצעהלען פון „טשענ־סעס“ און צושפּיעלען ביי איהם די פאַנטאַזיע, און פלעגט אויך ניט פערפעהלען יעדעס מאָל אַרויסצובריינגען די מאָראַל פון דער ערצעה־לונג.

— און דו, האָפּקינס, באַקסט בייגעל — האָט ער צוגעלייגט נאָך יעדער ערצעהלונג — דיין טאַטע האָט געבאַקען בייגעל, און דו באַקסט בייגעל, און דיינע קינדער וועלען באַקען בייגעל. אַך, אַך, האָפּקינס, ווען דו וואָלסט מיך געוואָלט פאָלגען, וואָלטען מיר שוין היינטביידע געווען אין די פערדערן. — האָט דער איך צוגעלייגט האַלב אויף אידיש, וואָס דער קריסט האָט פערשטאַנען פון זיין לאַנ־גער פּראַקטיק פון האַנדלען מיט אידען.

האָפּקינס, וועלכער איז געווען, ווי געזאָגט, אַ הויכער, דיקער ווי אַ ריעז, מיט אַ שווער באַלעגטען בויך, און ליעב געהאַט גוט אַריינצו־עסען און היבשלעך ביער צו טרינקען, האָט געהאַט אַ רויטע, ברייטע, פליישיגע נאָז, מיט בלויע אַדערלעך בעצויגען, פון אַן איבעריגען טרונק אַמאָל, וואָס דאָס איז געווען זיין איינציגער לוקסוס אין לעבען, האָט זיך מיט דער גרויסער, ברייטער האַנד אָבגעריבען די גלאַט־ראַ־זירטע ברייטע פעלדער פון זיינע אונענדליך גרויסע באַקען און גאָמ־בע, אָנגעקוקט גאַרפינקלען מיט זיינע בלויע קינדערשע אויגען, און מיט אַ גוטען שמייכעל געזאָגט:

— קום, לאָמיר האָבען אַ טרונק.

גארפינקעל איז געווען א קליינער און א דינינקער: אין האפ־קינס אָרעמס האט ער אויסגעזעהען, ווי א ריעז וואלט געהאלטען א קינד אויף אָנבייסען. גארפינקעל האט געהויבען דאָס קעפעל אין דער הויך צום גוי און געזאָגט:

— האפקינס, האפקינס, דו ביזט א „דעם פול", האפקינס. וואס האלסטו דיין געלד אין די באנק, פאר דיין געלד מאכט די באנק ספּע־קולאציע און זי פארדינט געלד. דו האסט דיין אייגענעם „טשענס"

— גיב דיר אליין א „טשענס" — ווער עס האט געלד אין אמעריקע, דער האט דעם „טשענס" אין האנד.

— גיב איהם אָן איירישען נאמבער וואן, — האט האפקינס געזאָגט צום סאלון־קיפּער, ווייזענדיג אויף גארפינקלען. פאר זיך האט ער דעם סאלון־קיפּער ניט געדארפט זאגען, יענער האט שוין אליין געוואוסט, וואס ער דאַרף געבען.

— ניין, א ציגאר, פּליעז, ניט דאס. איך גלייך עס ניט.

— טרינק, גארפינקעל, טרינק! — האט האפקינס באפוילען מיט די אויגען.

— איי לאיק יור טאָק. גאָ אהעד!

גארפינקעל האט זיך געשטארקט אויסצוטרינקען דעם ביטערען טראפּען, פון וועלכען עס האט זיך איהם דער קאפּ פערדרעהט, די נאָז געשטאכען און דער גארגעל געברענט. ער האט פערדרעהט דאָס פּנים, אויסגעשפּיגען און געזאָגט:

— ווען דו וואלסט געוואלט, האפקינס, ווען דו וואלסט מיך גע־הארכט, וואלטען מיר שוין ביידע היינט געווען — א־וואָ וואלטען מיר שוין ביידע געווען.

דער גוי האט אויסגעהערט די גליקען, וואס גארפינקעל האט איהם אויסגעמאלט, אָנקוקענדיג דעם אידען מיט זיינע קינדערשע בלויע אויגען, מיט זיין גוטען שמייכעל און מיט זיין לאכעדיגען בויך, אויסגעהערט, געהייסען געבען נאָך א טרונק, וואס גארפינקעל האט גענומען איבער זיך, ווי א מין אבקומעניש. אבער צו קיין פּראקטישע רעזולטאטען האט עס ניט געפיהרט. אז גארפינקעל האט איהם גענו־מען פארשלאגען עפּעס קאנקרעטעס, האט דער קריסט איהם די האנד דערלאנגט, געזאָגט איהם „גוד־ביי", און איז צוריק ארויב בייגעל באַ־קען.

א לאנגע צייט האט גארפינקעל געפרואווט האפקינס'ען אריינ־ציהען אין ספעקולאציעס, און האט גארנישט געקענט מאכען מיט'ן קריסט. דאס ערשטע מאל האט ער איהם אריינגעקראגען עפעס ביי ריעל עסטייט, ביי א הויז צו קויפען אויף דער זעלבער גאס, וואו האפ־קינס האט געהאט די בעקעריי. ביי א הויז, וועלכער דער גוי האט געזעהען און געקענט, איז איהם לייכטער געווען אריינצוקריגען. דאס האט ער גיכער פערשטאנען, און עס האט זיך טאקי געהאנדעלט אום א מציאה אויך. דאך אז דער גוי איז געגאנגען מיט גארפינקלען אין די באנק ארויסנעהמען געלד, האט ער געשוויצט איבער'ן וועג, רויט און בלייך געווארען, אייניגע מאל חרטה געהאט און צוריק אהיים געגאנגען פון וועג, און גארפינקעל האט איהם פריהער ניט געקענט אריינקריגען ביז ער האט איהם ניט איבער'ן וועג אריינגעפיהרט אין א פאר סאלונס, און דער גוי האט זיך דאס הארץ שטארק געמאכט מיט „איירישען", איידער ער האט געקענט פועל'ן ביי זיך ארויסצו־נעהמען געלד פון באנק אויף אז אנדער זאך אחוץ אויף מעהל, פאר וועלכען ער איז געוואהנט געווען טשעקס צו שרייבען.

דאס הויז האט זיך טאקי ארויסגעוויזען, אז עס איז א מציאה. אין א פאר וואכען ארום האט גארפינקעל דאס הויז פערקויפט. און עס איז אי דעם איד, אי דעם קריסט אנגעקומען א שעהן ריוח'ל.

אז האפקינס האט צוריקגעקראגען מעהר געלד, ווי ער האט אריינ־געלייגט, איז ער געווארען דעם אידען זעהר דאנקבאר, און ער האט פאר גארפינקלען געקראגען דרך־ארץ. און צוליעב גארפינקלען איז די גאנצע אידישע ראסע אויפגעהויבען געווארען אין דעם גוי'ס אויגען. ער האט זיך געטראכט: וואס פאר א קלוג פאלק אידען זיינען, ווען זיי געבען פון זיך ארויס אזעלכע קלוגע מענשען, ווי גארפינקעל איז. ער האט געמיינט ביז איצט, אז געלד קען מען נאר פארדינען דורך באקען ברויט און געבעקס. מען מוז ארבייטען א גאנצע נאכט און ארומפיהרען געבעקס אין די הייזער, און דא — גארניט געטאן, גע־שריבען א טשעק, און מען קריגט צוריק דאפעל.

זיין בעוואונדערונג פאר גארפינקלען האט ער אמאל אויסגע־דריקט, ווען ער איז געווען צו גאסט ביי גארפינקלען אין א זונטאג:

— גארפינקעל, האסט אן אידישען קאפ. — האט האפקינס געזאגט צו איהם, וויזענדיג זיך אויפ'ן קאפ. דאס איז געווען דאס

איינציג אידיש ווארט, וואס ער האט בענוצט אין זיין לשון, און וואס איז געווען דער גרעסטער קאמפלימענט, וואס ער האט ווען געקענט געבען.

— ווערסטו מיך הארכען, ווערסטו זיין אלל־רייט. אין א פאר יאהר ארום ווערסטו זיין א ראקעפעלער. — האט גארפינקעל געזאגט האלב אין שפאס האלב אין ערנסט.

— און דו א יעקב שיף, גארפינקעל. — האט איהם האפקינס אבגעגעבען צוריק.

— און שטעל דיר פאר, אז מיר ביידע וועלען זיין צוזאמען — ראקעפעלער און שיף — שותפים. הע, האפקינס, מיר וועלען די וועלט איינגעהמען! — האט דאס קליין אידעל געקלאפט דעם ברייטען די־קען גוי, דערגרייכענדיג קוים צו זיין לאכעדיגען בויך.

— יעס, די דזשוס זיינען א קלעווער פיעפל. — האט האפקינס געזאגט ערנסט.

— יעדער קלעווער מאן איז א איד, — האט גארפינקעל אבגע־געבען דעם כבוד צו דער ראסע, פון וועלכער ער שטאמט.

נור האפקינס האט זיך שוין ניט געלאזט:

— קארנעגיע איז אן איירישער און דאך איז ער רייכער פאר שיף׳ען.

גארפינקעל האט עס ניט געוואלט צוגעבען.

— רייך איז גאר ניט, א קאפ דארף מען האבען. שיף קען מעהר מאכען מיט ווינציג, איידער ראקעפעלער מיט קארנעגיע׳ן, מיט מאר־גאן׳ען, מיט אלע צוזאמען. קאמבינירען קאן ער. דאס איז דער עיקר אין פינאנס. די גאנצע וועלט איז ביי איהם אין פאקעט. מיר אלע זיינען ביי שיף׳ען אין פאקעט. אט האסטו געלד אין באנק, יעס? מיינסטו, אז דו ביזט א קנאקער? און אז שיף וויל גיט ער א מאך אויף דער בערזע, און דיין באנק שליסט די טירען, און דו האסט קיין סענט ניט מעהר. אט דאס איז שיף, דאס הייסט א פינאנסיסט. ער האט די בירזע אין דער האנד, דאס איז אלעס. אין פינאנס איז אלעס די בערזע.

האפקינס האט אפילו ניט פערשטאנען, ווי אזוי, אז ווען שיף וויל ווערט ער אן ארימאן. נאר יעדענפאלס האט ער גרויס דרך־

ארץ געקראָגען אי פאַר שיפ׳ען און אי פאַר דער ראַסע, פון וועלכער עס קומען אַרויס אַזעלכע גרויסע קאַפּמענשען ווי שיף און גאַרפינקעל זיין פּאַרטנער. און אַביסעל מורא האָט ער אויך פאַר זיי געקראָגען, האָט ער געזאָגט אַביסעל מיט גוי׳שע אַנצוהערעניש:

— איהר, אידיש פּיעפּל האָט זיך גוט אַרויפגעאַרבייט אין אַמע־ריקע, ניט ווי אין אַנדערע לענדער, ווי אין רוסלאַנד, למשל, וואו מען פּייניגט אייך. איהר דאַרפט זיין דאַנקבאַר אַמעריקע, וואָס האָט אייך געגעבען אַ „טשענס״, בעליעוו מי. אַמעריקע איז פאַר אייך אַלל־רייט.

— איי שוד סעי סאָו. — זאָגט גאַרפינקעל — אַמעריקע איז מיי קאַנטרי. דאָ, אַז דו האָסט אַ „טשענס״, קענסטו צו אַלץ דערגרייכען. יעדער איינער קען ווערען פּרעזידענט, ווען דו ביזט נאָר פעהיג דערצו און דו קריגסט אַ „טשענס״.

נאָר דאָס איז שוין האָפּקינס׳ען ניט געפעלען:

— איך גלויב, אַז אַ פּרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס קען זיין נור אַ קריסט.

— ניין, עס איז ניט קיין געזעץ. יעדער איינער, אַ איד אויך. אַ איד קאָן אויך ווערען פּרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס. וואַרט אַ מינוט, מיר דאַכט זיך, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ איד אַ פּרעזידענט אין די יונייטעד סטייטס. ליסען, רעבעקאַ, — רופט ער צו זיין צוועלף־יאָהריגע מיידעלע, וועלכע זיצט ביים פענסטער און קוקט אין סטריט אַרויס — ווי האָט געהייסען דער פּרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס, וואָס איז געווען אַ דזשו? לינקאָלן, דאַכט זיך, איז געווען אַ דזשו, ניין, רעבעקאַ?

— ניין, פּאַפּאַ, לינקאָלן איז געווען אַ דזשענטעל — ענטפערט אָב די טאָכטער.

האָפּקינס שמייכעלט גוטמוטיג און דער בויך פּאָלדעוועט זיך איהם פאַר גדולה.

אָבער גאַרפינקעל גיט ניט אַזוי גיך נאָך.

— ניין, ווי האָט ער געהייסען דער, וואָס האָט געפונען אַמע־ריקע, קאָלומבוס. קאָלומבוס איז געווען אַ איד. אַ איד האָט ענטדעקט אַמעריקע — זאָגט גאַרפינקעל טריאומפירענדיג.

נור קאָלומבוס׳ען לאָזט זיך האָפּקינס ניט אוועקנעהמען.

— נא, — זאגט האפקינס אביסעל בייזלעך שוין — קאלומבוס וואס שור ען איירישמען. קעניג דזשארדזש פון ענגלאנד האט איהם געגעבען שיפען און מענשען און געלד, אז ער זאל געהען איבער׳ן אושען זוכען אמעריקע. קאלומבוס וואס ען איירישמען.

— „וואט אר יו טאקינג אבאוט?“

— קאלומבוס איז געווען א איד, רעבעקא? — רופט גארפינ־קעל ווידער די טאכטער — „וואס נאט קאלומבוס איי דזשו?“

דאס קינד האט מורא געהאט דעם פאטער דאס צווייטע מאל שוין ווידערצורעדען, האט זי אבגעענטפערט, שטאמלענדיג:

— איך וויים ניט, פאפא, די טיטשערין זאגט, אז קאלומבוס איז געווען ען איטאליען.

נור אויף דעם זיינען ביידע ניט בעשטאנען, ניט האפקינס, ניט גארפינקעל, און האבען ביידע גענומען שרייען אויפ׳ן קינד:

— וואס רעדט זי דארטען ען איטאליען. דיין טיטשערין ווייסט ניט פון איהרע הענד און פיס. „קאלומבוס וואס נאט ען איטאליען“ — האבען זיי ביידע געשטימט.

— שטאפען אן די קינדער׳ס קעפ מיט נארישקייטען — האט זיך גארפינקעל געקלאגט פאר האפקינס׳ען, דערצעהלען די קינדער „נאנסענס“: „קאלומבוס איז געווען ען איטאליען“?

— דאס איז אלץ פאליטיקס, רופט זיך אן נאך א ווײלע דענקען גארפינקעל, זיי ווילען געבען די ארימע איטאליענער א „טשענס“ — דאטהס אלל.

— יו אר ראיט — האט איהם האפקינס צוגעשטימט.

---

געוואונען דעם צוטרויען פון האפקינס דורך די קאמבינאציע מיט׳ן הויז, האט גארפינקעל געוואגט צו געהן נאך א שריט ווייטער. האט פארטרויט האפקינס׳ען א סוד וועגען א „ביג פעלאו“, וואס האט איהם געגעבען א „טיפ“, אז ער זאל קויפען „גאלדען וועסט“, און וואס מעהר געלד מען וועט אריינלייגען — וועט מען מעהר פארדינען. האפקינס האט זיך געשראקען פאר דער בערזע, און האט געציטערט פאר ספעקולאציע, נאר אביסעל האט שוין ביי איהם גארפינקעל גע־

וואונעז צוטרויעז — איז דאס פארדינסטעל האט ניט געלאזט רוהעז. דאס וואס ער האט פארדינט געלד ניט דורך ברייט באקעז, נור אליין פון זיך, האט איהם געצווינגעז — ווייטער צו ריזיקירעז.

— ליסעז טו מי, מיסטער האפקינס, — האט צו איהם גע׳טענה׳ט גארפינקעל — דער בעסטער אינוועסטמענט איז די בערזע. זעהסט די „ביז פעלאוס" באקעז ניט קיין ביינעל, זיצעז זיך ביי זיך רוהיג אין דער היים — און זייער געלד געהט פאר זיי, ארבייט פאר זיי, — קיינער זעהט ניט און קיינער ווייסט ניט. געלד געהט אליין און ברייננט געלד. דאס איז „דהי ביג טהינג" אין פינאנס. דו בעדארפסט ניט ארבייטעז אליין, דו בעדארפסט גאר ניט טאז, — דו שיק נור דיין געלד ארויס אויפ׳ן מארקעט וועט עס דיר שוין אליין ברייננען געלד. דאס איז דער וועג.

האפקינס האט זיך אפילו זייער געשראקען פאר דעם נייעם וועג — ווי אזוי געלד ברייננט געלד. נור א בעוויז האט ער שוין געהאט. מיט אנגסטען און מיט א ציטערנדיג הארץ האט ער ווידער אונטער־געשריבעז א טשעק, און איז געזעסעז אין דער היים אבווארטעז, ווי געלד ברייננט געלד.

אין א פאר טעג ארום איז גארפינקעל געקומעז צולויפעז צו איהם מיט א פרייד:

— „גאלדען וועסט" איז גרויס!

האפקינס האט ניט פערשטאנעז, וואס דאס מיינט.

— ביזט רייכער, ברודער, מיט צוואנציג פראצענט, דיין געלד האט דיר געבראכט צוואנציג פראצענט מעהר.

— דאס קען ניט זיין — האט האפקינס זיך פערוואונדערט.

נור אז גארפינקעל האט איהם געפיהרט אין באנק, וואו מען האט איהם ווירקליך פאר דעם שטיקעל פאפיר, וואס ער האט געקויפט, בעצאהלט מיט צוואנציג פראצענט מעהר — וויפיעל ער האט אויסגע־געבעז — איז ער געוועז גארפינקעלעז אזוי דאנקבאר, אז ער האט איהם געשלעפט אין סאלון אריין און געצוואונגעז איהם אויסצוטרינקען צוויי „איריש סטאר", און געשטעקט איהם א ציגאר אין מויל אריין, א צווייטעז אין טאש און א דריטעז אין דער האנד, און געשמייכעלט צו איהם מיט דעם לאבענדיגעז בויך.

— דו ווייסט, וואס איך וויל דיר זאגעז, גארפינקעל, — דו

האסט רעכט, אַ איך האָט בעדאַרפט זיין דער פּרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס — איט שוד בי! איט שוד בי! — האָט האָפּקינס געקלאַפּט מיט דעם פויסט אין סאַלון־טיש, — איהר, אידען, זייט די קליגסטע מענשען אין דער וועלט. איך גיב צו, איך גיב צו.

גאַרפינקעל איז געווען בעשיידען:

— אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד און יעדער איינער קריגט דאָ אַ „טשענס“ — האָט גאַרפינקעל אָנגעהויבען, — און ווען די גרויסע פעלערס, ווי אַ ראָקעפעלער אָדער מאָרגאַן, אָדער אַ שיף מאַכען מיליאָנען אויף דער בערזע, פאַר וואָס זאָלען מיר, קליינע פעלערס, ניט טאָרען מאַכען קיין הונדערטער, קיין טויזענדער אויף דער בערזע? די בערזע איז פריי פאַר אַלעמען — אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד — האָב איך רעכט אָדער ניט? — פרעגט גאַרפינקעל.

— רעכט. „בעליוו מי“, רעכט, — שטימט איין האָפּקינס, שוין אַביסעל שכור'דיג, און איבערווישענדיג מיט דער גרויסער האַנד זיין פליישיגע, ווייכע נאָז, וועלכע האָט זיך געקנאַטען אין זיינע פינגער ווי אַ טייגעל — האָט ער אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע בלויע קינדערשע אויגען גאַרפינקעל'ן:

— איי לייק יו, גאַרפינקעל, איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר איך גלייך דיך, גאַרפינקעל, — זאָגט האָפּקינס, אָנטאַפּענדיג מיט די פינגער אין דער הויזען־קעשענע דעם טשעק פון דער באַנק, וואָס ער האָט געקראָגען פאַר די „גאָלדען וועסט“ — איהר, אידען, זייט אַ קלוג פאָלק, און איך גלייך קלוגע מענשען. גיב „איירישׁ סטאַר“ פאַר דיר אויך, — זאָגט ער צום סאַלון־קיפּער — און גיב אַ פאַר ציגאַרען. נעקסט טיים וועל איך נור וואָטען פאַר אַ אידען, — זאָגט ער צו גאַרפינקעל'ן, שטופּענדיג איהם אַ ציגאַר אין מויל, אַ ציגאַר אין פּאַקעט און אַ ציגאַר אין האַנד. איך געה צו דעם „לידער“ פון מיין דיסטריקט, און כ'זאָג צו איהם: „מוירפי, נאָמיניר אַ אידען פאַר עווערי־טהינג, אַ איד פאַר דזשאַדזש, אַ איד פאַר אַפּיצער, פאַר עווערי־טהינג אַ איד. מיין פריינד גאַרפינקעל נאָמיניר, — ווייל, ערשטענס, ליעב איך אידען, און צווייטענס, די אידען זיינען „קלעווער פּיעפּל“. וועסט נאָמינירען אַ אידען, וואָט איך פאַר דיר, אַז ניט — וואָט איך ניט פאַר דיר, מוירפי!“ — דו האָסט רעכט, גאַרפינקעל, דער פּרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס האָט בעדאַרפט זיין

א איד. „איט שוד בי!". „איט שוד בי!". און ווייסט וואס — יו אר רייט, קאלומבוס איז געווען א איד. נור א איד האט גע־קענט אויסגעפינען אזא פריי און גוט לאנד ווי אמעריקע, וואס גיט יעדען איינעם א „טשענס", סיי דעם רייכען פעלאו, סיי דעם ארימען פעלאו — און האפקינס קוקט אלץ אן גארפינקעל'ן מיט זיינע וואַ־סערדיג־בלויע אויגען, טאפענדיג זיך דעם טשעק אין קעשענע.

— גיב צו טרינקען, איריש — פאר אמעריקע, פאר מאי פרי קאונטרי אמעריקא — „אמעריקא, איי לאוו יו!"

און האפקינס, גארפינקעל און דער סאלון־קיפער האבען זיך אוועק־געשטעלט און אויסגעטרונקען דעם לעצטען איירישען פאר אמעריקע — וואס גיט יעדען איינעם א „טשענס".

---

אמאל איז גארפינקעל צוגעפאהרען פאר האפקינס' בעקעריי מיט אן אויטאמאביל און געטרומייטערט מיט דער טרומפייט פון דרויסען.

— וואס איז דאס? — זאגט צו איהם האפקינס אויף דייטש, ארויסקומענדיג אויף דער שוועל פון זיין בעקעריי — מיט א שפאַ־טישער מינע.

— מיין ווייב גלייכט די ים־לופט: דער דאקטאר האט איהר געהייסען, עס איז זעהר גוט פאר'ן געזונט — האב איך איהר געקויפט א מאשין.

— פון ווען אן פיהלט זיך מיסעס גארפינקעל ניט געזונט? איך האב ניט געוואוסט, אז זי איז ניט געזונט. — זאגט האפקינס.

— וואס איז דער אונטערשייד? וואס, די גרויסע פעלערס מעגען יא האבען מאשינען, און די קליינע טארען ניט? אמעריקע איז א פריי לאנד, יעדער איינער מעג האבען א מאשין. וואס בין איך אין דער אלטער קאונטרי? דא, אז דו האסט נור פאר וואס צו קויפען...

— האסט רעכט, גארפינקעל — שטימט איין האפקינס.

— און דיר וואלט איך אויך געראטען, אז דו זאלסט שוין פער־מאכען דיין בעקעריי. גענוג שוין זעמעל געבאקען — זאלען אנדערע יעצט באקען. דיין געלד וועט שוין באקען פאר דיר — אנדערע וועלען שוין באקען. קויף דיר א מאשין, פאהר צום ים, שעפ ים־לופט, ניט פוילען דארטביים טייגעל אין קעלער.

— האסט רעכט, גארפינקעל. — שמייבעלט האפקינס מיט'ן בויך.

— „יו אר איי קלעווער גאי".

— קום, לאמיר האבען א געשפרעך. איך האב דיר עפעס צו זאגען. — זאגט גארפינקעל ערנסט.

— פאר דיר צו יעדער צייט.

— ביזט פארטיג ארייינצולעגען א גרויסע סומע געלד — רופט זיך אפ גארפינקעל, נעהמענדיג האפקינס'ען אן א זייט.

האפקינס ווישט זיך ארום דאס פנים מיט דער גרויסער האנד.

— מיט דיר צוזאמען — יעס. „איי סטיק טוגעדער".

— אבער דא האנדעלט זיך אין א גרויסע סומע, ניט מיט קלייניגקייטען, ווי ביז יעצט. גרויסע זאכען געשעהען — גרויסע.

— וויפיעל?

— אלצדינג וואס דו קענסט קריגען, דיינס און אנדערעס. עס האנדעלט זיך אן א גרויסע זאך.

האפקינס איז געבליבען א ווייליע פארלעגען, נאך אמאל אפגעווישט מיט דער האנד די גרויסע אונענדליכע באקען, א קניפ געגעבען די טייגיגע נאז און געזאגט:

— לאמיר הערען.

— ליסען, האפקינס, יעדער איינער פון די ביג פעלאוס, א קארנעגיע, א ראקעפעלער, אדער א שיף האבען אנגעהויבען אזוי ווי מיר; זיי זיינען ניט געבארען געווארען מיט די מיליאנען פון דעם מוטער'ס בויך; זיי האבען עס אויך ניט מיטגעבראכט מיט זיך פון דער אלד קאונטרי. זיי האבען געהאט א „טשענס", דאס איז אלעס. זיי האבען אנגעהייבען צוערשט קליין, ווי מיר — קליין, קליין, ביז אמאל האט זיך געמאכט דער „טשענס", האבען זיי איהם ניט דורכגעלאזט. דאס איז געווען „דהי ביג טהינג". צונויפגענומען זיך — „סטיק טוגעדער", ארייינגעקלאפט, צוגעקלאפט און דורכגעקלאפט — „דאט'ס אלל!" — זאגט גארפינקעל און קלאפט צו מיט די הענד — און זיינען געווארען א ראקעפעלער, א קארנעגיע, א שיף. און דערנאך געהט עס שוין אליין. אזא „טשענס" האבען מיר, האפקינס, יעצט. געדענקסט, „גאלדען וועסט" האט געפונען נייע מינעס, ארויסגעלאזט א בעגרענעצטע צאהל שערס — און מיר קענען די גאנצע שערס ארייינקריגען פאר א „ליטל נאטהינג". די קעש באדארף מען האבען.

האפקינס, האסט א „טשענס" צו ווערן א „ביג פעלאו", א „ביג טהינג". „צונויפנעהמען, „סטיק טוגעדער", אריינגעקלאפט, צוגע־קלאפט און דורכגעקלאפט" — האט גארפינקעל געקלאפט מיט די הענד.

האפקינס האט זיך פארטראכט, צונויפגעקארטשעט די אויגען־ברעמען און די בלויע ווייכע אדערלאך אויף דער רויטער נאז האבען זיך צונויפגעצויגען. און ער האט ארויסגעצויגען פון מויל ארויס א זילבע מיט א ים וואסער:

— הא!

— וואס זאגסטו, האפקינס? — האט גארפינקעל געפרעגט, אפ־ווישענדיג זיך פון האפקינ'ס שפייעכץ.

— איך האב מורא פאר „גאלדען וועסט", נאר עניהאו, „אי עם גאאינג טו סטיק", וויפיעל באדארף מען?

גארפינקעל האט איהם געזאגט א סומע, פון וועלכער דער גוי איז געווארען א דערשראקענער.

— האפקינס, דאס איז דער „טשענס", איך האב א גוט געפיהל — דאס הארץ זאגט מיר פאראויס, און מיין הארץ האט מיך קיינמאל ניט גענארט. און ווידער וועל איך דיר עפעס פערטרויען. נאר, פליעז, לאך ניט. דו געדענקסט, ווען מיר האבען געקויפט צום ערשטען מאל „גאלדען וועסט", האב איך ביינאכט געזעהען מיין פערשטאר־בענע מוטער. היינט ביינאכט האב איך זי ווידער יעזעהען, זי איז מיר קומען צו חלום, און יעדעס מאל, ווען מיין מאמע קומט מיר צו חלום, ווייס איך, אז דא קומט דער „טשענס". און איך האב זיך ניט אפגענארט ביז יעצט.

נור האפקינס האט ניט געלאכט אוים דער געשטארבענער מוטער. פערקעהרט, די געשיכטע מיט דער געשטארבענער מוטער האט איהם מעהר איבערגעצייגט אין „גאלדען וועסט" פון אלע ארגומענטען. אז א געשטארבענע מוטער קומט צו א דזשו אזש פון יענער וועלט אין חלום — מוז טאקע עפעס זיין, איז א סימן, אז „גאלדען וועסט" איז אלל־רייט. און האפקינס האט צונויפגעקלאפט די געווינשטע סומע, „צונויפגעקלאפט, דורכגעקלאפט און צוגעקלאפט".

אין א פאר וואכען ארום זיינען זיי שוין ביידע געווען ארעמע לייט.

אי גארפינקעל, אי האפקינס. ביי גארפינקעל האט מען געפונען דעם אטאמאביל — אלעם איבעריגעס, וואס עס איז געווען אין שטוב, איז געווען ניט זיינס; ער האט עס גענומען אויף אויסצאהלען — האט מען פערקויפט דעם אטאמאביל. און מיסעס גארפינקעל האט זיך געמוזט באגניגענען מיט דער סטריט־קאר צו פאהרען נאך קוני־איילאנד צו שעפען ים־לופט, וואס דער דאקטאר האט געזאגט, אז עס איז גוט צום געזונט.

ביי האפקינס'ען האט מען פערקויפט דאס הויז, דאס פערד און וועגעלע און די מעבעל פון שטוב. די בעקעריי האט מען איהם אבגע־לאזט, אז ער זאל קענען א לעבען מאכען.

גארפינקעל, אז ער האט פערלארען דאס געלד, האט ער געמיינט אין דעם ערשטען אויגענבליק, אז די וועלט געהט איהם אונטער. ער האט געוויינט און דאס ווייב האט געוויינט און די קינדער האבען געוויינט. דערנאך, אז די משפחה האט זיך גוט אויסגעוויינט, האט מען אנגעהויבען צו קלערען וועגען א תכלית. דאס ווייב האט ארויס־גענומען פון זאק די לעצטע פאר דיימאנדס, וואס זי האט באהאלטען, געמאכט צו געלד. זי איז אוועק צו איהר משפחה, גארפינקעל צו זיינער. אין א פאר וואכען איז שוין גארפינקעל ווידער געווען א סוחר פון מעהל, ארומגעגאנגען מיט א ציגאר אין מויל און מיט א פולען קאפ פלענער.

האפקינס, אז עס איז געשעהען דער אונגליק, האט באלד צוזאַ־מענגעבראכען. געוויינט האט ער ניט, געשריען אויך ניט. נור דעם אויווען האט ער ניט אייגעהייצט די נאכט. דאס ביסעל קליין־געלד, וואס ער האט געפונען אין דער בעקעריי, האט ער צוגענומען און איז געגאנגען אין סאלון טרינקען. א פאר מאל האט איהם דאס ווייב און די קינדער אהיים געשלעפט פון סאלון — א שכור'ען און א צו־שלאגענעם. — דערנאך, אז דאס ווייב האט געזעהען, אז ער נעהמט זיך ניט צו דער ארבייט, איז זי אליין אוועק אין א שאפ פערדינען אויף א לעבען, און די קינדער האבען זיך ארומגעוואלגערט אין גאס.

און דאס גאנצע הויז האט געהאלטען אין אונטערגעהן.

אין א פאר טעג ארום, אז גארפינקעל האט זיך שוין בארוהיגט, איז ער געקומען צו זיין פריינד האפקינס געוואהר ווערען, וואס ער מאכט — האט ער געפונען די בעקעריי פערשלאסען, די כלים ארומ־

וואלגערען זיך אויפ'ן הויף. האט מען איהם אנגעוויזען אויפ'ן סאלון, וואו האפקינס געפינט זיך. איז ער אוועק אין סאלון און געפונען האפקינס'ען מיט די בלויע וואסערדיגע אויגען. די נאז איז ביי איהם דורך די פאר טעג ווייכער געווארען, און די בלויע אדערען האבען זיך נאך מעהר געשוויצשעט. נאר וואס דער בויך הויבט אן אבצופאלען.

— וואט איז די מעטהער וויטח יו, האפקינס, קאם האום! — האט איהם גארפינקעל געשלעפט.

דער גוי האט זיך ניט געלאזט. ער האט איהם אנגעקוקט מיט די בלויע אויגען, איבערוויישענדיג זיך מיט דער האנד די רויטע נאז, האט ער געזאגט מיט א פער'שכור'טער שטימע:

— דו זאגסט ניט גוט, גארפינקעל. קאלומבוס איז ניט געווען קיין איד.

— קום אהיים, האפקינס, — שלעפט איהם גארפינקעל — איך האב עפעס מיט דיר צו ריידען.

— און א איד א פרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס וועט ניט זיין, קען ניט זיין, איז געגען דער לאא, — איך זאג דיר אזוי, גארפינקעל.

— קום אהיים, האפקינס.

גארפינקעל איז ניט אפגעטראטען פון איהם ביז ער האט דעם גרויסען גוי אוועקגעשלעפט פון סאלון. דערנאך, אז דאס ווייב האט האפקינס'ען אבגעגאסען דעם קאפ מיט קאלטע וואסער, האט גארפינקעל אנגעהויבען צו ריידען מיט איהם ביזנעס.

— איך וועל דיר אריינשטעלען מעהל וויפיעל דו ווילסט, כ'וועל קריגען פאר דיר קוילען, איך וועל קריגען פאר דיר א פערד און וועגעלע צו צופיהרען דאס געבעקס, און עפען אויף די בעקעריי.

דער גוי האט זיך צוגעהערט צו איהם מיט די אפענע גרויסע בלויע אויגען און געשוויגען.

— קריסטשענס אר איי פאני פיפעל — רופט זיך אן צו איהם גארפינקעל — איהר זייט שטארק אזוי לאנג, ווי איהר שטעהט אויף די פיס. קוים פאלט איהר, קענט איהר זיך מעהר ניט אויפהויבען. און מיר, אידען, פערקעהרט, אז מיר פאלען, הויבען מיר ערשט אן צו לעבען... „טשיר אפ, האפקינס, טשיר אפ!" — קלאפט דער קליינער דארער אידעל אין דעם ברייטען גוי'ס פלייצעס...

# לייבעל אין דער היים — לייבעל אין אמעריקא.

## 1.

## לייבעל.

עס איז געווען א זומער־טאג נאך מיטאג, אין דער אלטער היים, אין א בעל־הבית'ער שטוב. אין עס־צימער, ביים טיש, וועלכער איז געווען נאך בעדעקט מיט'ן טיש־טוך, אויף וועלכען מען האט ערשט וואס געהאט מיטאג אבגעגעסען, זיינען געזעסען צוויי פרויען, איינע אן עלטערע מיט א מאגערע, איינגעפאלענע געזיכט, מיט א הויכען גלאנ־צענדיגען שטערן, און מיט א פאר גרויע גרויסע אויגען, וואס דריקען אוים אונרוהיגקייט, און די שרעק וואס בעהאלט זיך אין זיי דערצעה־לען פון אונזיכערקייט; און די צווייטע, א אינגערע, אבער אויך שוין א פרוי אין די יאהרען, א דיקליכע מיט א רונדיגען פנים, און א קליינעם גוידער, מיט א פאאר אויגען, כאטש ענערגישע — דאך אויך ערשראקענע. און די צוויי פרויען האבען געהעקעלט און פון צייט צו צייט גערעדט גאנץ אין דער שטיל, אז קוים זייערע ליפען האבען זיך בעוואויגען.

— דאכט זיך, אז לייבעל איז איינגעשלאפען, איהר הערט שוויי־גער? — האט זיך אנגערופען די אינגערע, וועלכע איז געווען די שנור.

די שוויגער האט אויסגעשפיצט איהרע אויערען, כאטש זי האט שוין געהערט דאס שנארכען פון דעם צווייטען צימער — דאך, אזוי ווי זי וואלט געוואלט אויספיהרען די שנור'ס געבעט, פאר הכנעה, פערשטעהט זיך, האט זי זיך איינגעהערט און אבגעענטפערט:

— נו, זאל עס איהם זיין צו געזונט.

אז די פרויען האבען פערנומען דאס רעגעלמעסיגע שנארכען פון צווייטען צימער, זיינען זיי געזעסען אזוי, ווי זיי וואלטען געווען אנגעשמידט צו זייערע פלעצער. זיי האבען מורא געהאט נישט נור בלויז זיך צו בעוועגען, איבערצוגעהן פון איין ארט אויפ'ן אנדערען, נור אפילו מיט דער האנד צו ריהרען, הויך צו אטהמען. אין שטיבעל איז שטיל געווען, אז מען האט געהערט ווי די פליגען זשומען איבער־פליהענדיג פון דעם לאמפ אויף די קרישקעלאך וואס האבען זיך ארומ־געוואלגערט איבער'ן טיש, פון מיטאג עסען. זיי האבען זיך אפילו מורא געהאט איבערצובליקען מיט די אויגען, נור יעדע איז געזעסען, אריינגעטונקט איהרע אויגען אין איהר שטריקען; אלעס איז גע־ווען פערכאפט פון'ם שנארכען וואס האט זיך געהערט פון צווייטען צי־מער, וואס האט בעהערשט דאס צימער מיט די צוויי לעבעדיגע ווע־זענס.

נאר טהיילמאל האט זיך די עלטערע פרוי אנגערופען אין דער שטיל, קוים שעפטשענדיג, ווייזענדיג די שנור דעם זאק, וואס זי שטריקט:

— וואס מיינסטו, באשע, די סטאפע וועט ניט זיין צו גרויס פאר לייבלען?

האט די שנור זי איינגעשטילט מיט דעם, וואס זי האט ארויפ־געלעגט צוויי פינגער אויף איהר מויל און געוויזען מיט'ן בליק אויף דער טהיר, פון וועלכער עס האט זיך געהערט דאס שנארכען. איז זי דערשראקען געווארען און שטיל געווארען.

אין דעם האט זיך פלוצלינג געהערט א קלינגען פון טעלעפאן מיט א ליארם.ביידע פרויען האבען דערשראקען אויפגעציטערט איבער דעם אונגליק, וואס ווערט דא. דאך גלייכגילטיג צום קלינגען פון טעלעפאן האבען זיי ניט געקענט בלייבען. דער טעלעפאן איז ערשט געווען א נייע איינריכטונג אין שטעדטעל, און צום טעלעפאן קלינגען איז מען געווען נאך צו נייגעריג — האט זיך די אינגערע פרוי געוואגט אויפצושטעהן און צוצוגעהן צום טעלעפאן און צו פרעגען: „ווער איז דארט, הע?"

— דא וואהנט לייבעל זילבערשטיין? האט זיך געהערט א שטימע פון טעלעפאן.

— יא, וואס איז? שא, שווייגט, לייבעל שלאפט.

— וועקט איהם אויף, מען דארף איהם זעהר נויטיג האבען.

— ווער דארף איהם האבען? ווער רעדט?

— מען דארף איהם, א פריץ, געלד בארגען, צוויי טויזענד רובל, א גוט געשעפט — האט זיך געהערט א שטימע.

— וואס, צוויי טויזענד רובעל? גוטע פראצענט? — האט די ווייב איבערגערעדט — מיין מאן שלאפט.

נור די טהיר האט זיך געעפענט און פון דער צווייטער שטוב איז אריין א יונגערמאן מיט א שפיציג בערדעל, ווי דאן קיכאט, א הויכער, א דארער, א מאגער פנים, מיט רויטע בעקלאך, וועלכע זיינען געוועז אויסגעקאכט פון שלאף און אויסגעמוטשעט פון די פליגען, וואס האבען איהם געפייניגט אין שלאף. און אזוי ווי די האר זיינע זיינען געוועז אויסגעשמירט מיט פאמאדע, און זיינען אביסעל צורודערט געווארען, האבען זיך ארום זיינע האר געקרייזעלט א מחנה פליגען, וועלכע האבען זיך ערשט אזוי געקוויקט מיט זיינע רויטע בעקעלאך און נאסע ליפען אין שלאף, און זיינען נאך זייער אפפער נאכגעקומען. ער האט זיך פערוואונדערט און פערפרעמדט ארומגעקוקט אין שטוב, ווי ער וואלט זיין הויז ניט דערקענט און פאראויסגעשיקט פאר זיך דאס שפיציגע בערדעל, וואס דאס איז געווען א צייכען אז עפעס געפעלט איהם ניט. ער האט זיך מיט דער האנד געציעלט אויף א קופקע פליעגען, וועלכע האבען זעהר ליעב געהאט די שמאלצענע חן־גריבעלאך ביים עק פון זיינע צוויי שווארצע וואנסעלאך — נאר אזוי ווי ער האט זיך זעהר ליעב געהאט, האט ער מורא געהאט, אז ער זאל זיך ניט געבען קיין קלאפ, האט ער לאנגזאם צוגעלעגט א לייכט פעטשעל מיט דער האנד אויפ'ן באק. די פליגען האבען אבער צייט געהאט אוועקצופליהען און ער האט זיך געטראפען מיט א פינגער אין די רויטע ענטצינדונג פון א נאז־לאך, וועלכעס איז איהם געקומען פון גריבלען זיך מיט'ן פינגער אין נאז, ווען ער איז פערקלעהרט. דאס האט איהם זעהר וועה גע־טהאן און אויפגערעגט. ער האט נאך געשוויגען, נאר ווי זיין גע־וואהנהייט, ארומגעקוקט זיך און געזוכט אן אפפער, אויף וועמען אנצולאדען זיין בליק. ער האט געטראפען זיין מוטער זיצענדיג ביים טיש, האט ער אויף איהר אויסגעגלאצט זיינע אויגען, ווי זי וואלט שולדיג געוועזן. די מוטער האט זיך טאקע געפיהלט שולדיג און

זי האט זיך חנפ'ענדיג פערענטפערט און געזאגט צו איהם מיט ליעבע.

— אה, לייבעל, ביסט אויפגעשטאנען? צייט מען האט דעם קלומפער אין שטוב ארייגעשטעלט קען מען קיין אויג ניט צומאכען. מאדעם איבער דער וועלט!

זי האט נאך געוואלט עפעס זאגען, עס האט איהר אבער באלד אבגעשטעלט דעם זוהן'ס שטרענגער בליק.

— עס הייסט ניט קיין קלומפער, נור א טעלעפאן, פאן, פאן.

— זאל זיין טעלעפאן, וואס איז דער חילוק?

— עס איז יא א חילוק. א קלומפער איז א קלומפער און א טעלעפאן איז א טעלעפאן — האט ער געזאגט, צוגעהענדיג פלינק צום טעלעפאן און גענומען מיט א געבייזער פון ווייב די רעהר צום אויער און אריינגעשריען:

— ווער איז דארט, הא? ווער?

— דאס איז לייבעל זילבערשטיין?

— יא, יא, דאס איז לייב, מר. לייב זילבערשטיין.

— שוין אויפגעשטאנען פון שלאף?

— פון שלאף? הא? וואס? דאס איז לייב זילבערשטיין, זיל־בערשטיי, שטיין, וואס ווילט איהר?

— איהר קענט זיך צוריק לייגען שלאפען.

— וואס? הע, דו, פאשאל, דוראק, חאלי — האט זיך לייבעל געשאלטען, נאר קיינער האט איהם שוין ניט געענטפערט.

ער האט שנעל אויפגעהאנגען די רעהר און אוועק פון טעלעפאן א בלייכער, אנגעקוקט בייז מיט זיינע פיטשינקע שווארצע, פינקעלדיגע אויגעלאך די מאמא און דאס ווייב, אז דאס בלוט איז פון זייערע אדערן אנטלאפען, דערנאך האט ער זיך רוהיג אוועקגעזעצט ביים טיש און געזאגט ווי א ריכטער, וואס גיט ארויס אן אורטהייל:

— פערצעהן טאג אין דער וואך אויף ברויט מיט וואסער. איך וויים ווער דאס איז. אויף פערצעהן טעג אין קארץ וועל איך זיי איינזעצען, ניט מעהר און ניט ווייניגער. איך וועל באלד ארייגעהן צום פאלקאווניק.

ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און מיט דער האנד זיך שוין געגעבען א שטארקען פאטש אין באק, וואו עס איז געשטאנען א פליעג און געזאגט פון איהם דאס בלוט. ער האט זי דער־הרג'עט

און מיט א נצחון האט ער איהר געגעבען א ווארף אויף דער ערד און צוגעטראטען מיט דער פוס.

אז עס איז איהם געלונגען צו הרג'ענען די פליעג האט ער זיך אביסעל בערוהיגט. דאן האט דאס ווייב מוטה געפונען צו איהם צוצוגעהן און אוועקשטעלען א גלאז טהעע פאר איהם.

— איך וויים ווער עס טהוט דאס, איך וועל איהם פאקען, פאקען.

— דו דארפסט דיר ניט נעהמען אזוי צום הארצען וואס א גאסען־יונג, א לאבוס ערלויבט זיך. דו וועסט דאך דיר, חלילה, ניט עפעס טהאן.

— פערצעהן טעג קארץ, אויף ברויט און וואסער, ניט מעהר און ניט ווינציגער — האט ער פאר זיך ארויסגעגעבען זיין אורטהייל, און צוגערוקט זיך צו זיך דאס גלאז טהעע צום טרינקען.

אז די מוטער און דאס ווייב האבען איהם געהערט זופען, האבען זיי פרייער אבגעאטהעמט, געוואגט אויפצוהויבען זייער בליק פון שטריקען און אויף דעם גאנצען שטיבעל איז געקומען א בעפרייאונג.

— גיב מיר די צייטונג, — האט לייבעל בעפוילען דער ווייב.

דאס ווייב האט איהם דערלאנגט די צייטונג, לייבעל האט ניט געמאכט קיין אונטערשיעד אויב די צייטונג איז פון היינט אדער פון פאר־א־יאהרען. אויפ'ן טישעל ביים אויווען זיינען געלעגען א פאר אלטע צייטונגען, און וועלכע צייטונגען דאס ווייב האט ארויסגע־שלעפט, די האט ער געלעזען. צוערשט האט ער גענומען און איי־בערגעדרעהט אויף דער זייט פון די אנאנסען און געלעזען ארויס הויך, אויפ'ן קול:

---

## 2.

## „א רובעל א פאר שיך".

„פאר א רובעל א פאאר נייע שיך ביי יוסף פארבשטיין, זשעלנא 22".

— דו הערסט, באשא, ווארשוי איז א שטאדט, פאר א רובעל קענסט דו קריגען א פאאר שיך, א פאר גאנצע שיך פאר ביידע פיס.

אז דאס ווייב און די מוטער האבען איהם געהערט רעדען, איז

אויף זיי געקומען אן ערלייכטערונג, און דאס ווייב האט איהם גע־וואלט בערוהיגען, ער זאל ניט האבען קיין פערדרוס, וואס אין ווארשוי קאסט אזוי ביליג שיך.

— אז נישט, מיינסטו איז אלעס וואהר, וואס די צייטונגען שרייבען.

— זיי מיינען נאר אויסצונארען דאס געלד און ווייטער גאר נישט — האט די מוטער אונטערגעהאלפען די שנור.

— ווייסט איהר בעסער פון די צייטונג? העי? אין די צייטונגען שטעהט בפירוש געשריעבען: פאר א רובעל א פאר נייע גוטע שיך, פארבשטיין, זשעלנע 22, ווייסט די צייטונג נישט, און איהר יא, העי?

די צוויי פרויען זיינען בלייך געווארען פאר שרעק. זיי האבען איהם ניט געוואלט צובייזערען, האט זיך דאס ווייב געוואונקען צום שוויגער.

— איך ווייס, און אפשר איז עס וואהר, אז די צייטונג שרייבט אזוי, מן הסתם מוז דאך עפעס זיין — האט די ווייב איהם אונטערגעברומט.

— אודאי, אין א גרויסער שטאדט קאסט אלעס ביליגער, אין דער קליינער ווערט מען אויסגעריסען — האט די מאמע צוגעבאמקעט.

— איך וואלט געוואלט וויסען וואס זי ליגט צו צו דער קליינער שטאדט, דו ווערסט דאך ניט אויסגעריסען. דו לייגסט דאך ניט צו צו דער קליינער שטאדט, העי? — האט לייבעל אנגעשטעלט זיינע אויגען אויף דער מאמא.

— געוויס, איך נישט, וואס האב איך, מישטיינס געזאגט, צו ערשט גאט און דערנאך דו, אבער דו, מיין קינד, דיר געהט דאך אוועק אזוי פיעל געלד אין דער קליינער שטאדט מיך אויסצוהאלטען — האט די מאמע זיך אונטערגעגעבען.

די מוטערס הכנעה האט איהם בערוהיגט, ער האט איהר געוואלט זאגען עפעס צו בערוהיגען, האט ער זי איינגעשטילט.

— איך האב שוין געהערט דעם שפרוך — און געגעבען א דרעה איבער די צייטונג אויף דער צווייטער זייט.

די מוטער האט זיך דערפרעהט מיט איהר קינד'ס געבייזער און מיט א געווינס.

„דאס בעסטע אבפיהר מיטעל" — לעזט לייבעל הויך, פון די ציטונג, פאר די פרויען.

דר. סאניטאריום פילען זיינען דאס בעסטע און זי־בערסטע מיטעל אויף לייכטע, אהן־שמערצליכע און זאנפטע אבפיהרונג. 50 קאפ. א קעסטעל. פראספעקט און פראבע ווערען ארויסגעשיקט פריי, אונענטגעלט־ליך צו יעדען איינעם, וואס שיקט אריין א צעהן קאפי־קענע מארקע.

— באשא, האסט געהערט? אפשר פרובירען? — האט ער זיך מישב געווען מיט דער ווייב.

— וואס האסט דו צו ריזיקירען? צעהן קאפ. א מארקע? שיק אריין.

— דו לייךסט דאך, מיין קינד, אזוי, אפשר וועט דאס זיין די ישועה — לייגט די מוטער צו — דאס געזונד איז בילכער פון אלעם.

— ווארים ביי אייך איז דען געלד עפעס? צעהן קאפ. א מארקע און 7 קאפ. א בריעף, ווארים ווי אזוי וועסט דו שיקען די מארקע? איז דאך שוין 17 קאפ. א קאפ. דאס בויגעלע פאפיער מיט'ן קאנ־ווערט, און היינט טינט. הכלל עס איז 20 קאפ.

— און אז ניט, מיינסטו, קען דאס עפעס העלפען? — זיי מיינען דאך נאר דאס געלד אויסצונארען — זאגט די מוטער פון ווינקעל ארויס.

— געה שוין, געה, עפעס א פייקער, א גנב שרייבט דארט אין די ציטונג, אז מען זאל איהם ארייגשיקען געלד. ער קען נאך אין גאנצען דאס געלד צונעהמען און גאר ניט ארייגשיקען — בערוהיגט איהם דאס ווייב.

— און אפשר וועט עס יא העלפען? — זאגט ווי פאר זיך לייבעל — ווארים אייך געהט עפעס אן מיין געזונד? אייך טהוט ניט וועה און דערפאר טאקע וואס אייך איז אזוי א שאד א גראשען אויף מיין געזונד, וועל איך עס דוקא אויסשרייבען. אפילו אז איך זאל וויסען, אז עס איז בלאטע, עס איז גאר ניט, און ניט די פראבע, נאר טאקע א גאנצע פלאש פאר 50 קאפ. ניין, נישט איינעם נאר צוויי טאקע מיט אמאל פאר א גאנצען רובעל. איהר קרעכצט ניט, אייך טהוט ניט וועה — האט ער געזאגט איבערשרייבענדיג זיך די

אדרעס פון דר. סאניטאריום אין זיין ביכעל און מיט כעס איבער־געמישט די צווייטע זייט צייטונג.

זיינע אויגען האבען זיך באלד אבגעשטעלט אויף א קעפעל מיט נייעס: „א גרויסע גנבה“. ער איז געווארען אן ערשראקענער און גלייך זיך אנגעטאפט די טאש, ער האט דארט געפונען די שליסלאך פון זיין „קאסע“. האט ער זיך אביסעלע בערוהיגט, אבער איינזיצען האט ער שוין ניט געקענט, ער איז אריין אין צווייטען שטוב, צו־געשלאסען די טהיר הינטער זיך און אנגעהויבען צוצופאסען די שלי־סעלאך צו די שלעסער. די שלעסער און די שליסלען זיינען אבער געווען אזוי פיעל און אזוי פערשיעדענארטיג, אפענע און בעהאלטענע, אז ער האט זיך אליין פערפלאנטערט אין זיי, ענדליך האט ער די שיפלאד געעפענט און ארויסגענומען די וועקסלען — אלע וועקסלען. דערנאך האט ער אריינגעקוקט אין די משכנות: זילבערנע, גאלדענע, ווייבערשע רינגלאך און אוירינגלאך, קאראלען, פעריל, דיאמאנטען, א בארג צונויפגעשאטען און די ליכטיגע שטיינער האבען פער־צעהלט פון מענשליכער פרייד, פון כלה־תנאים און חתונה, ליעבע און נחת צווישען מאן און ווייב — אנדענקען פון גוטע צייטען, אלעס איז געווען אנגעווארפען אין איין קופע, און אלעס איז געלעגען טיעף ביי איהם אין שיפלאד און איבער אלעס איז ער געווען דער בעל־הבית. ער האט געגלעט מיט זיין בליק די אלע ציערונג, און עס האט זיך גע־דאכט, אז ער זעהט ניט קיין טויטע שטיינער, נאר די כלות ביי די תנאים־מאלס, זייערע לייכטענדע אויגען ווען מען האט זיי די ציערונג געשאנקען. ער זעהט די חתונות ווי מען טהיילט דאס דרשה געשאנק, די ווייבלאך אין די ווייסע הויבען אויף זייערע בעטען ביי די ברית'ן, און די מענער שענקען זיי ציערונג פאר די געבוירענע קינ־דער — לעבעדיגע פרייד און נחת איז ביי איהם אין שיפלאד, און איבער אי איז ער דער בעל־הבית, אויף זיי האט ער ארויפגעלייגט שלעסער, און די שליסלאך אין טאש.

ער איז דאנקבאר געווען זיין ווייב וואס זי האט איהם דאס אלעס געגעבען אין נדן, וואס צוליעב איהר איז ער דער בעל־הבית. די משכנות, די וועקסלען און צירונג ליגען אין די שיפלאדען שוין לאנג, זעהר לאנג, פון יואל־מאיר, זיין ווייב'ס ערשטען מאן, וואס איז געווען א מלוה. און ער האט געזעהן דעם אלטען מלוה מיט די ווייסע

אויסגעקראכענע האָהר און באָרד, מיט די טיעפע בלאָע ברילען, ראמ־פעלט אריין מיט די קראנקע רומאטיזם פוס צו די קאסע. טאפּט מיט די פינגער די צירונג, די משכנות, די וועקסלען, וואס ער האָט אנגע־זאמעלט, פערשליסט די שיפלאָדען און שארט דער־נאָך ארוים מיט זיינע לאהמע פיס און צופריעדען שמייכעלע, אין עס־צימער אריין, וואו זיין יונג־ווייבעל זיצט, וואָס דער אַלטער האָט זיך גענומען להכעיס די קינדער און להכעיס דער שטאָדט, דערפאַר וואס אלע וואַרטען אויף זיין טויט, און ער קריכט צו צו דער ווייבעל און קלאַפּט מיט זיינע אלטע אהן־ביינערדיגע פינגער אויף איהר האלז, בעקלאָד, פּלייצעם; קלאַפּט מיט די פינגער און קוקט געדיכט דורך די שוואַרץ־בלויע ברי־לען, פּונקט אזוי ווי ער האט בעטאַפּט מיט זיינע פינגער דאס צירונג אין די קאסע און פרעהט זיך מיט דער יונגער ווייבעל, ווי מיט א טהייער משכן, וואס מען האָט ביי איהם איינגעלייגט.

.. און יעצט אויף דעם אלטען יואל־מאיר'ס ארט איז ער, לייבעל, דער בעל־הבית פון די אלע משכנות וואס ליגען אין שיפלאָד, און פּונקט אזוי ווי דער אלטער מלוה, בעטראכט ער יעצט זיין פערמעגענם, און אַט וועט ער באלד אריינגעהן אין צווייטען צימער, וואו זיין ווייב זיצט, די זעלבע פרוי, וואס די אלטע טוידטע פינגער פון מלוה האָבען בעריהרט איהר לייב — איהר פלייש, איהר האלז„ און יעצט ליעגען שוין די טוידטע אלטע פינגער אין דר'ערד בלייכע און ווערים טאַטשען זיי — אַט יעצט וועט ער מיט זיינע פינגער בעריהרען דאס זעלבע לייב, וואס דער טוידטער האָט בעריהרט — און לייבעל איז טרויעריג געוואָרען...

ווי אין חלום האָבען זיך אָנגעהויבען ביי איהם צו וועקען זיינע אמביציעם בחור־ווייז, בעפאר ער האָט חתונה געהאַט מיט דעם מלוה'ס אלמנה. ווי ער האט געטראכט וועגען אריינפאהרען אין דער גרויסער שטאָדט זיך צו לערנען, צו ענדיגען די האַנדעלס־שוהלע, און ווערען בוכהאלטער. ווי אין חלום האט ער זיך דערמאהנט אן לאה'ן דעם חזן'ס טעכטער, מיט וועלכער ער איז געגאנגען בחור־וויז אין געהיים שפּאַ־ציערען אין די זומערדיגע פארנאכטען אויפ'ן וועג צום בית־עולם, און ווי זיי האבען ביידע גערעדט פון די ראמאנען און די ביכער, וואס זיי האָבען געלעזען... און דאס אלעם האָט ער איבערגעטוישט אויף דעם מלוה'ס אוצר, וואס דער אלטער יואל מאיר האָט פערשריבען זיין

יונג ווייבעל, להכעיס די קינדער און להכעיס די שטאדט, דערפאר וואס זיי האבען געווארט אויף זיין טויט.

ס'האט איהם יעצט ניט באנג געטהאן. די בחור'שע אמביציעס מיט די האנדעלס־שולע און מיט לאה'לען, מיט די שווארצע צעפ — זיינען צורונען ווי זייפען־בלאזען... דאס אלעס איז געווען אזוי לאנג און אזוי קינדיש. פאר דעם איז ער יעצט בעוואוסט געווען פון זיין מאכט, פון די משכנות, די וועקסעלעך, וואס עס ליגען אין שופלאד. ביי פיעלע אנגעזעהענע בעלי־בתים האט ער געלד שטעהן, און זיי האבען מורא פאר איהם און גריסען איהם צוערשט און זאגען איהם ר' יענקיל. און ער האט ניט קיין מורא פאר פרנסה, ווי אנדערע. ער איז שטענדיג פערזארגט, און קען שלאפען, ווען ער וויל און ווי לאנג ער וויל. איהם קען גארנישט געשעהן. ער האט געלד און פאר קיינעם דארף ער קיין מורא ניט האבען, און פאר דעם אלעס איז ער שולדיג זיין ווייב.

ער האט זי יעצט ליעב געהאט. ער איז איהר דאנקבאר געווען, און איז ארויסגעגאנגען פון דער „קאסע" א גליקליכער און צופריעדע־נער, געזעהן דאס ווייב זיצען, א פעטע, שווערליך אביסעל אויף איהר בענקעל — ער האט גאר ניט בעמערקט די אלטע טוידטע פינגער פון דעם מלוה, וועלכע האבען זי אנגעריהרט. עס איז גאר ניט געווען צו בעמערקען... ער האט געוואלט דער ווייב זאגען עפעס אנגענעהמעס, גוטעס, האט ער זיך אנגערופען מיט א גוט שמייכעלע.

— באשע, דערלאנג מיר דעם ראק, איך וויל ארויסגעהן אין גאס.

דאס ווייב האט זיך דערפרעהט מיט דעם בעפעהל, זי האט אוועקגעלייגט דעם שטריקעבץ, אויפגעהויבען זיך מיט פוילקייט, גע־נומען דעם ראק און דערלאנגט איהם. ליבעל איז געווען אזוי גוט, אז די ווייב האט זיך אפילו געוואגט איהם צו קריטיקירען.

— אז דו קומסט, קענסט דו ניט אוועקלייגען דעם ראק ווי א מענש? זעה, דו האסט דאך איינגאנצען צוקנייטשט.

— אז מען איז א גוט ווייב הענגט מען אויף דעם מאן'ס ראק, הע, מאמא, ווי זאגסט דו? האסטו ניט דעם טאטען דעם ראק אויפ־געהאנגען?

די מוטער איז געווען געריהרט פון דעם זוהן'ס גוטסקייט, וואס ער האט זיך געווענדעט צו איהר, האט זי זיך אויך ערלויבט צו האלטען מיט די שנור.

— מילא אין מיינע יאהרען איז עס געווען אנדערש, אבער היינט בעדיענט א מאן זיין וויב, זאגט מען.

— הערסט, באשע, וואס די מאמא זאגט, אז היינט בעדיענט א מאן דאס ווייב. נו, באשע, דו ווילסט אז איך זאל דיך בעדיענען? — האט לייבעל אלץ אנגעהאלטען די גוטע שטימונג.

— שווייג שוין, שווייג שוין, זאלען דיינע שונאיםריידען — האט איהם די ווייב אנגעטהאן דעם ראק (וואס ער האט זיך גאנץ גוט געלאזט), און פערגלעטענדיג איהם די האהר אויפ'ן קאפ, האט זי ווייטער געוואגט:

— גיב נאר א קוק ווי צופלאשעט דו ביזט. געהסט דאך אין גאס ארויס צו מענשען — לייבעל זילבערשטיין.

נאר דאס איז שוין געווען צופיעל. לייבעל האט זיך דערמאנט ווער ער איז און אז ער געהט אין גאס ארויס צו מענשען. ער האט נאך געשוויגען, נאר אוועקגעשארט די ווייב'ס האנד מיט א בעוועגונג, צוגעגאנגען צום שפיגעלע, זיך אליין פערקעמט די האהר, גלייך זיך אויסגעצויגען די וואנצעלעך און דאס בערדעל זיך גלייך געמאכט, בעטראכט זיך אין שפיגעלע, אויב זיין אנבליק דריקט אויס די גאנצע ווירדע, וואס ער, לייבעל, וועלכער איז בעזארגט מיט פרנסה אויפ'ס גאנצען לעבען — פערדיענט אויסצודריקען. אביסעל אונצופריעדען געווען פון זיין דינע פיגור און איינגעפאלענע באקען. ער האט זיי געפרואווט אנבלאזען, לאנג אנהאלטען האט ער זיי ניט געקענט, נאר דאס רויטליכקייט אויף די בעקעלאך איז איהם געפעלען, פון די וואנ־סעס מיט'ן בערדעל איז ער אויך צופריעדען געווען, נור פון דינעם העלזעל און שמאלען קערפער האט ער פערדרוס געהאט. ער זעהט אוים ווי א קינד — האט ער זיך געטראכט און געקוקט בייז אויף די מאמא'ן, וואס האט איהם געבוירען אזא דיניטשקען. נאר דאך גערעדט האט ער גארנישט. אנגעטהאן זיך דעם הוט, געשפיגעלט זיך ווי ער זעהט אוים אין הוט, נאך אמאל אויסגעצויגען די וואנסעס, אז ער זאל מענליכער אויסזעהן. ער האט אבער ניט בעקומען קיין צופריע־דענע רעזולטאטען. ער איז אוועק פון שפיגעלע א בייזער, אז אויפ־

גערעגטער, און ניט געפינענדיג דעם שטעקעלע אויף זיין פלאץ, האט ער געגעבען א שטעל אן זיין בליק פון דער מאמע'ן צו דער ווייב און געפרעגט:

— איך וואלט געוואלט וויסען ווער שטעלט מיר אוועק מיין שטעקעל?

—דאס שטעקעלע שטעהט דאך דא, — האט די ווייב געזאגט, דערלאנגענדיג איהם דאס שטעקעלע, וואס איז געהאנגען הינטער זיין שטוהל.

— איך וויל וויסען, ווער עס האט דאס שטעקעלע אוועקגעשטעלט דא אהער? — האט ער געפרעגט אין אזא טאן, ווי עס וואלט געשעהן דאס גרעסטע קרימינעלע פערברעכען.

די ווייב, וועלכע האט נאך געמיינט, אז ער איז אין דער גוטער שטימונג, האט געוואגט צו זאגען:

— דו אליין האסט אויפגעהאנגען אויף דעם שטוהל. קיינער האט דיר ניט געריהרט דאס שטעקעלע.

ער האט קיין ווארט ניט גערעדט, נאר בלייך געווארען. די וואנ־סעלעך האבען איהם געציטערט, די אויגען געגלאנצט און ער האט ארומגענומען די ווייב פון קאפ ביז די פים מיט זיין בליק:

— איך אליין האב אוועקגעשטעלט, הע? איך אליין? הע?

די ווייב האט איהם שוין גאר ניט געענטפערט. זי האט פער־בויגען איהר בליק אין שטריקען.

— וואס איז דער חילוק וואו עס איז געשטאנען, אבי דו האסט עס — האט די מאמע געפרואווט שלום מאכען.

— עס איז יא א חילוק וואו דאס שטעקעלע שטעהט. א גרויסער חילוק, דו הערסט? — א גרויסער חילוק, אויב דאס שטעקעלע שטעהט ביי דער וואנד אדער עס הענגט אויף דער שטוהל. זאג, איז א חילוק אדער ניט?

— יא, עס איז יא א חילוק — האט איהם די מאמע נאכגע־געבען.

ארויסקריגענדיג פון דער מוטער זיין רעכט, האט ער זיך נאך אמאל איינגעקוקט אין שפיגעלע אריין, אויב די אויפרעגונג האט איהם ניט צופיעל בלייך געמאכט, און געפינענדיג, אז ער זעהט ניט

אוים ווי ער, לייבעל זילבערשטיין האט בערארפט אויסזעהן, האט ער ווידער אמאל געווארפען א בליק איבער זיין ווייב און מוטער, און צוגעווארפען אווארט:

— אז דער טעלעפאן וועט קלינגען, בין איך אין גאס פאר'ן ראט־הויז. דער טעלעפאן, דו הערסט, ניט דער קלומפער, טעלע־פאן, פאן — האט ער זיך געווענדעט צו דער מוטער.

און אנשטעלענדיג א רוהיג פנים מיט א בליק אין די אויגען, וועלכער, עס האט זיך איהם געדאכט, דריקט אוים די ווירדע, וואס עס בעדארף האבען אזא מאן ווי לייבעל זילבערשטיין, איז ער ארוים אין דער גאס.

---

## 2

## לייבעל געהט אין גאס ארוים.

אז לייבעל איז ארויסגעקומען אויף דער גאס, איז ער געווען אין בעוואוסטזיין פון זיינע צעהן טויזענד רובעל, וואס פערזארגען איהם פרנסה אויפ'ן גאנצען לעבען. דער ערשטער איד, וועלכען ער האט אנגע־טראפען אויף דער שוועל פון א סאדא־וואסער קרעמעל, האט איהם דער־מאנט אן די זיכערקייט זיינע. און ווייל לייבעל איז געווען פילאזא־פיש געשטימט האט ער געפרואווט מאכען א פערגלייך צווישען זיך און די אידען, וואס ער האט אנגעטראפען אויף זיין וועג. אלע זיינען זיי געווען בעזארגטע, פעריאגטע, מיט שרעק אין די אויגען, ניט ווי־סענדיג וואו צו כאפען א גראשען אויף פרנסה, און ניט וויסענדיג וואס וועט מארגען זיין — אלע האבען איהם גע'חנפה'ט, אלע האבען זיי איהם צוערשט גוט־מארגען געזאגט — און ער האט געווארט א סע־קונדע ביז ער האט זיי אבגעענטפערט, ווייל ער האט זיך מישב גע־ווען, אויב עס שטעהט אן פאר איהם, לייבעל'ן, אבצוענטפערען אויף א לאדע וועמענס שאקעל מיט'ן קאפ. נאר איבערקלעהרענדיג, אז עס פאסט פאר איהם צו האלטען זיך קליין, האט לייבעל אבגעענטפערט, ווען יענער איז שוין לאנג אוועק . . . ער האט געוואוסט, אז מען קוקט אויף איהם מיט קנאה, אז אלע וויסען דעם גרויסען אונטער־

שיער, וואס איז צווישען זיי און איהם. זיי, די אהן־מארגענדיגע — וואס קוקען זיך די אויגען אוים אויף א קונד — און ער לייבעל, וואס האט ערשט נאר אבגעגעסען דאס גוטע מיטאג און זיך גוט אויסגע־שלאפען נאכ'ן מיטאג און אויסגעשמירט זיך די האר מיט פאמאדע און געהט זיך שפאציערען מיט'ן שטעקעלע אין דער האנד — און אזוי וועט זיין מארגען און איבערמארגען, און אויפ'ן ווינטער האט ער שוין אנגעגרייט זיין ווארימען פעלץ און די מאמא שטריקט איהם שוין די ווארימע זאקען . . . און געפינענדיג זיך אין אזא העכערען גראד — זיכערער פון אלע — האט זיך באלד אין איהם ערוועקט די ענערגיע נאך זיכערער און פעסטער צו מאכען דעם באדען אויף וועל־כען ער שטעהט — צו בעווארענען זיינע געשעפטען.

פיעל צו טהאן דערביי האט ער אבער ניט געהאט, דאס געלד איז מייסטענס געווען ביי פוילישע פריצים, אויף היפאטהעקען, אויף גרויסע פראצענטען, און א טאג איז עס אויך געווען, ווען מען מאהנט ניט אויף קיין פראצענטער — א געוועהנליכער, ניט קיין ערשטער און ניט קיין פופצעהנטער.

נאר דא האט ער באלד בעמערקט גדליה לעדער סוחר, אויף דער צווייטער זייט טראטואר, וועלכער איז געזעסען מיט זיין יונג שעהן ווייבעל פאר דער טהיר פון זיין געוועלב, אויף שטוהלען. די ווייבעל האט געהאלטען א געזונד קינד אויף איהר שויס, אפגעשיילט א הארט איי, און געגעבען דעם קינד צום עסען, און גדליה האט זיך געשפיעלט מיט'ן קינד'ס לאקען און געשמייכעלט צום קינד. ביי גדליה'ן האט ער געהאט שטעהן טויזענד רובעל אויפ'ן הויז, וואס גדליה האט גע־קראגען בירושה פון זיין פאטער, כאטש דאס געלד איז זיכער געווען און כאטש גדליה האט איהם ביז יעצט געצאהלט די צינזען רעגעלמעסיג, מיט א קליינע פארשפעטיגונג, דאך איז איהם ניט געפעלען, וואס גדליה'ס ווייבעל איז אזא פעטע און א שעהנע און זעהט אזוי גוט אוים, און וואס פאר זיין געלד גיט גדליה דעם קינד עסען אויסגע־קאכטע אייער, און עס איז איהם ניט געפעלען די גאנצע רוהיגקייט, נחת און צופריעדענהייט וואס גדליה האט, דענסמאל, ווען ער איז איהם שולדיג טויזענד רובעל. ווארים לייבעל האט געהאלטען, אז א מענש, ביי וועלכען ער האט שטעהן געלד, זיינס אן אייגענטהום, בעדארף געדענקען און קלעהרען וועגען לייבעל'ן, און וואס איז ער אזוי

צופריעדען? און וואס עסט ער אייער פאר זיין געלד? און כאטש גדליה האט איהם שוין בעמערקט, האט איהם שוין זעהר העפליך בעגריסט, און ער האט שוין געזעהען, אז איבער גדליה'ס פנים האט זיך איבערגעצויגען א וואלקען און ער שמייכעלט שוין ניט צום קינד, — דאך האט איהם געשטאכען אין די אויגען דאס שעהנע, געזונדע ווייבעל, וואס זיצט פאר דער טהיר מיט'ן קינד, פונקט ווי זי וואלט אזוי געזונד געווען — פאר זיין געלד. און ער איז אריבערגעגאנגען צו גדליה'ן.

אז גדליה האט איהם געזעהען אריבערגעהענדיג צו זיך, איז ער בלייך געווארען און זיין יונג בערדיל האט געציטערט, דאס ווייב האט עס אויך בעמערקט, און, ווי זי וואלט מורא געהאט פאר לייבעל'ן, האט זי בעהאלטען דאס איי, וואס זי האט געהאט געגעבען דעם קינד. לייבעל האט דוקא געקוקט אויפ'ן געזונדען קינד, און דוקא געזוכט מיט זיינע בליקען דאס איי, וואס דאס ווייבעל האט האלב בעהאלטען, און האט געפרעגט מיט א שמייכעלע:

— נו, גדליה, ווי געהען די געשעפטען?

— גאט צו דאנקען, — האט גדליה אבגעענטפערט — אזוי!

— פיעל צו טהאן האסטו ניט, — האט לייבעל געזאגט, ארייגשטעקענדיג זיין קעפעל אין געוועלבעל אריין.

— זומער. צום הערבסט וועט זיך ווידער אנהויבען.

— אזוי, צום הערבסט ערשט, אזוי, — האט לייבעל פאר זיך געזאגט, — איך פערשטעה, צו די ימים טובים צו, מאכט מען זיך שטיוועל, קויפען די שוסטערס לעדער.

— יא, יא, זעהט ווי ער ווייסט אלעס, פונקט ווי ער וואלט געהאנדעלט מיט לעדער, — חנפ'ט איהם גדליה.

— פאר וואס זאל איך ניט וויסען, א מענש בעדארף פון אלעס וויסען. — גדליה, קום נור, איך וויל דיר עפעס זאגען.

— וואס איז? — פרעגט גדליה ערשראקען, אבגעהענדיג מיט איהם אין א ווינקעל.

—וועסט מיר אנגרייטען די טויזענד רובעל. איך בעדארף זיי האבען.

— וואס, איך צאהל דיר דען ניט קיין צינזען? וואס ווילסטו פון מיר האבען?

— ניין. ווער זאגט דען? אודאי צאהלסטו פראצענט, נור איך בעדארף דאס געלד. איך בעדארף א געשעפט מאכען.

— אבער, לייבעל, פון וואנען וועל איך דיר נעהמען געלד יעצט אין זומער, וואס האסטו צו מיר, ווילסט נאך א פראצענט וועל איך דיר געבען. וואס האסטו צו מיר?

— וואס איך האב צו דיר? גאר ניט. נאר איך מעג דאך וועלען צוריק מיין געלד, מעג איך — אדער ניט? — הע!

— געוויס מעגסטו, עס איז דיין געלד, — האט זיך גדליה אונטערגענגעבען.

— נו, אויב אזוי, וועסטו עס מיר אנגרייטען — די וועקסעלאך וועל איך שיקען נאך ווארשוי, אין די באנק אריין.

איבערלאזענדיג גדליה'ן אין צורודערטען, א צובראכענעם, האט ער ווייטער אוועקגעשפאצירט אין געסעל מיט'ן שטעקעלע אונטערברומענדיג זיך א נגון'דעל פאר צופריעדענהייט, נור באלד האט ער אנגעטראפען דעם שטאדט'ס־חזן שטעהן פאר א טהיר פון א געוועלבעל מיט אידען און שמועסען זעהר בעלעבט וועגען פאליטיק. עס האט איהם ניט געפאסט צו צוגעהן צו די אידען, און פערדראסען האט איהם, וואס דער חזן, וועלכער קריעגט געלד פון שטאדט, זיין געלד אויך, וואס ער צאהלט — שטעהט מיר־ניט, דיר־ניט פאר א געוועלבעל מיט אידען און רעדט. וואס האט ער צו ריידען? וואס האט ער צו לאכען? געהט ער אדורך, קומט אן צו די גרופע אידען און שאקעלט מיט'ן קאפ. ענטפערט מען איהם אפ מיט א שאקעל פון קאפ זאגט ער צום חזן.

— חזן, זייט מוחל, איך האב מיט אייך עפעס צו רעדען.

ווערט דער חזן דערשראקען, וואס האט עפעס לייבעל מיט איהם צו ריידען: א בעל הבית איז ער דאך, געהט ער אפ מיט איהם. פרעגט איהם לייבעל:

— איך בעט אייך זעהר, וויפיעל קריעגט איהר א וואך פון שטאדט?

ווערט דער חזן נאך מעהר דערשראקען. ענטפערט ער:

— וואס איז אייך דער חילוק?

— וו'הייסט וואס איז מיר דער חילוק? איך בין דאך אויך א

בעל הבית אין שטאדט, ניין? איך צאהל אויך אין שטאדט, און מיין קערבעל איז דאך אויך א קערבעל, ניין? מעג איך דאס וויסען, ניין?

— געוויס, געוויס, ר' לייבעל — פערענטפערט זיך שוין דער חזן מיט מורא, — איך קריעג פון שטאדט אזוי גרויס, ווי זיעבען רובעל א וואך.

— זיעבען רובעל א וואך, — זאגט פאר זיך לייבעל — זיעבען רובעל א וואך.

— צו וואס האט איהר דאס בעדארפט וויסען? — פרעגט דער חזן נאך א אונרוהיגער.

— גאר ניט, גלאט אזוי, עס איז גוט צו וויסען — זיעבען רובעל א וואך — זאגט פאר זיך לייבעל, נו, האט מיר א גוטען טאג, חזן: זיעבען רובעל א וואך — געהט אוועק לייבעל און לאזט איבער דעם חזן א אונרוהיגען, א ערשראקענעם הינטער זיך.

נאר דאס אלעס איז איהם ניט איינגעגאנגען, ווען ער האט דער־זעהן וויינשטיינ'ס געוועלבעל און די קופקע יונגע לייטלעך וואס שטע־הען ארום דעם אלטען וויינשטיין — און דערצעהלען זיך וויצען און לאכען. און ווען ער האט זיך בעוויזען אין געסעל, ווערט דארט אין דער גרופקע בעלעבט, דאס געלעכטער הערט זיך העכער. ער האט גע־וואוסט אז דאס רעדט מען דארט איבער איהם. ער האט מורא געהאט אהין צו קוקען, נור ער האט געפיהלט אויף זיין פלייצע און רוקען די ברענענדיגע בליקען מיט פעראכטונג און קנאה וואס ווערען גע־ווארפען אויף איהם פון די גרופקע.

וויינשטיין איז איינער פון לייבעל'ס ווייב'ס ערשטען מאנ'ס, דעם מלוה'ס משפחה, וועלכע האבען געווארט אויף דער ירושה אז דער אל־טער וועט שטארבען, און דער אלטער האט גאר פערשריעבען די ירושה זיין יונג ווייבעל, און לייבעל האט חתונה געהאט מיט דער ווייבעל. די יונגע לייטלעך זיינען זיינע געוועזענע חברים, זיי זיינען יעצט אויף קעסט ביי די שווערס, האנדלען אונטער אביסעל, און אביסעל דרעהט מען זיך אין מארק ארום מיט די שטעקלעך אין די הענד, און מען האט ניט וואס צו טהאן — קומט מען זיך צונויף צו וויינשטיין'ען פאר'ן געוועלבעל, און מען נעהמט לייבעל'ן אויפ'ן „צימבעל". דער אלטער וויינשטיין דערצעהלט דערביי ווי אזוי לייבעל האט חתונה געהאט מיט דעם מלוה'ס אלמנה — און די יונגע לייטלעך לאכען.

לייבעל איז בלייך געווארען, ער האט געוואוסט, אז פון דארט קור־מען אל'ץ שטעכווערטלעך וואס געהען ארום אין שטעדטעל וועגען איהם. פון וויינשטיינ'ס געוועלבעל איז שוין אפילו ארויס א ליעד וואס אי־מיצער האט פערפאסט אויף לייבל'ען, ווי אזוי א שעהנער און געבילדע־טער יונגער מאן האט חתונה געהאט מיט א מיאוס פעט ווייבעל דער־פאר, וואס זי האט געהאט געלד אויסגעריסען פון אלמנות און יתומים. דאס ליעד ווערט געזונגען אין אלע שעפער פון יונגע געזעלען און מיידלעך — נייטהאָרינס.

פון וויינשטיינ'ס געוועלבעל האט מען שוין אפילו אין א וואר־שאווער צייטונג אויף איהם א שטיקעל אנגעשריבען. און זייט ער האט זיך אריינגעשטעלט דעם טעלעפאן אין שטוב אריין לאזט מען איהם ניט צורוה, יעדען נאכמיטאג ווען ער לעגט זיך צו אביסעל אב־רוהען. מען רופט איהם ארויס צו פריצים, מ'מאכט איהם הוצאות און ער ווערט אויסגעלאכט. ביינאכט שלעפט מען איהם פון בעט ארויס און מ'זינגט איהם דורך'ן טעלעפאן דאס ליעדעל וואס מען האט פער־פאסט אויף איהם. ער האט שוין לאנג געקלעהרט ווי זיך מיט זיי אפ־צורעכענען, נור ער האט ניט געוואוסט ווי אזוי, נור היינט, ווען זיי האבען איהם פון שלאף אויפגעוועקט, האט עס איהם ביטער צוביי־זערט. און ניט קענענדיג נעהמען אין זיי נקמה, האט ער זיך פערזיסט זיין לאגע מיט דער פאנטאזיע, ער האט זיך פארגעשטעלט, ווי ער, לייבעל, גיט פלוצלונג א ווארף אראב פון זיך די קאפאטע און בלייבט שטעהן אנגעטהאן אין פאלנע פארם ווי א גובערנאטאר, מיט ארדענס בעהאנגען, און זיי, דארטען פאר'ן געוועלבעל דערזעהען איהם, זיי ווערען בלאס, דערשראקען — און ער גיט א געה צו און גיט א בע־פעהל:

„אין טורמע אלע נעהמען — אין טורמע", און זיי ווארפען זיך צו זיינע פיס און בעטען זיך ביי איהם: „האב רחמנות אויף אונ־זערע פרויען און קינדער . . ."

אלעם וואלט ער אוועקגעגעבען, ווען ער זאל נאר אויף איין מא־מענט א געגעראל קענען ווערען, א גובערנאטאר, אז ער זאל אין זיי נקמה נעהמען. ער וואלט כאטש געוואלט ווערען דער נאטשאלניק פון שטאדט: כאטש א געוועהנליכער סטראזשניק, אבי צו קענען בעפעה־לען: „אויף פיער און צוואנציג טעג טורמע, אויף ברויט און וואסער!

אַלעמען צונעהמען! . . . איינזעצען אין קאַרצער אויף ברויט און וואסער!"

נאָר אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט יעצט זיין פאַנטאַזיע פער־ווירקליכען, האָט ער געקלעהרט וועגען אַן אַנדער פּלאַן, ווי אַזוי זיי אָנצושרעקען. ער איז גלייך אריין אין טהויער פון ראַטה־הויז, אַזוי, אַז זיי זאָלען זעהן, אַז ער איז אריין אין ראַטה־הויז, אַוועקגעשטעלט זיך אונטער דער טהיר פון הויז און אהין געקוקט אויף דער גרופּע אידען, צי זיי האָבען זיך דערשראָקען . . .

נאָר באַלד האָט איהם דער היטער פון ראַטה־הויז פון הינטען אָנ־געכאַפּט און געפרעגט איהם:

— הע, מאַשקע, וואָס זוכסטו דאָ?

לייבעל האָט זיך דערשראָקען פאַר'ן סטרוזש און זיך פערלאָרען. נאָר ער האָט זיך באַלד דערמאָהנט אַן דעם געלעכטער וואָס וועט ווער־רען פאַר וויינשטיין'ס געוועלבעל, ווען זיי וועלען זעהן, אַז דער היטער טרייבט איהם ארויס. דאָס האָט איהם מוטה געגעבען. האָט ער זיך איינגעשטעלט, געפּונען אַ גלאַט לשון און געשריען:

— דער נאַטשאַלניק איז דאָ, איך וויל צום פּאַני נאַטשאַלניק, איך האָב אַ „דיעלאָ" צו איהם.

אַז דער היטער האָט דערהערט דאָס וואָרט נאַטשאַלניק, איז ער ווייכער געוואָרען, און געוויזען איהם מיט דער האַנד אויף די טרעפּ.

— דער נאַטשאַלניק איז אויבען, — אַז דו ווילסט, געה ארויף און דערלעג.

אין לייבלען האָט זיך אָנגעצונדען די אַמביציע און דער ווילען זיי צו בעווייזען, ווער לייבעל איז אַזעלכער, דאָס האָט איבערגעשטיגען די אימה און פּחד וואָס ער האָט געהאַט פאַר'ן נאַטשאַלניק. דאָס הארץ האָט אין איהם געציטערט, די פיס געטרייסעלט, — דער גאַנצער דינער קערפּער האָט זיך געוואַקעלט פאַר שרעק. ער איז בלייך געווען ווי לייווענד. נאָר דער אימפּעט און די אַמביציע האָבען איהם געט־טראָגען, שוין צו ווייזען וויינשטיין'ס חברה ווער ער איז אַזעלכער. און ארויפקומענדיג אין דער הויך, האָט ער נאָך העכער אויפגעהויבען זיין שטימע:

— איך וויל צום פּאַן נאַטשאַלניק — איך האָב אַ "דיעלאָ" צו איהם.

דער סעקרעטער, א יונגער אויסגעהונגערטער גוי, וואס איז גע־זעסען ביי זיין שרייב־טיש, האט דערזעהן לייבלען אן אויפגערעגטען און שרייענדיג, האט ער איהם בערוהיגט:

— ש—ש—ש אידעל, שווייג. דער פאן נאטשאלניק קומט גלייך אריין. וואס איז געשעהן? מען האט דיך בע׳גנב׳עט?

— נאך ערגער, גאספאדין סעקרעטער, נאך ערגער.

נאר די טהיר האט זיך אויפגעעפענט און דער פאן נאטשאלניק, אנגעטהאן אין דער שווערד, מיט דער קורצער געשוירענער בערדעל און שטעהענדע האהר, מיט די מעדאלען אויף דער ברוסט און מיט די ארויפ־געדרעהטע וואנצעס, איז געבליבען שטעהן פאר איהם.

לייבעל האט זיך פערלארען. ווען עס וואלט א גרוב אפען געווען, וואלט ער אריין. די פינגער האבען איהם אנגעהויבען צו ציטערען, ער האט ניט געוואוסט וואס צו רעדען, פאר די אויגען האט איהם אנגעהויבען צו שווינדלען און דער קאפ צו דרעהען.

— וואס איז געשעהן? — פרעגט דער פאן נאטשאלניק.

לייבעל האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען, דער צונג האט זיך איהם געפלאנטערט, די פיס געבראכען און ער האט אנגעקוקט דעם נאטשאלניק מיט גרויסע אויגען.

— פאר וואס רעדסטו ניט, וואס איז געשעהן?

— פאן נאטשאלניק! — דו ביזט דאך דער פאטער איבער דער שטאדט, — האט לייבעל אנגעהויבען צו שטאמלען און געזוכט דעם נאטשאלניק׳ס האנד צו קושען.

— נו גוט, נו גוט, — וואס איז געשעהן, זאג, שרעק זיך ניט — האט איהם דער נאטשאלניק בערוהיגט.

— פאניע נאטשאלניק, — האט לייבעל געפונען זיין לשון, נאכדעם ווי דער נאטשאלניק האט איהם בערוהיגט. איך פרעג דיר, מעג איך האלטען א טעלעפאן אין מיין שטוב?

— געוויס מעגסטו האלטען. וואס איז עס פאר א פראגע?

— פאניע גענעראל, הונדערט יאהר זאלסטו לעבען, דו ביזט דאך אונזער פאטער, (לייבעל קושט די האנד פון נאטשאלניק) און זיי, דער זייגער־מאכער וויינשטיין, וואס ביי איהם קומען זיך צוזאמען די סאציאליסטען, די פיינד פון קיסר, לאזען מיך ניט צורוה, רעדען אריין אין מיין טעלעפאן שלעכטע זאכען, לאזען מיך ניט שלאפען, גיבען מיר

קיין רוה ניט. זיי פלאָגען מיך, זיי יאָגען מיך, — פּאַניע נאַטשאַלניק, האָב רחמנות, בעשיץ מיך!

— און דאָס איז אַלעס, און צוליעב דעם האָסטו געמאַכט אַזאַ גע־וואַלד צום פּאַני נאַטשאַלניק, וואָס דו שלאָגסט זיך דאָרט אַרום מיט דיינע אידעלאַך, און צו דעם ביזטו מיר געקומען שטערען, דו איד, מאַשעניק? וויפיעל פּראָצענט, הע, זאָג, רייסט דו פון די שררים אוים? מען האָט מיר שוין דערצעהלט וועגען דיר, דו וועסט ביי מיר אין טורמע פוילען.

— פּאַניע נאַטשאַלניק, — איך?

— קיין איין וואָרט ניט מעהר, און טראָג זיך אָב פון דאַנען מיט דיינע פערשאָלטענע אידעלאַך.

— פּאַניע נאַטשאַלניק!

— צום טייוועל, די מינוט אַרוים!

לייבעל איז אַראָב פון די טרעפּען, אָבגעשטעלט זיך אין קאָרידאָר און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אין שטאָדט זאָל מען ניט געוואהר ווערען זיין מפּלה. עס איז איהם איינגעפאַלען אַ גליקליכער געדאַנק. ער איז צוגעקומען צום סטרוזש און אַריינגע־רוקט איהם אין האַנד אַ צעהן־קאָפּיקע שטיק.

— דער פּאַן נאַטשאַלניק האָט דיר געהייסען, אַז דו זאָלסט געהן מיט מיר, וועל איך דיר ווייזען, וועלכע אידען מאַכען קאַליע דעם טע־לעפאָן, די סאָציאַליסטען און די פיינד פון קיסר, און לאַכען אוים דעם פּאַני נאַטשאַלניק.

דער סטרוזש האָט צוגענומען די צעהן קאָפּיקעס און איז אַרוים מיט לייבלען אויף דער גאַס. אַז לייבעל איז געגאַנגען מיט דעם סטרוזש פון מאַגיסטראַט איבער דער גאַס, איז ער געגאַנגען פּאַמעלאַך און גע־רעדט צו איהם די גאַנצע צייט זעהר בעליעבט, אַז זיי דאָרט זאָלען זעהן, אַז ער געהט מיט׳ן סטרוזש פון ראַטהויז. און ער האָט געוואונקען צום סטרוזש מיט די אויגען אויף וויינשטיין׳ס געוועלבעל.

— דו קוק דאָרט אַהין, דו זעהסט דעם זייגער־מאַכער׳ס געוועלבעל? דו זעהסט די קופּקע אידען וואָס זיצען דאָרטען? — דאָס זיינען אַלע סאָציאַליסטען, פיינד פון קיסר. אַז דער נאַטשאַלניק וועט דיך פרעגען, זאָלסטו אָנווייזען אויף זיי. און לייבעל האָט אַהין געקוקט, אויפ׳ן גע־וועלבעל, צי מען זעהט ווי ער געהט מיט׳ן סטרוזש פון ראַטהויז.

און דארט האט מען טאקע דאס דערזעהן, און די חברה יונגע לייט־לאך האבען זיך טאקע דערשראקען, און איינציגווייז אבגעטראגען זיך.

— זעה, ליבעל געהט מיט'ם סטרוזש פון ראטהויז! — האט איי־נער צום אנדערען צוגעוואונקען.

— לאז מיך נאר ניט זיין דערביי—האט זיך יעדער געטראכט, און אבגערוקט זיך.

און ליבעל האט געזעהן ווי דארטען אנטלויפט מען איינציגווייז. מען האט מורא פאר איהם — מען ציטערט פאר ליבלען, הע, ליבעל ווייזט ווער עס איז אזעלכעס ליבעל — הע?

3

## ליבעל און זיין ברודער.

אין אבענד איז ליבעל געזעסען ביי זיך אין צימער,ביים טיש, דער לאמפ האט געברענט און די פענסטער זיינען אפען געווען ארויס אין הויף אריין. אויפ'ן טיש איז געשטאנען פאר איהם דאס אבענד־עסען, די זעמעל, דאס זאלץ־מעססעל און א געבראטען לעבערעל וואס איז איבערגעבליבען פון מיטאג. נור ער האט נישט געגעסען, די אויגען האבען איהם געגלאנצט, דער שטערן געשיינט, און די וואנצעלאך ארויפ־געדרעהט, און דערצעהלט פאר'ן ווייב און די מוטער (קיין קינדער האט ער ניט געהאט), וואס ער האט אויפגעטהאן ביים נאטשאלניק.

— דו מיינסט, אז איך האב זיך עפעס דערשראקען. פיהר מיך צום נאטשאלניק! האב איך געגעבען א געשריי אין פאליציי. זיי האבען זיך דערשראקען פאר מיר און האבען מיך געגעבען א פיהר אריין אין א סאלע. איין קיסר אויף איין וואנד, א צווייטער קיסר אויף א צווייטע וואנד. און דא שטעהט פאר מיר דער פאן נאטשאלניק אליין מיט די גרויסע וואנצעס און מיט די מעדאלען, און מיט דעם גרויסען געשריי. מיינסט דאס הארץ האט מיר ניט אנגעהויבען צו קלאפען, אז איך האב דערזעהן דעם ארון? דאס הארץ האט מיר געקלאפט נור מורא האב איך ניט געהאט, און איך גיב זיך א שטעל אוועק און זאג: „ארוני נאטשאלניק, דו ביזט דער פאטער פון דער שטאדט,

און איך בין א געטרייער אונטערטהאן דעם קיסר, מעג איך האלטען א טעלעפאן אדער נישט? איך, א געטרייער אונטערטהאן פון דעם קיסר, וואס צאהלט פאדאטקעס — מעג איך האלטען א טעלעפאן אדער ניט? דער קיסר פאזוואלעט מיר; דו, פאניע נאטשאלניק, ערלויבסט מיר, נור עס געפינען זיך דא ביי אונז אין שטאדט א חברה סאציאליסטען: וויינשטיין, דער זייגער־מאכער; ליבערמאן, דער לעהרער, זילבערשטיין, דער פעלדשער, און דער און יענער, אלעמען אויסגערעכענט מיט'ן נאמען און מיט דעם אדרעס, זיי זיינען פיינד פון קיסר, זאג איך, און דו בעדארפסט עס וויסען, זיי זיינען סאציאליסטען און לאזען מיך ניט האלטען קיין טעלעפאן און איך וויל אז דו זאלסט זיי איינזעצען צוויי חדשים קארטץ אויף ברויט און וואסער, וויל איך".

„דו געה אהיים, זאגט צו מיר דער נאטשאלניק, און מאך ניט קיין געוואלדען, און איך ווייס שוין וואס איך האב צו טהאן". מעהר האב איך ניט געדארפט. „שוין, פאני נאטשאלניק, איך פערלאז זיך אויף דיר. אז דער קיסר פערלאזט זיך אויף דיר — פערלאז איך זיך אויף דיר, דו ביזט דער פאטער פון דער שטאדט, דו ווייסט וואס דו האסט צו טהאן". און גיב איהם א קוש אין האנד און גיב מיר א געה ארויס.

דו מיינסט ער האט ניט גלייך מיטגעשיקט מיט מיר דעם סטרוזש, דעם זשענקע, דעם סטראזשניק, אז איך זאל איהם ווייזען וויינשטיין'ס געוועלבעל — מיינסט אז ניט?

דאס ווייב האט איהם שוין א פאר מאל אונטערגערוקט דאס לעבערעל וואס איז געשטאנען פאר איהם אויפ'ן טיש און איז קאלט געווארען, נור לייבעל איז געווען אזוי פערקאכט אין זיין דערצעהלען, אז ער האט געלאזט דאס עסען קאלט ווערען, און ווען דאס ווייב האט געפרואווט נאך אמאל אונטעררוקען דאס לעבערעל, האט ער געגעבען א ברום:

— וואס ווילסטו מיט'ן לעבערעל, איך וויל ניט עסען, איך דערצעהל איהר ווי איך רעד מיט'ן נאטשאלניק און זי רוקט מיר דאס לעבערעל!

— לייבעל, עס וועט דאך קאלט ווערען, בערוהיג זיך.

ער האט אנגעקוקט דאס ווייב מיט דער מוטער, ער האט בעמערקט אין זייערע פנים'ער די גרויסע אימה און דרך־ארץ וואס זיי האבען פאר איהם, דאס האט בערוהיגט זיין כעס. ער האט צוגערוקט צו זיך דאס לעבערעל און געגעסען — אין קאפ האט איהם געהיצט, און ער האט

געהאט דאס געפיהל, אז ביי איהם אויף דער ברוסט הענגט א גרויסער מעדאל...

באלד האט זיך די טהיר אויפגעעפענט און עס איז אריינגעקומען זיין עלטערער ברודער העניכ'ל, דער שניט־סוחר. העניכ'ל איז אמאל געווען גוט אב, א פיינער יונגער מאן, קען לעהרנען, א חסיד און א משכיל, און ווייסט וואס אין די ביכלעך, נור צייט ער האט זיין געלד פערלארען האט מען פערגעסען אז זיין לעהרנען און זיין קענען. דער איד איז געווען געפאלען ביי זיך, און כאטש ער האט דעם ברודער פיינד געהאט און א פאר יאהר ניט גערעדט מיט איהם, ווייל ער האט חתונה געהאט מיט דעם מלוה'ס ווייב, נור דאך צייט עס האט איהם אנגעהויבען שלעכט צו געהן האט ער זיך מיט'ן ברודער איבערגעבעטען און אריינגעקומען צו איהם יעדען אבענד. ער האט געוואוסט, אז ער וועט גאר נישט פון איהם ארויסקריגען — נור טהאן האט ער דאך עפעס געמוזט. ער איז דאך געווען אהן פרנסה, האט ער געהאלטען אין איין אריינקומען צום ברודער, אויסהאלטען זיינע קאפריזען, זעהען זיינע מיקען און שווייגען, און איבערטראגען, טאמער וועט ער פון איהם ארויסקריגען געלד קיין אמעריקא צו פאהרען, וואוהין העניכ'ל האט זיך געהאלטען אין איין קלייבען צייט ער האט די פרנסה פערלארען. ליי־בעל האט פאר'ן ברודער אמאל גרויס דרך־ארץ געהאט, ווען יענער איז געווען גוט אב, נור צייט דער ברודער איז געווארען דער דלפן און ליי־בעל האט געקראגען די מזומנים, איז ביי איהם דעם ברודער'ס לעהרנען און אנגעזעהענקייט גאר ניט געווען. לייבעל, עסענדיג דאס לעבערעל, האט אנגעקוקט דעם ברודער און ערווארט פון איהם צו הערען עפעס נייעס, וואס מען רעדט אין שטעדטעל וועגען דעם שטיקעל וואס ער האט אבגעטהאן ביים נאטשאלניק. דער ברודער, וועלכער האט טאקע שוין געהאט געהערט דערפון, און „דאס שטיקעל" איז איהם גאר ניט געפעלען, האט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל — א שווייגעדיגער און א פערשעהמטער.

— דער שוואגער וועט אפשר מיטעסען? — האט איהם דאס ווייב געבעטען.

דער שוואגער האט אבער געוואוסט, אז מען בעט איהם נישט צו עסען, נור פאר לייבעל'ס טובה וועגען, כדי לייבעל זאל קענען גוט פער־דייען און ניט קיין עגמת־נפש האבען, וואס ער עסט און בעט ניט דעם

הונגעריגען ברודער מיטצועסען, און כדי לייבעל זאל טאקע קענען רוהיג אויפעסען דאס לעבערעל, דארף זיך דער ברודער אבזאגען פון עסען און מאכען א פרעהליכע מינע און אבווישען זיך די וואנצעס און זאגען: „איך האב ערשט וואס געגעסען". און צו פעריאגען פון זיך דעם אפעטיט, וואס דאס לעבערעל האט ערוועקט אין זיין הונגעריגען מאגען, האט העניך'ל געדענקש און געטראכט וועגען אלעס, נור ניט וועגען עסען. אבער לייבעל האט אלץ געוואוסט, אז דער ברודער זאל אנהויבען ריידען וועגען נאטשאלניק. געוואוסט, און אז ער האט זיך ניט געקענט ערווארטען — האט ער אנגעהויבען צו רעדען דערפון:

— וואס זאגט מען אין בית־המדרש וועגען נאטשאלניק? — זאגט לייבעל עסענדיג דאס לעבערעל.

— איך האב ניט געהערט דערצעהלען.

— גאר ניט געהערט? ניט פון נאטשאלניק, ניט פון מיין שטיקעל וואס איך האב אבגעטהאן די וויינשטיינס?

— גאר ניט געהערט.

— עס קען ניט זיין.

— עס איז אבער דאך אזוי — האט דער ברודער איהם ניט גע־וואלט צוליעב טהאן.

די מוטער, וועלכע איז געזעסען אין ווינקעל נעבען איהר עלטערען זוהן, האט איהם געקנייפט אין האנד, און געשעפטשעט איהם אין אויער:

— זאג איהם, אז דו האסט געהערט, וואס ארט עס דיך? בע־דארפסט דאך זיין טובה.

דער ברודער, כאטש אן ארימאן און כאטש ער האט בעדארפט זיין טובה, נור דאס האט ער איהם ניט געוואלט צוליעב טהאן. אי לייבעל זאל עסען לעבערלאך, אי ער זאל זיצען און צוקוקען און זאל איהם נאך אנטהאן דעם נחת־רוח — דערצעהלען איהם וואס מען רעדט אין שטאדט וועגען זיין בריה'שאפט, דאס האט ער שוין ניט געוואלט, אפילו ער זאל די גאנצע טובה פערלירען ביים ברודער.

לייבעל'ן האט עס פערדראסען וואס דער ברודער האט גאר ניט געהערט דערפון, און ער איז אין כעס געווארען.

— טאקע גאר ניט געהערט? — גאר ניט? — וואונדערט זיך לייבעל.

— ניין, זאגט דער ברודער קאלט.

— אז ער האט ניט געהערט, דערצעהלט איהם לייבעל—האט לייר בעל זיי געלעגט אין דער ערד, א וואַ — זאגט די מאמא, וועלענדיג דעם זוהן ארויסראטעווען. און שטופענדיג דעם זוהן ברוהמט זי:

— גזלן, וואס טהוסט דו, האב רחמנות אויף דיינע קינדער!

— אז ער האט עס ניט געהערט — וועט ער עס שוין הערען — זאגט לייבעל קאלט-בלוטיג.

אבער עס בריהט אויף די צונג צו דערצעהלען דעם ברודער וואס ער האט אבגעטהאן — און פאסען, פאסט דאך עס איהם ניט — קרענקט עס איהם, און ווען עס קרענקט קען ער דאך שוין ניט עסען, און אויסלאזען צום ברודער האט ער ניט וואס, האט ער געגעבען אנ־צוהערען דעם ברודער, ווער לייבעל איז:

— לאמיר שוין געהן. זאג מיר, ליעבער, ווען פאהרסט דו קיין אמעריקא, נגיד?

דער ברודער האט דערפיהלט דעם שטאך, נאר דאך צוליעב טהאן לייבעל'ן און זיך לייגען פאר איהם האט ער ניט געוואלט, עס זאל איהם אפילו קאסטען די גאנצע טובה.

— איך וועל פאהרען ווען דער רבונו של עולם וועט מיר העלפען, און ווען איך וועל וועלען.

— ווען דו וועסט וועלען, משטיינס געזאגט. דו וועסט פאהרען— ווען לייבעל וועט דיר געבען אויף הוצאות — זאגט די מאמע פון ווינ־קעל ארוים צום עלטסטען זוהן, קנייפענדיג איהם: גזלן, וואס טהוסט דו? בעדארפסט דאך איהם!

נור לייבעל איז ניט געווען צופריעדען. לייבעל האט געוואלט, אז ניט די מאמע זאל לייגען איהר עלטסטע קינד פאר איהם אויף די קניה, נור דער ברודער זאל זיך אליין לייגען אויפ'ן בענקעל פאר איהם. דער־פאר וואס דער ברודער האט אזוי פיעל איינרעדעניש און אזא אביון איז ביי זיך גרוים. טאקע לייבעל האט אמאל פאר'ן ברודער גרוים דרך־ארץ געהאט, פאר זיין קענען און לעהרנען. לייבעל האט געוואוסט, אז ער איז א גראבער יונג געגען דעם ברודער. נור דאס איז אלעס געווען ווען דער ברודער איז געווען גוט אב. אבער לייבעל האט זיך געהאלטען צייט ער האט געלד געקריגען ניט נור קליגער, געבילדעטער פאר'ן ברו־דער, נור ער איז קליגער פון דער גאנצער וועלט, און אלעס וואס מען האט נור אמאל אויסגעקלעהרט און עס שטעהט נאך פערשריבען אין

א ביכעל, איז לייבעל דאס דערגאנגנען מיט זיין אייגענעם שכל. כאטש ער האט ניט געלעהרענט, נור פון זיין אייגענעם שכל. און עס האט לייבעל'ן געקרענקט וואס דער ברודער גרויסט זיך נאך געגען איהם מיט זיין געבילדעטקייט:

— נו, וואס האסטו אויספילאזאפירט, א ליידיגען מאגען? מיט פילאזאפיע קען מען איהם ניט אנזעטיגען, וואס? — זאגט לייבעל בעלעקענדיג די פעטע ליפען.

נור אין דעם ברודער, דעם ארימאן, האט זיך ערוועקט אן עקשנות לייבעל'ן נישט נאכצוגעבען.

— וואס מיינסטו, אלעס איז עסען? דער מענש לעבט דאך ניט פאר'ן עסען, דאס עסען איז דאך נור כדי צו ערהאלטען דאס לעבען. וואס איז דער חילוק מיט וואס מען דערהאלט דאס לעבען: צו מיט געבראטענע לעבערלאך אדער מיט טרוקען ברויט, אבי דאס מענשליכע לעבען ווערט ערהאלטען — ערקלעהרט איהם דער ברודער.

— דו הערסט, באשע, עס איז ניט קיין חילוק צווישען געבראטענע לעבערלאך און טרוקען ברויט. געבראטענע לעבערלאך זיינען טאקע געבראטענע לעבערלאך און טרוקען ברויט איז א בראך נאך די יאהרען — זאגט לייבעל מיט א גמרא נגון.

— דאס מאכט נאר א חילוק פאר דעם פרעסער, פאר דעם, וואס לעבט פאר'ן עסען, אבער פאר דעם מענשען וואס האט צו טהאן מיט העכערע זאכען — וואס איז עסען? אט נעהמט, למשל, עס זיינען דא נור אונשטערבליכע מענשען וואס עקזיסטירען שוין נישט און דאך לע־בען זיי.

— וואס הייסט זיי לעבען — און עסען ניט?

— נעהם, למשל, א משה רבינו, א רמבם, א בעל שם טוב אדער להבדיל א אריסטא; זיי לעבען שוין טאקע נישט, און דאך ווייסען מיר פון זיי. מיר לעבען מיט זייערע ווערטער, מיט זייערע געדאנקען, מיר לעזען זייערע ביכער — מיר לעזען זיי היינט און מיר ווייסען וואס זיי זאגען פונקט אזוי ווי זיי וואלטען גערעדט צו אונז — ווי זיי וואלטען געווען מיט אונז און מיר וואלטען זיי געקענט — דאס הייסט לעבען.

נור לייבעל האט ניט פערשטאנען די אונשטערבליכקייט:

— אבער לעבערלאך קען ער עסען. אט דער משה, דער רמבם, אדער דער אריסטא, קען ער פיהלען דעם טעם פון לעבערלאך יעצט ווי

איך? וואס האבען זיי דערפון, אז מיר לעזען טאקע זייערע ביכער, זיי ווייסען דען דערפון? ניין, זיי פוילען אין דער ערד, זיי זיינען ניטא — א מען שטארבט באקט מען, ברודער, בויגעל — טריאומפירט ליבעל פאר דער ווייב מיט דער מוטער.

— נו, זעהסט דו שוין, מיט איהם זאלסטו זיך ניט שפארען, מיין זוהן, ער קען אלץ בעסער — האט די מוטער געזאגט צום עלטסטען זוהן, כאטש עס האט איהר וועה געטהאן פאר איהר עלטסטע קינד, וואס איז איהם גאר ניט איבערגעבליבען, נור דאס ביסעל קענען. נור זי האט געמיינט אז זי טהוט איהר זוהן א טובה, ביי ליבעל'ן, — האט זי אונטערגעברומט אין דער שטיל:

— שפאר זיך ניט מיט ליבעל'ן, געדענק אז דיינע קינדער, בעדארפסט דאך זיין טובה.

— הע, מיט ליבעל'ן שפארט מען זיך ניט, ער ווייס בעסער אין די ביכער — האט דאס ווייב געזאגט צום שוואגער.

העניך האט איינגעזעהן, אז עס איז טאקע ניטא וואס צו שפארען, און אפשר האט ער געדענקט וואס די מוטער האט געזאגט, האט ער אבגעקירצט און געזאגט „א גוטע נאכט", און איז ארויס פון שטוב.

— נו, דער פילאזאף דיינער, אויף איהם האסטו זיך געלאזט קאסטען געלד — איך האב דיר קיין געלד ניט געקאסט און ווער קען בעסער? — האט ער זיך געווענדעט צו דער מוטער.

— מילא דו, ביזט דאך גאר אנדערש — דו ביזט דאך מיין געראטענסט קינד — האט די מוטער ליגען געזאגט פאר שלום וועגען, פון וועלכע זי האט די מינוט פערדרוס געהאט, ניט איבער דעם וואס זי בעדארף ליגען זאגען פאר איהר שטיקעל ברויט, נור דערפאר וואס זי מוז פערלייקענען די אנדערע קינדער.

---

אז ליבעל איז געווען פערקאכט אין גאס וואו ער האט בעדארפט זיין אמביציע ארויסווייזען, האט ער גאר ניט געפיהלט קיין וועהטאג, נור ווען ליבעל איז געבליבען אליין מיט דער ווייב און די מוטער, האט ער זיך אנגעהויבען צו קלאגען אויף בויך-וועהטאג, אויף קאפוועהטאג. ער האט זיך דערמאהנט אז אלע קרענק וואס טהוט איהם וועה, און אם מערהסטען האט יעצט געריסען די ענטצונדענע נאז.

ער האט געקוקט אויף דער ווייב און אויף דער מאמא, צי זיי ווייסען, צי זיי פיהלען, אז איהם טהוט וועה, און אז ער האט געזעהן אז זיי ווייסען גאר נישט און זיי זעהען גאר נישט, איז ער בייז געווארען, און זיך בערויערט וואס ער איז אזוי עלענד און אליין.

— איך האב דען ווער עס זאל קלעהרען וועגען מיר? אנדערע מענשען האבען א ווייב, האבען א מאמא, האבען... (ער האט געוואלט זאגען א קינד — נור דא האט ער זיך צוריקגעהאלטען, ווייל די צרה וואס ער האט ניט געהאט קיין קינדער איז צו־ערנסט געווען, אז ער זאל זי יעצט דערמאהנען).

— וואס איז דיר, מיין קינד? ליינט די מאמא אוועק דאס שטרי־קעכץ און פערלענגט די הענד.

— לייבעל, עס טהוט דיר עפעס וועה? — פרעגט דאס ווייב א דערשראקענע.

— וואס איז מיר? נא, זעה, זיי ווייסען דאך גאר ניט — פון הימעל אראבגעפאלען — די נאז טהוט מיר וועה! — האט לייבעל גע־זאגט מיט טרעהרען אין די אויגען.

— די נאז? אוי וועה! — האט דאס ווייב און די מאמע אב־געקרעכצט.

— לאז מיין קינד, וועל איך דיר די נאז איינשמירען מיט אביסעל גלאצערינע — איז די מאמע צוגעגאנגען.

— ניין, ניט דו: באשע וועט עס בעסער מאכען.

לייבעל האט זיך אוועקגעלענט אויפ'ן בעט און דאס ווייב האט גע־נומען אויפ'ן פינגער אביסעל גלעצעריין און האט זיך געוואלט דער־נעהענטערען צו איהם — נור ווען לייבעל האט זי דערזעהן מיט'ן פינ־גער איז ער אויפגעשפרונגען:

— ניין, ניין, ניט דו, די מאמא וועט עס וועיכער מאכען. — מאמא!

די מאמע האט איינגעשמירט דעם פינגער מיט גלעצעריין און איז צוגעגאנגען צו איהם, נור לייבעל איז ווידער אויפגעשפרונגען מיט טרעהרען אין די אויגען:

— ניין, ניין! באשע, באשע!

די מאמע מיט'ן ווייב זיינען ביידע געשטאנען מיט איינגעשמירטע פינגער גלאצערינע, לייבעל האט געקוקט אויף זיי ווי אויף צוויי גזלנים.

— וואס ווילט איהר פון מיר האבען? — האט ער זיך געבעטען.

— לייבעל, ביסט דאך ניט קיין קינד, לאז דיך איינשמירען די נאז,
— האט זיך דאס ווייבעל געבעטען.

— קינד'ל מיינס, נור איינמאל, מארגען אין דער פריה וועסט דו שוין גאר ניט פיהלען.

און דער שרעקליכער לייבעל, וואס האט צעהן טויזענד רובעל, און איז בעזארגט דאס גאנצע לעבען מיט פרנסה און האט אלעמען אין דער ערד, און רעדט מיט א נאטשאלניק, און א שטאט ציטערט פאר איהם, און איז קליגער פון דער גאנצער וועלט, און ער קען עסען לעבער־לאך און משה רבינו ניט — איז געלעגען אן אויסגעטהאנענער אויפ'ן בעט, אויסגעשטרעקט זיין ענטצונדענע נאז און פערשטעלט זי מיט ביידע הענד, פון די אויגען האבען איהם געשפראצט טרעהרען, און ער האט געקוקט אויף דער מאמען מיט'ן ווייב וואס זיינען געשטאנען פאר איהם מיט צוויי אנגעשמירטע פינגער מיט גלאצערינע און גע־בעטען זיך:

— פאמעלאך, פאוואלינקע, פאווא־לע.

— פאמעלאך, פאוואלינקע, פאווא־לע — האבען די מאמע מיט'ן ווייב נאכגעזאגט און קוים אנגעריהרט מיט'ן שפיץ פינגער זיין ענט־צונדענע נאז.

— אוי וועה!

— אט שוין, קינד לעבען!

און באלד איז לייבעל געלעגען אין בעט מיט א גלאנצעדיגען נאז פון גלאצערינע, און ער האט געקלעהרט וועגען זיך, וואס פאר א גוטער מענש ער איז. ער בארגט אוים אידען געלד אויף גמילת חסדים. אלע בעדארפען טובות און ער טהוט טובות, און האלט א מאמא ביי זיך. און וועט דעם ברודער געבען געלד קיין אמעריקא צו פאהרען. ווארום סוף כל סוף וועט ער דאך מוזען געבען — ער מוז דאך אלעמען העלפען, און ער איז איינגעשלאפען מיט'ן שלאף פון די גערעכטע.

## 4

## לייבעל קריגט דעם ערשטען פאטש און ווערט בעסער.

אבער לאנג שלאפען האט לייבעל ניט געקענט. אין מיטען דער נאכט האט זיך לייבעל אויפגעכאפט, עס האט זיך איהם דערמאנט דאס געשפרעך מיט'ן נאטשאלניק, און ער איז ערשראקען געווארען דערפאר. ווי אזוי האט ער געקענט אונטערשטעהן ארייננצולויפען צום נאטשאלניק און איינצו'טענה'ן מיט א נאטשאלניק. ער האט דאך איהם געקענט נעהמען און אוועקשיקען אין סיביר, געשמידט אין קייטען, פא עטאפו. לייבעל איז פערציטערט געווארען ביי דעם געדאנק: נעהמען מיט אמאל א מענשען, א רוהיגען, וואס איז בעזארגט מיט פרנסה אויפ'ן גאנצען לעבען — און אונגליקליך מאכען. און ווי ער האט געקלעהרט דערפון האט זיך איהם פארגעשטעלט, ווי דארט אין פאליציי, ארבייט מען איבער פאפיערען א גאנצע נאכט, מען שרייבט און שרייבט, און דאס שרייבט מען אלעס איבער איהם, און אט באלד וועט זיך די טהיר עפענען, און עס וועט אריינקומען זשענקע סטראזשניק, און געבען א געשריי: „וסטאוואי יעווריי!“ און מען וועט איהם ערגעץ וואו נעהמען און אוועקשיקען... ער האט זיך אויסגעלאכט פון די שלעכטע געדאנקען וואס זיינען איהם געקומען אויפ'ן זינען און פערדרעהט זיך אויף דער צווייטער זייט און געוואלט איינשלאפען. אבער די שלעכטע געדאנקען זיינען איהם נאכגעקומען. און ער האט זיך ווידער דערמאהנט, אז דער נאטשאלניק האט זיך טאקע אויף איהם צובייזערט און געשריען: „פאשאל וואן!“ און „איך וויים פון דיר און האב געהערט פון דיר...“ און יעצט וועט נאך קומען זשענקע דער גוי און וועט זאגען: „לייבעל האט מיר אריינגערוקט צעהן קאפיקעס אין האנד אריין — און געהייסען מיר אנסטראשען די ווייג־שטיינ'ס, געהן צו זיי אין דיין נאמען, פאני נאטשאלניק“. און דאס איז דאך שוין א קרימינעלע דיעלא. ער האט אויף זיך ארויפגעצויגען א קרימינעלע דיעלא פאר גארניט, געווען א רוהיגער מענש, א בעזארגטער מיט פרנסה און נא דיר א קרימינעלע דיעלא, מיט סאנדעס, מיט געפענגענים, און פאר וואס און צוליעב וואס האט ער דאס בעדארפט — אלץ צוליעב דעם טעלעפאן, וואס די וויינשטיינ'ס האבען

איהם פון שלאף אויפגעוועקט. און איבער אזא נארישקייט האט ער געבראכט אויף זיך אן אומגליק... ניין, עס קען דאך ניט זיין, אט איז ער דאך ערשט וואס געווען לייבעל, וואס אלע האבען געציטערט פאר איהם, וואס איז פערזארגט מיט פרנסה געוועו, און יעצט מיט אמאל — ניין, ניין, און אפשר יא, און אפשר שרייבט מען טאקע דארט. האט דאך דער נאטשאלניק געגעבען א געשריי: „איך וויים פון דיר!" און אפשר וועט זיך באלד די טהיר עפענען און דער סטראזשניק וועט קומען — און ווי ער קלעהרט אזוי, דאכט זיך איהם, אז מען געהט, אט רודערט מען הינטער דער טהיר, אט קלאפט ווער אין דער טהיר.

— באשע, באשע!

— לייבעל, וואס איז דיר? דער בויך טהוט דיר וועה?

— ניין, מען געהט ניט, באשע?

— ווער געהט? — קיינער געהט ניט. פאר וואס שלאפסט דו ניט?

— איך האב געמיינט, גוט, גוט, שלאף — האט לייבעל זיך דער־מאהנט ווער ער איז און אויסגעדרעהט זיך אויף דער צווייטער זייט.

צו מארגענס אין דער פריה, אז לייבעל האט געזעהן אז מען איז ניט געוועו נאך איהם און אלץ האט זיך איהם נור אויסגעדוכט, האט ער צוריקגעפונען זיין גאנצען „לייבעל". ער האט אנגעהויבען צו קאָ־מאנדעווען מיט דער מאמא און מיט'ן ווייב ווי תמיד, ער האט פער־געסען אין די שלעכטע געדאנקען וואס ער האט געהאט ביינאכט, און האט געגעבען א געה ארויס אין גאס מיט'ן שטעקעלע און מיט'ן קאפעלושעל און האט אנגעהויבען צו רופען מענשען מיט'ן פינגער צו זיך — און אויסצופרעגען ווי א נאטשאלניק:

— זאג מיר, איך בעט דיך, דו זאלסט מיר לעבען, וואס דרעהסט דו דיך אזוי אין מארק ארום, און טהוסט גאר ניט? — ווענדעט ער זיך צו מרדכי שוסטער, וועלכער פלעגט ליעב האבען טהיילמאל אוועק־לייגען די ארבייט און ארויסגעהן אין גאס אריין און דרעהען זיך צווישען סוחרים, מעקלערס, און שמועסען.

— וואס, איהר גיט מיר פרנסה, וואס איהר פרעגט מיך, וואס איז עס אייער עסק? — פרעגט מרדכי.

— גאר ניט, גלאט אזוי, איך מעג דאך וויסען. א שוסטער און

דרעהט זיך אין גאַס און טהוט גאַר ניט — זאָגט לייבעל מיט אַ קרעכץ און געהט אַוועק.

נור אַביסעל אונרוהיג איז נאָך געווען לייבעל וועגען נאַטשאַלניק, און לייבעל האָט פיינד צו זיין אונרוהיג וואָס אַנבעטרעפט זיין לאַגע. לייבעל האָט ליעב אַלעס צו האָבען קלאָהר פאַר זיך, אַז קיין זאַך זאָל איהם ניט איבערראַשען. פּרנסה בעזאָרגט אויפ'ן גאַנצען לעבען, וואַרימע זאַקען אַנגעגרייט פאַר'ן ווינטער. און כאָטש ער האָט שוין יעצט געוואוסט, אַז דאָס וואָס האָט זיך איהם אויסגעטראַכט בייניאַכט וועגען נאַטשאַלניק איז נאַרישקייטען, נור דאָך טאָמער איז עס אַ הונ־דערסטע טהייל אמת, טאָמער קען נור געמאַהלט זיין, אַז דער נאַטשאַל־ניק איז בייז אויף איהם, און געהט איהם אונטערשטעלען אַ פּיסעל — דאָס אַליין מאַכט איהם שוין בעזאָרגט, נערוועז, און לייבעל קען ניט לעבען, און כדי ער זאָל קענען זיין גאַנצען רוהיג זיין און זיכער — האָט לייבעל בעשטימט אַרויפצוגעהן צום נאַטשאַלניק און איהם אי־בערצובעטען.

לייבעל האָט זיך פאַרגעבריוט אַ גאַנצע רעדע וואָס ער וועט האַל־טען פאַר'ן נאַטשאַלניק. ער וועט ווייזען דעם נאַטשאַלניק וואָס פאַר אַ געבילדעטער מענש ער איז, אַז ער איז ניט אַזאַ פאַנאַטיקער ווי די אַנדערע אידען, און טאָמער בעדאַרף ער אַמאָל עפּעס וויסען וועגען שטעדטעל, וועגען דעם און יענעם — קען לייבעל איהם זאָגען, עצות געבען. מיט די גליקליכע געדאַנקען איז לייבעל אַרויפגעגאַנגען צום נאַטשאַלניק.

„און קענען קען ער מיך דאָך אויך שוין פון נעכטען“, האָט זיך לייבעל געטראַכט. וואָרים לייבעל איז געווען אַזוי איינגעליעבט אין זיך, מיט אַזאַ נאַאיוועטעט, מיט אַזאַ אונשולד, אַז עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אַלע ליעבען איהם. און וואָס פאַר אַ שלעכטס ער האָט ניט געהערט פון וועמען אויף זיך — האָט ער באַלד פאַרגעסען דעריין, און ער האָט געקענט אַזוי אויסטייטשען יענעמס ווערטער אין זיין קאָפּ — אַז עס איז אַרויסגעקומען אַז יענער האָט איהם גאָר ניט געשאָל־טען, נור געבענשט.

נור לייבעל האָט נאָך ניט קיין צייט געהאַט אַריינצוקומען אין קאַנצעלאַריע, לייבעל האָט נאָך ניט קיין צייט געהאַט דאָס מויל צו עפענען און אָנצוהויבען זיין רעדע: „פּאַני נאַטשאַלניק, דו ביסט דאָך

דער פאטער פון דער שטאדט", ווי דער נאטשאלניק האט זיך בעוויזען אין דער טהיר, און ווי ער האט דערזעהען ליבעל'ן איז ער געווארען אן אויפגעקאכטער, די וואנסעס האבען איהם געציטערט, די מעדאלען געשאקעלט זיך אויף דער ברוסט:

— וואס, דו ביזט שוין ווידער געקומען דרעהען מיר א קאפ מיט דיין טעלעפאן — הע? נעהם דעם אידען און זעץ איהם אריין אויף פיער און צוואנציג שעה קארץ — האט ער בעפוילען דעם סטראזשניק, וואס איז געזעסען אין א ווינקעל.

— פאני נאטשאלניק — פאר וואס? — איז ליבעל בלייך געווארען ווי קרייד, און די פיס האבען זיך געשניטען אונטער איהם.

נור איידער ער האט נאך צייט געהאט אן אנדער ווארט אויסצורעדען, האט זיך ליבעל געטראגען פון די טרעפען אראב, און אין א מינוט ארום האט ער זיך שוין געפונען אין שכנות מיט א שכן א גוי, מיט א גנב הינטער איין שלאס, אין א שמוציגען פינסטערען קאמער, און ער האט ניט געוואוסט ווען און ווי אזוי און פאר וואס דאס איז געקומען.

די פענסטערלאך פון דער וואך זיינען ארויסגעקומען אין מארק אריין, פונקט גענגען איבער וויינשטיין דעם זייגער-מאכערס געוועלבעל, און פונקט האבען זיך אין מארק ארומגעדרעהט די יונגע-לייטלעך, סוחרים, מעקלערס, מיט די שטעקעלעך אין די הענד, פאר א מינוט צוריק האט ליבעל גערעדט מיט זיי, איז ליבעל געווען איינער פון זיי, ניין, ער איז געווען דער גרעסטער פון זיי, — אלע האבען זיי מורא געהאט פאר איהם — און יעצט זיצט ער אין דער וואך — און קוקט פון די גראטעס אין גאס אריין.

און באלד איז דער גאנצער מארק געוואהר געווארען אז ליבעל זיצט, און גאנץ וויינשטיינ'ס געוועלבעל מיט אלע יונגע לייטלעך, מיט אלע סוחרים און מעקלערס, און אפילו מרדכי שוסטער, האבען זיך איבערגעטראגען פאר די פענסטערלעך פון דער וואך.

— וואס איז געשעהן, וואס? איך האב דאך ערשט איהם די מינוט געזעהן, ער איז דאך נור וואס דורכגעגאנגען מיין געוועלבעל — דערצעהלט וויינשטיין דעם עולם.

— ער האט דאך נור וואס גערעדט מיט מיר, געפרעגט מיך וואס איך דרעה זיך אין א פראסטען מיטוואך אין א מארק ארום —

און געה ניט ארבייטען, און שוין זיצט ער? פאר וואס? — הערט לייבעל מרדכי שוסטער'ס שטימע פון הינטער די פענסטערלאך פון דער וואך.

— וואס, ער איז דאך געווען אזא קנאקער ביים נאטשאלניק — נעכטען ערשט געווען ביי איהם, גערעדט מיט איהם, פער'מסר'ט אי־דען — און היינט זיצט ער. פאר וואס? פאר ווען? — וואס, ער האט זיך צוקריעגט מיט'ן נאטשאלניק? טענה'ט דער אלטער וויינשטיין. און לייבעל מוז דאס אלעס אויסהערען און שעהמט זיך דאס פנים ארויס־צו־ווייזען צווישען די שטאכעטען פון די פענסטערלעך.

נור באלד דערהערט לייבעל די מאמע'ס וויינענדיגע שטימע, און באשע'ס שווערע עטהעמען. זיי זיינען געקומען צולויפען מיט די טיכער איבער די קעפ אהן אטהעם, ניט טויט, ניט לעבעדיג, מיט א געשריי איבער דער גאס:

— לייבעל, לייבעל, וואס איז געשעהן? — פאר וואס? פאר ווען?

אז לייבעל האט ארויסגעקוקט פון די פענסטערלעך פון וואך איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען. דאס גאנצע שטעדטעל, פון קליין ביז גרויס, זיינען געשטאנען פאר די פענסטערלעך פון וואך. אלע זיינע שונאים: וויינשטיין דער זייגערמאכער, ליבערמאן דער לעהרער, זילבערשטיין דער פעלדשער, — און צווישען זיי די מאמא מיט דער וויב, פערוויינטע, און אלע גיבען עצות, און ער קוקט ארויס פון די פענסטערלאך.

—יא, דא האט איהר דאך איהם — ווייזען די אידען אויף לייבל'ען.

— זעה ווי ער קוקט ארויס פון די שטאכעטען — זעה דעם קנא־קער, זעה . . .

— לייבעל, וואו זעה איך דיך — ברעכט זיך די מאמע די הענד.

— וואס שרייט איהר? וואס לארעמט איהר? גאר ניט, איך האב זיך צו־ווערטעלט מיט'ן נאטשאלניק, האט ער מיך איינגעזעצט אויף א טאג. איך וועל איהם שוין ווייזען דערפאר, האט ניט קיין מורא, געהט אהיים און ברענגט מיר עסען, איך וועל איהם שוין ווייזען דערפאר, איך וועל זיך שוין מיט איהם אברעכענען — זאגט לייבעל גאנץ געלאסען.

— געהט אהיים, ברענגט איהם עפּעס עסען — ער וועט זיך שוין אָברעכענען מיט'ן נאַטשאַלניק — זאָגט מרדכי שוסטער צו דער ווייב — איהר קענט זיך פערלאָזען אויף איהם.

— וואָס האָסט דו זיך דאָ אריינצומישען? ווער פרעגט דיך — קאָמאַנדעוועט ליבעל ארויס פון דער וואך — אהיים געהט!

— שווייג, שווייג, ער וועט באלד געהן צום נאַטשאַלניק און דיר בעשטעלען א ביינקעל ביי איהם, פער'מסר'ן דיך אז דו ביסט א סאָציאַליסט — ער איז דאך א גאַנצער קנאַקער ביים נאַטשאַלניק — זאָגט דער אַלטער ווײַנשטיין צום שוסטער.

— און מיט אייך וועל איך זיך אויך אָברעכענען. איך וועל זיך שוין מיט אייך אַלעמען אָברעכענען — ווייזט ליבעל מיט דער האַנד צום זייגערמאַכער.

— אנו, לאָמיך זעהען, קום נור ארויס, ליבעל, פּרואוו נור אקאָרשט ארויסצוקומען — רייצען זיך מיט איהם די אידען.

די מאַמאַ מיט'ן ווייב זיינען אהיים געגאַנגען. דער עולם איז נאך געשטאַנען פאר די פענסטערלאך פון דער וואך. ליבעל איז געשטאַנען צווישען די שטאַכעטען און גערעדט ווי עס וואָלט גאר ניט געשעהן — כאָטש דאָס פּנים האָט איהם געפלאַמט פאר בושה. ער האָט בעמערקט אין די אויגען פייערלאך פון נקמה וואָס ברענט, און געמאַכט זיך פּלענער ווי אָבצורעכענען זיך מיט'ן נאַטשאַלניק, מיט ווײַנשטיינ'ען — צו ווייזען ווער ליבעל איז.

מיטאג צייט האָט העניכ'ל, דער ברודער, איהם געטראָגען עסען אין וואך אריין, און אז דאָס שטערטעל האָט געזעהען ווי מען טראָגט ליבעל'ן עסען אין וואך — זיינען אַלע נאָכגעלאָפען און אריינגעשריען אין די פענסטערלאך:

— ר' ליבעל, ווי שמעקט דאָס מיטאָג אין דער וואך?

— וואָס איז געשעהן? ליבעל, פאר וואָס האָט מען דיך איינגעזעצט? — פרעגט דער ברודער.

— איך האָב זיך צו־ווערטעלט מיט'ן נאַטשאַלניק — האָט ליבעל געוואָלט ענטפערען דעם ברודער דעם שטאָלצען ענטפער, וואָס ער האָט געגעבען די שטאָדט אידען פאר די פענסטער, נור ער האָט זיך אָן עפּעס דערמאָהנט — האָט ליבעל אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט מיט הכנעה:

— איך ווייס פאר וואס ער האט מיך איינגעזעצט. — א רשע, מיר זיינען דאך אין גלות — און מיט א אידען מעג מען מאכען וואס מען וויל.

— וואס דארפסטו זיך אזוי צום הארצען נעהמען, פאר קיין גנבה זיצסט דו ניט. און שכור ביסט דו אויך ניט געוועזן. ביסט דו געזעסען, און וואס איז? — טרייסט איהם דער ברודער.

— נאר איינער, איך וועל זיך שוין מיט איהם אָברעכענען — איך וועל פאָהרען נאך ווארשוי, צום גובערנאטאר וועל איך פאָהרען. איך וועל איהם ווייזען ווי איינצוזעטצען לייבעל'ן — האָט לייבעל זיך געוועקט.

— געה, צום גובערנאטאָר וועסטו פאָהרען — האסטו א דאגה.

און א וואונדערליכע זאך, אז דער ברודער איז אוועק, האָט לייבעל ניט מעהר געקלעהרט וועגען זיך, ניט וועגען זיין אמביציע, און ווי אזוי זיך אבצורעכענען מיט'ן נאטשאלניק און מיט די וויינשטיין'ס. לייבעל האָט צום ערשטען מאָל געקלעהרט וועגען ברודער, ווי עס דרעהט זיך ארום א בכבוד'ער איד אין שטאָדט און געהט אוים מיט זיינע קינדערלאָך פאר א שטיקעל ברויט, און ער, דער ברודער, האָט א פולען שופלאָד מיט געלד — און ער העלפט ניט אוים זיין אָרימען ברודער מיט געלד צו פאהרען קיין אמעריקא. ער שלעפט איהם אב פון וואך צו וואך — שוין צייט צוויי יאָהר. לייבעל האָט איינגעזעהן וואס פאר א אונרעכט ער איז בעגאנגען געגען זיין ברודער, וויפיעל מאָל ער איז געוועזן ביי איהם אין שטוב, א הונגעריגער, און ער, לייבעל, איז געזעסען און געגעסען, און ערשט נעכטען האָט לייבעל געגעסען די פּעטע לעבערלעך, און ער האט געוואוסט אז דער ברודער זיצט פאר איהם א הונגעריגער און די פייכטקייט קומט איהם אין מויל אריין, און ער האָט זיך נאָך גערייצט מיט איהם, לייבעל האָט זיך פערוואונדערט פארוואס ער איז אזוי שלעכט געווען צו זיין ברודער. קען דאס זיין, אז ער, לייבעל, זאָל זיטצען און עסען, און דער ברודער זאָל זיטצען א הונגעריגער פאָר איהם, ווי קען דאס זיין, אז ער, לייבעל, אזא פיינער און איידעלער מענש, אזא גוטער, זאָל לאָזען נאָכלויפען נאָך זיך א ברודער שוין צוויי יאָהר, זעהען ווי ער טרינקט זיך און איהם ניט וועלען העלפען. ווי האָט דאס געקענט געשעהען? האָט זיך לייבעל

געוואונדערט אויף זיך, און ערשט פערשטאַנען ווי אַזוי ער איז בע־גאַנגען אַזאַ עולה.

און ווען דער ברודער האָט איהם אין אָבענד געבראַכט דאָס קישען אין וואַך אריין צו שלאָפען, האָט זיך ליבעל פּלוצים אָנגע־רופען: „זאָג נור, העניך, וויפיעל בעדאַרפסט דו געלד אויף הוצאות קיין אַמעריקא? הונדערט רובעל וועט גענוג זיין מיינסטו?"

דעם ברודער האָט פערוואונדערט ליבעל'ס פראַגע, ניט פער־שטאַנען ווי איז געשעהן מיט ליבעל אַזאַ פּלוצלינגע ענדערונג. ער לויפט איהם נאָך שוין צוויי יאָהר נאָך הוצאות אויף אַמעריקא, און ליבעל האַלט איהם אין איין אָבשלעפּען, און וואָס איז יעצט מיט אַמאָל געוואָרען מיט ליבעל'ן?

— עס איז דאָך נאָך דאַ צייט צו רעדען — וועסט ארויסגעהן פון וואַך — וועלען מיר ריידען — האָט איהם דער ברודער אָבגעענטפערט.

און טאַקע אַז ליבעל איז נור ארויסגעקומען פון וואַך האָט ער אריינגערופען דעם ברודער אין אַ צווייטען צימער און ארויסגענומען הונדערט רובעל און געגעבען איהם אויף הוצאות קיין אַמעריקא.

און די מאַמאַ מיט'ן ווייב מיט'ן ברודער זיינען געשטאַנען פער־וואונדערטע, ערשראָקענע, און ניט פערשטאַנען וואָס איז געשעהן מיט ליבעל'ן.

---

## 5

## ליבעל פערליערט דאָס געלד און ווערט אַ מענש

נאָך דעם ווי ליבעל איז אָבגעזעסען אַ טאָג אין די וואַך — האָט ליבעל מעהר ניט געקענט לעבען אין דעם שטעדטעל. וואו ער איז געגאַנגען האָט ער געהערט הינטער זיך אַ געלעכטער: דאַ געהט ליבעל דער „געזעסענער". פון אַלעמענס אויגען האָבען ארויסגעשיינט די פייערלאַך פון נקמה. און ווי עפּעס איז מיט אַמאָל פערשוואונדען די גאַנצע אימה און שרעק וואָס מען האָט געהאַט פאַר איהם.

— וואָס, זיך שוין איבערגעבעטען מיט'ן נאַטשאַלניק? פרעגט אַ איד גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין, ווען ער טרעפט אַן ליבעל'ן אין גאַס, און ליבעל פערשטעהט דעם שטאָך דערפון.

נור לייבעל האט געקלעהרט, ווי אזוי זיך אבצורעכענען מיט'ן נאטשאלניק און מיט וויינשטיין'ען זיין שונא, און מיט דער גאנצער שטאדט, ווייזען ווער לייבעל איז, גאנצע נעכט ניט געשלאפען, גע־קלעהרט עצות און צום סוף געפונען. אויסגעפונען האט ער, אז דאס הויז וואו וויינשטיין וואהנט בעלאנגט גאר צו זיין ווייב'ס ערשטען מאן דעם מלוה, — און ער האט זיך געהאלטען פאר'ן ריכטיגען יורש. און צוליעב דעם איז דאך ארויסגעקומען די גאנצע שנאה צו לייבעל'ן — האט זיך ארייגעקליבען אין דעם הויז אריין נאך ביים מלוה'ס לעבען און צוגענומען זי פאר חזקה.

— הייסט עס וואהנט ער אין מיין הויז, מיין פראצע, מיין שווערע ארבייט, אויב אזוי ווייס איך שוין וואס איך האב צו טהאן.

— לייבעל, געדענק אין גאט, לאז'ן לויפען, וואס ווילסטו הא־בען? אז „ער" עליו השלום האט גאר ניט געקענט מאכען מיט וויינ־שטיינ'ס — געסטו דיך איינשטעלען — האט דאס ווייב צו לייבעל'ן געזאגט.

„ער" עליו אשלום האט דאס ווייב געמיינט איהר ערשטען גע־שטארבענעם מאן, נור ניט צו דערמאהנען לייבל'ען אין אן אונאנ־גענעהמעם געפיהל, האט זי געזאגט „ער".

— ער, עליו השלום, איז געווען אן אלטער הינער פרעסער און ניט געוואוסט וואס טהוט זיך מיט איהם. יעצט האט ער מיט מיר צו טהאן, מיט לייבעל'ן. איך וועל איהם לאזען וואהנען אין מיין הויז — אין מיין פערהארעוועטען גארטען? עס איז דאך מיין פראצע — מיין פלייש און מיין בלוט — האט זיך לייבעל צוקאכט, ווי ער וואלט דאס פארמעגענס ניט געווען בעקומען פון זיין ווייב'ס ערשטען מאן נור ער וואלט דערויף שווער געארבייט.

לייבעל האט אויסגעפונען די נויטהיגע פאפיערען און האט זיך נעגעבען א לאז אוועק אין דער שטיל קיין ווארשוי אין דער פאלאטע, אוועק צו א גרויסען אדוואקאט. און לייבעל האט געגעבען „א ציה אן" אן עסק, מיט פאפירען, מיט צעהנדליגע עדות — און די נייעס איז אין א פאר טעג ארום ארייגעפאלען אין שטאדט ווי א באמבע. ליי־בעל געהט אוועקנעהמען דאס הויז פון די וויינשטיינס, און לייבעל איז שוין ווידער ארומגעגאנגען איבער די גאסען פון שטעדטעל מיט ארויפגעדרעהטע וואנסלעך, מיט'ן שטעקעלע אין די האנד, און די

קליינע אויגעלעך האבען אין זיין מאגער בלייך פנים געפינקעלט און ארומגעלאפען ווי צוויי מייזלעך. און א שמייכעלע האט זיך איהם גע־וויזען אויף די מאגערע ליפעלעך. און ליבעל האט געוואונקען מיט איין אויג צו די פערבייגעהענדע:

— נו, וואס זאגט איהר יעצט, הע? אז איך האב געזאגט, אז ליבעל וועט זיך אברעכענען — וועט ער זיך אברעכענען. הע?

נור די ווינשטיינס האבען אויך ניט געשוויעגען. דער אלטער ווינשטיין מיט'ן זוהן זיינען אוועק קיין ווארשוי אין דער „פאלאטע" אריין, צו א גרויסען אדוואקאט, און האבען געגעבען אויך א ציה אן אן עסק מיט פאפיערען, מיט עדות, — און אין א פאאר וואכען ארום האט מען ליבעל'ן געגעבען א רוף צום סלעדאוואטעל, און געהייסען זיך ווייזען די פאפיערען פון דער ירושה, דעם אלטען'ס צוואה, די ווייב'ס כתובה, און ליבעל איז געוואהר געווארען, אז ער שטעהט אין א קרימינעלען פראצעס, ער מיט זיין ווייב, אז זיי האבען געפעל־שעוועט די צוואה פון'ם אלטען מלוה, זיין ווייב'ס ערשטען מאן, ארויס־גענארט פון איהם א פאפיער, פאר'ן טויט, ווען דער אלטער האט שוין ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהם, און די אמת'ע צוואה דעם אלטענ'ס איז געווען אז אנדערע. אין איהר איז בפירוש געשטאנען איינגעשריעבען, אז דער אלטער מלוה לאזט איבער זיין גאנץ פערמע־גען צו זיין שוועסטער'ס זוהן ווינשטיין'ען, און ליבעל האט גענומען די צוואה, וואס איז געלעגען איינגעשלאסען אין שופלאר, און עס בע־האלטען, פערניכטעט, פערברענט — און אויף דעם האבען עדות גע־זאגט עדות, און פאפיערען האבען עס געצייגט.

איז ווידער שוין ארומגעגאנגען דער זייגערמאכער ווינשטיין מיט זיין זוהן אין די גאסען פון שטעדטעל מיט פרעהליכע פנים'ער און געריבען זיך די הענד פאר שמחה און דערצעהלט:

— ער וועט דאך ביי מיר אוועקגעהן אין קייטען. אין קייטען וועט ער ביי מיר אוועקגעהן.

האט ליבעל געקלעהרט צו פערקאכען א קאשע, פון וועלכע די וועלט זאל קלינגען, צו בעגראבען ווינשטיין'ען מיט זיין זוהן מיט'ן נאטשאלניק צוזאמען. ליבעל האט שוין פאר גאר ניט מורא געהאט. ליבעל איז שוין געווארען א צוקאכטער, ער איז אוועק ווידער נאך ווארשוי, אין דער פאלאטע, און האט צוגעשטעלט א פאפיער, אז צום

פאראיאהריגען פריזיוו האט זיך וויינשטיין'ס זיהנדעל געמאכט א לאם פיסעל. דער נאטשאלניק האט איהם בעפרייט פון סאלדאטען, און א טאג נאכ'ן פריזיוו איז וויינשטיין'ס זוהן'ס פיסעל געזונד געווארען. על כן וויל ער, ליבעל, וויסען (אזוי שרייבט ער צו ענדע פון זיין פאפיער) וויפיעל דער נאטשאלניק פון גאראד ק.... האט גענומען אט פאר דעם געמאכטען לאמען פיסעל צו בעפרייען פון סאלדאטען.

איז אראפגעקומען א גאנצע קאמיסיע אין שטעדטעל אריין, און מען האט געשלעפט אידען מיט בערד, פאטערס פון קינדער צוריק צום פריזיוו. און לייבעל'ן אליין האט מען אויך צוריק געשלעפט צום פריזיוו, און ער איז שיער א האאר אליין ניט אריינגעפאלען אין סאלדאטען. נור עס האט איהם אבגעהאלטען זיין מאגערער קערפער — און וואס ער האט אונטערגעשמירט וואו מען האט בעדארפט בעפאר עס איז געקומען דערצו.

אין צוויי יאהר ארום האט זיך לייבעל ארומגעקוקט, אז די פראצעסען מיט די פאפיערען, מיט די עדות האבען איהם זיין גאנץ פערמעגען אפגעקאסט. די גאנצע צעהן טויזענד רובעל, מיט די וועקסלען, מיט די הויז, מיט די משכנות זיינען אוועק ווי אין רויך אין די פראצעסען, און לייבעל איז איבערגעבליעבען אן ארימאן אהן פרנסה אויף מארגען. אהן וואלענע זאקען אויף ווינטער, נישט קיין בעזארגטער, נור ווי יעדער איד פון דער שטעדטעל, וואס ווייס ניט וואס מארגען וועט זיין.

נור צייט ער האט פערלארען די צעהן טויזענד רובעל און די זיכערקייט אין דעם מארגענדיגען טאג, האט זיך לייבעל עפעס ווי געאנדערשט. מענשען האבען בעמערקט, אז ווען לייבעל קומט ארויס אין גאס, ווארט ער נישט, ביז מען וועט איהם זאגען צוערשט „גוט מארגען“, און לייגט זיך ניט איבער, אויב עס שטעהט איהם אן אבצוענטפערען אויף גלאט אזוי א גוט מארגען, וואס קומט פון א ליאדען אידען, נור לייבעל, היינט אז ער טרעפט אן עלטערען מענשען זאגט ער צוערשט גוט מארגען. און נאך א זאך: לייבעל האט אנגעהויבען צו דערקענען מענשען, אמאל האט לייבעל ניט דערקענט קיין מענשען. דאכט זיך א גוטער בעקאנטער, אן אלטער שכן, וואס איז אין איינעם מיט לייבעל'ן געגאנגען אין חדר אריין, געשפיעלט זיך — לייבעל דערקענט נישט. עפעס דאכט זיך איהם אז ער האט דעם מענשען געזעהן נור ער

נעדענקט נישט ווען און וואו. לייבעל האט קיינמאל ניט געדענקט קיין נאמען. חיים'ען פלעגט ער רופען משה. משה'ן — חיים. איהם האט זיך געדאכט, אז א נאמען טראגט נור ער אליין, „לייבעל". און ווי קומט א פראסטער חי וקים צו א נאמען? וואס איז פאר אן אונ־טערשיעד מיט וואס פאר א נאמען מען רופט איהם. איצט האט ליי־בעל שוין דערקענט מענשען. לייבעל האט שוין אנגערופען מענשען מיט זייערע ריכטיגע נעמען. משה'ן — משה, און חיים'ן — חיים.

לייבעל איז בעסער געווארען צו דער מאמען. די מאמע האט מורא געהאט צו זאגען דאס ווארט „קלומפער" צייט ער האט אנגעשריען אויף איהר, און האט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז עס איז יא א חלוק צווישען א טעלעפאן און א קלומפער. דער מאמען איז אבער שווער אנגעקומען צו זאגען דאס ווארט טעלעפאן. זי האט לייכטער געקענט זאגען דאס ווערט קלומפער. און מורא האט זי געהאט צו זאגען דאס ווערט, און בעדארפען האט זי עס בעדארפט זאגען, ווייל אין אלעם איז דאך שולדיג געווען דער קלומפער — דער טעלעפאן — און יעצט האט זי געוואגט צו זאגען.

— ווען ניט דער פארשאלטענער טעלע־קלומפער — האט די מאמע ארויסגעזאגט — וואס מען האט אין שטוב אריינגעשטעלט, וואלט מען דאך דיר פון שלאף ניט אויפגעוועקט — וואלסטו דאך צום נאטשאלניק נישט געגאנגען קלאגען זיך — וואלט דאך צו די גאנצע צרה ניט גע־קומען — האסטו א קלומפער.

אן אנדערס מאל וואלט די מאמע שוין געווען געזאגט טע־לע־פאן נישט קלומפער, ווען זי וואלט געזאגט „וואס איז דער חילוק", וואלט לייבעל זיך צוקאכט — עס איז יא א חילוק פון טעלעפאן צו קלומפער. א טעלעפאן איז א טע־לע־פאן און א קלומפער איז א קלומפער, איז א חילוק אדער נישט קיין חילוק? און די מאמע וואלט געמוזט נאכגעבען: עס איז יא א חילוק. דאס מאל האט לייבעל גאר נישט געזאגט, און פער־קעהרט, לייבעל האט די מאמע'ן נאכגעזאגט „קלומפער".

לייבעל איז אפילו בעסער געווארען צו דער ווייב. אז ער איז אהיים געקומען, האט לייבעל אוועקגעשטעלט דאס שטעקעלע אויף זיין ארט, און געדענקט וואו ער האט עס אוועקגעשטעלט, און קוים האט ער עס ניט געפונען אויף זיין ארט, האט ער ניט געפרעגט ווי אמאל מיט'ן טאן, ווי עס וועלט געשעהן א קרימינעל פערברעכען: „ווער האט

מיר אוועקגעשטעלט דאס שטעקעלע?" נור געפרעגט: „באשע האסט ניט געזעהן דאס שטעקעלע?" דאכט זיך, דאס שטעקעלע איז געשטא־נען"... און לייבעל איז זיך געגאנגען זוכען אליין דאס שטעקעלע.

לייבעל איז אפילו געזינטער געווארען, אז ער האט פערלארען די צעהן טויזענד רובעל. עפעס קלאגט ער זיך ניט מעהר אויפ'ן בויך — און טהוט איהם דער בויך וועה, קאכט זיך שוין ניט אזוי די שטוב מיט ווארימע פלעשער, מיט דאקטאר סאנאטאריום'ס פילען, לייבעל בעהאלט עס פאר זיך, און אז לייבעל צודראפעט דעם נאז, ווייס עס שוין קיינער ניט, נור לייבעל...

לייבעל האט אפילו פערגעסען זיין קענען און געבילדעטקייט מעהר פון דער גאנצער וועלט — וואס ער איז דערגאנגען מיט זיין אייגענעם שכל, און האט אנגעהויבען צו גלויבען, אז עס זיינען דא געבילדעטערע מענשען אויף דער וועלט, ווי ער, און איז שוין באלד דערגאנגען צו דעם, אז כאטש ער קען עסען לעבערלאך און משה רבינו קען שוין ניט עסען קיין לעבערלאך, איז דאך משה רבינו גרעסער פאר איהם...

און אז לייבעל איז ארויסגעקומען אויף דער גאס, האט ער שוין ניט געפראוווט מאכען א פערגלייך צווישען זיך און די אנדערע אידען פון שטעדטעל. און טאמער האט איהם זיין פילאזאפישע אונרוהיגקייט געשטופט צו דעם געדאנק, האט ער שוין ניט געפונען אזא גרויסען חילוק צווישען זיך און די אנדערע אידען פון שטעדטעל, אז ער איז לייבעל דער פערזארגטער מיט פרנסה, וואס קיין זאך קען איהם ניט געשעהן — און די אנדערע זיינען נידריגע ארימע ברואים, איז ווי קומען זיי צו איהם. ער האט שוין איינגעזעהן, אז אלע זיינען ארימע אידען, וואס ווייסען ניט וואס מארגען וועט זיין, פון וואנען מען וועט דעם מארגעדיגען טאג איבערלעבען. אלע זיינען מענשען, וואס מען ווייס ניט וואס הינטער דיר שטעהט. דאכט זיך אט ערשט וואס גע־ווען א גליקליכער מענש, א רוהיגער, א בעזארגטער, אנגעשטאפט מיט געלד, און א זיכערע פרנסה דאס גאנצע לעבען, האט זיך געמאכט א קלומפער (ער האט שוין יעצט אליין געזאגט קלומפער ניט קיין טעלע־פאן). אנגעקלונגען אין קלומפער, פון שלאף אויפגעוועקט, איז ער צום נאטשאלניק געגאנגען — און שוין. קען מען ווייסען וואס מיט'ן מענשען קען פאסירען — האט זיך לייבעל געטראכט און געזאגט צו זיך אליין, און פילאזאפירט: אט דאס איז דער מענש!

לייבעל האט קיין מאל נישט געקלעהרט וועגען אן אנדערען נור וועגען זיך. אבער לייבעל איז בעזארגט, אבער לייבעל'ן קען גאר ניט געשעהן.. אבער לייבעל האט געגוג כבוד און געלד, און אז מען האט לייבל'ען בעליידיגט, און אז מען וויל לייבל'ען שלעכטס טהאן, נור צייט לייבעל האט פארלארען די צעהן טויזענד רובעל — האט לייבעל אויך אנגעהויבען צו קלעהרען וועגען ווייב, וועגען מאמע. פון וואנען וועט ער נעהמען פרנסה פאר זיי? קיין מלאכה האט ער ניט געלערענט. און ווען אפילו יא—וועט ער לייבעל זיך אוועקשטעלען ארבייטען דא אין שטעדטעל, אדער האנדלען, זיך א קרעמעל עפענען, און א קונה שלעפען אין געוועלב אריין, פאסט עס פאר איהם, פאר לייבעל'ן? ער איז געלעגען גאנצע נעכט און געקלעהרט וואו נעהמט מען פרנסה. פערשיעדענע געדאנקען זיינען איהם אויפ'ן קאפ געקומען. ביז ער האט זיך דערמאהנט אן ברודער, אן העניך'ען, וועמען ער האט ארויס־געהאלפען מיט הוצאות קיין אמעריקא און ער האט שוין אהין אראפ־גענומען די ווייב מיט די קינדער, און לייבעל האט זיך דערמאהנט אן די אלע שוסטער יונגען, אן שניידער געזעלען, אן אידען בעלי מלאכות, וועלכע זיינען אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא, און האבען דארט אהין גענומען די ווייבער מיט די קינדער, און שיקען פאטאגראפיעס מיט גאלדענע קייטען אויף די וועסטען, און טאלערס צו טאטע־מאמע אויף יום טוב, און האט זיך געגעבען א פערגלייך, א שטעל אוועק זיך געגען זיי, און געגעבען א זאג צו זיך: אז משה חיים שוסטער און בעריל שניידער זיינען געווארען גאנצע קנאקערס אין אמעריקא — וואס וועל איך לייבעל שוין טהאן?

אז לייבעל האט זיך אויפגעהויבען אין דער פריה — האט ער אלע־מען געלאזט וויסען, אז ער פאהרט קיין אמעריקא — איך וויל מעהר דא ניט זיין, מיין פוס זאל דא מעהר די שטיינער ניט בעטרעטען. **איך פאהר קיין אמעריקא.**

**די מאמע מיט'ן ווייב האבען זיך אוועקגעשטעלט וויינען איבער איהם:**

— **לייבעל, פון וואנען וועסטו נעהמען כוחות אין אמעריקא** צו ארבייטען, ביזט דאך א שוואכער, אין אמעריקא מוז מען שווער אר־בייטען.

— איך ארבייטען ! — האט לייבעל אויסגעשריען, אז משה־חיים שוסטער און בעריל שניידער זיינען געווארען אין אמעריקא קנאקערס וועל איך ארבייטען ? זיי קענען ארבייטען, אבער נישט איך, לייבעל, איך וועל זיי ווייזען אין אמעריקא, ווער לייבעל איז !

6.

## לייבעל פאהרט אין אמעריקא.

לייבעל האט שוין איבער'ן וועג קיין אמעריקא אנגעשטויסען זיך אויף מענשען וואס האבען ניט געקענט לייבעל'ן און ניט געהערט פון איהם. עס האט איהם שוין פערוואונדערט וואס ‚דער זשאנדארם ביי דער גרענעץ, די דייטשע קאנדוקטארס און די מאטראזען אויף די שיף, האבען לייבעל'ן בעהאנדעלט ווי א פראסטען חי וקיים, גע־שריען, געגעבען שטורכעס, און געהאלטען פערשלאסען אונטער'ן שלאס און צוגעווארפען קארטאפעלס מיט הערינג. נור אפילו אמעריקא — דאס אמעריקא, אין וועלכען יעדער שניידער און יעדער שוסטער ווערט אזא קנאקער, האט לייבעל'ן אויך ניט בעסער בעהאנדעלט, און ניט געהאט פאר איהם קיין מעהר אבשיי. לייבל'ען האט מען פערהאלטען אין עלים איילאנד, בעקוקט איהם פון קאפ ביז די פיס, בעטראכט זיינע הענטלאך — און געשאקעלט אויף איהם מיט'ן קאפ געהייסען זיך אוועקזעצען און ווארטען.

לייבעל האט געווארט, געווארט — ביז דער ברודער העניך איז געקומען. לייבעל האט איהם קוים דערקענט אין דעם קאפעלושעל מיט דעם קורצען רעקעל — און העניך האט לייבל'ען אראבגענומען.

— האסט געהערט, דיין אמעריקא געפעלט מיר ניט. עס גע־פעלט מיר שוין ניט — האט לייבעל געזאגט צום ברודער מיט כעס, ווי עס וואלט ווירקליך דעם ברודער'ס אמעריקא געווען, און דער ברו־דער איז שולדיג. מילא רוסלאנד — יאק רוסלאנד, אבער אמעריקא — וואס די גאנצע וועלט שרייט אמעריקא — נעהמט מען מיך און מען האלט און מען האלט. וואס איז ? ביז דו, העניך — וועסט

מיך, לייבעל'ן אראבנעהמען. — הע, צייטען, אמעריקא — העניך וועט לייבעלן אראבנעהמען — דו קענסט און איך ניט.

— עס איז אזא געזעץ אין אמעריקא, וואס קענסט דו דיר העל־פען — האט איהם דער ברודער איינגעשטילט, זיי מוזען דאך אזוי מאכען. אין אזא גרויסער שטאדט קומט אראב צום ערשטען מאל א גרינער — טאמער וועסטו פערבלאנדזשעט ווערען.

— ווער, איך וועל פערבלאנדזשעט ווערען? און מיינסטו איך האב ניט געזעהען אזעלכע שטעדט ווי אמעריקא? א שפאס! — אז עס קומט אראב א אידעל פון א קליין שטעדטעל, א שניידער'ל, א שוסטער'ל — פערשטעה איך, אבער אז זיי דערזעהן א מענשען ווי איך — וואס א קאפעלושעל האב איך נאך געטראגען אין דער היים, און מיט א נאטשאלניק האב איך אויך געוואוסט ווי צו רע־דען, און אזעלכע שטעדט ווי אמעריקא שוין אויך געזעהען — וואס האלטען זיי? וואס ווארטען זיי?

— זיי ווייסען דען, ווער דו ביזט? פון וואנען זאלען זיי ווי־סען? — פארענטפערט אלץ דער ברודער זיין אמעריקא.

— אז מען קוקט מיך נור אן ווייסט מען שוין ווער איך בין.

— זיי האבען ניט קיין אויגען? עס געפעלט מיר שוין ניט דיין אמע־ריקא.

נור עס איז געווען ניט די איינציגע זאך וואס איז לייבעל'ן ניט געפעלען געווען אין אמעריקא. לייבעל'ן זיינען א סך זאכען אין אמעריקא ניט געפעלען. די ערשטע צוויי טעג איז לייבעל גע־זעסען ביי זיין ברודער אין דער היים, דער ברודער האט קיין צייט ניט געהאט מיט איהם אפילו פיעל צו פערברענגען. העניך האט זיך פריהמארגענס אויפגעכאפט, אבגעדאווענט און געלאפען אין שאפ אריין צו דער ארבייט. לייבעל איז איבערגעבליבען אין דער היים מיט די שוועגערין מיט די קינדער. — האט זיך לייבעל אנגעטהאן דאס קאפעלושעל און איז אראפ אין גאס אריין.

אז לייבעל איז ארויס אין גאס ביי זיך אין שטעדטעל, האבען אלע געוואוסט ווער לייבעל איז. אלע האבען נאכגעקוקט און געטייט אויף איהם מיט די פינגער. דא געהט לייבעל איבער די גאס, מענ־שען לויפען פערביי, איילען זיך, שטופען איהם אהין, שטויסען איהם אהער — און קיינער ווייסט ניט ווער עס געהט. און דערפאר וואס

ליבעל איז געווען פילאזאפיש געשטימט, האט ער זיך געטראכט: וואס וואלט געווען ווען ליבעל פאלט אזוי פלוצים אוועק אין דער גאס, די מענשען וואלטען ווייטער פערביינעלאפען, און וואלט זיך ווער יא אבגעשטעלט קוקען, וואלט קיינער ניט געווען געוואוסט ווער עס איז געפאלען, ווער עס ליעגט דא אין דער בלאטע — א איד איז געפאלען, און דאס איז אלעס. און ליבעל איז דערשראקען געווארען..

שבת האט העניך מיטגענומען דעם ברודער דאווגען אין די קאנגרע־גיישאן אנשי ק. וואס האבען געהאלטען זייערע שבת'דיגע „מיטינגען" אין דעם חתונה זאאל „פאריז" אין וועלכען עס האבען אויך „געמיט" די יאנג מען ק. אסאסיאיישאן, דער דאון־טאונער בייז־באלל קלוב, און דריי מאל אין דער וואך האט דער פאריזער טאנץ־מייסטער גע־געבען טאנץ־לעסאנס. אלע סאסייעטים האבען געהאט העגגען אויף די וועגד פון דעם האלל די צייכענס און די סטאטוטען פון זייערע סא־סייעטים, און די „פיקטשורס" פון די געוועזענע און יעצטיגע פרע־זידענטען און וויס־פרעזידענטען, אראבגענומען אין פערשיעדענע פאזעס, און ניט אויסגעשלאסען דעם טאנץ־מייסטער מיט אלע זיינע מעדאלען און „סאווענירס" וואס ער האט געקראגען פאר טאנצען. ארויפגעגאנגען אין דער קאנגרעגיישאן אנשי ק. איז מען דורך דעם סאלון פון טאנץ האל „פאריז". און אז ליבעל האט דערזעהן וואו דער ברודער פיהרט איהם, איז ער געווארען א פערוואונדערטער, נור ליבעל וועט ניט פרעגען, ליבעל וויל זיך ניט וואונדערען, ליבעל ווייסט אז ער איז ניט קיין גרינער, און ער פערשטעהט אז אמעריקא איז אמעריקא. אין דעם טאנץ האלל האט ליבעל ארויסגערופען א גרויסע סענסאציע. די לאנדסלייט האבען דערהערט, אז עס איז גע־קומען צופאהרען א לאנדסמאן, איז אין דעם שבת דאס דאווגען גע־ווארען בעזוכט פון פיעלע לאנדסלייט, וועלכע זיינען געקומען אב־נעהמען א גרוס פון דער היים. ליבעל האט דא געטראפען אלטע בעקאנטע, וועלכע ער האט געמיינט זיי זיינען שוין לענגם טויט און געפינען זיך אויפ'ן בית עולם אין זיין שטעדטעל ק... עס זיינען אויפגעשטאנען צו תחית המתים מענשען, וועלכע ער האט געקענט פון זיין יוגענד, אלטע חדר־חברים, בית־המדרש בחורים, שכנים פון געסעל, וועלכע זיינען פערשוואונדען געווארען און אויסגעמעקט פון זכרון ווי טויטע... און יעצט שטעהן זיי פאר איהם. דאס איז חסקיל

היטעל־מאכער, און דאס איז דער דארפס־געהר און עפשטיין מעקלער, און זרח מקוה־איד — אלע שטעהן זיי פאר איהם.

— און, ווער איז דאס? — פרעגט א איד מיט אן ארומגעשווירען בערדעל, די האר ווי דראטען, מיט שווארצע ברעמען — אויף ליבל'ען.

— דו דערקענסט איהם ניט? — ענטפערט אב א צווייטער, — דו קוק דיך נור, גוט איין אין איהם, וועסט דו איהם שוין דערקענען.

— איי בעטש יו עס איז אט דער, וואס האט חתונה געהאט מיט די רייכע אלמנה פון דעם אלטען מלוה — וואס איז געווען אזא קנא־קער אין שטאדט, אלעמען געבארגט געלד און געבלאזען פון זיך, — ווי האט מען איהם דאס גערופען, וואס אלע האבען פאר איהם מורא געהאט.

— לייבעל — זאגט דער צווייטער.

— יעס, לייבעל — אויב אזוי שלום עליכם ברודער, וואס מאכסט דו? הייסט עס אויך אראבגעקומען צו אונז. זעהסט, בעריל, אלץ קומט קיין אמעריקא — איך האב דיר געזאגט, אז קראשנאוויץ וועט אראבקומען קיין אמעריקא, אלע וועלען זיי קומען, מיט'ן דאזאר, מיט'ן רב — זעהסט זיי קומען.

— ווער איז דאס? — פרעגט לייבעל דעם ברודער.

— דו דערקענסט איהם ניט? — עס איז דאך משה פוהרמאן, דער וואס האט ביים טאטען די פערד געשמיסען. דו געדענקסט איהם ניט?

— יא, משה פוהרמאן. נו שעק הענד, ברודער, מיר זיינען אין אמעריקא. דא איז ווסיא ראוונא — איין טייוועל!

לייבעל איז געבליבען א פערשטיינערטער. — משה פוהרמאן, א יונג, וועלכער האט ניט געוואגט אין דער היים לייבעל'ן צו גריסען, צו לייבעל'ן צוצוגעהן, קלאפט איהם איבער'ן פלייצע און זאגט איהם „דו" און ווסיא ראוונא, איין טייוועל. — נור הענדיך טרייסט איהם און שעפטשעט איהם אין אויער.

— שווייג, לייבעל, עס איז אמעריקא, און משה קען דיר א דזשאב געבען.

לייבעל האט נאך ניט פערשטאנען וואס דער ברודער מיינט, נור לייבעל האט געשוויגען.

באלד האט זיך די טהיר אויפגעעפענט און עס איז אריין א רונדיג אידעל ווי א באלל, מיט א צילינדער הוט און מיט צוויי רויטע רויהע באקען און אן אונטערגאמבע, וואס פערטרעט די שטעל פון א בארד. — ער זעהט נישט קיינעם, ער קען נישט קיינעם, — צוגעלאפען צום מזרח־וואנד, ארויסגעכאפט פון טאש א טלית'ל אזוי גרויס ווי א נאז־טיכעל און ארויפגעלייגט זיך אויפ'ן קארק — מיט'ן בעפעהל: *שמש דאווגען.*

— דאווגען! דער פרעזידענט איז דא.

און באלד איז צוגעלאפען צום עמוד ארון מאיר וועשטרעגער, וואס האט נאך אין דער היים געהאט די שוואכקייט צו שטופען זיך צום ברעטעל, און מען האט איהם קיינמאל ניט צוגעלאזט, און מיט זיין פערשלאפען קול'כעל ארויסגעכריפעט: *יתגדל ויתקדש!*

צום לייענען האט דער פרעזידענט זיך גענומען אלע פעטע עליות. ער האט זיך גענומען דאס אויסהויבען: *שלישי און מפטיר.* לייבל'ען האט מען אליץ גאסט מכבד געווען מיט חמישי; ביי דער תורה האט דער פרעזידענט לייבל'ען אבגעגעבען שלום עליכם, און אז לייבעל האט איהם געקוקט אין די אויגען אריין, איז ער געווארען א פערשטיינערטער: לייבעל האט דערקענט דעם פרעזידענט מאטעל אכלאף.

— אוי, וועה איז מיר, עס איז דאך מאטעל אכלאף, ער האט דאך ביי מיר גע'גנב'עט די וועש פון בוידעם — רופט לייבעל אויס צום ברודער.

— לייבעל שווייג, געדענק אין גאט, אז מאטעל וועט וועלען וועט וועט ער דיר געבען א דזשאב, און אז מאטעל וועט ניט וועלען וועט ער דיר ניט געבען.

— וואס הייסט, מאטעל... ביי מיר ליגען דאך נאך זיין ווייב'ס אוירינגלאך, וועלכע ער האט ביי מיר געלאזען פאר משכנות.

— שווייג, מאטעל איז מיין באס, ביי איהם נעה איך העמדער, און משה פוהרמאן איז דא א פארמאן ביי איהם. נור אין דער היים האט משה געטריבען פערד, געווען א פוהרמאן איבער פערד, דא איז משה א פוהרמאן איבער מענשען, און אז משה וועט וועלען וועט ער דיך איינשפאנען ביי מאטעל אכלאף צו דער ארבייט, און דו וועסט דאנקען גאט, אז משה וועט דיר וועלען איינשפאנען.

— וואס הייסט?

— ער וועט דיר וועלען געבען א דזשאב — זאגט דער ברודער.

נאכ'ן דאווגען האט משה פוהרמאן צוגעפיהרט לייבעל'ן צו מאטעל אכלאף, און ווייזענדיג אויף לייבעל'ן האט משה פוהרמאן געזאגט:

— דער פעטער דערקענט איהם ניט? — דער פרעזידענט אכלאף איז געווען דעם פארמאנס א פעטער.

דער פרעזידענט אכלאף האט זיך גוט איינגעקוקט אין לייבעל'ן און געפינקעלט מיט איין אויגעל, און געזאגט צו זיך מיט רחמנות:

— ניין, איך געדענק ניט.

— דער פעטער דערמאנט זיך ניט, דער וואס האט חתונה גע־האט מיט דער רייכער אלמנה, דעם אלטען מלוה'ס ווייב, וואס האט געהאט געלד שטעהן אויף אלע הייזער אין שטעדטעל, איז א קנא־קער געווען, און א מאכער א גרויסער, און ניט געטארט רעדען צו איהם, און געבלאזען פון זיך, לייבעל האט מען איהם גערופען.

— אט דאס איז לייבעל, דאס איז ער? — האט דער פרעזידענט אכלאף געזאגט מיט פערוואונדערונג.

— יא, פעטער, דאס איז ער.

לייבעל איז געשטאנען, דאס פנים האט איהם געברענט פאר בושה, און ניט געוואוסט וואו די אויגען צו בעהאלטען. צו איהם רעדט מען אזוי, און ווער? מאטעל אכלאף. נאר דער ברודער איז געשטאנען הינטער איהם און געשעפטשעט איהם אין אויער.

— לייבעל ביזט אין אמעריקא.

— אה, דאס ביזטו? האסט מיר דאכט זיך אמאל געלד גע־בארגט אויף מיין ווייב'ס אוירינגלאך. האסטו ניט?

— יא, — האט לייבעל פערשעהמט אבגעענטפערט.

— נו, וואס וועסטו טהאן אין אמעריקא?

— וואס וועט ער טהאן — וואס אלע אידען טהוען, ער וועט העמדער נייהען, — רופט זיך אן העניך פאר לייבעל'ן.

— אויב אזוי, ברענג איהם מארגען צו דער ארבייט. — משה, וועסט איהם געבען א דזשאב — רופט זיך אן דער פרעזידענט אכלאף צו משה פארמאן זיין קאזין. — א גוטען שבת אידען.

און ער לייגט זיך דאס טלית'ל אין קעשענע אריין און געהט ארויס פון האלל.

— וואס, איך וועל העמדער נייהען ביי מאטעל אכלאף? — האט לייבעל זיך צושריען אויפ'ן וועג אהיים פון דער שוהל.

— דו וועסט נייהען ביי אכלאף העמדער און דו וועסט דאנקען גאט אז אכלאף וועט דיר געבען העמדער. אין אמעריקא, ברודער, ביזטו ניט לייבעל.

7.

## לייבעל איז טוידט, — לייבעל לעבט.

פאסען ליכט האבען אריינגעשניטען דורך דעם האלבען צוריסענעם בלאהען פארהאנג אויף דעם ברייטען בעט וואס האט אנגעפילט דאס גאנצע קליינע שטיבעל. דאס ליכט האט געשלאגען אויף לייבעל'ס בלייכען פנים'על, וואס איז געווען פערטרונקען אין קאלדרעס און קישענס, דער מויל האלב אפען און עס האבען זיך ארויסגעוויזען די צוויי פאַדערשטע צייהן פון די ליידיגע קאסטענס, ווי אויסגעהאקטע שויבען אין א פענסטער... און לייבעל'ס אויגען האבען זיך געקנייטשט, געציקט און לייבעל'ס פנים'ל האט געשמייכעלט. לייבלען האט זיך גע'חלום'ט אז ער געפינט זיך אין דער אלטער היים.

אז ער געפינט זיך נאך און דער אלטער היים, און ער איז נאך א לייבעל, געהט אין גאס ביי זיך אין שטעדטעל, אידעלאך גריסען זיך צו איהם אויף די שוועלען פון זייערע געוועלבער, און ער ענטפערט ניט אפ און געהט ווייטער, מיט אמאל אויסגעוואקסען א מעדאל אויף זיין ברוסט מיט אמאל איז ער געווארען א נאטשאלניק. ניין, ער איז געווארען משה פארמאן, און ער איז נאטשאלניק איבער אכלאף'ס שאפ און אט הייסט ער דעם איינזעטצען אויף פיער און צוואנציג שעה, און אן אנדערען הייסט ער איינזעטצען אויף אכט טעג אויף ברויט און וואסער, און פלוצלינג געהט ער צו צו לייבלען, וועלכער זיצט אין א ווינקעל מיט'ן ברודער העניך און נעהט העמדער און לייבעל דער־זעהט ווי לייבעל קומט צו צו איהם הויבט ער אן פלינקער נעהען בייגט איין טיעף דעם קאפ אין העמד און נעהט און נעהט, נור לייבעל איז בייז, און גיט א מאך מיט'ן שטעקעל — וואס טהוסטו דא לייבעל?

וואס שטעהסטו דא? וואס זיצטו? ווי הייסטו? — און ליבעל ווערט א דערשראקענער און קען נישט ענטפערען. און ליבעל הייסט אז מען זאל נעהמען ליבלען און איינזעטצען אויף פיער און צוואנציג שעה אויף ברויט און וואסער, ליבעל וויל זאגען אז ער איז ליבעל — און קען ניט רעדען. און ליבעל וואונדערט זיך, ווי אזוי קען ליבעל איינזעטצען ליבלען? — ליבעל, ליבעל — דער זייגער האט געשלא־גען זיבען, וועקט איהם ווער, — ליבעל דו הערסט ניט — ליבעל!

ליבעל רייסט אויף די אויגען און קוקט זיך ארום מיט פערוואונ־דערונג וואו ער געפינט זיך, דערהערט באשעס שטימע פון דער צווייטער שטוב.

— וואס, ליבעל, דו ווילסט, אז משה'לע פוהרמאן זאל דיר ווידער אבשניידען פון די ווידזשעס, ווילט זיך דיך שוין ווידער פערשפע־טיגען.

די מאמע אבער, וועלכע האט זיך נאך ניט צוגעוואהנט צו רעדען צו ליבעל'ען אין אזא שטרענגען טאן, און זיינע אויגען האבען נאך איהר דערמאנט פון ליבעל'ס אמאליגע גדולה, האט אריינגעשטעקט דעם קאפ פון דער פארהאנג, וואס האט פערשטעלט דאס קיבעל.

— ליבעל, עס איז דאך שוין טאקע שפעט, דו וועסט דאך דערנאך פערדרוס האבען.

און ליבעל האט זיך דערמאהנט, אז עס איז שוין דריי יאהר ווי ער איז אויס ליבעל געווארען און איז געווארען אן אפערייטאר ביי אכלאפ'ען אין שאפ. שוין דריי יאהר ווי ער זיצט און נעהט העמדער, ליבעל נעהט העמדער. געמיינט האט ער, אז אט וועט ער נור א פאר וואכען אבנעהען, ביז ער וועט אביסעל בעקאנט ווערען אין לאנד, אין גאס מיט די מענשען, דערנאך וועט ער זיך שוין ארויסכאפען. ער וועט זיך שוין צו עפעס נעהמען, ער וועט שוין עפעס ווערען — א סיילעסמאן, און אפשר אליין אמאל א שטיקעל מאנופעקטשורער און דערנאך נאך ווייטער. וואס הייסט ער ליבעל וועט זיין לעבען פערפאלען לאזען ביי אכלאפ'ען אין שאפ, נור ליבעל איז ביסלעכווייז אריינגענארט געווארען אין שאפ, די אמביציע האט נאך געחלום'ט, פאנטאזירט — נור ליבעל האט דערווייל רחמנות געקראגען אויפ'ן ווייב און אויף דער מאמא וואס ער האט זיי אליין אין דערהיים געלאזט, ליבעל האט די

פאמיליע אראבגענומען און לייבעל נעהט נאך אלץ העמדער אונ חלום׳ט ביי־נאכט פון׳ם אלטען לייבעל...

נור דער חלום איז באלד אויסגעוועפט געווארען — ווען לייבעל האט דערזעהען דעם גרויען טאג: „אוי וועה איז מיר, עס איז שוין טאקע שפעט״ — האט לייבעל אויסגעשריען און פלינק וואסער געגא־סען איבער׳ן פנים, אנגעטהאן זיך, ניט קיין צייט געהאט צו דאווענען, דאס ווייב האט שוין איהם ניט געלאזט עסען, די מאמא האט רחמנות געהאט.

— לאז איהם אויסטרינקען דאס ביסעלע קאפע, ער האט דען כוח צו ארבייטען. לייבעל אן ארבייטער, וועה צו די יאהרען.

— שוויגער, עס איז איהם קיינער ניט שולדיג, ער האט זיך אלעס אליין אנגעמאכט, אלעס אליין, — האט דאס ווייב אפגעענטפערט.

— אודאי, דער קלומפער, דער פערשאלטענער קלומפער, ווען מ׳וואלט דעם קלומפער אין שטוב ניט געווען אריינגעשטעלט — וואלט דאך צו גאר ניט געקומען.

— שוין ווידער מיט׳ן קלומפער, קלומפערסט שוין ווידער, איך האב שוין געהערט — וואס ווילסטו? דו האסט דיך ניט וואס צו קלאגען דאכט זיך, — וואס ווילסטו?

די מאמא האט דערקענט אין לייבעלס אויגען די פייערלאך, און אויס געוואהנהייט האט זי זיך דערשראקען און געוואלט צוריק כאפען די ווערטער, נאר די שנור איז איהר צו הילף געקומען:

— שוין, שוויגער, איהר מעגט שוין זאגען קלומפער, איהר האט שוין ניט וואס מורא צו האבען, שוין אוים טעלעפאן, אוים לייבעל. — לייבעל איז א ווייסטער אפערייטאר, ביי אבלאף׳ן, און משה פוהרמאן איז זיין באס — עס איז זיך שוין ניטא וואס צו שרעקען.

לייבעל האט זיך נאך געפיהלט שטארק געגען דער מאמא׳ן, אבער געגען דעם ווייב האט ער דא אין אמעריקא זיין גאנצע ממשלה פער־לארען. אביסעל האט זיך לייבעל געפונען שולדיג געגען איהר וואס ער האט א תל געמאכט פון איהר געלד, און אביסעל צוליעב עפעס אנדערש. — זינט באשקע איז אראפגעקומען אהער אין אמעריקא, און האט זיך צוגעהערט און צוגעקוקט ווי איהר שכן׳טע א פעטע רומענישע אידענע בעהאנדעלט איהר מאן, ווי אלע ווייבער בעהאנדלען די מענער אין אמעריקא האט זי זיך באלד אויך אויסגעלערענט אז אין אמעריקא

אין „לײדים פױרסט׳׳, און ליבעל האט ביי איהר די גאנצע גדולה פערלארען. ליבעל האט שוין ניט קאמאנדעוועט, מען האט שוין מיט איהם קאמאנדעוועט. און נישט באשע נור ליבעל האט שוין געמוזט וויסען וואו באשע האט עפעס אין שטוב אוועקגעשטעלט. „ליבעל וואו שטעהט דער בעזים?״, ליבעל האט שוין באשען געמוזט אבגעבען דין וחשבון פון יעדען גראשען וואס ער האט אין גאס אויסגעגעבען. ליבעל האט אליין נישט געוואוסט ווי אזוי עס איז געווארען. מיט אמאל איז ער אויס ליבעל געווארען און באשע איז ליבעל געווארען. און אזוי ווי ליבעל האט אמאל געקענט הערשען אזוי האט ער זיך באלד אויסגעלערענט בעהערשט צו ווערען — ער האט שוין מורא געהאט דאס מויל אויפצועפענען, געכאפט דאס פוטער און ברויט אין טאש און אויסגעשריען א ווארט און איז אראב אין גאס.

נור צייט ליבעל איז אין אמעריקא און געהט ביי אכלאפ׳ן העמדער, האט ער אנגעהויבען צו טראכטען. צו טראכטען האט ער שטענדיג א נייגונג געהאט, נאך פון דער היים. נאר דא, אין אמעריקא, זיצענדיג גאנצע טעג ביי די מאשין נעהענדיג העמדער, האט דער קאפ צייט געהאט צו טראכטען און איבערצוקלעהרען זיין גאנצען לעבען. זיצט ער גאנצע טעג און טראכט: אט דאכט זיך ערשט געווען ליבעל און — שוין אויס. און פאר וואס איז עס אזוי? טראכט ער און טראכט און קען זיך ניט דערטראכטען. ביי אכלאפ׳ן אין שאפ האט זיך געלאזט טראכטען, ווייל דארט האט זיך געפונען גענוג מאטעריאל וואס האט בעשעפטיגט ניט נור בלויז די הענד, נור אויך דעם מוח.

ביי אכלאפ׳ן אין שאפ האט זיך געפונען גאנץ קרושנעוויץ. יעדעס מאל האט זיך בעוויזען א נייער בעל־הבית פון קרושנעוויץ. וואס איז אין דער היים געווען א סוחר, א געשעפטסמאן, א נגיד, א דאַזאַר, אן אנגעזעהנער מענש. אייגציגווייז זיינען זיי ארויפגעקומען, ווי אויפגעטארטע גייסטער צו אכלאפ׳ן אין שאפ און גענעהט העמדער. די גאנצע מזרח־וואנד פון קרושנעוויצער שוהל געפינט זיך שוין ביי אכלאפ׳ן אין שאפ. אט קוקט זיך ליבעל ארום, געגענאיבער איהם זעהט ער זיין שונא, דעם זייגער־מאכער וויינשטיין, צוליעב וועלכען דאס גאנצע אונגליק איז געשעהן — ביידע שונאים זיצען יעצט איינ־איינעם און נעהען העמדער. אביסעל ווייטער, דער לעדער־סוחר ביי וועלכען ער האט געהאט שטעהן טויזענד רובעל. ר׳ יחיאל ברכיה,

דאזאר און משה אהרן ציגארמאכער, דער פאליטיקער פון שטאדט. אלע זיינען זיי דא, און איבער זיי איז אויפזעהר משה דער פוהרמאן. די זעלבע האנד וואס האט די פערד אנגעיאגט אין דער היים, די זעלבע האנד יאגט אן די בעלי בתים פון קרושנעוויץ אין אמעריקא צו דער ארבייט. און אזוי ווי די מתים נאכ'ן טויט וואס ליגען אויף איין בית־עולם האבען ניט וואס צו טהאן נור צו דערמאנען זיך אן זייער געוועזענעם לעבען, אזוי דערמאנט זיך קרושנעוויץ, ביי אכלאפ'ן אין שאפ, דאס געוועזענע לעבען פון קרושנעוויץ. יעדער פערוואַרפענער שטיין פון קרושנעוויצער מארק ווערט דא דערמאנט. יעדע געשעהנים פון פערצייטען ווערט דא איבערגע'חזר'ט. און האט מען ניט קיין נייעם, דערמאנט מען זיך אן אלטען.

— דו געדענקסט, לייבעל, ווי דו האסט מיך אמאל מיט'ן שטע־קעלע גערופען צו זיך און געפרעגט מיך וואס איך דרעה זיך אויפ'ן מארק ארום — ווי דו וואלסט מיר פרנסה געוועזן געגעבען? — פרעגט לייבעל'ן מרדכי שוסטער, וועלכער זיצט שוין אויך ביי אכלאפ'ן אין שאפ.

— דו געדענקסט, לייבעל, ווי דו האסט אמאל געטראָפען מיך זיצען מיט מיין ווייב און קינד פאר דער טהיר, און פאר גאר ניט אין דער וועלט ביזטו צוגעקומען צו מיר און דו האסט מיך געגעבען א פרעג, אויב איך האב דיר אנגעגרייט די טויזענד רובעל, וואס איך בין דיר שולדיג, כאטש איך האב דיר געצאהלט צינזען און דו האסט דאס געלד ניט געדארפט, נור גלאט אזוי, עס איז דיר ניט געפעלען, וואס מיין קינד עסט אן איי. זעהסט איבער דיר זיץ איך היינט אין אמעריקא און נעה העמדער ביי אכלאפ'ן. און ווען דו וואלסט מיר דאן ניט פערקויפט דאס הויז מיט דעם לעדער־געשעפט, וואלט איך נאך ביז היינטיגען טאג געווען א סוחר, — זאגט צו איהם דער לעדער־סוחר.

און לייבעל געדענקט אלעס. ער ווייס טאקע, אז עס איז אזוי גע־ווען, און קען ניט פערשטעהן פאַרוואס עס איז אזוי געווען; צי איז ער טאקע אזוי שלעכט געווען. ווי האט ער, לייבעל, געקענט זיין אזוי שלעכט, און פאר וואס האט ער דענסטמאל ניט געוואוסט וואס ער ווייסט היינט.

זינט דער זייגערמאכער וויינשטיין איז אראבגעקומען און איז

אויך אריינגעפאלען צו אכלאף'ן אין שאפ, האבען זיך די לאנדסלייט געוואלט אריינלעגען און מאכען א שלום צווישען זיי. נור ביז איצט איז דאס זיי ניט געלונגען. וויפיעל מען האט ניט אויסגעארבייט מיט זיי אין דער קאנגרעגיישאן אנשי קרושנעוויץ אום יום־כפור, אז זיי זאלען זיך איבערבעטען האט גאר ניט געהאלפען. דער זייגערמאכער וויינשטיין, וועלכער איז געווען א איד אן עקשן, האט געשריען.

— איך זאל זיך איבערבעטען מיט דעם יונג, וואס האט געפאלשע־וועט די צוואה, מיך בערויבט פון מיין ירושה און האט מיר און מיין זוהן אונגליקליך געמאכט?

און לייבעל האט געשריען:

— צוליעב איהם האב איך דאך מיין גאנץ פערמעגען פערלוירען. ער האט דאך גע'מסר'ט, און צוליעב איהם בין איך דאך קיין אמעריקא אראבגעקומען.

נור משה'לע פוהרמאן מאכט צווישען זיי שלום. אז די לאנדס־לייט צורעדען זיך צופיעל פון היימישע ביזנעס, קומט משה'לע אריין און גיט א קלאפ מיט דער האנד:

— קרושנעוויץ, שאט אפ! דא איז אייך ניט קרושנעוויץ. וועט איהר ארבייטען, איז אללרייט, אז ניט נעהמט די ביינער און טראגט אייך אב. — און ער גיט א געה צו לייבעל'ן, און א בעקוק א קופקע העמדער וואס ליגען ביי איהם:

— דאס איז אלעס וואס דו האסט געמאכט היינט? וואס מיינסטו דא ביזטו לייבעל? דא איז דיר ניט קרושנעוויץ! — און גיט איהם א שנייד אב פון טאג, און שפיעלט די זעלבע חתונה אב דעם זייגער־מאכער. בלוטיגען זייביידע.

האבען די לאנדסלייט א נאמען געגעבען דעם פארמאן „לייבעל“.

און אז משה פוהרמאן צולאזט זיך אויף זיין קול און שרייט:

— וויא קרושנעוויץ, איילט זיך צו, איילט זיך צו!

זאגען די לאנדסלייט:

— „לייבעל לייבעלט שוין!“

הערט דאס לייבעל און דערמאנט זיך אן דעם חלום וואס ער האט געהאט, ווי לייבעל איז געקומען צו לייבעל'ן, און לייבעל האט געיאגט

און קאמאנדעוועט איבער לייבעל'ן. און ער הויבט אן צו פערשטעהן דעם חלום.

און טיילמאל ווען לייבעל זיצט אזוי ביי דער ארבייט און ער דערמאנט זיך אן דער אלטער היים, וואס ער איז געווען אין דער אלטער היים, און וואס עס איז געווארען דא פון איהם, רופט ער זיך אב צום ברודער העניך, מיט וועלכען ער האט נאך ליעב געהאט צו פילאזאפירען אין דער היים:

— ווייסטו, העניך, מיר דאכט זיך אז איך בין געשטארבען און ווידער אויפ'ס ניי געבוירען געווארען. דאס לעבען דארט אין קרושנעוויץ איז געווען פון אן אנדערען לייבעל, און יענער לייבעל איז אבגעשטארבען, און דא בין איך ווידער געבוירען געווארען און בין א שניידער, אן אפרייטאר ביי אכלאפ'ן. איך בין נאר שלעכט געבוירען געווארען. און איהר אלע דא, גאנץ קרושנעוויץ, איז אבגעשטארבען און ווידער געבוירען געווארען אין אמעריקא ביי אכלאפ'ן אין שאפ פאר שניידערס, און משה פוהרמאן טרייבט זיי אן.

— ניין, לייבעל, דו ביזט ניט געשטארבען — רופט זיך אב דער ברודער מיט זיין פילאזאפישער איבערלעגונג, און איך בין ניט געשטארבען און גאנץ קרושנעוויץ איז ניט געשטארבען. דער לייבעל האט זיך ניט געענדערט. דארט אין דער היים ביזטו געווען „לייבעל" און דא, איז משה פוהרמאן „לייבעל". וואס איז דער חילוק? דארט איז געווען שלעכט און דא איז שלעכט. וואו „לייבעל" איז, דארט איז ניט גוט.

— וועט טאקע לייבעל קיינמאל ניט שטארבען? איך בין דאך שוין געשטארבען!

— דו, יא, נור לייבעל ניט, לייבעל לעבט אייביג. אין יעדען דור, אין יעדען לעבען לעבט לייבעל. ווייל לייבעל לעבט אין אונז, אין יעדען פון אונז איז דא א שטיקעל לייבעל, ער שטארקט זיך און זעטיגט זיך מיט אונזער בלוט. און מיינסטו, ביי דיר, לייבעל, איז לייבעל שוין טויט? — רעדט אלץ דער ברודער — ווארט נור אביסעל. יעצט ביזטו געשלאגען, דער'הרג'עט. אבער וואלסטו נור אביסעלע פעסטער געשטאנען אויף די פיס אין אמעריקא: ווען דו וואלסט נור אביסעלע

בעסער אב געווען: ווען דו זאלסט האבען צו זאגען איבער משה'ן און ניט משה איבער דיר — וואלסטו געזעהן ווי דער גאנצער „ליבעל" וואלט זיך מיט אמאל אבגעפונען און נאך מיט מעהר שטארקייט און מיט מעהר חוצפה, אז עס וואלט געווען א שרעק פאר דיר.

ליבעל האט נאכגעקלערט און געשוויגען, ווייל ער האט איינגעזעהן, **אז דער ברודער האט געטראפען דעם אמת.**

# די קינדער פון אברהם.

דער שריפטשטעלער וואס וועט קומען נאך מיר, און וועט אמאל בעשרייבען די וויכטיגע געשעהעניש, וועט זי גאנץ אנדערש בע־שרייבען. עס וועלען שימירירען די טייערע שטיינער אין די פרוכת׳ער און די ספרי־תורה קליידלעך, וואס די פרומע פרויען פון טאמקינסוויל האבען דורך די לאנגע ווינטער־נעכט ביי פרומע תהילים פסוקים אויסגענעהט לכבוד דער נייער שוהל, וואס זיי האבען צום ערשטען מאל אין דעם נייעם לאנד אין טאמקינס־וויל אויפגע־שטעלט — ער וועט די געשיכטע ארומוועבען מיט א וועב פון לע־גענדען, מיט א פייכטער לופט פון אלטע פארגאנגענע טעג — און עס וועלען די העלדען פון דער געשיכטע ארויסשיינען צו אונז ווי רי־טער פון א מעשה, וואס טונקען זיך אין דער פערנעבעלטער לופט פון פערגאנגענע טעג. איך, אבער, וואס איך לעב אין די היינטיגע טעג און די וויכטיגע היסטארישע געשעהעניש קומט פאר פאר מיינע אויגען — וועל איך בעשרייבען די מעשה אזוי ווי זי קומט פאר און אזוי ווי איך האב זי געזעהן — און איהר זייט מיר מוחל פאר מיין ניכטערקייט...

אין יאהר נייצעהן הונדערט און זעקס האט פערלאזט א מאן, מיט דעם נאמען מאריטץ זילבערמאן, זיין געבורטס־שטעדטעל אין רוסלאנד, וואו די אידען האבען זעהר פיעל געליטען אין יענער גע־גענד, אין יענע אונרוהיגע טעג, און האט זיך בעזעצט אין דער גרוי־סער שטאדט ניו־יארק. ער, זיין ווייב און זיינע דריי קינדער, וואו ער האט געהאפט צו געפינען אן אברוה פון אלע צרות און יאגעניש און צו לעבען פון דער ארבייט פון זיינע הענד.

אין דער היים, אין שטעדטעל, איז דער מאן געוואהנט געווען צו ארבייטען ביי אן איידעלע מלאכה — ער איז געווען א קאמאשען־מאַ־כער... דא האט ער ניט געפונען קיין ארבייט ביי זיין מלאכה, איז ער געווארען, וואס פיעלע פון זיינע לאנדסלייט ווערען, ווען זיי קומען אין דער מדינה אריין — א פרעסער אין א שאפ. ביי דער מלאכה איז ער אבגעשטאנען א יאהר, איז זי אבער געווען צו שווער פאר איהם, ווארים, ווי שוין געזאגט, איז דער מאן געווען א איידעלער, און אויך ניט געוואהנט געווען אומצוגעהן ביי דער מאשין. מיט דער צייט איז די מלאכה אויך געווען צו שווער פאר איהם: דאס זיין איינגעשפארט א גאנצען טאג אין די פיער איילען פון די געווערק־שטעל און אריינזאפען אין זיך דעם שטויב פון די סחורות ביי וועלכע ער האט געארבייט, — האט ער זיך געקלאגט אמאל אויף זיין הארץ, אמאל אויף זיינע קניען, אמאל אויף זיינע לונגען, אז זיי טוען איהם וועה. איז ער געגאנגען צו א דאקטאר פרעגען א עצה. האט איהם דער דאקטאר גע'עצה'ט, אז ער זאל אוועקווארפען די ארבייט, און עסען גוט, און טרינקען א סך מילך — און געהן פיעל שפאצירען אויף דער לופט. האט ער ניט געקענט אויספיהרען דעם דאקטאר'ס עצה, ווארים ער איז געווען א מאן וואס האט געהאט א ווייב מיט קינדער צו דערנעהרען, איז ער ווייטער געשטאנען ביי דער מאשין און האט אזוי לאנג געארבייט ביז ער איז קראנק געווארען אויף דער קרענק, וואס מיר רופען קאנסאמפשאן — און איז געפאלען אין בעט אריין.

האבען גוטע פריינד רחמנות געקראגען אויף איהם, ווארים זיי האבען איהם געקענט פון דער היים אלס א איידעלען יונגען־מאן, און אויך דא, אין דער פרעמדער שטאדט האט ער אנגעהאלטען זיין פריינדשאפט מיט זיי און איז געווען א „גוט־שטעהענדער" מיטגליעד אין די חברה „ארבייטער רינג". האבען זיי גענומען פאר איהם פאר א הונדערט דאלאר בילעטען צו א טעאטער פארשטעלונג, וואס זיי האבען פערקויפט צווישען זיך, און דאס געלד געגעבען זיין פאמיליע, אז זי זאל זיך דערווייל דערנעהרען, און איהם האט די חברה „ארבייטער־רינג" אוועקגעשיקט אין די ווארימע לענדער, וואו עס האלטען זיך אויף די קראנקע אויף די לונגען, אין א סאניטאריום וואס איז געמאכט געווארען צו דעם צוועק.

אין מאריץ זילבערמאן אבגעווען אין דעם קראנקען־הויז א גע־וויסע צייט, איז איהם בעסער געווארען, און ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט איבערגעלאזט אין דער היים א ווייב מיט קינדער, וואס בעדארפען זיין הילף. אהיים פאהרען אין דער גרויסער שטאדט האט ער מורא געהאט, אז ער זאל ניט ווידער קראנק ווערען, און די דאק־טוירים האבען איהם ניט געראטען. אזוי האט ער געקלעהרט עצות וואס צו טון. האט ער געהערט, אז אין יענער געגענד ווייטער ארויף צו דרום האבען זיך אויפגעעפענט נייע מקומות, זעהר פיעל שווארצע מענשען זיינען דארט פערזאמעלט, וואס גראבען אין דער ערד, און בע־ארבייטען דאס לאנד, און קיינער איז ניטא ווער עס זאל עפענען פאר זיי א געוועלבעל, און ווער עס זאל זיי צושטעלען קליידער און שיך און אנדערע נויטיגע זאכען. און דאס לאנד איז דארט א גו־טעס, זעהר א פעט לאנד, און די זון שיינט דארט שטענדיג, און עס איז זעהר געזונד צו וואהנען אין איהר, און די דאקטוירים האבען איהם אויך גע'עצה'ט, אז ער זאל דארט אהין געהן און בעזעצען זיך אין דעם נייעם לאנד.

קיין געלד האט ער ניט געהאט, און אויך ניט קיין פריינדע — ווער עס זאל איהם העלפען, האט ער זיך געווענדעט צום „מיניסטער" פון שטעדטעל, צו וועלכען דער דאקטאר פון קראנקען־הויז האט איהם מיטגעגעבען א בעפעהלונגס־בריעף. דער „מיניסטער" פון דעם שטעדטעל האט איהם מיטגעגעבען א בריעף צו א „מיניסטער" פון אן אנדער שטעדטעל ביי'ם נאמען טאמקינס־וויל, וואס איז זעהר ווייט אין דרום, און א חברה, וואס איז געגרינדעט צו דעם צוועק האט איהם יעגעבען דאס נויטיגע געלד אויף הוצאות.

האט ער זיך געשלעפט דורך א פאר טעג ביז ער איז אנגעקומען אין שטעדטעל אריין, קיין טאמקינס־וויל.

מיט'ן בלויזען שטעקען איז מארים זילבערמאן אריינגעקומען קיין טאמקינס־וויל, און גאר ניט האט ער געהאט אחוץ דעם בריעף פון איין „מיניסטער" צום אנדערן, אין וועלכען עס איז געשטאנען גע־שריבען אזוי: „א קינד פון אברהם (דאס מיינט מען מארים זילבער־מאן) וואס האט קראנקע לונגען, קומט וואהנען אין טאמקינס־וויל. דורך דעם בעט ער דאס קינד פון קריסטוס (דאס מיינט ער דעם פריסטער פון טאמקינס־וויל) אז דאס קינד פון קריסטוס זאל העלפען

דעם קינד פון אברהם". האט דער „מיניסטער" פון שטעדטעל צונויפ־גערופען די בירגער פון טאמקינס־ווייל דעם נעקסטען זונטאג און גע־האלטען פאר זיי א דרשה און זיי אנגעזאגט פון דער גרויסער זכיה וואס זיי האבען, אז „א קינד פון אברהם" קומט זיך צו בזעצען מיט זיי אין דעם שטעדטעל. און דאס „קינד פון אברהם" האט שוואכע לונגען און דארף זייער הילף, דורך דעם בעדארפען די „קינדער פון קריסטוס" זיין גוט צו איהם, און איהם העלפען מיט אלעם וואס זיי קענען.

טאמקינס־ווייל האט נאך ניט געהאט געזעהען „א קינד פון אברהם" און ניט געוואוסט ווי ער זעהט אויס, — איז טאמקינס־ווייל געקומען און געזעהען, אז „דאס קינד פון אברהם" זעהט אויס ווי א געוועהנליכער מענש, געהט אנגעטון ווי א געוועהנליכער מענש, און טוט און רעדט ווי איינער פון זיי, האבען זיי זיך זעהר געוואונדערט דערויף.

די באנק פון שטעדטעל האט איהם געגעבען דעם נויטיגען קרע־דיט, און א בכבוד'ער תושב פון שטעדטעל האט איהם פערדונגען פאר וויניג געלד א שעהנע וואהנונג און א גרויסע געוועלב אין מיטען מארק פון שטעדטעל, און יעדעס מאהל איז אנ'אנדערע פרומע קריסטין אריינגעקומען נאכפרעגען זיך אויפ'ן „קינד פון אברהם", אויב ער נויטיגט זיך ניט אין עפעס. און אויב „ער איז נור זיכער, אז ער נויטיגט זיך ניט אין עפעס". און בעליבתים פון שטעדטעל האבען אריינגעשיקט צום „קינד פון אברהם", וועד א טיש, און וועד א בעט, און איינער האט איהם גלאט אזוי בעזארגט מיט א פוהר שטרוי — כאטש מאריץ זילבערמאן האט ניט געוואוסט וואס דערמיט צו טון.

מאריטץ זילבערמאן איז אוועק אין דער נאהענטער גרויסער שטאדט, און האט בעקומען די נויטיגע סחורות, וואס ער האט בע־דארפט פאר זיין געוועלבעל. אין דעם טאג פון די ערעפענונג פון דעם געוועלבעל איז מאריטץ זילבערמאן איבערראשט געווארען מיט א בענד מוזיק וואס די פייער־לעשער האבען אבגעשפיעלט פאר זיין געוועלבעל, פאר זיין כבוד וועגען און ביג בילי, א הויכער דיקער גוי, וואס מען האט געקענט אויסשניידען „צעהן קינדער פון אברהם" פון איהם, אנגעטון אין דער בלעד פון שעריף, האט צונויפגעזאמעלט א האלב שטעדטעל פאר זילבערמאן'ס געוועלבעל, הינטער זיי זיינען געווען פיעל שווארצע, מיט זייערע ווייבער און קינדער. און ביג בילי

האָט זיך געשטעלט אויף די שוועל פון געוועלבעל און גענומען דאָס „קינד פון אברהם“ אין זיינע אָרימס אַריין, און אַזוי געזאָגט צו די שוואַרצע איינוואוינער פון שטעדטעל:

„...דער איד איז געקומען מיט אונז וואוינען, אַז דער איד איז געקומען נאָך טאַמקינס־וויל איז אַ גוטער סימן, וועט טאַמקינס־וויל אויסוואַקסען און גרעסער ווערען און ווערען אַ גרויסע, גרויסע שטאָדט. ווארום אומעטום וואו דער איד קומט — דאָרט ווערט דאָס אָרט מזל׳־דיג. דער איד איז מזל׳דיג. דורך דעם זאָלט איהר היטען דעם אידען. ווי אייער אויג אין קאָפּ. איהר זאָלט איהם אַבהיטען פון יעדעם שלעכט איהם בעשיצען און ניט אַפּנאַרען. ווארים וועה וועט זיין צו דעם וואָס וועט דעם אידען עפּעס שלעכטס טון... האָט ביג בילי געוויזען מיט זיין אייזערנער פויסט — ער וועט האָבען מיט מיר צו טון. איך נעהם אַכט אויף איהם, פאַר טאַמקינס־וויל וועגען“...

און די בענד מוזיק האָט אַבגעשפּיעלט אַ שטיק, און די שוואַרצע איינוואוינער פון דער שטאָדט מיט זייערע ווייבער און קינדער האָבען געוואָרפען די היט אין דער הויך.

אַזוי האָט טאַמקינס־וויל געפייערט דאָס אַריינציהען פון דעם „קינד פון אברהם“ אין זייער שטאָדט אַריין.

און מאָריטץ זילבערמאַן האָט אַריינגעצויגען אין טאַמקינס־וויל ער, זיין ווייב און זיינע קינדער און אַלעס וואָס האָט בעלאַנגט צו איהם, און ער איז געזעסען מיט די איינוואוינער פון שטאָדט אין שלום, און זיי האָבען איהם גוטס געטון.

זיינען באַלד דערפון געוואָהר געוואָרען אַנדערע „קינדער פון אברהם“, אַז טאַמקינס־וויל איז אַ אָרט פון פרנסה, און זיי האָבען אָנגעהויבען אַריינצוציהען נאָך מאָריץ זילבערמאַן אין טאַמקינס־וויל.

צוערשט האָט ער געהאָלפען אַליין אַריבערנעהמען אַ אייגענעם שוואָגער, געטראַכט: זאָל זיין נאָך אַ איד אין טאַמקינס־וויל. דער שוואָגער האָט אָבער געהאַט אַנ׳אַנדערען שוואָגער, וואָס איז, ווי מאָ־ריץ זילבערמאַן, אויך געוועזען אַביסעל אָנגעריהרט אויף די לונגען, און האָט בעדאַרפט האָבען די וואַרימע לענדער, און נאָך דערצו איז ער געוועזען אַ מומחה אויף שטרויס־פעדערן, ביי וועלכע ער האָט גע־אַרבייט אין דער גרויסער שטאָדט, און אַזוי ווי אָרום טאַמקינס־וויל האָבען זיך אויפגעהאַלטען ביי די פאַרמער שטרויס־פויגלען, האָט ער

געשיקט נאך דעם קראנקען שוואגער. דער קראנקער שוואגער האט שוין אריבערגעבראכט קיין טאמקינס־ווייל א ברודער, און א שוועסטער־קינד, וואס האט געהאט אביסעל געלד און אויסגעקוקט אויף ביזנעס. אט דאס שוועסטער־קינד פון שוואגער, פון מאריץ זילבערמאנס שוואגער, האט זיך אויפגעעפענט טאקע טיר אין טיר ביי זילבערמאן אויך א געוועלב פון רעק, שיך און גאלאנטערי סחורות פאר די שווארצע, און נאך דערצו האט דאס שוועסטער־קינד מיטגעבראכט אנ׳אנדער שוועסטער־קינד, וואס איז געווען נאך א בחור, און האט זיך גע־שדכנ׳ט צום ערשטען שוועסטער־קינד׳ס טאכטער. האט זיך דער בחור פערלעגט א „גראסערי" סטאר, וואס ער האט דורך דעם אוועקגע־נומען א האלבע פרנסה פון מאריץ זילבערמאן.

האט מאריץ זילבערמאן געזעהען ווי מען לאזט זיך קיין טאמ־קינס־ווייל, און מען נעמט איהם אוועק די „שטאדט" פאר זיינע אויגען, האט עס איהם פערדראסען. ער האט זיך געהאלטען פאר׳ן „ערשטען קינד פון אברהם" און טאמקינס־ווייל איז זיין שטאדט, וואס ער האט געבילדעט. איז ער געלאפען צום „מיניסטער" פון שטעדטעל — וועלכען די אידען האבען געהאט שוין בעעהרט מיט דעם נאמען יתרו, (אויף דעם נאמען פון יענעם „פריסטער" פון דער תורה, וואס איז געווען גוט צו אידען) צוליב דעם וועלען מיר איהם אויך אזוי רופען — און געקלאגט זיך אויף די „קינדער פון אברהם", וואס זיינען געקומען מיט זייערע „שאף און רינדער" און האבען איהם „פערטריבען פון די ברונענס וואס ער האט געגראבען" אין טאמקינס־ווייל. האט מי־ניסטער „יתרו" איהם אבגעענטפערט אזוי: „דאס לאנד איז גרויס און ברייט, און עס איז דא פלאץ פאר אייך אלע, שפרייטען זיך דיינע ברידער אויס רעכטס, שפרייט דיך אויס לינקס, און קיין קריעג זאל ניט זיין צווישען אייך".

און עס האבען געזעהען די קינדער פון קריסטוס ווי די „קינ־דער פון אברהם" קריגען זיך צווישען זיך, און איינער רעדט אויס אויפ׳ן אנדערען שלעכטס, איז זייער אנזעהען זעהר געפאלען אין זיי־ערע אויגען.

איז אדורך געגאנגען א שטיקעל צייט, און די „קינדער פון אברהם" האבען שלום געמאכט צווישען זיך, פיעל פון זיי האבען שותפות גע־שלאסען, און „געפיטערט זייערע סטאדעס צוזאמען" און „אנגעטרונ־

קען זייערע שעפסען ביי איין ברונען". און אנדערע האבען גזעהען, אז דאס לאנד איז ברייט און רייך און עס איז דא גענוג רוים אויסצו־שפרייטען זיך פאר אלע פון זיי — האבען זיי אויפגעגעבען זייער פיינדשאפט, און גוט געווארען צווישען זיך. ווארום עס איז אויפגע־גאנגען דער מורמעל פון די קינדער פון טאמקינס־וויל אין זייערע אוי־ערען, אזוי צו זאגען: „די קינדער פון אברהם האבען אריינגעבראכט קריג און צוויסטיגקייטען צווישען אונז".

נאך א שטיקעל צייט, אז דער קריעג האט זיך איינגעשטילט און זיי האבען זיך שוין געהאט איינגעארדענט זייערע הייזער, און אראב־געבראכט זייערע ווייבער און זייערע קינדער, האבען זיי אנגעהויבען צו קלעהרען וועגען א הויז פאר גאט אין טאמקינס־וויל.

אנגעהויבען האט עס זיך אזוי. מאריץ זילבערמאן האט זיך געהאלטען פאר דעם פאטער פון טאמקינס־וויל. נאכדעם, ווי ער האט שלום געמאכט מיט די אנדערע איינוואהנער וואס זיינען געקומען נאך איהם — האט ער אנגעהויבען צו קלעהרען וועגען בעשאפען א אידישע חברה אין טאמקינס־וויל. ער האט צונויפגערופען די „קינדער פון אברהם" אין זיין הויז אריין, און האט גערעדט צו זיי. געוואלט האט ער, אלס אלטער מיטגליעד פון דער חברה „ארבייטער רינג" בעשאפען א צווייג פון דער חברה אין דער שטאדט. האבען די אנדערע ניט גע־וואלט, די אנדערע, וועלכע זיינען געווען מיטעל־יעהריגע אידען, פרומ־מערע פון דער היים, האבען געוואלט האבען א שוהל. האט מאריץ זילבערמאן געזאגט: אז איז א שוהל געהט ער ניט. האבען די אנדערע געזאגט: „אז דו געהסט ניט, דארף מען ניט. וועלען מיר אליין בויען א שוהל". האט מאריץ זילבערמאן געזעהען, אז ער וועט בלייבען אליין, האט ער זיך געפעדערט, און האט אבגעדונגען דעם איינציגען שטאדטס־האל פון טאמקינס־וויל, אין וועלכען עס ווערט געגעבען צוויי מאל א וואך מואווינג־פיקטשורס, און אין וועלכען די פייער־לעשערס האבען זייערע פאראדען יעדען זונטאג, און די י. מ. ק. א. האבען זייערע אונטערנעהמונגען יעדען שבת אבענד — האט ער עס אבגעדונגען פאר א שוהל פאר די קומענדיגע ימים־נוראים. האט דאס שוועסטער־קינד פון שוואגער דאס דערהערט, האט ער זיך געשוואוירען, אז ער געהט ניט דאווענען אין א „ארבייטער רינג" שוהל, און איז אוועק שטילער־הייט אין דער גרויסער שטאדט, וואו עס איז שוין געווען א אידישע

קהלה און געבראכט פון דארט א „רייניגקייט“ און געלאזט זאגן מאריץ זילבערמאן, אז ער קען זיך האלטן דעם האל פון די מאווינג־פיקטשורס פאר זיך אליין, און דאוונען ראש השנה פון „ארבייטער רינג סדור“. איז געווארן א קריגעריי. א האלבער עולם האט גע־האלטן מיט׳ן „ערשטען קינד פון אברהם“ און דער צווייטער האלבער עולם האט געהאלטן מיט׳ן „צווייטען קינד פון אברהם“. איז „יתרו“ דערפון געוואהר געווארן, האט ער ביידע געלאזט רופען צו זיך — און זיי אויסגערעדט, און שלום געמאכט צווישען זיי, און אזוי ווי יעדער בעזונדער פון זיי האט סיי ווי סיי קיין מנין ניט געקענט האָ־בען — האבען זיי ביידע שותפות געמאכט: מאריץ זילבערמאן האט גענעבען דעם האל, דער צווייטער דאס ספר־תורה, און טאמקינס־וויל האט צום ערשטען מאל, זייט די אידען זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים, געהאט א מנין, און זייט גאט האט די לוחות משה׳ן איבער־גענעבען אויפ׳ן בארג סיני — האט טאמקינס־וויל געהערט די תורה לייענען...

„יתרו“ האט דעריבער דעם נעקסטען זונטאג א פרעדיגט אין דער קירכע געהאלטען, און די טאמקינס־ווילער איינוואהנער זיינען ארויס־געקומען פון די הייזער קוקען ווי די אידען געהען אין זייערע צילינדער־היט איבער דעם מארק מיט די טליתים אונטער דעם ארים, און ביג בילי האט זיך אנגעטון דעם שעריף בלעך אויף דער ברוסט און אוועק־געשטעלט זיך פאר דער טיר פון די מאווינג־פיקטשור האל, היטען ווי ביי א גרויסע יום־טוב פייערונג אין טאמקינס־וויל. ער האט אויך געוואלט ברענגען דעם בענד מוזיק פון די פייער־לעשער פאר די טיר פון האל, האבען איהם די אידען דערפון אבגעראטהען און געזאגט, אז עס איז געגען דעם אידישען געזעץ, וואס ביג בילי האט עס ניט געקענט פערשטעהן.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די „קינדער פון אברהם“ האבען זיך זעהר געמעהרט אין טאמקינס־וויל. עס זיינען געקומען צו פאָה־רען ערב יום־טוב קיין טאמקינס־וויל אידען פון פערשידענע שטעדט־לעך און דערפער ארום דער שטאדט, וואס זיינען געקומען קיין טאמ־קינס־וויל און בעזעצט זיך נאך מאריץ זילבערמאן. אין ערשטען טאג ראש־השנה איז אויך אריינגעקומען אנ׳אלטער איינוואהנער פון שטאדט וועלכער האט געזאגט, אז איהם דאכט זיך, אז ער איז א איד.

אז דער פאטער זיינער האט אבגעהיטען די אידישע אמונה, און ער האט זי פערגעסען. נור יעצט ווען אידען זיינען געקומען, און גע־מאכט א מנין האט ער זיך דערמאנט, אז ער איז אויך א איד... און א צווייטער איז אריינגעקומען, וואס קיינער האט איהם ניט געקענט, ווער ער איז און פון וואנען ער איז. ער האט אויסגעזעהען ווי א גוי, א אבגעגאלטער מיט לאנגע וואנסעס, א גראהער שוין, מיט א רויט אב־געברענט געזיכט, אויסגעזעהען ווי די וואס גראבען אין גאלד גריבער אין קאליפארניע, ווי א מענש וואס וואהנט אין א וויסטע, אויף בערג, אין די זון און ווינד, און האט ארויסגענומען א קליין, קליין פער־עלטערט סדור'ל און אריינגעקוקט דערינען שטום, און פערפרעמדט...

ביים לייענען האבען די אידען מנדב געווען אויף א שוהל אין טאמקינס־וויל, איינער האט געוואלט דעם אנדערען איבערשטייגען, און פון דעם ערשטען יאהר האט טאמקינס־וויל שוין געהאט א היבשען אנפאנג אויף א שוהל.

נאך איין מאל האבען די אידען אין טאמקינסוויל געדאווענט אין מואווינג־פיקטשור האל. צום צווייטען יאהר איז ראש־השנה און יום־כפור געווען שוין איינינע מנינים און ביים לייענען איז געפאלען אזוי פיעל נדבות, אז טאמקינס־וויל האט געקענט נאך יום־טוב צוטרעטען צו בויען די שוהל.

א פלאץ אויף דער שוהל האט זיי די שטאדט געוואלט געבען אין איינע פון די שעהנסטע גאסען פון דער שטאדט, געגען־איבער די קירכע. די אידען האבען ניט געוואלט, זיי האבען אביסעל מורא געהאט, כאטש קיינער האט ניט געוואוסט פאר וואס. האבען זיי זיך געבעטען א פלאץ אויף דער שוהל אין א הינטער־געסעל, דארט וואו א פאר אידען האבען געוואהנט. וואו עס האט טאקע זיך בעזעצט דער ערשטער פון די „קינדער פון אברהם" אין טאמקינס־וויל.

און „יתרו" האט געהאלטען א פרעדיגט אין די קירכע נעקסטען זונטאג פאר די קינדער פון טאמקינס־וויל, און ער האט אזוי געזאגט, „ביז איצט האט דאס קינד יעזוס נור אליין געוואהנט אין טאמקינס־וויל, אבער דאס קינד יעזוס האט געבענקט נאך זיינע עלטערן, און ער האט זיך געפיהלט איינזאם, ווייל זיינע עלטערן זיינען ניט געווען מיט איהם. יעצט קומען די עלטערן פון יעזוס, אברהם, יצחק און יעקב

און בעזעצען זיך אין טאמקינס־וויל. דאס קינד יעזוס וועט זיך יעצט פיהלען גליקליך מיט זיינע עלטערן, און טאמקינס־וויל וועט בליהען, און ענטוויקלען זיך". — די פרומע קריסטען־פרויען האבען געוויינט פון מיניסטער'ס ווערטער, און די אלטע פארמערס זיינען ערענסט גע־ווארען. און יעדער האט צוגעבראכט זיין נדבה פאר דער שוהל. ווער א פוהרעל ציגעל, און ווער א טינטעל צעמענט, און ווער א באלקען האלץ, און ווער א קעסטעל נעגעל. ביים לייגען דעם גרינדונגס־שטיין פון דער שוהל, איז טאמקינס־וויל געקומען מיט'ן „יתרו'ן" בראש, און צוגעלעגט א האנד, „העלפענדיג בויען דאס הויז פון אברהם, יצחק און יעקב" אין טאמקינס־וויל. און ביג בילי האט דאס מאל ניט גע־קוקט אויף קיין זאך, ארויסגעפיהרט דעם בענד מוזיק פון די פייער־לעשער'ס, פון מואווינג־פיקטשורס האל, און געבראכט זיי צו דעם ארט וואו מען בויט די שוהל, און דערנאך ווי „יתרו" האט געהאלטען זיין רעדע ביי'ם לעגען דעם שטיין, אין וועלכער ער האט נאך אמאל דער־מאנט וועגען די „קינדער פון אברהם" האט ביג בילי מיט דער שעריף־בלעך אויף דער ברוסט געגעבען א וואונק צו דער מוזיק. די מוזיק האט אבגעשפיעלט א שטיק, און די שווארצע איינוואהנער פון טאמ־קינס־וויל האבען געווארפען די היט אין דער הויך.

אין דעם זעלבען אבענד, ווען מען האט געלייגט דעם שטיין פון דער שוהל, זיינען זיך צונויפגעקומען די אידישע איינוואהנער ביים „ערשטען קינד פון אברהם", ביי מארים זילבערמאן. אלע שונאים האַ־בען שלום געשלאסען ביי דעם גרויסען יום־טוב און אלע האבען אב־געגעבען כבוד צו דעם ערשטען איינוואהנער פון טאמקינס־וויל. מאַ־רים'עס ווייב האט דערלאנגט אויפ'ן טיש ווישניאק, וואס זי האט אליין אנגעשטעלט פון קארשען, איינגעמאכטס, און עפעל, און אנדערע פרויען פון טאמקינס־וויל האבען געבראכט „פעקעדזשעס" לעקעך און ניס און ראזשינקעס. די „קינדער פון אברהם" זיינען אלע ארום גע־זעסען ארום דעם גרויסען טיש אין פארלאר־רום. אין אייזערנעם אויווען האט זיך געפלאקערט א פייער, צו מאכען אין שטוב ווארים, — ווא־רום אין דרויסען איז געווען קאלט. עס זיינען געקומען די „קינדער פון אברהם" פון אלע עקען פון דער וועלט און זיינען געווען פערזא־מעלט אט דא ארום דעם טיש. דער שוחט און דער מלמד פאר די קינדער, וואס זיי האבען אראבגעבראכט קיין טאמקינס־וויל, איז גע־

ווען א אידעל מיט א רונדיג בייכעל און צוויי רונדיגע פולע באקען, אין וואס עס האט זיך אנגעזעהען, אז די ווייבער פון טאמקינס־וויל, ביי וועלכע ער עסט קעסט, נעמען זעהר גוט אכט אויף איהם און גיבען איהם אוועק אלע לעבערלער, און פעטע גריווענס — פון וועלכע דער שוחט איז א גרויסער ליעבהאבער. דער שוחט האט אבגעזונגען א שטיקעל מיט א נגון פון אידישען טעאטער, פון וועלכע די ווייבער פון טאמקינס־וויל האבען געלעקט די פינגער. נאכ׳ן שוחט׳ס געזאנג האבען אידען גערעדט וועגען דער שוהל, און וועגען דער אלטער היים פון וועלכע זיי קומען. דעם שוואגער׳ס שוועסטער־קינד איז געקור־מען פון רומעניען — האט ער דערצעהלט פון רומעניען, ווי אזוי ער איז געקומען נאך אמעריקא. אנ׳אנדערער איד, וואס האט געהאט א „סופליי" פאר אויטאמאבילען — איז געקומען פון פוילען. האט ער דערצעהלט פון די גוים פון זיין שטעדטעל — ווי אזוי זיי האבען איהם ארויסגעזעצט, איהם מיט זיין ווייב און קינדער אין מיטען דער נאכט פון דער ווינד־מיהל, וועלכע ער האט געהאלטען ביי א פריץ אין א דארף, און זיי האבען איהם אוועקגעזעצט אין מיטען וועג, אין א קאלטע ווינטער־נאכט, האלב נאקעט, און מארים זילבערמאן, דער בעל־הבית פון שטוב, וועלכער איז געקומען פון רוסלאנד — האט דער־מאנט דאס ווארט „קישינעוו", זיינען אלע שטיל געווארען...

האט זיך דערנאך ווער אנגערופען, דאכט זיך דער שוחט, וואס איז געקומען פון גאליציע:

— און מיר אלע, פון פערשידענע מקומות, זיינען מיר דא, אין א ווייט, ווייט ארט, וואס מיר האבען קיינמאל ניט געהערט דעם נאמען ד׳ערפון — און מיר בויען צום ערשטען מאל א שוהל פאר גאט פון אברהם — איז עס ניט גאט׳ס א זאך?

האט א אידענע אבגעענטפערט מיט א קרעכץ:

— הלואי אויף לאנגע יאהרען און פאר קינדס־קינדער, טאטע אין הימעל.

זיינען אלע שטיל געבליבען און זיך פערטראכט...

# די וועלט האט איהריגע אויסגעפיהרט.

די וועלט האט זיך ניט געקענט ערוואַרטען ביז שיינדעלע וועט אַלט ווערען זעכצעהן יאהר און האבען גענוג כוחות צו ארבייטען. די וועלט האט דוקא פערלאַנגט, אז שיינדעלע זאל שוין היינט מיט איהרע ארימע צוועלף יאהר געהן ארבייטען. די וועלט האט זיך זעהר גע־נויטיגט אין איהרע הענד — און אהן ארבייט האט איהר די וועלט ניט געוואלט געבען צו עסען.

ארבייטען האט אייגענטליך שיינדעלע שוין געארבייט פון פיער־פינף יאהר אן פון איהר לעבען. נאך אלס קינד, האט זי די מאמען געהאָלפען אין בעל־בתישקייט. די מאמע האט געהאט זעקס קינ־דערלעך און שיינדעלע איז געווען דאס עלטסטע מיידעל אין שטוב, האבען אלע, דער טאטע, די מאמע, די שכנים אפגעוואַרט שיינדעלע'ס וואקסען, געצעהלט איהרע טעג, איהרע יאהרען, ווען זי וועט שוין אויפוואקסען, די מאמע'ן קענען העלפען. אלע האבען זי געמאָהנט, געפאָדערט איהר עלטער:

— ביזט דאך שוין אן ערוואַקסענע מיידעל, שיינדעלע? אזא מיידעל ווי דו דאַרף שוין די מאמע'ן צוהעלפען — האט איהר א מוהמע אמאל מוסר געזאגט, ווען זי איז צוגאַסט געקומען.

— א מויד פון זעקס יאהר קען ניט העלפען די מאמע'ן דאס געפעס וואשען, נור ארומלויפען און שפילען זיך מיט קינדער? — האט א גוטע שכנ'טע אריינגעוואַרפען א ווארט, ווען זי האט געזעהען ווי די אידענע פלאַגט זיך און קען זיך קיין עצה ניט געבען.

נור שיינדעלע האט געהאָלפען. אליין נאך א קינד געווען, האט זי געהאָלפען די מאמע די קינדער ערציהען. נאכגעטון אלצדינג וואס די מאמע האט געטון. געטראָגען אויף די הענד דאס קליינע, גע־שטופט דעם קערידזש, געזונגען און ניט איינמאל האט זיך געטראפען,

אז שיינדעלע איז געווען מיט'ן קליינעם קינד — און דאס קליינט־שינקע האט זיך ניט געוואלט איינשטילען — האט געשריען, געשריען. און שיינדעלע האט זיך ניט געקענט קיין עצה געבען. די מאמע איז געווען פערנומען מיט אנדערע קינדער, האט זי מורא געהאט ארייג־צוקומען אין שטוב צו דער מאמע מיט'ן שרייענדיגען קינד — האט זי אבגעטון דער מאמען און דאס קינד אבגענארט, געשטופט זיין קליין נאקעט קעפעלע צו איהר ברוסט...

ווארים דעם טאטען'ס איינציגע פערגעניגען אין לעבען איז געווען צו האבען קינדער... ער האט אבגעגעבען דער וועלט אלצדינג וואס ער האט פערמאגט — זיין צייט. געארבייט גאנצע טעג, אריינגעכאפט דאס עסען — ווי א באלמיטשעבטס, א היים געקומען שפעט אין אבענד א מיעדער און געפאלען אין בעט. קיין אנדער פערגעניגען אין לעבען האט ער ניט געהאט א חוץ קינדער צו האבען. האט ער געהאט קינ־דער אויף דער וועלט'ס חשבון. שיינדעלע'ס מאמע האט געטראגען פרוכט ווי א גוטער געזונטער בוים. יעדעס יאהר זיין פרוכט. איינס ביי דער הארץ, איינס ביי דער ברוסט און איינס — אין בליק... און שיינדעלע איז געוואקסען פאר מענשענס אויגען, האט מען זי געיאגט פון קינד־האלטען צום געפעס וואשען, די בעטען מאכען, די שטובען אויסרייניגען — אזוי איז שיינדעלע אריינגעוואקסען אין די ארבייט.

דערנאך איז געקומען דאס אומגליק פון דער סקוהל. שיינדעלע האט געמוזט געהן אין סקוהל. און אונגליק א גרויסער איז דאס גע־ווען פאר דער מאמען — און נאך מעהר פאר שיינדעלע'ן. מען נעהמט צו א ניצליכען מענשען, וואס העלפט דער מאמען צו ברענגען מענ־שען אויף דער וועלט און מען זעצט איהם אוועק אין א סקוהל אריין אויף א גאנצען האלבען טאג צו בעלמוטשען מיט אנדערע קינדער אין א. ב. ס. די מאמע האט געשאלטען די סקוהל, און שיינדעלע, כאטש זי האט מיט יעדען טאג ליעבער בעקומען די סקוהל און די טיטשערינס — האט אבער רחמנות געהאט אויף די מאמען און ניט געקענט איינזיצען אין סקוהל. נור דערפאר אבער האט שיינדעלע אב־געטאן דעם אנדערען האלבען טאג ארבייט פאר'ן ערשטען האלבען טאג סקוהל. זי האט איהרע לעסאנס געמאכט קוקענדיג אין ביכעל אריין און וואשענדיג דאס געפעס. מיט'ן קינד אויפ'ן האנד האט זי איהר שרייב־ארבייט געטאן, און מיט לאנגפעלאו'ס „פאעטרי", וואס זי

האט זיך נעלערענט פון אויסווענינ, האט זי איינגעוויעגט דאס קליינ־טשינקע...

נור די וועלט האט זיך ניט בענוגענט מיט שיינדעלע׳ס ארבייט פאר דער מענשהייט. וואס זי העלפט ברענגען די מאמען פינף קינדער פאר דער וועלט. די וועלט האט פערלאנגט פון שיינדעלע׳ן מעהר פראדוקטיווע ארבייט. הארשייטלען פלעכטען פאר דאלס פאר די רייכע קינדער, טראלדען קניפען פאר פרענזלען צו בעפוצען רייכע מאנטלען, קנעפלעך נעהען און הויזען. אלע, וואס האבען זי געזעהען דער טאטע, די מאמע, די מוהמע פון אפטאון, וואס פלעגט אמאל אין א שבת אבענד אראבקומען געוואהר ווערען, האבען זי געמאהנט, הא־בען געפאדערט פון איהר איהר עלטער:

— אזא גרויסע מויד, ווי דו ביסט, שיינדעלע, קענסטו ניט העל־פען דעם טאטען פערדיענען א לעבען צו מאכען? נור דאס עסט און טוט גאר ניט.

— איך אין איהרע יאהרען האב דאך שוין לאנג פערדינט אויף מיין שטיקעל ברויט — האט די מאמע צוגעלעגט.

— יעצט, אז דו האסט דיין וואקיישאן, וואלסטו דאך טאקע געקענט אהיים ברענגען דריי־פיער טאלער א וואך. קלענערע מייד־לעך פון דיר ארבייטען שוין און פערדיענען שוין — האט די מוהמע געזאגט.

— איך וויל דען ניט? וואס זאל איך טון, אז די טיטשערין וויל מיר קיין „פערמיט" ניט ארויסגעבען? — האט זיך שיינדעלע פער־ענטפערט א שולדיגע.

— אט האסטו אמעריקא! קומט צוגעהן א טיטשערין און זאגט מיר וואס איך זאל טון מיט מיין קינד! זי האט געהאט דאס קינד? זי האט עס געטראגען, געזויגען — וואס זי זאגט מיר א דעה?

— פארוואס גיט דיר די טיטשערין ניט די דריי־פיער טאלער א וואך, אז זי איז אזא גוטע און לאזט דיך ניט געהן ארבייטען? — זאגט די מוהמע.

און ווירקליך, די נארישע טיטשערין האט זיך אוועקגעשטעלט נעגען דעם פערלאנג פון דער וועלט און ניט געוואלט געבען שיינ־דעלען קיין „פערמיט", אז מען זאל איהר געבען ארבייט. די טיטשע־רין, וועלכע איז געווען א הומאנישע, ווי אלע אלטע מוידען זיינען

(צו וועמעס קלאס זי האט געהערט), האט זיך איינגערעדט, אז די וועלט האט ניט קיין רעכט אויף שיינדעלע'ן מיט איהרע ארימע צוועלף יאהר. און די וועלט קען ווארטען אויף שיינדעלע'ס ארבייט ביז זי וועט אונטערוואקסען און ווערען זעכצעהן יאהר — אבער די וועלט וועט זיך קענען אן עצה געבען געגען אלטע מוידען טיטשערינס, וועלכע האבען נוצלאזע הומאנישע הערצער.

שיינדעלע איז ארומגעלאפען פון איין שאפ אין אנדערען. פון איין דאל געוועלב צום אנדערען. אומעטום האט מען געקוקט אויף איהר מיט רחמנות. אומעטום האט מען זיך געוואלט דערבארימען אויף א הונגעריגע קליינע מיידעלע, וואס די נויט טרייבט אודאי צו דער ארבייט — און איהר געבען צו פערדינען. נור אומעטום האט זיך אריינגעמישט דאס נארישע געזעץ, וואס פערוועהרט קינדער צו ארבייטען.

— ווי אלט ביזטו, קינד? — האט מען זי געפרעגט.

— צוועלף יאהר — האט שיינדעלע אבגעענטפערט, ווי א שולדיגע, מיט א שוואכע שטימע, איהרע גרינגע יאהרען.

— געהסט נאך אין סקוהל?

— יעס — האט שיינדעלע געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— און א פערמיט פון דער טיטשערין האסטו?

— ניין. אבער איך ביז שוין אן ערוואקסענע מיידעלע — האט זיך שיינדעלע געריסען.

— סארי, איך קען ניט העלפען — האט דער באס אבגעענטפערט מיט בעדויערען, וואס ער קען ניט בענוצען דעם קינד'ס ארבייט.

— איז עס ניט א בארבאריש געזעץ? — האט דער באס דערנאך געזאגט צו זיינע מענשען — מען לאזט די ארימע קינדער ניט מאכען קיין לעבען. אי די ארבייט וואלט ביליגער געווען און אי די קינדער וואלטען פערדינט. שלעכטע מענשען דא אויף דער וועלט — האט דער באס געקרעכצט.

נור די וועלט האט דאך ניט געקענט ווארטען, ביז שיינדעלע וועט אלט ווערען זעכצעהן יאהר. די וועלט האט זיך געגוטיגט אין שיינדעלע'ס הענדטעלעך. און די וועלט האט זיך געגען אזעלכע נארישע געזעצען און אלטע מוידען עצה געגעבען. דורכגעבראכען זיך און איז זיך געגאנגען איהר וועג.

אמאל, אין דער פריה, ליגט שיינדעלע אויפ'ן געלעגער מיט די

אנדערע שוועסטערלעד און קלערט ווי אזוי די וועלט צו העלפען געגען די נארישע געזעצען און אלטע מוידען טיטשערינס מיט הומאנישע הערצער — געקלערט אין איהר קליין קעפעלע, ביז זי האט פלוצלינג דערלאנגט א שפרונג אראב פון מאטראץ, אבגעוואשען זיך און גענומען זיך פערפלעכטען די האר. די צוויי לאנגע צעפ האט זי ארומגעדרעהט ארום דעם קאפ אין א קוילעטש, און אונטער די צעפ האט זי ארונטערגעשטופט האר פון די דאלס, וואס זי האט געארבייט אין גע־היים אין דער היים, ארויפגעווארפען אויף זיך די מאמע'ס אן אלטע קליידעל, גוט אונטערגעשנורעוועט, אז עס זאל איהר פאסען, אונטער דער בלוזקעלע האט זי געטון ווי גרויסע טוען: ארונטערגעשטופט טיכ־לעך, אז איהרע ברוסטען זאלען אויסקוקען ענטוויקעלט — און זי איז אוועק אין א שאפ אריין, וואס זי האט געזעהען אין די אדווערטייז־מענטס אין א צייטונג, אז מען נויטיגט זיך אין מיידלעך.

— ווי אלט ביסטו? — האט זי געפרעגט דער באס.

— אי עס אן אלד גוירל, מעהר פון זעכצעהן.

דער באס האט זיך נים א סך נאכגעפרעגט. ארבייט איז גע־ווען א סך, און שיינדעלע איז געווען אנגעשטעלט פאר פיער דאלאר א וואך.

מיט וויפיעל כח שיינדעלע האט געהאט האט זי אהיים געאיילט אנזאגען די מאמע די גוטע בשורה.

— אנגענומען! — האט שיינדעלע אויסגערופען מיט א פאר־כאפטען אטעם.

די וועלט האט דאך דאס איהריגע אויסגעפיהרט.

# אַ רייזע אין קאַליפאָרניע

## 1

# רייזע־איינדריקע

דאס לעצטע מאל ווען איך האב געזעהן די ניאגרא פאללס, איז די וועלט געשטאנען ארום אין בליהעכץ. די לאנקעס זיינען געווען בע־דעקט מיט א יונגען גרינעם גראז וואס האט געשפראצט מיט פריש־קייט פון דעם וואסער הויך וואס איז אויסגעגאנגען פון וואסער פאלל און בעטויט די געגענד ארום. דאס לעצטע מאל ווען איך האב גע־זעהען די פאללס זיינען די בוימער בעקליידעט געווען מיט א יונגע אויפגעהענדע בליהעכץ, וואס האט אויסגעקוקט ווי קינדישע מענש־ליכע אויגעלעד הייגגען אויף די צווייגען פון די בוימער. עס האט זיך דאן ניט צוגעפאסט דער ווילדער בייזערדיגער שטראם וואס האט זיך געטראגען ווי א גאטס א קללה וואלט איהם געווען פערפאלגט און ערווארפט זיך מיט'ן קאפ אראב אין א טיפען טאל אריין און געהט אויף די וואסער־טוי! יעצט אבער אין דער זאווערוכע, וועלכע טראגט זיך מיט א געשווינדקייט פון זעכצעהן מייל א מינוט; יעצט ווען די זאווערוכע האט ארייגגענומען די וועלט אין איהר מיטען און בעקיהלט זי מיט די ווינדען וואס יאגען זיך פון איהר, בעגראבט זי אונטער די בערגער שניי, וואס יאגען פון איהרע ווינדען, פאסט זיך דא אין דעם ים הקרח, אין דעם געפרוירענעם טייל פון דער וועלט דער ווילדער וואסער פאלל.

ניאגארא פאללס זעהט אויס ווי ער וואלט ניט געווען אין א ישוב, וואו א מינוט גאנג פון איהם שטעהען גרויסע און רייכע הא־טעלען. אין ווינטער זעהט ער אויס ווי ער וואלט זיך געפונען אין עק וועלט אויפ'ן נארד פאל. די וועלט ארום איז געפרוירען און ניט נור בלויז די ערד ארום, נור אויך די לופט איז געפרוירען. פונ'ם פאל פון וואסער הויבט זיך אויף א וואסער אין דער לופטען. און דער וואסער־דופט ווערט געפרוירען אין דער לופטען און בלייבט הענגען אין אויך

ווי דורך א וואונדער, און בלישטשעט זיך מיט שניי־בריליאנטען און אייז־עדעלשטיינער. די וועלט ארום איז פערוואנדעלט אין א אייז־לעגענדע. די בוימער בליהען מיט בלישטשענדיגע אייז־קרעלען, בעהויכט פון דעם וואסער־דופט ווערען זיי גלייך פערפרוירען און זיי זעהען אוים ווי עס וואלט געגליהט אויף זיי טייערע איידעל־שטיינער, געשליפענע גרויסע בריליאנטען און ווייסער בורשטין. און ניט נור די בוימער אליין בליהען מיט ווייסע קאראלען, נור די גאנצע וועלט ארום איז פערוואנדעלט אין איין שטיק קאראל. הונדערטער קליינע וואסער־פאלען, וועלכע ווארפען זיך פון דער הויך אין אבגרונד אריין זיינען געפרוירען געווארען אין זייער פאל — און זיי הענגען איבער דעם ראנד פון אבגרונד פערפרוירען און קוקען אוים ווי גאנצע וועלדער. ווי בערג זיינען פון ערגעץ אראבגעפאלען און הענגען אין דער לופטען מיט די קעפ אראב. און עס דאכט זיך דיר אז אט, אט וועלען זיי אראבפאלען און מאכען חרוב די וועלט — נור זיי הענגען ווי גאט'ס א וואונדער אפענבארט זיך פאר די אויגען.

פון דעם הויכען וואסער פאל, פלעגען זיך אויפהויבען הויכע וואסער בערג אין די הונדערטע פוסען הויך אויפקאכענדיג אלצדינג וואס האט זיך געפונען אין זיי. יעצט זיינען די וואסער־בערג געפרוירען געווארען, און עס שטעהען זיבעציג, אכציג פוס הויכע וואסער בערג אין דער לופטען, און איך קליין מענשעלע קריך ארום איבער זיי, אונטער די בערג שטראמט ווי א גיהנום דער ניאגארא פאללס, און איבער דעם פאל הענגען די אייז־בערג. און זומער איז אויף דעם ארט וואו איך שטעה יעצט דער ברויזענדסטער גיהנום, שטיינער און בוימער ווערען אויפגעריבען ווי זאלץ אין די בערג וואסערען ווען זיי פאלען אריין אין זיי — און יעצט קריך איך ארום איבער זייערע גרייז־גראהע קעפ. ווי אלטע געפרוירענע גרויסע זיידעס זעהען זיי אוים, וועלכע לאזען שפילען די אייניקלעך איבער זייערע רוקענס, איך שפיעל מיך מיט די געפרוירענע וואסער קאלטענעס, וועלכע פאלען פון זייערע גראהע בערד אראב, און איך ווער ווער פערטרונקען צווישען די לאקען פון זייערע גראהע האר. אזוי קריך איך איבער זיי, איבער די זיבעציג פוסיגע וואסער בערג, וועלכע הויבען זיך אויף פון דעם גרעסטען וואסער־פאל אין דער וועלט.

א מינוט ווער איך דערציטערט, דערמאנענדיג זיך וואו איך גע־

פיז זיך, אז איך בין אין שוים פון ניאגארא־פאללס, אז אונטער מיינע פים ברויזט דער גיהנום, איבער מיין קאפ הענגען געפרוירענע וואסער־פאלען — איך זעה, ווי זיי הענגען אין דער לופטען — און א שרעק נעהמט מיך ארום פאר דעם אונענדליכען גרויסען, וואס אפענבארט זיך פאר מיינע אויגען. — איך בין אריינגעקומען און אריינגעקוקט אין די געהיימנים פון דעם ניאגארא פאללס...

נור גאט אפענבארט זיך ניט אין דעם גרויסען, נור אין דעם שעהנעם. און האב איך זיך געפונען אויפ׳ן גרונד פון ניאגארא פאללס און ארומגעקראכען אויף די הויכע וואסער־בערג און איבער מיין קאפ זיינען געהאנגען די געפרוירענע וואסער־פאלען, האט מיך ארומגענומען א שרעק און א ציטערניש, איך האב געפיהלט גאט׳ס גרויסקייט נור ניט זיין שעהנקייט — איך אליין בין נאר געווען א הויך פון זיין שנעע־וועלט — א שנעעלע — א שטיקעלע אייז — און עס האט זיך מיר געדאכט, אט צולאזען זיך די וואסער־בערג, וואס הענגען נור דורך וואונדער איבער דעם וואסער־פאל, און איך ווער אויסגעריסען און פערוואנדעלט אין א וואסער־הויך אין די לופטען, אז איך בין אבער ארויסגעקומען אין דער הויך און מיינע פים האבען ווידער געטרעטען אויף גאטעס געזונדע ערד, האב איך דערפיהלט גאט׳ס וועלט. איך בין געווארען דער, פאר וועמען דאס אלעס איז בעשאפען געווארען און איך האב דאס אלעס בעלעבט און בעשאנקען מיט מיין געפיהל.

פאר מיר איז ענטפלעקט געווארען א נייע וועלט, די געהיימניסען פון ווינטער. די בוימער האבען געבליהט מיט זייערע ווינטער בליהערס, די צווייגען זיינען געווען בעדעקט מיט וויים־בלישטשענדיגע בליהערס און זיי האבען געטראגען פרוכט, ווינטערדיגע פרוכט, אויף איין צווייגעל איז געהאנגען אן אויסגעטאקטער בורשטין־שטיין, אזוי העל, ווי א בליץ פון הימעל וואלט געפרוירען געווארען און פערוואנדעלט געווארען אין א שטיין־פרוכט; אויף אן אנדער צווייגעל האט געשימירט א געשליפענער נאכט־שטיין, ווי א שטערן וואלט געבליהט אויף איהם, דורכזיכטיגע ווייכע בורשטינען פרוכטען, ווי די שטראלען פון דער זון און אלבאסטער צניעות׳דיגע פערעל־בלומען, דארט שימירט מיט שטראמען־בליהערס און בלאהע הימעל־שטיינער בעקליידען א נאקעטען בוים — און יעדער בליהער, יעדעס ווינ־

טער־בלעטעל איז אויסגעגאָסען אין זיין פאָרם אין זיין אייגענער אינ־דיווידועלער אַרט — און טראָגט אויף זיך די שפּורען פון זיין אייגע־נעם קינסטלער באַשעפער. ער האָט זיך געצערטעלט, געשפּיעלט און געפרעהט זיך דערמיט דער בעשעפער, ער האָט עס געפּיעשטשעט און אויסגעליעבט אין זיין שוים און בעהאַנגען זיי דערנאָך אויף די בוי־מער. שטילע, איידעלע מוזיק האָט איהם געמוזט צושפּיעלען, ווען ער האָט געשליפען די שטיינער, און דאָס בענקשאַפט פון די מוזיק שפּיעלט יעצט אַרוים פון זייער ליכט — א, וואָס זיינען די מורא'דיגע וואַסער־פאַלען מיט די זיעבציג פוס'דיגע וואַסער־בערג, מיט די קאָפּ־נעפאַלענע טייכען איבער די אָבגרונדען געגען אַזאַ געשליפען אויסגע־צערטעלט שטיינדעל? געגען יעדען אייז־בלעטעל, וואָס איז אויסגע־מאָהלט מיט מוזיק־בענקשאַפט און אויסגעשליפען מיט ליעבע? די גרויסע ווילדע ערשיינונגען ערציטערען מיט זייער מורא'דיגקייט. זיי טרייסלען אויף א שרעק פון דעם שוואַכען געגען דעם שטאַרקען — זיי ערפילען דיך מיט מלאך המות ציטערניש — אָבער זיי גיבען דיר קיין פרייד נישט. איידעל און ליעב מאַכט מיך יעדעס בלעטעל, סיי גע־וואַקסען דורך דעם פריהלינגס־הויך, סיי אַרויסגערופען דורך דעם ווינ־טער־פענסטער. יעדעס בלימעלע, וואָס בעווייזט זיך אויף א פער־פרוירען פענסטער אין אַן אָרעמאַנ'ס א שטוב, האָט אין זיך מעהר שעהנהייט, מעהר גאָט'ס וואונדער, די אָפּענבאַרונג פון אונזער געזעג־נעטעם געבוירען ווערען ווי טויזענדער ניאַגאַרא פאַללס, וואָלטען זיי נאָר ווילדער געשטראָמט מיט גיהנום'דיגען ברום ווי זיי שטראָמען. ווייל דער ניאַגאַרא פאַללס איז א ווילדער ברום פון א לייב, און דאָס אייז־בלימעל האָט אין זיך דעם צניעות'דיגען ריטם פון בעשאַפונגס־מוזיק...

עס שפּיעלען אוים אַלע איידעל־שטיינער אויף די ווינטער־בוי־מער אין די וועלט פון שנעע און אייז זייער מוזיק — יעדער בליש־טשענדיגער שנעע־שטויב און יעדער פינקעלדיגער שטערן און בלאָהער נאַכטליכער שימער פון הימעל. — עס שפּיעלט א מוזיק פון הימעל און פון דר'ערד פון די בליהענדע בוימער און פון געפרוירענעם וואַ־סער־הויך אין די לופטען — די וועלט איז פול מיט מוזיק — און איך בין אין מיטען דער וועלט — אין מיטען דער מוזיק...

— דורך אונענדליכע צייטען האָט די וועלט געשפּיעלט די מוזיק —

די וואַסער־פֿאַלען זיינען געפֿאַלען פֿון די בערג אין די אַבגרונדען. די וואַסער־בערג האָבען געהאנגען איבער זיי, און די וואַסער־דופֿטען אין די לופֿטען און קיינער האָט דאָס ניט געזעהן, קיינער האָט דאָס ניט בעוואונדערט — קיינער האָט דאָס ניט געפֿיהלט, דורך אונענדליכע צייטען האָבען די איידעל־שטיינער פֿון די בוימער אַראַבגעשפּיעלט זייער מוזיק אין די קאַלטע ווינטער־נעכט; און די געבלומטע בלי־הערם און דאָס פֿייכטע ווייכע גראָז, ווי אַ יונגער מיידעל'ס לייב האָבען געזונגען זייער ליעב־ליעד אין די בענקענדע פֿריהלינגס־אַבענדען, די לבנה האָט בייגאַכט געשיינט, שטראָמען מיט זונען־שטראַהלען האָט זיך איבער די וועלט געגאָסען דורך אונענדליכע טעג און קיינער האָט דאָס ניט געזעהען, קיינער האָט דאָס נישט בעוואונדערט און קיינער האָט דאָס נישט געפֿיהלט. דער גאָט פֿון דער ערד און הימעל, דער מענש — איך האָב די וועלט לעבעדיג געמאַכט, אַריינגעבלאָזען אין איהר אַ נשמה מיט מיין געפֿיהל.

אַ. געלויבט זיי, אונזער געזעגנעטעם געבוירען ווערען!

## 2

# די צעהן פערלוירענע שבטים.

אנדערע לאזען זיך אין די ווייטע מקומות איבער דעם ים, אין די מלחמה־לענדער, בעשרייבען פון גרויסען חורבן. וואס איז דארט, אויף יענער זייט ים. איך האב מיר געטראכט, אז אזוי ווי די אידען פאהרען דאך ניט זיך בעזעצען צוריק אין די אלטע היימען, נור פון יענער זייט ים גלוסטען אלע צו קומען צו אונז אהער, וועט עס זיין אינטערעסאנט אי פאר זיי, אי פאר אונז צו בעשרייבען, ווי עס לעבען זיך די אידען אין דער מדינה. האב איך זיך אוועקגעלאזט אין א לאנגע רייזע איבער ווייטע פעלדער, איבער וויסטע מדבריות, איבער שנעע־בערג און שטיינער־בערג. איך ליג אין א סדום־בעטעל פון א פולמאן־וואגאן, און דאס סדום־בעטעל הוידעט זיך מיט מיר און מיר פליהען צוזאמען מיט דעם יאגען פון ווינד, איבער די אונענדליך־לאנגע פריירי, איבער אהן ישוב'דיגען וויסטען מדבר, איבער דעם טויטען טהאל, וואו דער ווינד שפיעלט זיך מיט די זאמד־בערג, און טראגט זיי איבער פון איין ארט צום אנדערען, די זאמד־בערג — אונטער וועלכע עס ליעגען בעגראבען די טויטע קערפערס פון די ערשטע פיאנערען.

איך האב זיך אבגעשטעלט אין שטעדט און שטעדטלעך, געזעהן אידען, וואס האנדלען מיט כינעזער, און אידען, וואס זיצען אין די הייסע טהאלען פון קאליפארניא און קויפען אויף די געטריקענטע פרוכטען פון די ארמענישע וויין־גערטנער; אידען, וואס וואהנען איינזאם אין נייע ישובים, צווישען מעקסיקאנישע פארמערס און אמעריקאנער ווילד־רייטער, און קריגען ניט קיין כלה צו בעזעצען זיך מיט

זיי אין דיווילדע ערטער, און מוזען חתונה האבען מיט געמישטע שפאניש־אמעריקאנישע דארף־מיידלעך. איך האב געזעהן אידען, וואס זיינען קראנק אויף קאנסאמפשאן און זיינען געפאהרען אפרוהען זיך אין די ווייטע ווארימע לענדער, און האנדלען מיט אלטע שיך. איהר געפינט ביי זיי שיך פון דער גאנצער וועלט, שיך פון כינעזער, פון יאַפאנעזער, פון מעקסיקאנער, פון איטאליענער. אנדערע, ווידער, וואס לאזען זיך אוועק מיט „עקספעדיציעס" אויסצוגעפינען נאפט־גריבער, זילבער־מינען, אין דעם מדבר, און גרינדען אקציאן געזעלשאפטען און האבען אפיסעס אויף בראדוויי, אין נויארק. איך האב געזעהן אידען, וואס גרינדען נייע ישובים, ווי אמאל אונזערע עלטערן, פארצייטענס, האבען געגרינדעט ישובים אין דער ווייטער אוקראינע, אין ניי־רוסר לאנד, און פארבערייטעט דעם באדען פאר אידישע שטעדט און שטעדטלעך. איך האב געזעהן די ערטער, וואו עס וועלען אמאל גרויסע ישובים אויסוואקסען, אין וועלכע עס וועלען זיך בעזעצען די געפייניגטע אידען פון פוילען און אוקראינע, וועלכע גארען צו קומען אהער צו אונז. און אלצדינג, וואס איך האב געזעהן און האב געהערט, וועל איך פאר אייך בעשרייבען.

נור איידער איך וועל אנהויבען מיט דער גאלדענער קאליפארניא, דאס לאנד, וואס דערמאנט אזוי פיעל אן אונזער אייגען לאנד, ארץ ישראל, און וואס דער געשמאק פון די אראנזשעס דערמאנט אייך אן די אראנזשען־גערטנער פון פתח־תקוה און חברון און דער אנבליק פון די איילבערטען־בוימער דערמאנען אייך אן שכם, און פון וואס מען קען זיך א גרויסען ביישפיעל אראבנעהמען, וואס עס קען ווערען פון ארץ ישראל, ווען מיר זעהען די בעארבייטע פעלדער פון קאליפארניא, וואו דאס וואסער פערוואנדעלט, ווי דורך א נס, דעם מדבר אין א גן עדן — איידער איך וועל שילדערען די קאליפארניא (פון וועלכער איך וועל אנהויבען מיין רייזע־בעשרייבונג), מוז איך זיך אבשטעלען אויף א זעהר וויכטיגע ענטדעקונג, וואס איך האב געמאכט אויף מיין רייזע איבער אמעריקא, ניט ווייט פון דער שטאדט שיקאגא, ביים טייך מישיגען. איך האב, נעמליך, ענטדעקט די לאנג פערלארענע און די אזוי פיעל געזוכטע עשרת השבטים.

מען האט געמיינט ביז איצט, אז די עשרת השבטים געפינען זיך ערגעץ אויף יענער זייט טייך סמבטיון, אז הינטער דיעזען טייך,

וועלכער שפייט מיט גליהענדע שטיינער וואהנען די רויטע אי־דעלער, און מען קען צו זיי ניט צוקומען, סיידען פרייטאג פאר ליכט־צינדען, ווען דער טייך שטילט זיך איין און שפייט נים מיט גליהענדע שטיינער, ווי דאס בעשרייבט דער בעריהמטער רייזענדער ר׳ בנימין השלישי. ערשט אין שיקאגא האב איך דורך א צופאל אויסגעפונען, אז די „רויטע אידעלעך" פון די עשרת השבטים וואהנען ניט ווייט פון שיקאגא, טאקע דארט, וואו עס געפינט זיך דער גן־עדן.

געהערט אזא מעשה, האב איך נישט געקענט רוהען ביז איך וועל מיט מיינע אויגען נישט זעהן די עשרת השבטים, וואס געפינען זיך נים ווייט פון שיקאגא, און וואס ביי זיי געפינט זיך דער גן־עדן.

נור לאמיך אייך דערצעהלען בסדר, ווי אזוי דאס איז געקומען. אז די רויטע אידעלעך, די עשרת השבטים, אדער ווי זיי רופען זיך, „די קינדער פון ישראל" פון הויז דוד, זאלען זיך בעזעצען נים ווייט פון דער גרויסער שטאדט שיקאגא.

וועגען די „בני ישראל", די קינדער פון ישראל, רעדט זיך זעהר פיעל, אי אין אלטען, אי אין נייעם טעסטאמענט. מען זאגט וועגען זיי, אז זיי זיינען „די איבערשטע פון שטויסעל", די אויסערוועהלטע. צו זיי האט זיך בעוויזען גאט, פאר זיי וועט קומען דער אויסלייזער, און אפילו יעזוס אליין זאגט, אז ער איז ניט געקומען צו געצענדיע־נער, נור צו די בני ישראל. און פריהער וועט ניט קומען „דאס קעניגרייך פון הימעל", דאס הייסט, פריהער וועט די וועלט ניט ווערען אויסגעלייזט, ביז די בני ישראל וועלען ניט ווערען צונויפגעזאמעלט פון דער גאנצער וועלט און צוריק געבראכט אין דעם לאנד, וואס גאט האט פערשפראכען צו זייערע עלטערן, אברהם, יצחק און יעקב.

ביז איצט האט מען געמיינט, אז די „בני ישראל" מיינט מען דאס אונז, אידעלעך, און וועגען אונז רעדט זיך דאס אין דעם נייעם און דעם אלטען טעסטאמענט, און אונז ווילען דאס די גוים „אויסלייזען". און מיר לאזען זיך ניט. זיי האבען געפרובט אונז אויסלייזען איבער־געוואלד, אריינגעהמען אונז אונטער די פליגלען פון דער קריסטלי־כער אמונה מיט'ן כח פון דער אינקוויזיציע, טארטור און פייער־שטוי־סען, כדי די וועלט זאל קענען ווערען אויסגעלייזט און אז דאס האט ניט געהאלפען, האבען זיך די גוים פון אונז מיאש געווען, און די וועלט איז ניט געווארען אויסגעלייזט.

האט זיך געפונען א קלוגער גוי, וואס איז געפאלען אויף א קלו־גען שכל: צו וואס דארפען מיר זיך גאר בעטען ביי די אידען, אז זיי זאלען ווערען קריסטען, כדי די וועלט זאל ווערען אויסגעלייזט? זיי זיינען גאר ניט די בני־ישראל, וועגען וועלכע עס רעדט זיך אזוי פיעל אין אלטען און נייעם טעסטאמענט. אידען זיינען עפעס אנדערש, און די בני ישראל זיינען אויך עפעס אנדערש. אידען זיינען אידען, און די בני ישראל זיינען די, וואס קומען צו איהם און גיבען איהם אוועק דאס גאנצע פערמעגען, וואס זיי האבען, און געהען אריין צו איהם אין די קאמונע, ארבייטען דאס גאנצע לעבען, און פרעגען ניט אויף קיין שום חשבון, ווייסען ניט פון קיין „ביזנעס", פערלאזען זיך אויף איהם, טהוען אלצדינג, וואס ער זאגט זיי, און לעבען לויט זיינע רע־געלען, אזוי ווי ער קריגט עס דירעקט פון גאט.

„פאר וואס האט זיך גאט בעוויזען צו אברהם, צו יצחק און צו יעקב, און פאר וואס קען ער זיך ניט בעווייזען צו א היינטיגען אברהם?" — זאגט צו מיר דער שטעלפערטרעטער פון היינטיגען אברהם, וועלכער האט מיך עמפפאנגען ביי זיך אין אפים — א גוי, מיט א שעהנע, בלאנדע בארד, וואס מאכט איהם עהנליך צו א פרו־מען אידען, מיט א פנים, וואס איז שעהן און ליכטיג און מיט א פאר גרויסע, בלויע קינדישע אויגען, וואס איז אונמעגליך אויסצוהאלטען דעם פייערדיגען בליק פון זיי — דאס שעהנסטע מענער־געזיכט, וואס איך האב ווען געזעהן; א גלייבע גריכישע נאז, מיט רויטע פרישע ליפען און א הויכער, גלאנצענדיגער שטערן, פון וועלכען עס האט אראבגעשיינט דער שיין פון גלויבען.

דער מאן, צו וועמען גאט האט זיך בעוויזען אין אונזער צייט און וועלכער איז דער בויער פון דער „הויז פון דוד", הייסט בענ־דזשאמין.

די בני ישראל, ערקלערט ער מיר, זיינען די עשרת השבטים, וואס זיינען פערלארען געגאנגען פאר'ן ערשטען חורבן. די עשרת השבטים זיינען אויסגעמישט געווארען מיט די פעלקער פון דער וועלט און זיי געפינען זיך צווישען די קריסטען און צווישען די אידען. איינער צווישען מיליאנען איז פון די בני ישראל. „און גאט האט זיך בע־וויזען צו בענדזשאמין, און ער האט צו איהם געזאגט: „לך וכנוס את בני ישראל", „געה און זאמעל צונויף די קינדער פון ישראל". און

בענדזשאמין זאמעלט צונויף די קינדער פון ישראל אין דעם „הויז פון דוד", וואס ער האט געגרינדעט ביי א גארטען לעבען טייך מישי־גען. דארטען לעבען זיי אלע צוזאמען, מענער מיט ווייבער און קינ־דער. זיי גיבען אב בענדזשאמינ'ען דאס פערמעגען, וואס זיי האבען און זיי ארבייטען צוזאמען אין איין קאמונע. די געשעפטען פיהרט פאר זיי, פערשטעהט זיך, בענדזשאמין מיט זיינע שמשים. און ווען די קינדער פון ישראל וועלען זיין צונויפגעזאמעלט, דאמאלס וועט קו־מען די אויסלייזונג פון דער וועלט.

יא, נאך עפעס. די בני ישראל שטארבען ניט. אזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין דער תורה: „ולא תכרת מקרב עמיך", דו וועסט ניט ווערען פערשניטען פון דיין פאלק, דאס הייסט, ווען דו וועסט זיין גוט און פרום, ווען דו וועסט אוועקגעבען דיין פערמעגען צו בענ־דזשאמין און וועסט ווערען א מיטגליעד פון זיין קאלאניע. „אבער אימיצער שטארבט דאך יע אמאל?" — פרעג איך גאט'ס שטעל־פערטרעטער. — „איז דאס א סימן — ענטפערט ער מיר — אז ער איז ניט געווען פון די בני ישראל, און האט ניט געהערט דא אהער."

„און וואס וועט זיין, ווען בענדזשאמין אליין וועט שטארבען?" — פרעג איך זיין שטעלפערטרעטער.

„בענדזשאמין וועט קיינמאל ניט שטארבען" — ענטפערט ער מיר גאנץ זיכער — „ער קען ניט שטארבען, ווייל ער קומט פון די בני ישראל".

„און וואס וועט זיין, אז ער וועט דאך שטארבען?" — בעשטעה איך אויף דאס מייניגע.

„דאמאלס, דאמאלס, ווייס איך ניט, וואס עס וועט זיין" — ענט־פערט ער.

נור ווען איהר קוקט אן דעם מאן'ס גרויסע, בלויע אויגען און זיין מאיעסטעטישע בלאנדע בארד אויף זיין לויכטענדען געזיכט; ווען איהר קוקט אן זיין אטמעטיגע נאז, זיינע פליישיגע, בעוועגליכע לי־פען, ווייסט איהר יא, וואס עס וועט זיין: — בענדזשאמין וועט קיינ־מאל ניט שטארבען, בענדזשאמין וועט ווידער לעבען.

ביז איצט האבען זיך צונויפגעזאמעלט ארום טויזענד פון די קינדער פון ישראל, מייסטענס פארמערס, וועלכע זיינען צוליעב אור־זאכען, וואס איז בעוואוסט נור זיי אליין, מיעד געווארען פון לעבען.

אבגעריסען געווארען פון זייערע אייגענע. וואהרשיינליך געיאגט פון רעליגיעזע שטרעבונגען, פון אונרוהיגקייט, זוכענדיג עפּעס, האבען זיי געבראכט זייער געלד און זייערע כוחות און זייערע צוקינפטיגע טעג צו בענדזשאמין. אלע טראגען זיי לאנגע, ניט־געשארענע בערד און אונבעשניטענע האר און פאות. דאס מאכט זיי עהנליך צו אידען, ניט צו די אידען אין אמעריקא, נור צו די אידען פון דער אלטער חיים. זיי בעזיצען א גאנצען ישוב, וואס זיי האבען פערוואנדעלט אין א שטאדט, מיט טויזענדער אקער בעפרוכטבארטע לאנד, אין וועלכע זיי האבען אריינגעלייגט זייערע כוחות, און פיעלייכט אויך זייער אמונה און רעליגיעזען עקסטאז. זייער לאנד האלט מען פאר די בעסט־בעארבייטע פארמס אין גאנצען סטייט. זיי שיקען זייערע פרוכטען און גרינסען צו פערקויפען איבעראל. וואהנען וואהנען זיי אלע צוזאמען אין אן אבגעצאמט שטעדטעל, אין וועלכען מען לאזט קיינעם ניט אריין. איבער דעם טויער פון׳ם שטעדטעל שטעהט אויפגעשריבען מיט גרויסע גאלדענע בוכשטאבען דאסווארט „ירושלים“. זיי לעבען אין א קאמונע, און אויך זייער פריוואט־לעבען איז ביז ניט לאנג צוריק געווען אזא, וואס האט געגעבען א געלעגענהייט דער רעגיערונג, וועמעס אויפגאבע עס איז צוזושטערען יעדע נייע און אינטערעסאנטע פארמע, וואס פערשיעדענע שטרעמונגען פון לעבען ברענגען ארויס, זיך אריינצומישען און מאכען זיי אננעהמען אונזערע באנאלע פארמען, נויטענדיג זיי „חתונה“ צו האבען מיט זייערע פרויען...

זיי גלויבען ניט אין קאנסקריפשאן, דאך האט מען זיי אין די לעצטע מלחמה געצוואונגען צו געהן אין מיליטער. אבער מיט שטראהלענדיגע אויגען פון אמונה האט מיר אן אלטער מיטגליעד זייערער, א גוי מיט א גרויסע אידישע קאלטענוואטע בארד, געזאגט:

„גאט האט אונז געהאלפען. איידער מען האט „אונזערע“ אין פעלד געשיקט, האט זיך די מלחמה געענדיגט.“

„גאט האט אונז אויסגעהיטען פון פערגיסען בלוט“ — האט א צווייטער צוגעלייגט.

מעהרסטענס זיינען זיי עלטערע מענשען, מיעדע פון לעבען, וואָרים די יונגע, וואס האדעווען זיך אויף ביי זיי, אנטלויפען פון דער קאלאניע. אזוי איז אויך אנטלאפען פון דעם „הויז פון דוד“ דעם נביא בענדזשאמינ׳ס זוהן אליין, וועלכער, ווי מען זאגט, געפינט זיך איצט

אין פאריז און לעבט דארטען א גוטען טאג. אבער איהר געפינט דא אויך פיעלע יונגע לייט, וואס דער רוח פון נביא איז צו זיי דערגאנגען און זיי זיינען געקומען צום „הויז פון דוד".

אהן צווייפעל, ווערען די, וואס קומען אהין, געיאגט פון רעליגיעזע שטרעבונגען, ווארים די געזיכטער פון די בני ישראל, צוליעב דעם, וואס זיי עסען ניט קיין פלייש, וואס זיי טראגען בערד און לאנגע האר, געפלאכטען אין צעפ, ווי פרויען, צי צוליעב דעם, וואס זייערע געזיכטער ווערען בעלויכטען מיט דעם ליכט פון אמונה, וואס ברענט אין זייערע הערצער — זייערע געזיכטער זעהען אויס אזוי ערעל און שעהן, ווי די געזיכטער פון היילינע אידען. איבערהויפט האב איך געזעהן דארט א יונגען גוי, א דייטש, האט ער פערמאגט א געזיכט, וואס איך וועל קיינמאל ניט פערגעסען. זיינע אויגען זיינען געווען ווי צוויי בלויע סאפירען, דורכזיכטיג ווי קלארע וואסער; א רויטער, זיינע האר האבען געפלאקערט ווי פייער־צונגען, און זיין אייערעל, אויסגעמוטשעט, ריין געזיכט איז געווען ארומגערינגעלט מיט א פייערדיג־רויטע בארד, ווי א הייליגער, ברענענדער קראנץ. איך האב איהם געטראפען אין ווינטער־גארטען, איבערפלאנצענדיג יונגע געוויקסען. ער זעהט אויס ווי איינער פון יענע יעזוסען, וועלכע מען געפינט אין אלטע דייטשע קירכען, אויסגעשניצט פון האלץ און בעמאלט מיט פארבען. און איך האב געטראכט, אז ווען איך וואלט געווען א פרוי, וואלט איך די ערשטע געווארען א טאכטער פון ישראל און געקומען זיך בעזעצען אין „הויז פון דוד"...

זייער שטעדטעל, ווי געזאגט, טראגט דעם שטאלצען נאמען „דאס הויז פון דוד". און געפינט איהר זיך דארטען, מיינט איהר, אז איהר זיינט פערבלאנדזשעט געווארען אין אלטען ארץ ישראל און לעבט אין די אלטע צייטען. די פנים'ער, וואס איהר זעהט דארט, זיינען אידישע, רבנישע, מיט בערד און פאות, און די גאסען זיינען אויך אידישע. איין גאס הייסט „ירושלים", די צווייטע „ציון", א דריטע „יריחו". אזוי זיינען אויסגערעכענט אלע נעמען פון תנ"ך. נור דאס וואונדערבארסטע איז אין „הויז פון דוד" דאס גן עדן.

איבער א טויער פון א גרויסען גארטען שטעהט אויפגעשריבען מיט גאלדענע בוכשטאבען: „דאס גן עדן. איינטריט 25 סענט."

עס איז מיר זעהר אינטערעסאנט געווען צו זעהן ווי אזוי אמע־ריקאנער שטעלען זיך פאר דאס גן עדן. לויט זיין פארשטעלונג פון גן עדן, דערקענט איהר דעם כאראקטער פון א פאלק. אידען שטעלען זיך פאר דעם גן עדן, אז זיי וועלען זיצען אין גאלדענע שטוהלען, זיי־ערע פרויען — אויף פוס־בענקלעך לעבען זיי; זיי וועלען הערען סודות פון דער תורה און זיי וועלען בעלויכטען ווערען מיט דעם ליכט פון דער שכינה. אין קאירא, עגיפטען, אין דער געסעל פון די פראסטי־טוטקעס, האב איך געזעהן דאס גן עדן, וואס דער מוסולמאנער שטעלט זיך פאר: נאקעטע נעגער־מיידלעך האבען געטאנצט זייער בעריהמטען בויך־טאנץ. די פערסיער שטעלען זיך פאר דאס גן עדן, וואו די מענש־ליכע נשמות געפינען זיך צוריק אין געשטאלטען פון שעהנע חיות, פון יונגע הירשען, און זיי ליעבען זיך, ווי עס ווערט בעזונגען אין דער פערסישער פאעזיע, און איהר געפינט עס אילוסטרירט אין פערסישע מיניאטור־בילדער און געוועבט אויף טייערע טעפיכען. ווי אזוי שטעלען זיך פאר אמעריקאנער דאס גן עדן?

דאס גן עדן פון אמעריקא געפינט זיך ניט ווייט פון א גרויסער שטאדט. צי האט דער נביא בענדזשאמין אזוי אויסגעטראכט, כדי וואס מעהר נשמות אריינצוברענגען אין גן עדן אריין, צי איז עס גלאט אזוי א צופאל, דאס ווייס איך ניט. נור עס איז א פאקט, אז זומער־צייט קומען זעהר פיעל מענשען פון שיקאגא און די גאנצע אומגעבונג בעזוכען די קינדער פון ישראל אין „הויז פון דוד“. און פאר זיי האט דאס דער נביא אויפגעשטעלט דעם גן עדן.

בעצאהלט א קווארטער און אריין א לעבעדיגער אין גן עדן. דאס ערשטע, וואס איך האב דערזעהן אין דעם אמעריקאנער גן עדן, איז געווען א קאראסעל מיט הילצערנע פערדלעך. בעצאהלט א „דיים“ און געבאפט א „ראיד“ אויף א פערדעל. פאר נאך א „דיים“, צי א קווארטער, קענט איהר כאפען א „רייד“ אויף א פליה־מאשין. אבער, אז איהר ווילט האבען אביסעל „עקסייטמענט“, קענט איהר זיך לאזען אויף א וועגעלע בארג ארויף און טהאל אראב און דורכפאהרען דורך א וואסער און דורך א טונעל. מיט איין ווארט, א רעגעלע קוני־איילאנד.

מען זאגט, אז דאס „גן עדן“ ברענגט אריין די „בני ישראל“ פון די צעהן שבטים שווערע, שווערע טויזענדער, און „דאס הויז פון דוד“ איז איינס פון די בעסט־בעצאהלטע ביזנעס אין אילינאיז סטייט. יזא־

דים דאס, וואס קוני איילאנד איז פאר ניו יארק, דאס איז דאס „גן־עדן" אין „הויז פון דוד" פאר שיקאגא.

נאכדעם ווי איך האב געזעהן די ביזנעס, וואס עס מאכען די „קינדער פון ישראל" פון די צעהן שבטים, האב איך זיך געטראכט: וואס'ערע שלעכטע ביזנעס־לייט מיר זיינען, די קינדער פון ישראל, וואס שטאמען פון יהודה. מיר וואלטען געדארפט האבען אזא מענ־דזשער, ווי די עשרת השבטים האבען אין נביא בענדזשאמין. ער וואלט שוין מיט אונז ביזנעס געמאכט, ווי, צום ביישפיעל, פערקויפען פלעשלעך וואסער פון ירדן, פאר די גוים צום טבלען זיך, זעקלעך ארץ ישראל ערד, און נאך אזעלכע זאכען. אין קלייניגקייט, אזא ביז־נעס, ווי די ביבעל איז! וואס וואלט ניט א פעהיגער מענעדזשער גע־קענט דערפון מאכען?

## 2

# א שטעדטעל ביי די ברעגען פון מיססיסיפּי.

גאנץ אנדערש האב איך מיר פארגעשטעלט דעם „פאטער פון די טייכען“, וועלכער געהט ארויס פון גאלף פון מעסיקא, און שווימט איבער א גאנצע האלבע מדינה. גאנץ אנדערש האב איך מיר פארגעשטעלט יענעם טייך, איבער וועלכען דער שפאניער דעסאטא איז צום ערשטען מאל געשוואומען און געפונען אין איהם זיין קבר. עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך וועל נאך אויף די ברעגען געפינען צווישען די פערוואקסענע צווייגען שפורען פון דעם פראנצויז לא סאלא׳ס עקספעדיציע פון די שיף „גריפין“, וועלכע איז די ערשטע געפאהרען איבער׳ן טייך און וועלכע איז פערלארען געגאנגען אין די ווילדערניש פון וואלד און פערוואקסונג. מען האט זיך דאך דערפון אזוי פיעל אנגעהערט ווען מען איז א קינד געווען, און ווי האט מען מקנא געווען יענע העלדען, יענע אוואנטוריסטישע פיאנערען, וועלכע האבען זיך געלאזט מיט שיפען איבער ווייטע אונבעקאנטע געגענדען צו ענטפלעקען נייע לענדער, און עס האט זיך געדאכט דעם קינד, אז אט ווען ער וועט אויפוואקסען און א מאן ווערען, וועט ער אויך נעהמען א שיף און זיך לאזען איבער דעם ים צו געפינען דעם אויסגאנג פון מיססיסיפּי. וויפיעל איז די קינדישע פאנטאזיע געווען פערנומען מיט דעם טייך פון אלע טייכען, און יעצט שטעה איך ביי זיינע ברעגען. זיין בלאטיג וואסער דערמאנט מיך אן דעם וואסער פון פוילישען טייך ווייכסעל און זיינע זומפיגע הויכע ברעגעם דערמאנען מיך אן יענע פוילישע ברעגעם פון טייך ווייכסעל, נור קיין פלוימען סעדער שטעהען ניט איבער זיינע ברעגעם. דערפאר רוהט אין א טאהל אויפ׳ן ברעג פון מיססיסיפּי, צווישען די

שטעדט סט. פאול און מיננעאפאליס, א קליין פויליש אידיש שטעדטעל.

אין קיין שטאדט אין אמעריקא האב איך ניט געפונען אזוי פיעל לאנדסלייט, ווי אין דעם דערמאנען טאהל: לאוויטשער, סקערניווי־צער, זשאבלינער און קוטנער, אייניגע פון מיין משפחה, און לאנדס־לייט, וועלכע איך האב געמיינט, אז זיי געפינען זיך שוין ניט אויף גאט'ס ערד, זיינען דא אויפגעשטאנען פאר מיינע אויגען תחית המתים אין דעם דערמאהנטען טאהל. געקומען זיינען זיי דא אהער מיט די עקספעדיציעס וועלכע מען האט געשיקט קיין גאלעוועסטאן. פון גאל־וועסטאן האט מען זיי אהער געשיקט, און איך ווייס ניט, צי דער־פאר ווייל אידען האבען מורא, אז מען זאל זיי צופיעל אין די אויגען ניט אנזעהן — דורך דעם בעהאלטען זיי זיך אין די טאהלען. האבען זיי זיך אויסגעקליבען א טאהל הינטער די שטאדט פון סט. פאול און דארט זיך בעזעצט, און בעשאפען אן אמת אידיש־פוילישע שטעדטעל. זיי האבען איבערגעפיהרט דעם סטיל פון זייערע הייזלעך מיט די גא־ניקלעך, די לאדענס, וועלכע מען פערמאכט ביינאכט, און די קליינע געוועלבלעך בעלייכט מען נאך מיט קעראסין. אין זייערע קראמען, וועלכע מען רופט דא, איך ווייס ניט פאר וואס, „גראסערס", קריגט איהר פון כל־הטוב, פון א גוט שטיקעל ווארשעווער ווארשט, ביז א טלית צו קויפען, פון זויערע אוגערקעס ביז א פעקעל ציצית. אלץ איז דא כשר, מיט דעם היימיש אידיש'בע'טעם'טען געשמאק, פונקט אזוי ווי אין דערהיים.

עס האט זיך מיר איינגעדאכט, אז איך בין פערבלאנדזשעט גע־ווארען אין א קליין אידיש־פויליש שטעדטעל אין דערהיים. ווען איך האב זיך אין דער שטילער נאכט ארומגעדרעהט איבער די קרומע שעהן בעגלאנצטע געסלעך, וועלכע זיינען יעצט אין דער וויים־בעשנעעטער נאכט בעלויכטען געווארען מיט דעם ליכט פון דער היימישער לבנה. א, די לבנה דא, אין דעם טאהל, שיינט גאר אנדערש, ווי זי וואלט געבענשט און געהייליגט געווארען מיט די ברכות, וואס די אידען בענ־שען זי. ביי קידוש לבנה איז איחר ליכט גאר ליכטיגער און העלער. זי קאנקורירט דא ניט מיט די גרויסע עלעקטרישע לאמפען פון די מואווינג פיקטשורס און רעסטאראנען. דא איז זי אליין דאס איינ־ציגע ליכט, וואס בעלויכט די נאכט. אין די שטיבלעך פיהרט מען זיך אויף ווי אין דער אלטער היים. עס ווייסט ווי צו שפארען, די גוטע

אידיש־פוילישע בעל־הבית׳טע, מיט דעם מאנ׳ס קארגע ווײדזשעס אזוי אויסצוקומען, אז אין שטוב זאל גאר ניט פעהלען. זייערע קיכען לויכטען זיך פאר ריינקייט, וואס זיי האבען איבערגענומען פון זייערע גוטע מוטערס. דאס פויליש־אידישע ווייבעל איז א געניטע בעל־הבית׳טע פון קינדהייט אויף און זי לעגט אריין איהר ווייבערשען חן און ציכטיגקייט אין דער בעל־חבתישקייט. אן דעם כאראקטער פון שטוב דערקענט איהר די בעל־הבית׳טע, און דאס פויליש־אידישע ווייבעל גיסט אוים פון איהר ווייכעם ווייבישעם וועזען אויף איהר קליידונג און הויז. אין יעדער שטוב האב איך געפונען די שפיעלע־רייען און די „צאצקעלעך”, וואס זיי האבען זיך מיטגעבראכט פון דער אלטער היים. לייכטער, גאפעל און מעסער, טעפלעך און אלטע פון די באבע געשענקטע מעשענע ראנדעלעך האבען זיי בעהאלטען צווישען די בעטגעוואנד און איבערגעפיהרט פון דער היים איבער׳ן ים. אויף די בעטען און טישען האב איך געפונען אויסגעשפרייט די אויסגעהאפ־טענע ציכעלעך און סערוועטען, וועלכע דאס מיידעל העפט זיך אוים כלה־ווייז, זאמעלדיג זיך אויף א אויסשטייער. אלע איהרע מיידעלשע חלומות העפט זי אריין אין די האנד־נעהערס, און עס ליעגען די שעהנע ציכלעך פערשלאסען אין קאסטען, און די ליעבע פערשלאסען אין מיי־דעלס הארץ, און ווארטען ביידע אויף דעם בעשערטען. ווען דער בע־שערטער וועט קומען וועט זי איהם אוועקגעבען די ציכלעך פון קאס־טען און די ליעבע פון הארץ... עס האט ליעב דער פוילי־שער מאן גוט צו עסען און דאס ווייבעל גיט נאך זיין „טרפהנעם האלז”. אין יעדער שטוב פיהלט איהר דא דעם געשמאק פון גריבענעס, פון גענזען־שמאלץ, זי באקט פאר איהם חלה אין דער־וואכענס, זי קאכט פאר איהם זיסע פיש אין דער־וואכענס, קלויסלעך מיט ווארעמע פיש־יויך צו ערפרעהען דעם מאן ווען ער וועט אהיים קומען פון דער ארבייט... און זי ווייסט עס אזוי געשיקט פאר די קארגע פאר טאלער א וואך איינצושאפען די אלע גוטע זאכען, אז אין שטוב זאל זיין פון כל טוב, ווארים דער גאנצער געדאנק פון דער פוילישער אידישער ווייבעל איז דער מאן, די הויז, די קינדערלעך, און דערפאר האבען טאקע די ליטווישע ווייבער די פוילישע א נאמען געגעבען „טאפ לי־גערינס”, ווייל זיי ליעגען א גאנצען טאג אין טאפ, און קלעהרען נור פון דער אכילה. אבער זיי מאכען זיך דעראוים זעהר ווייניג, און גע־

העט נאך זייער טאג־טעגליכע בערוף, צו וואס זיי זיינען בעשאפען געווארען, געטריי און שטיל, מיט די ליעבע פון זייער הארצען און מיט די ריינע ציכעלער פון זייערע קאסטענס...

אזוי האבען זיי איבערגעפעקעלט א לעבען פון א קליין פויליש־איר דיש שטעדטעל מיט דער גאנצער נאאיוויטעט און ריינקייט פון זייער הייליג לעבען פון די ברעגען פון דער ווייכסעל אויף די ברעגען פון טייך מיססיסיפי.

אין איינע פון די דערמאנטע הייזלער האב איך בעגעגענט א ווארר שעווער אידענע, וואס האט מלחמה געהאלטען מיט אמעריקא. איהרע כלי־זין זיינען געווען א וואלגער־האלץ און א צאינה וראינה, וואס זי האט זיך געהאט איבערגעפיהרט פון ווארשוי; געהאלטען פערשלאסען אין דעם קיך־טישעל אין איינעם מיט די אנדערע קיך־זאכען, וואס האבען זיך געפונען אין דעם קליינעם בית־המקדש׳ל, וואס איז געווען איהר קיך. די מלחמה איז אנגעגאנגען מיט אמעריקא צוליעב שבת און אידישקייט. אמעריקא האט געוואלט ביי די אידענע אוועקרויר בען דעם שבת און דאס אידישקייט און די אידענע האט ניט געלאזט. און בעשיצט האט זי זיך געגען אמעריקא מיט די צוויי אויסגעפרואווטע וואפען: מיט דעם וואלגער־האלץ און מיט׳ן צאינה וראינה, אלצדינג האט זי שוין פערלארען אין דער מלחמה, די ערוואקסענע קינדער, די אינגערע קינדער, און יעצט האלט זי ביים פערליערען דעם מאן, נור די אידענע האלט בראוו אוים און גיט ניט נאך.

אנגעהייבען האט זיך פון דעם. וואס איהר עלטסטער זוהן יונה, דער פרנסה־געבער, דער וואס האט זיי געשיקט שיפס־קארטען און אראבגעבראכט פון ווארשוי, און האלט אוים דאס גאנצע הויז — האט אנגעהויבען צו ארבייטען אין שבת... „מילא, אז ער האט זיך אויפגעהויבען אין דער פריה, געכאפט אריין די קאווע אהן געדאווענט, אהן געוואשען און אהן א הוט — האב איך געקרעכצט און איהם מוחל געווען..." דערצעהלט מיר די אידענע נאאיוו און טרויעריג. איך האב פאר איהם געזאגט קריאת שמע, איינע פאר מיר און איינע פאר איהם און געבעטען אין הארץ, אז גאט זאל איהם מוחל זיין. אבער געזעהען אז מיין זוהן הויבט זיך אויף אין שבת און געהט צו דער ארר בייט, האב איך ניט געלאזט:

— זוהן, וואו געהסטו ? — האב איך געפרעגט.

— מאמע, אמעריקא איז ניט ווארשוי, דא בעדארף מען ארביי־טען, אז ניט גיט גאט ניט קיין ווייזשעס.

— נישט ביי מיר, נישט ביי מיר, ניט דערלעבען וועל איך עס.

— און זי האט פערשלאסען די טיר, גענומען דאס וואלגער האלץ אין איין האנד און דעם צאינה־וראינה אין די צווייטע האנד און אוועק־געשטעלט זיך ביי דער טיר און ניט געלאזט דעם זוהן ארויסגעהן.

— בלומע, וואס טוסטו דא ? — האט דער מאן געשריען. ער איז דאך אונזער פרנסה געבער. וועסט דאך איהם פערטריבען פון שטוב.

— זאל ער ארויס פון מיין שטוב, איך וויל ניט אזא פרנסה, וואס קומט פון חזיר — פון מחלל שבת זיין. איך וויל ניט, איך וויל ניט.

דער סוף איז געווען, אז דער יונג איז אוועק פון שטוב און איז ניט מעהר אהיים געקומען און זיי האבען פערלוירען א האלבע פרנסה. האט זי פערלוירען איין זוהן אין דער מלחמה.

אז ערוואקסענע טאכטער האט זי געהאט וואס האט געארבייט, און דער מאן האט צונפעדעלט, האבען זיי זיך אן עצה געגעבען אהן דעם זוהן, און געלעבט ווי גאט האט געבאטען.

האט זיך די טאכטער איינגעליעבט אין „א רוסישען“. „אז זי האט מיר ארייגעבראכט דעם ליטוואק אין שטוב אריין“, — דער־צעהלט מיר די אידענע — „האט מיר באלד דאס הארץ געגעבען א צופ. עס איז דאך אבער אמעריקא, איך וועל איהר זאגען מיט וועם זי זאל געהן ? „מיין טאכטער, זאג איך, דו קענסט מיט איהם חתונה האבען, נור א אידישע טאכטער זאלסטו בלייבען, זאלסט אבהיטען די דינים פון א אידישע טאכטער“. און איך זאג איהר וואס א מאמע בעדארף זאגען א טאכטער.

זאגט זי צו מיר :

„מאמע, אמעריקא איז אן אנדער וועלט.“

איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען.

נאך דער חתונה איז די מאמע געקומען נאכקוקען „אויב די טאכ־טער היט אב די דינים וואס „א אידישע טאכטער בעדארף אבהיטען“ — האט עס דער איידעם ניט געוואלט ליידען. ער וויל ניט „אז זי זאל ארייגקוקען אין א פרעמדען טאפ אריין...“

האט איהר די טאכטער געזאגט:

— מאמע, וואס ווילסטו, אז איך זאל זיך נט'ן מיט מיין מאן פאר דיינעם־וועגען?

האט זי איהר אבגעענטפערט:

— וואס מיינסטו, דו מוזט איהם אלץ נאכגעבען, דיין ליטוואק? יאכלעך איהם קאכען אין שבת, אנדערש איז ער עס גאר ניט געוועהנט ביי דער מאמען אין דער היים.

האט זי זיך צוקריגט מיט די טאכטער און קומט ניט ארויף מעהר.

— איך קען ניט. דאס הארץ ווערט מיר פערקלעמט, אז איך זעה ווי זיי לעבען — אמעריקא!

האט זי שוין פערלארען די טאכטער אויך.

„געהאט האט זי נאך א קליינעם יונג אין דער היים, וואס איז געגאנגען אין סקוהל, האט זי איהם אנגעטאן געברענטע צרות" — דערצעהלט מיר דער מאן ווייטער, א פרעהליך סימפאטישער וואר־שעווער איד, אן אסאבע, א פארשוין, מיט א שעהנע בארד און מיט פיעל סימפאטיע — „זעקס א זייגער אין דער פריה האט זי איהם שוין אויפגעוועקט, אז ער זאל דאוונען, בעפאר ער געהט אין סקוהל. זי האט איהם פריהער קיין שטיקעל ברויט ניט געוואלט געבען, דאוונען מוז ער צוערשט, און וואשען זיך און בענשען. און שבת האט זי איהם גאר ניט געלאזט ארויסגעהן, אויף די ליכטיגע שיין האט זי איהם ניט געלאזט. א יונגער אינגעל איז ער, און עס איז דאך אמעריקא — זי געהט מלחמה האלטען מיט אמעריקא? האט ער געכאפט און איז אנטלאפען פון דער היים, צום עלטערען ברודער".

האט זי שוין פערלארען דעם אינגסטען אויך אין דער מלחמה מיט אמעריקא.

יעצט פיהרט זי אן די מלחמה מיט'ן מאן.

— ער אויך. איהם שטעהט שוין אויך ניט אן אין אמעריקא צו זיין א איד. ער האט זיך אבגעלערענט פון די קינדער, — ווייזט זי מיר אויפ'ן מאן — ועסט דיר א שווארץ יאהר אויסריכטען.

דער מאן שמייכעלט אין דער בארד אריין און שווערט זיך כל השבועות, אז זי „יאדעט" איהם די יאהרען בחנם. די מעשה איז, ער האט געקראגען א דזשאב און א גוטען דזשאב, אלס „באס" אין א „דזשאנק יארד" „איך טו גאר ניט, נור איך „באסעווע" מיט די

ארבייטער. דערגעהט זי מיר די יאהרען.״ פרייטאג פערמאכט ער האלב נאך פינף. ווינטער איז דאן שוין פינסטער, שווערט ער זיך אז ער פאהרט ניט אויף דער קאר, נור געהט צופוס אהיים. ווייל זי אבער ניט הערען דערפון. „דאס שטיקעל ברויט אין מויל, זאגט זי, שמעקט מיט חזיר, עס שטיקט מיך אין האלז, ער ארבייט אום שבת, אויף די אלטע יאהרען, קיין סידור נעהמט ער ניט אין האנד אריין. און אז עס קומט שבת, איז ניט קיין קאפיטעל תהלים, ניט קיין ברכי נפשי, ניט קיין פרק. ער נעהמט דעם „פייפער״ אין האנד אריין. דער פייפער איז זיין סידור, זיין חומש — אלצדינג איז דער פייפער. וואס, חלק לעולם הבא וועסטו האבען פאר איהם?״ אט אזוי דערגעהט זי מיר די יאהרען — וואס ווילסטו, אמעריקא איבערמאכען?

— אמעריקא, — זאגט זי — אויסגעריסען זאלסטו ווערען מיט דיין אמעריקא. און אז מען איז שוין אין אמעריקא דארף מען אז גאט פערגעסען? נאר איינער, גאט געפינט זיך אין אמעריקא אויך. און דא וועט ער דיך אויך אויפזוכען, ער וועט דיך דא אויך געפינען...

— אט אזוי דערגעהט זי מיר די יאהרען, — דערצעהלט מיר דער מאן אין דער שטיל, אז זי איז ארויס אין קיך טעע מאכען — אז עס קומט שבת לאזט זי מיך קיין פייפער ניט נעהמען אין האנד אריין, מישט מיר אויף דעם צאינה וראינה, און נעהמט דאס וואלגערהאלץ אין דער האנד. זי מיינט, אז זי וועט קענען מלחמה האלטען מיט אמעריקא — מיט א וואלגער־האלץ וויל זי מלחמה האלטען מיט אמעריקא! אמעריקא איז שטארקער פון איהר, — לאכט דער איד.

— גאט איז נאך שטארקער פאר אייך אלעמען און פאר אמעריקא אויך, גלויב מיר! — האט די אידענע אריינגעשריען פון קיך אריין. זעהט אויס, אז זי האט געהערט אונזער געשפרעך.

4

# פון שיקאגא נאך קאליפארניא.

**פון פענסטער פון וואגאן. — מיזורי. — „אי עם נאט אן ענטיסעמייט“. — ניו מעקסיקא. — אריזאנא.**

אין אבענד האב איך פערלאזען שיקאגא. אראבפאהרענדיג צו דער באהן, האב איך אנגעטראפען א געדיכטען שניי, וועלכער איז גע־פאלען אין די בלאטע פון די שיקאגאר גאסען און איז געווארען איינס מיט איהר. פייכט איז געווען אויפ'ן גאס, פייכט אין דער לופט און פייכט אין די ביינער. אויפגעהויבען האב איך זיך אין מיזורי. די ברייטע זון האט געשיינט איבער היימישע פעלדער, וועלכע האבען געטריקענט זייערע פייכטע בייטען ערד אין די פרישע זונען־שטראה־לען. קיין צייכען פון שניי, פון ווינטער. א הויך פון פריהלינג טראגט זיך איבער די פעלדער. דא און דארט בעוויזען זיך שווארצע, פריש־בעאקערטע בייטען ערד, און אנדערש־וואו גרינסען שוין. איינזאמע שעפסען בלאנדזשען ארום און גריזשען די פון פאר א יאהרען איבער־געבליבענע פערדארטע שטרויען אויף די פעלדער, און יונגע פערדלעך הירזשען איבער די לאנקעס.

א שטיקעל וועג פאהרען מיר מיט'ן מיזורי טייך. ער בעגלייט אונז ביז קענזעס סיטי. פון ביידע זייטען טייך איז אויסגעבעט מיט פריש־בעאקערטע ערד. און דא און דארט זעהט איהר פארמערס אקערען די ערד. קיין זאך ערפרישט אייך ניט אזוי ווי פריש־בעאקערטע ערד. עס דאכט זיך אייך, אז דער הויך פון פריהלינג, וואס וועהט פון דער ערד, יאגט אויף אייך, און ניט נור די ערד אליין שפראצט, נור אויך אין אייער הארץ, אין אייער בלוט, אין אייער וועזען הויבט עס אן צו שפראצען מיט יוגענד, מיט ליעבע, מיט נייעם לעבען.

פון אלע סטייטס, וואס איך בין דורכגעפאהרען, דערמאנט אייך

קיין לאַנד ניט אַזוי אַז די היימישע, פּויערשע ערד, ווי דאָס לאַנד פון מיזורי סטייט. די לאַנקעס זיינען היימישע, קינדישע, פון שטערדטעל, פּראָסטע, פּשוט'ע ערד; און די הייזלעך אויך פּשוט'ע, דאָרפישע. לעבען יעדען הייזעל אַ פּויערשער הויף מיט רינדער: אָקסען, קיה, שאָף, און איבערהויפּט פערד. מיזורי איז רייך אין פּאַשע און אויף די פעלדער פון מיזורי ערציהען זיך די פערד פאַר גאַנץ אַמעריקאַ. איהר זעהט ווי גאַנצע סטאַדעס פערד לויפען אַרום איבער די פעלדער פון מיזורי ווילד און פריי, ניט געצוימט. די גאַנצע וועלט איז זייערס. מען האָט זיי נאָך ניט געזאַמעלט אין די שטאַלען, נאָך ניט געבראַכען זייער פרייען, ווילדען אימפּעט, נאָך ניט געשטעלט זיי אונטער'ן יאָך. נור וועגען דעם אַן אַנדערש מאָל.

דערווייל אינטערעסירען מיך די לעבעדיגע בעשעפעניסען פון מיין מין מעהר פון די, וואָס פּאַשען זיך אויף די לאַנקעס. איך קוק זיך אַרום, ווער מיינע מיטרייזענדע זיינען. אַ פּאָר פרויען מיט קינדער, וואָס פאָהרען אין די וויטע וועסט; צו זייערע מאַנען געוויס, וועלכע נעהמען זיי אַראָב אַהין. צוויי אידישע מיידלעך פון פּוילען, וועלכע אַן אַנקעל נעהמט קיין לאָס אַנזשעלעס. אַ קראַנקער יונגער מאַן, וועלכער פאָהרט זוכען לופט פאַר זיינע קראַנקע לונגען אין די וואַרימע לענדער. נור פּלוצלינג, ווי איך זיץ אַזוי פערטראַכט אין רויכערוואַגאָן און קוק דורכ'ן פענסטער אַרויס, טרעט צו מיר צו אַ מאַן, קוקט זיך אַרום, אויב קיינער הערט איהם ניט, און זאָגט צו מיר, אַביסעל מיט מורא:

— יהודי?

— יהודי — ענטפער איך איהם.

ער דערלאַנגט מיר די האַנד און זעצט זיך לעבען מיר.

איך קוק איהם אָן. אַ געזיכט פון אַן איטאַליענער, אָדער אַרמעניער. געגאָלטע וואָנצעס, אַ נאַקעט געזיכט, וואָס פּאַסט זיך נור צו די קאַלטע פּנים'ער פון די אַנגלאָ־זאַקסען. אַז אַ איד גאָלט זיך די וואָנצעס, ווערט זיין געזיכט אונמענשליך: אַ דיקע, פליישיגע נאָז, מיט אַ פּאָר גרויסע, דיקע, פליישיגע ליפּען, וועלכע זיינען צוליעב די אָבגעגאָלטע וואָנצעס נאָך פליישיגער געוואָרען, אַ הויכער שטערען, אויסגעקראַכענע האָר. קענטיג, אַז ער האָט אינגעלוויין געליטען אויף איינע פון פּרעה'ס מכות (זאָל מיר זיין מוטער מוחל זיין). אַ גרויסע

גאלדענע קייט איבער די וועסט, און צו די גאלדענע קייט אנגעהאנגען צוויי גרויסע הירשען־ציין אין גאלד געפאסט. עס זעהט זיך אויס, אז זיין פאטער איז געווען א גרויסער יעגער, געגאנגען אויף הירשען, און ער טראגט די ציין פון א הירש, וואס זיין פאטער האט געפאנגען אין זיין זייגער קייט אלס אנדענקען. אין איין לאץ פון זיין ראק, זעלבסטפערשטענדליך, א בריליאנטענער צייכען פון א מעסאניק־לאדזש, אין דעם צווייטען לאץ — די אמעריקאנישע פאהן, אויסגע־זעצט מיט בלוי־ווייס־רויטע בריליאנטלעך. אין קראוואט ארייגגע־שטעקט א שפילקע מיט א גרויסען פראגע־צייכען (?), אויך אויסגע־זעצט, פערשטעהט זיך, מיט בריליאנטען. מיט איין ווארט, דער ריכ־טיגער אמעריקאנער.

— אין וועהאט געים אר יו? (אין וואס פאר א שפיעל זייט איהר?) — פרעגט ער מיך.

איך קוק איהם אן: איך פערשטעה ניט, וואס ער מיינט.

— אי עם אין די קלאוק געים, אלסא, אין די דזשולערי געים. אין וועהאט געים אר יו? (איך בין אין דעם שניידער־שפיעל, אין די יובעלען שפיעל אויך. אין וואס פאר א שפיעל זייט איהר?)

איך האב געכאפט, וואס ער מיינט.

— איך בין אין שרייבער־שפיעל — ענטפער איך איהם.

איך וועל אייך ניט איבערגעבען דעם געשפרעך, וואס מיר האבען געהאט אין ענגליש, כאטש אונזערע ביידענס ענגליש וואלט גע־ווען אן אינטערעסאנטער מאטעריאל פאר א שפראך־פארשער, אדער פאר א גוטען קאמיקער אין א וואדעוויל. נאכדעם ווי מיר האבען זיך ביידע צורעדט, האב איך אויסגעפונען פון איהם, אז ער אליין קומט פון ביאליסטאק. געווען אן אפערייטאר אין ניו יארק, בעלאנגט אמאל צום ארבייטער רינג, „און אל דהעט געימס". דערנאך האט ער געהאט א לאנדרי אין שיקאגא, דערנאך א גראסערי אין קענזעס סיטי. הייגט וואהנט ער ערגעץ אין די סאוטה און האט דארט א קלאטהינג פעק־טארי, א דזשולערי סטאר. און פערשטעהן פערשטעה איך, אז ער האט א „לאאן שאפ" פאר פארמערס. און ער איז פון מיר געוואהר געווארען אז איך בין א אידישער שרייבער, שרייב פאר די אידישע פייפערס.

— אי דאנ'ט ריעד איט — האט מיין נייער בעקאנטער געצווי־גען מיט דער נאז, דערהערענדיג פון מיין פראפעסיע. — אי דאנ'ט

לאיק טו ריעד דהי דזשואיש פּייפּערס, דהעי אר טראַבל מייקערס.

— זאָגט ער צו מיר — אַי עם נאָט אַן ענטיסעמייט, איך בין ניט קיין אַנטיסעמיט — לייגט ער דערנאָך צו אין אידיש — איך בעלאַנג צו אַ שוהל, נור די אידישע פּייפּערס גלייך איך ניט. זיי מאַכען אַן טראַבל מיט די וואָירקינגמען. נאָ גוד, נאָ גוד — באַמבעלט ער זיך מיט זיינע האָר־בעוואַקסענע פינגער אויף זיין דיק בייכעל. — אַי עם נאָט אַן ענטיסעמייט — חזר'ט ער איבער נאָך אמאָל — נור דהי דזשואיש פּייפּערס, נאָ, נאָ.

— און איך בין יאָ — ענטפער איך איהם אויף אידיש.

— וואָס? — פרעגט ער מיך.

— אַן אַ נ ט י ס ע מ י י ט — קוק איך איהם גלייך אין פּנים אריין, און דרעה זיך אויס פון איהם צום פענסטער.

מיער געוואָרען פון מיין מיט־מענש, זוך איך מיין אברוה אין פענסטער פון וואַגאָן — אין די טויטע נאַטור.

איינציגוויז ענדערט זיך די נאַטור. די מענשליכע פעלדער, די היימישע בעקאַנטע לאַנקעס ווערען פערלאָרען, געהען אויס און פערטרינקען זיך אין אַ גרויסען, ברייטען, ווילדען ים פון ווילדע, אונבעקאַנטע, אונמענשליכע ערד. איהר האָט דאָס געפיהל, ווי איהר פאָהרט אריין אין אַן אויסגעטריקענטען ים. די הייזלעך ווערען יוואָס אמאָל ווינציגער. לעבעדיגע בעשעפעענישען בעווייזען זיך ניט מעהר, און די ערד איז פערטריקענט, שטויביג, דער ווינד שפּיעלט זיך איבער די נאַקעטע, אויסגעטריקענטע וועלט איינער אליין, און הויבט אויף דעם שטויב אין דער לופטען. די זון ווערט וואָס אמאָל וואַרימער. און ארום אייך איז פּוסט, ווילדערניש און — אונהיימליך...

אויפ'ן צווייטען טאָג, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך שוין געפונען אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט.

„און די ערד איז געווען וויסט און לער און דער גייסט פון גאָט האָט ארומגעשוועבט איבער די אויבערפלעכע פון די ערד" — אַזוי האָט זי אויסגעזעהן, די ערד, ווען דער ערשטער מענש האָט זי דערזעהן — ווי די וויסטע פון ניו־מעקסיקאָ.

ווי אַ ווינד טראָגט זיך אונזער באַהן איבער די אונענדליכע וויסטע. קיין בוים, קיין גרינס, נור פון זון און זאַמד אויפגעפרעסענע אויבערפלעכע פון פערטריקענטע באָדען. עפּעס ווילדע פערזעהעני־

שען, אין געשטאלט פון געוויקסען, שוואמען מיט געשוואלענע בייכער, בערעקען די קליינע בערגלעך. און ווען די באהן פליהט דורך זיי, הויבען זיי זיך אויף און שוועבען אין דער לופטען. פון צייט צו צייט יאגט דער ווינד און הויבט אויף א וואלקען פון שטויב און זאמד און שפיעלט זיך מיט איהם אין דער לופטען, און פערטראגט איהם ערגעץ העט וויינ אוועק. קיין הויז, קיין וואסער, קיין סמן פון לעבען — נור איינזאמע, וויסטע ערד, און איהר האט דאס געפיהל, אז דא איז אמאל א ים געווען, און ער איז פערטריקענט געווארען און אייער באהן טראגט זיך דורך א ים פון ערד. איהר זעהט גאר נישט מעהר, נור הימעל און ערד.

נור טייל מאל, עפעס ווי דורך א נס, בעוויינט זיך א צייכען פון לעבען. א וואלקען רויך שלאגט ארויס פון פאבריק-קוימענס. דא האבען מענשען ענטדעקט דאס געהיימנים פון דער ערד, אויסגעשפירט זי און אויסגעפונען, אז זי האט בעהאלטען אין איהר בויך קוואלען פון אויל, אדער אוצרות פון זילבער, פערבארגענע שטעדט פון קופער — זיינען זיי געקומען, הונגעריגע, ווי וועלף, נאך די בעהאלטענע קוואלען אין דער ערד; אויפגעטרענט איהר בויך און בערויבען די וויסטע פון איהרע בעהאלטענע אוצרות, צאפען אויס איהרע קוואלען פון נאפט, בע'גנב'ענען איהרע אוצרות פון גאלד און זילבער און קופער. איינזאם שלאגט דער רויך פון די מינען-קוימענס און טראגט זיך אוועק אין די אונענדליכקייט פון דער וויסטע.

און עס דאכט זיך, אז די מינען זיינען די נייע פער'כשופ'טע אונטערערדישע שלעסער פון די אמעריקאנער וויסטע, און די מינען-זוכער זיינען די נייע אלאדינס פון טויזענד און איין נאכט...

טייל מאל טראגט זיך דורך, ווי א ווינט, א ווילדע סטאדע פון רויהע, אונגעצוימטע פערד, וועלכע יאגען זיך איבער דער וויסטע, אדער א קאובאי גאלאפירט נאך זיין סטאדע אויף א ווילד פערד און הויבט אויף א וואלקען שטויב נאך זיך, נור דאס זיינען נור ווי טראפענס אין ים, ווי זעמדעלעך שטויב אין דער וויסטע. באלד ווערט דאס אלץ פערדעקט, פערטרונקען, פערגעסען אין דעם ים פון מדבר.

און אז איינזאמקייט און א טרויער ליגט אויסגעגאסען איבער די וויסטע. איהר הערט דעם געוויין פון דער ערד, איהר בענקשאפט בעפרוכטעט צו ווערען, איהר לעכצען נאך וואסער.

און ווען די זון געהט אונטער... אַ. יענע זונען־אונטערגאַנגען אין „דעזערט", וואו עס דאכט זיך, אז עס ענטפּלעקט זיך דאַס געהיימניס פון די אונענדליכקייט. איינזאם און פורכטליך געהט אונטער די זון אין די וויסטע. לאנגזאם, לאנגזאם ווערט איינגעשלונגען די זון פון דער ערד. עס דאכט זיך, אז די ערד איז א ווילדע, וויסטע חיה, וואָס ציהט זיך אויס איבער די אונענדליכקייט. די חיה עפענט אויף איהר גרויס מויל און שלינגט איין דעם הימעל, און די זון און אלע וואָל־קענס, וואָס זיינען אין הימעל... לאנגזאם געהט אונטער די זון אין בענקשאַפט און טרויעריגקייט אין דעם טיעפען תהום פון דער ערד... נור נאך לאנג בלאַנדזשען ארום די אַבגעריסענע שטראהלען פון דעם זונען־אונטערגאנג איבער'ן הימעל און צינדען אַן די עקען פון די וואָל־קענס ווי מיט א פיאָלעטען־פייער, און עס שלאָגט זיך אַב דאַס פייער איבער דער אויבערפלעך פון דער ערד. די ערד ווערט בעלויכטען מיט א זאמדיג־שימירירענדיגען העלען ליכט. דאמאָלס דאכט זיך אייך, אז איהר זעהט דעם גייסט פון גאָט, וואָס שוועבט איבער די אויבערפלעך פון דער ערד...

און די פורכט פון גאָט בעפאַלט דיך. דו האָסט געזעהן דאָס גע־זיכט פון גאָט...

וואָס איז אַזוי געדריקט מיין מוטה און וואָס איז אַזוי טרויעריג מיין נשמה? מיין ווענען בענקט, און איך וויל זיך געפינען נאָהענט לעבען א נאָהענטען. איך וויל, אז מיין הארץ זאָל קלאַפּען אין טאַקט מיט נאך א הארץ. צי די פורכט פאר גאָט ערשרעקט מיך אַזוי?

מיט א געדריקט געמיטה האָב איך זיך איבערגעגעבען אין די אָרעמס פון דער נאכט, פערלאָזענדיג זיך אויף דעם חסד פון גאָט. ניין, פיהלענדיג זיך א טייל פון יענער אונענדליכקייט, וואָס איז ארום מיר, א שטויבעל פון מדבר, א טייל פון גאָט...

און ליגענדיג אויף מיין בעט אין וואגאָן, הערענדיג דאָס שווערע אָטעמען פונ'ם צוג, דאָס קלאַפּען פון די רעדער איבער די רעלסען, האָט זיך מיר געדאכט, אז איך הער דעם גאַנג פון דער וועלט, ווי זי דרעהט זיך ארום איהר אַקס. מיר דאכט זיך, אז איך האָב געהערט דאָס קלאַפּען פון דאָס הארץ פון דער וועלט — די וועלט לעבט, מיר בעווענען זיך, און איך בין אין איהר, א טייל פון איהר — אַ, זיי גע־לויבט, בעשעפער!

די נאכט האט איינגעשלונגען פינף הונדערט מייל פון דער וויס־טע, און מיך איבערגעטראגען פון די ווילדע אויבערפלעך פון ניו־מעקסיקא צו די טאלען און בערג פון אריזאנא.

די אריזאנישע ערד, דאכט זיך, איז איבערגעצויגען מיט א שטראם פון עלעקטריציטעט. נאך ווילד און וויסט, אבער שוין ניטא יענע גלייכע ים'דיגע אויבערפלעך פון דער וויסטע. די ערד שפאלט זיך און גראבט זיך איין אין די גריבער, און הויבט זיך איבער בערג. עס דאכט זיך איך, אז די בערג און די גריבער זיינען פרישע, ערשט יעצט געווארענע, און דאס גאנצע לאנד מאכט אן איינדרוק, ווי עס וואלט ערשט יעצט בעשאפען געווארען. נייז, עס איז נאך ניט בעשאפען געווארען. עס האלט זיך נאך אין שאפען. איהר זעהט דעם רוי־הען שטאף, פון וועלכען גאט האט בעשאפען די וועלט, אזוי ווי די ערד וואלט זיך געקאכט אין א קעסעל־גרוב און זי האלט ערשט אין ווערען. קיין פיער איילען זיינען ניטא גלייכע. דא פארמירט דער ווינד א בארג, און דארט טראגט ער איבער דעם בארג פון איין ארט צום אנ־דערען. דא שפאלט זיך א טאל און דארט פערשיט זיך א טאל. די לופט איז אזוי דורכזיכטיג און קלאר, אז איהר זעהט פאר צעהנדליגע און צעהנדליגע מיילען ווייט. א בארג, וואס אייך דאכט זיך, אז ער שטעהט געגענאיבער אייך, נעהמט שטונדען לאנג צו איהם צוצופאה־רען. און האט איהר נאך ווען געזעהן אין ניו מעקסיקא א לעבעדיג בעשעפעניש, א פערד, א רויך פון א פאבריק־קוימען, זעהט איהר אין אריזאנא לחלוטין גארניט, וואס זאל אייך דערמאנען אז לעבען, נור ווילדע, פרישע בערג, און טיעפע געגראבענע טאלען, און די גאנצע אויבערפלעך איז שימירירט מיט יענעם זאמדיגען פלושענעם ליכט, וואס גיסט זיך פון דער הערליכער, לויכטענדער זון איבער די בערג און טאלען.

נור דאך זעהט איהר, ווי די ערד אין אריזאנא פרובט ארויסצו־געבען איהרע ערשטע שפראצונגען. קאליקעס ווילדע פאלמען־בוימער פרובען שפראצען אין די וויסטע פון אריזאנא, נור זיי ווערען יונ־געהייט פערדארט, פערקריפעלט, פערלעכצט פון דארשט, פערטרי־קענט פון דער זון. דא און דארט רייסען זיך ארויס ווילדע קאקטוס־בוימער, וועלכע נעהמען אן פערשיעדענע ווילדע פארמען, גאר ניט קיין פארמען פון מענשליכע בוימער, נור עפעס פערקריפעלטע פערזעהע־

נישען, ווי געשטאַלטען פון שדים און שלעכטע גייסטער, מיט אָבגעהאַקטע קעפּ, מיט ארויסגעזעצטע בייכער. אין אַזעלכע בוימער האָט געמוזט וואָהנען דער ערשטער מענש.

און אויך די בערג פון אריזאָנא זיינען ניט קיין מענשליכע בערג, נור עפּעס חרוב געוואָרענע פּאַלאַצען, ווי חורבות פון פערשטערטע פערצייטיגע שלעסער, רעשטען פון צופיהרטע ווילדע שטעדט, טורעמס, אין וועלכע עס האָבען געוואָהנט ריעזען, צופיהרטע טעמפּלען פון געשטאָרבענע געטער, איבער וועלכע די ווילדע זון שיינט און צוגיסט איהר שימירירענדיגעס ליכט, שטעהען ווי מצבות אויף אַ וועלט, וואָס איז אמאָל דאָ געווען און איז צושטערט געוואָרען.

און ווען איהר געפינט זיך אין דער וויסטע צווישען די פערבלענדענדע בערג און טאָלען פון אריזאָנא, פיהלט איהר און פערשטעהט יענע אמעריקאַנער פּיאָנערען, וועלכע, געטריבען פון לוסט נאָך גאָלד, האָבען זיך אין די 40ער יאָהרען געשלעפּט איבער די בערג און איבער די טאָלען, און ווען זיי זיינען געקומען אין די וויסטעניִשען פון אריזאָנא, פערלעכצט פון דאָרשט, האָבען זיי האַלב פערטרונקען אין זאַמד־שטורמען, אין זייערע פאַנטאַזיען געזעהן אין די וויסטע מיראַזשען פון שוועבענדע גן עדן׳ס. זיי האָבען געזעהן פרישע קוואַלען וואַסער פליסען צווישען די בערג און אין בעפרוכטבאַרטע לענדער, בעוואַקסענע טאָלען. זיי האָבען געזעהן געבויטע שטעדט הויבען זיך אויף אין דער לופטען און שוועבען פאַר זיי, בעפעלקערטע מאַרקען, שטעדט פון ווייטען אָריענט מיט פאַנטאַסטישע פּאַלאַצען און קאָלירְרייכע בעקליידעטע בעפעלקערונגען. איהר פערשטעהט זיי, איהר פיהלט זיי, וואָרים איהר אַליין זעהט די מיראַזשען אין די וויסטע פון אריזאָנא.

אין אריזאָנא געפינט זיך דאָס אכטע וואונדער פון דער וועלט — „דער גרויסער טאָל". און איך בין אראָפּ פון וועג אויף אַן איבערייע נאַכט צו זעהן יענעם וואונדערבאַרען אָרט, אין וועלכען איהר זעהט די שפּורען ווי אַזוי גאָט האָט די וועלט בעשאַפען.

## 5

# גאט'ס ווילדע ערד.

## דאס געזאנג פון דער פריירא.

די בערג אין קאלאראדא מאכען דעם שטארקען איינדרוק ניט דערפאר וואס זיי זיינען הויך, נור דערפאר ווייל זיי זיינען נאך פריי פון מענשען. דאס לאנד ארום זיי, אויף הונדערטער און אויף טויזענטדער מיילען ווי דיין אויג קען גרייכען און ווי דיין חוש קען דערפיהלען, איז ווילד, ניט בעאקערט און ניט בעזעעט און ניט בעזעסען. אזוי האט גאט'ס ערד אויסגעזעהען טויזענדער און מיליאנען יאהרען בעפאר דער מענש איז געווארען; אזוי האט גאט'ס ערד אויסגעזעהען, ווען זי האט נאך בעלאנגט צו גאט, ווי די לופט און ווי דער הימעל — איידער דער מענש האט זי פערגוואלטיגט, אונטערטעניג געמאכט זי צו זיין קאפריז, און פערשקלאפט זי אונטער זיין פויסט, מיט געוואלד דורכגעפיהרט דעם אקער־אייזען און צוקראצט איהר אויבערפלעכע. געגען איהר ווילען בעפרוכטבארט זי מיט זוימען און איינגעשפאנט זי, אז זי זאל זוימען טראגען פאר זיינעטוועגען.

אזוי ציהט זיך אוים גאט'ס פרייע ווילדע ערד, וועלכע בעלאנגט נאך צו גאט אויף טעג און אויף נעכט גאנצע. פאהרסט טאג איין, טאג אוים פון קאלאראדא נאך ניו מעקסיקא, פון ניו מעקסיקא נאך אריזאנא, — ביז אונטער די קאליפארניא בערג — ציהט זיך אוועק די פריירא אויף דעם גרעסטען טייל פון אמעריקא אין טויזענדער. טויזענדער מיילען, פערשמאכט פון וואסער־דורשט, פערשטויבט פון זון און ווינד — ליגט זי אויסגעצויגען א שלאפענדע, אזוי ריין און אונשולדיג ווי א געדאנק וואס איז נאך ניט פערווירקליכט געווארען. פון צייט צו צייט ווייזט זיך א קליין ארים דערפעל, הייזלעך צונויפגעקלעפט פון ליים מיט פלאכע דעכער וועלכע די ערד דולדעט אויף זיך און קוקען אוים ווי די אראבישע ליים־הייזלעך אין ארץ־ישראל.

עס בעווייזט זיך א איינזאמער אינדיאנער, איינגעהילט אין א קאלדרע, שפרייזט איבער די פריירא, אדער א שווארץ־בלוטיגער מעקסיקאנער יאגט זיך אויף זיין פערד ווי א ווינד, צונויפטרייבעדיג א סטאדע ווילדע פערד, וועלכע יאגען זיך איבער די אונענדליכקייט פון די פריירא. טיילמאל א שמאל וואסעריל, וואס קיינער ווייסט ניט פון וואנען עס האט זיך גענומען — און א סטאדע איינזאמע שאף פאשען זיך דערביי — און ווייטער ווייטע ווילדע פריירא, בערגלעך און טאלען און ווייטע אויבערפלעך און א טרויעריגקייט, און א בענקשאפט וועהעט דערפון. און ווייטער ווייזט זיך אן איינזאם דארף, א גלאק הענגט אויף א טויער פון א שפאנישען מיסיאן קלויסטער, א אנדענקען פון די שפאנישע פיאנערען גלחים וועלכע האבען פערשפרייט דאס קריסטענטום צווישען די אינדיאנער — אדער אן איינזאמער פערד־פאסטוך האט זיך אויפגעשטעלט זיינע שטאלען אין מיטען דער ווילדער פריירא. און מיר פרעגט זיך וואו איז דאס טיפקייט און די איינזאמקייט פון די מענשען, וועלכע וואהנען אין די ווייטע פריירא, אין וועלכעס בוד שפיגעלט זי זיך אפ, און פון וועלכעס בילד זינגט עס ארויס? — וואו זיינען די דיכטער פון דער פריירא? האט שוין טאקע גאר ניט פריירא ארויסגעבראכט חוץ די אקראבאטישע קונצען אויף די פערד פון די קאו־באיס וואס מען ווייזט אין די מואווינג־פיקטשורס? און מען האט דאס געפיהל, אז די גאנצע פריירא איז בעשאפען געווארען, אז זי זאל דינען פאר א סינאריום פאר די אמעריקאנער מואווינג פיקטשורס. און ניט ווילענדיג דערמאנט מען זיך אן די רוסישע סטעפע, ווי זי האט בעריישערט מיט איהר מיסטישען וועהטאג די רוסישע ליטעראטור, און האט בעאיינפלוסט די וועלט־ליטעראטור מיט א בענקענדעס זוכען און א שטילען טרויער — נאך דעם אייביגען תכלית. און ניט ווילענדיג דערמאנט מען זיך אן די איינזאמע בערג פון ארץ ישראל. די פאסטוכער פון די בערג האבען אין א בעשטערענטע נאכט געפונען דעם אייביגען גאט אויף די בערג. ווער ווייסט, וואס עס האבען אויך געפונען די איינזאמע בעוואהנער פון די אמעריקאנער פריירא — אין די בעשטערענטע נעכט, נאר עס האט זיך נאך ניט געפונען דער דיכטער וואס זאל קומען און אונז דאס אויסזאגען...

ווארים וואס איז די פריירא? די פריירא איז דאס געזאנג פון

הימעל מיט דער ערד, דאס געזאנג פון אנהויב, פון דער אייביגער און נאקעטער שאפונג. די וועלט איז נאך א גערדאנק. נאך איז ניטא דער מענש וואס זאל דעם גערדאנק פערקערפערליכען, און דער הימעל און די פריירא איז דאס געזאנג פון גערדאנק, פון גערדאנק פון דער וועלט, ווען די צוויי גרויסע קערפערס בעהעפטען זיך דורך די זון, דער הימעל און די ערד, — אזוי שפילען זיי זיך דורך פארגעסענע און פערשוואומענע דורות און וועלטען און קיין מענשען־אויג האט זיי ניט בעטראכט אז זיי זיינען ניט פערפלעקט געווארען דורך די פראקטישקייט און דעם תכלית זוכעניש פון מענשליכען פערשטאנד. קיין פרוכט ברענגט דאס בעהעפטען ניט. עס איז נאך ניטא דער מענש, וועלכער זאל איינשפאנען די ערד צו דער ארבייט און טרייבען די שטראהלען פון דער זון צו שמייסען די ערד מיט זייער ליכט, צו וועקען פון איהר זוימען... דער הימעל און די ערד האבען נאך ניט חתונה געהאט, נאר זיי זיינען ווי חתן־כלה וואס לעבען אין א ווילדער ליעבע, — אין א ליעבע אהן פרוכט; זיי צו־ווארימען זיך איינער דעם אנדערען מיט זייערע קערפערס — און אלצדינג וואס עס קומט ארויס פון דער ווילדער ליעבע איז פריי און ווילד און ניט געצוימט, ווילד דער דארן וואס וואקסט פון דער ערד, ווילד דאס בעשעפעניס וואס לויפט איבער דער ערד — און פריי און שטארק, און נאקעט שאפענ־דעם ווי דער גערדאנק איידער דער מענש פארקערפערט איהם...

מיט ביינקעניש שיידעט זיך די זון פון דער ערד — יעדען טאג א נייע זון — יעדען טאג ווערט זי געבוירען און שטארבט אב אין די פריירא. זי לעבט זיך אויס דורך דעם טאג און שטארבט אין די ארימס פון דער ערד, — ווי זי וואלט זיך אויסגעלעבט אין דער ליעבע וואס זי האט געגאסען פון זיך א גאנצען טאג אין דער ערד — און איז אויסגעגאנגען. — זי געהט אויף, די זון, איבער די פריירא, ווי א בחור מיט א געזאנג, שטארקט זיך, שטארקט זיך און צופלאמט זיך מיט איהר קערפער און צושטראהלט די גרויסע און ברייטע ערד. באלד ווערט די זון ווי עס וואלט איהר ווער געשאכטען, ווי עס וואלט ווער איהר הארץ אויפגעריסען, און די זון גיסט פון זיך איהר בלוט. נאר די זון׳ס בלוט איז פייער־בלוט, און זי צינדט אונטער מיט איהר פייער־בלוט דעם הימעל. די שטראמען פייערדיגע בלוט רינען אריין אין די בלויע וואלקען־לייבער. און זיי טאנצען, די וואלקען, אין וויל־

דען פייער־טאנץ, ווי זיי וואלטען שכור געווארען פון די זון׳ס בלוט געטראנק...

אלצדינג זינקט איין אין דעם רויטען פייער. איין בלויער וואל־קען נאכ׳ן אנדערען קומען צושווימען און כאפען זיך אונטער אין דעם ים־פייער און ווערען פערדונען מיט א בענקענדעם שאלענדעם ליעד אין הימעל־פייער אריין. באדענדע שעפסען אין הימעל־וואסערען קומען צושווימען און פאלען אין ים־פייער אריין. אזוי זינקט דער הימעל ביסלעכווייז אין פייער־תהום אריין, און איבער דער וועלט ציהט זיך א בלויע נאכט מיט גרויסע הענגענדע שטערען. שוין איז פינסטער ארום און די זון האלט נאך אלץ אין איין זינקען. מען זעהט שוין מעהר ניט דעם זונען־אונטערגאנג אויפ׳ן הימעל. עס שפיגעלט זיך אב א רויטעס ליכט פון הינטער די נאכט און שוועבט אין די לופט און טונקט זיך אין א ווינקעל פון דער ערד. איבער דער וועלט ווערט אזוי שטיל, ווי די גרויסע ברייטע ערד וואלט פלוצים לעבעדיג געווארען, איז וואך און הערט זיך צו עפעס איין. פון דעם לעצטען טראפען פייער־בלוט, ווי עס טליעט זיך די נשמה פון דער זון, דערהערט זיך א בענקענדעס געזאנג. דאס געזאנג פאלט פון הי־מעל און בלאזט ארום אין דער לופטען, איבער די בערגלעך און די טאלען, שוועבט איבער די אויבערפלעך פון דער ערד און פאלט ווי א בלוי־טונקעלער שלייער, פאלדעוועט זיך און ציהט זיך אויף, ווי א ווינטעל וואלט געבלאזען אין איהם — ביז עס פאלט אין גאנצען און ווערט ערגעצוואו פערזונקען אין שווייגעניש.

די וועלט איז שטיל און טונקעל, און מיר ווערט אזוי טרויעריג. מיר דאכט זיך, אז איך האב געהערט אן אלט, אלט געזאנג — פון אלטע דורות, וואס האט געזונגען אין מיר בעפאר איך בין פערקער־פערט געווארען, ווען איך בין נאך געווען א טייל פון דעם אלעם, בע־העפט מיט דעם אלעם אין דער מחשבה פון מיין בעשעפער — איך האב געהערט אין מיר דעם וועלט־געזאנג, דעם געזאנג פון מיין פאטער און מוטער, און איך האבען געבענקט נאך מיין מקור...

## 6

# אין דער באהן איבער'ן מדבר.

דער „גרענד־קעניאן" — די נעוואדא בערג. — ערשטע פיאנערען. — קאליפארניע.

סוחרים זיינען געקומען, גרויסע, הימלישע סוחרים און האבען איבער די ווענד פון א טיעפען טאל אויסגעשפרייט זייערע סחורות צו פערקויפען. שטיקער גאלדענע זיידען־געצייג אויסגעשפרייט איבער טויזענדער קלאפטער ווייט, בלויען פלאשענעם דאמאסק, טייערע פער־סישע בלישטשענדיגע געוועב, הימלישע סחורות, געוועב וואס מלאכים טראגען. עס שימערט מיט טויזענדער ליכטער. עס ווארפען פון זיך די זיידענם רעגענבויגענדיגע זיבען־פארביגע קאלירען, וועלכע שלאגען זיך אפ אין דער לופט פול מיט זייער פארביגעם ליכט; זיי שימערען, בלישטשען זיך, לייכטען אויף און געהען אויס — און צינדען זיך ווי־דער אן, ווי פערפיהרערישע ליכט, ווי אילוזיעס, — ווי פאנטאסטישע ערשיינונגען.

וואס איז דאס?

עס ווערט וואס אמאל נעהענטער, דאכט זיך עס איז שוין אזוי נאהענט, אז איך קען די האנד אויסשטרעקען דערצו, און עס ווערט וואס אמאל ווייטער, אין פאר די אויגען איז עס אזוי נאהענט עס אנ־צוטאפען מיט די הענד. ענדליך שטעה איך ביי דעם גרויסען נאטור־וואונדער, ביים ברעג פון „גרויסען טאל" (גרענד־קעניאן) פון ארי־זאנא.

איך וויים, איך פערשטעה, אז דער זעלבער פרינציפ וואס האט געשאפען דאס מינדעסטע זאמדעל, דאס קלענסטע גרעזעל, דאס נישטיגע ווערימעל, האט אויך געשאפען דעם ים, די גרויסע בערג, און דעם „גרויסען טאל" פון אריזאנא. אז אייגענטליך איז אין דעם קיין

אויסטערלישעם נישטא, אלץ נאטור, ערשיינונג. עס שטעקט אין מינדסטען אינסעקט, אין דער קלענסטער מוראווקע מעהר קאמפליצירטעס, מעהר וואונדער, מעהר גרויסקייט, ווי אין דעם „גרויסען טאל“. די ביהן, אדער די מוראווקע, וואס לעבט אין א „געארדערטע מלוכה“ מיט א „קאנסטיטוציע“, מיט ארבייטער־מוראווקעס, און מיט אייגענע מילך־קיה אינסעקטען, איז א טויזענד־פאכיגע גרעסערע נאטור ערשיינונג, ווי דער גרויסער, מורא'דיגער טויטער „גרענד־קעניאן“.

אבער דאך וואס ציטערט מיין הארץ?

צי איז עס דערפאר וואס מיין אויג זעהט דאס אונגעוועהנליכע?

שטעלט אייך פאר, ווען איהר וואלט געקענט זעהען, ווי ניו יארק, גאנץ ניו יארק מיט זיינע הימעל־קראצערס איז איינגעזונקען אויף זעקס טויזענד פוס טיעף, און נים נאר ניו יארק, א שטאדט וואס איז פופציג מאל גרעסער ווי ניו יארק, און פון טאל שטארצען ארויס די וואולוואירטה הייזער, מיט אלע אנדערע הימעל־קראצער, און זיי זעהען אויס ווי קינדערשע קארטען־הייזלעך, איינס קריכט אויפ'ן אנדערען, אין צווישען זיי פליסט דער האדסאן, און איהר זעהט דאס אלעס פון א הויך פון זעקס טויזענד פוס. און עס דאכט זיך אייך, אז עס איז אזוי נאהענט, אז איהר קענט כמעט אראבשפרינגען, ווייל די לופט איז זעהר דורכזיכטיג.

אבער מעהר פון דאס גרויסע וואונדער, אינטערעסירט מיך דאס שפיעל פון דער זון אויף די ליים־זאמדיגע געשפאלטענע ווענט פון טאל. עס דאכט זיך אייך, אז דער טאל האט געפאנגען די זון און האלט זי אונטען ביי זיך און לאזט זי נים ארויס, און עס פאלט די זון אויף די ליים־זאמדיגע ווענד פון טאל און פערוואנדעלט יעדעס זאמדעל פון טאל אין א בליצענדען קאלירטען שטיינדעל, און פון אלע לייבטענדע זאמד־דימאנטען הויבט זיך אויף א פינקעלדיגער וואלקען פון ליכט, וועלכער בעשיינט די ווענט פון טאל און פערוואנדעלט זיי אין פאנטאסטיש־בעקליידעטע מיט אלערליי לויכטענדיגע זיידען־געצייגען, וועלכע שימערען מיט טויזענד פארביגעס ליכט, ווי דאס ליכט פון רעגענבויגען. און עס שפיעלט דאס ליכט און די לופט מיט די פארבען, אז עס דאכט זיך אייך, אז איהר זעהט נים קיין טאל, נים קיין זאמדיגע ווענד, נים קיין שטארצענדע זאמדיגע בערג, — אלעס דארט

אין טאל — דער גאנצער „גרויסער טאל" איז איבערגעצויגען מיט זיי־דענס. דאס זיינען סוחרים געקומען, הימלישע סוחרים און האבען א יארמארק געמאכט אין דעם טאל, האבען זייערע מלאכים־קאלירדיגע שניט־סחורה אויסגעשפרייט איבער די ווענט פון טאל...

איינאיינציג ארט געדענק איך, און וועלכעס איהר זעהט דעם שפיעל פון ליכט אויף זאמדיגע ווענט, ווי אין „גרענד־קעניאן" — דאס איז אין ארץ־ישראל, אין מדבר פון יהודה. ווען איהר פאהרט פון ירושלים נאך יריחו, טאל אראב, טאל אראב, אויף טויזענדער פוס טיעף, און מיט אמאל דערזעהט איהר, ווי די זון פאלט אויף די זאמ־דיגע ווענט פון די בערג, און בעגיסט זיי מיט איהר הימלישען ליכט, דאכט זיך אייך, אז די בערג ווערען בעקליידעט אין שימערענדע זיי־דענס. א מורא נעהמט אייך אן, פאר דעם ליכט וואס בעווייזט זיך פאר אייערע אויגען. ארום און ארום איז שטיל. א מורא'דיגע שטיל־קייט. הויכע שטומע בערג רינגלען אייך ארום, און די בערג זעהען ניט אוים ווי מענשליכע בערג, נור ווי הימעל־בערג, ווי געפאלענע שטיקער הימלען ליגען איינס אויף'ן אנדערען. מיט אזא הימלישעם ליכט איז אויך בעגאסען דער „גרענד־קעניאן". און דאס מאכט איהם אזוי וואונדערליך רייך און פרעמד — און שעהן...

די נאכט האט מיך געבראכט צום „גרענד־קעניאן", און די נאכט האט מיך ארויסגעפיהרט פון טאל. די לעצטע ליכט אויף די זאמדיגע וועגד, — מיין לעצטער בליק האט זיך צוגעשמידט צו דעם הימלישען ליכט. א, זיי געלויבט דו הימלישעס שטיק לאנד, וואס עס דאכט זיך, אז זייענדיג אין דיין ליכט געפינען מיר זיך אין די הימלישע ספערען. נאך אמאל האב איך געווארפען א בליק אויף יענעם ארט, וואס זעהט אזוי אויס, ווי מיר שטעלען זיך פאר די וועלט אין וועל־כער עס געפינט זיך גאט און די מלאכים. און דאן האט מיך די באהן צוריקגעפיהרט צו די ערד פון די מענשען.

דורך די נאכט האט מיך די אייזערנע חיה, וואס רופט זיך באהן, אין וועמענס בויך איך בין בעקוועם געשלאפען, דורכגעפיהרט דורך מדבריות און טאלען. און אז איך האב צו־מארגענס דורך דעם פענס־טער ארויסגעקוקט, האב איך זיך געפונען קלעטערענדיג טויזענדער פוס אין דער הויך אויף אייזבערג ארויף. גאט האט ארומגערינגעלט דאס גן־עדן לאנד פון קאליפארניא מיט צוויי גרויסע קייטען פון בערג, און

צווישען איין קייט בארג און דעם אנדערען האט ער אויסגעשפרייט אויף טויזענדער מיילען ווייט א וויסטען מדבר און טיעפע „טויטען טא־לען". וואו דער אייביגער זאמד הערשט, און דאך האבען מענשען אויס־געטראטען א וועג צום גן־עדן, וואס געפינט זיך אויף דער ערד. די ערשטע קייטען בערג, די ראקי־מאונטיינס, האט אונזער באהן געשיקט אויסגעמידען. זי האט זיך ווי א שלאנג ארומגעדרעהט צופוסענס פון די בערג, אויסגעזוכט וואו עס איז דא אן ארט דורכצוקריכען פון איין בארג אין אן אנדערען, און איז דורכגעקראכען. די וויסטע און די טויטען־טאלען האט זי דורכגעשניטען מיט א פייף. פערהאקט די פענס־טער פון דעם בויך פון דער גרויסער חיה, און די חיה האט זיך אנ־געטרונקען גוט מיט וואסער, אנגענומען כוחות און איז דורך דעם מדבר מיט א פייפען. א וואלקען רויך האט געשלאגען פון איהר אטעם, וואסער־דאמפף האט געשפריצט פון איהרע נאז־לעכער און זי האט דורכגעשניטען דעם מדבר, דורכגעלאפען אהן אטעם די טאלען. יעצט איז זי אנגעקומען צום לעצטען קייט פון די בערג, צו די פוס פון די אייז־בערג פון אלאסקא. דא קען זיך די אייזערנע חיה, די באהן שוין ניט העלפען און זי מוז דורכקריכען די בערג, שפרינגען פון איין בארג צום אנדערען, איבער אייזערנע בריקען, וועלכע ווארפען זיך אריבער איבער טיעפע טאלען און זיי געבען זיך די הענד פון איין בארג צו דעם אנ־דערען.

אה, אן אברוה איז פאר דעם אויג צו זעהען דעם ווייסען שניי פון דערוויטענס אויף די בערג, צו פיהלען דעם קיהלען אטעם פון פייכט־קייט נאכדעם זאמדיגען שטויב פון די טויטע טאלען, אבער קיין מענש־ליכע שפראצונג נאך ניט, קיין צייכען פון גרינס, נור אבגעהאקטע פער־טריקענטע נאדעל־בוימער, שטעהען צוזאמען מיט פערקריפעלטע גע־שוואלענע שוואמענדיגע געוויקסען פון מדבר. א גאנצען טאג דרע־העז מיר זיך אזוי אין די בערג ארום, אזוי ווי אין א פער׳כשופ׳טען קרייז. מען קען זיך ניט פון זיי ארויסקריגען. ענדליך לאזט זיך די באהן מיט א בליץ־שנעלקייט אראב פון די בערג, און מיר פאלען ווידער צוריק אין לאנגווייליגען מדבר, מיט זיינע זאמדיגע ווינטען, און מיט זיינע אונמענשליכע ווילדע געוויקסען. א בענקשאפט נעהמט אייך ארום נאך עפעס נאטירליכעס, מענשליכעס, נאך דאס, צו וואס אייער אויג איז געוואהנט. אייער איינציגע טרייסט איז וואס איהר דער־

מאַנט אייך, אַז דאָס וואָס עס נעהמט אייך מינוטען דורכצופאָהרען, האָט ביי די ערשטע וואַנדלער, וואָס האָבען זיך געשלעפּט מיט גרויסע וועגען, איינגעשפּאַנט צו אָקסען, בעגלייט מיט מילך־קיה פאַר די קינדער, גענומען טעג גאַנצע, וואָכען גאַנצע דורכצומאַכען.

און קענט איהר די געשיכטע פון יענע ראָמאַנטישע העלדען, פון יענע אונרוהיגע גייסטער, וועלכע זיינען געיאָגט געוואָרען פון דעם אימפּעט פון לעבען און האָבען זיך געלאָזט אויף די געפעהרליכע וועגען דורכצושניידען די בערג און די וויסטע און אנצוקומען אין דעם גאָלדענעם לאַנד פון קאַליפאָרניאַ, נעהמט אייך אַז א טיעפער רעספּעקט און פורכטליכער כבוד פאַר יענע ראָמאַנטישע העלדען, וואָס האָבען געטרעטען דעם וועג פאַר אייך. אַ, פון וואַנען האָבען זיי כוחות גענומען דורכצושניידען דעם אונמענשליכען מדבר, זייענדיג פער׳משפּט צו שטאַרבען פאַר דאָרשט, ארומגערינגעלט מיט דער סכנה פון בעפאַלען צו ווערען יעדען אויגענבליק פון ווילדע אינדיאַנער. אַ, ניין, עס איז ניט געווען בלויז דער גלאַנץ פון גאָלד, וואָס האָט געפינקעלט אין זייערע אויגען פון די וואַסער שטראָמען פון קאַליפאָרניע, וואָס האָט זיי געצויגען צו דעם גאָלדענעם לאַנד דורך וויסטענישען און בערג. ניין, עס איז געווען דער טיעפער בעהאַלטענער סוד פון שאַפען וואָס ליגט פערבאָרגען אין אונז, אונזער אונרוהיגקייט און אונזער נייגעריגקייט נאָך נישט געוועזענעס וואָס האָט געטריבען די פּיאָנערען פון קאַליפאָרניע אויסצוטרעטען א וועג דורך דעם מדבר צו דעם גאָלדענעם לאַנד פון קאַליפאָרניאַ.

נור פלוצים, וואָס איז דאָס? ווי א וואונדער רייסט זיך אַרויס פון אונטער די בערג א קוואַלדיגעם פליסענדיגעם וואַסערעל איבער שטיינער, איבער בערגלעך, און לאָזט זיך־העט וויים אוועק. אַ, ווי ערפרישט דאָס דאָס אויג, דאָס ערשטע וואַסערעל דורך טעג לאַנגע אין מדבר. ווי אנגענעהם זיין רוישען איז צווישען די שטיינער. וויפיעל מוט, וויפיעל ערפרישונג, און ניט ווילענדיג קומט אייך ווידער אויפ׳ן זינען יענע וואַנדערער אין דעם מדבר, יענע ערשטע פּיאָנערען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבען זיך געלאָזט דורך חדשים און יאָהרען לאַנגע דורך דעם מדבר קיין קאַליפאָרניאַ, פערלעכצט פאַר דאָרשט, בעגראַבענדיג זייערע נאָהענטע אין די „טויטען־טאַלען“. אַ, וואָס פאַר אַן אנבליק איז געווען פאַר זיי דאָס קליינע וואַסערעל. וואָס

פאר א מוזיק זיין רוישען איז געווען אין זייערע אויערען. זיי האבען געזעהן, אז ניט בחנם איז געווען זייער גאנג אין מדבר, אז ביים ברעג פון מדבר געפינט זיך דער גן־עדן און עס פיהרט דער וועג צום גן־עדן דורך דעם מדבר.

און זעהט דעם וואונדער פון וואסער. נאך ציהט זיך אויס אי־בער דער וועלט דער טויטער מדבר, נאך הערשט דער זאמד, אבער אין מיטען מדבר, איז ווי עס וואלט ווער א ברכה נעגעבען, ווי א מלאך וואלט ארויפגעטרעטען אויף די ערד, — ביים ברעג פון וואסער ציהט זיך אויס א גרויסע שטיק גרינע לאנקע. אבער וואס פאר א גרינע טונקעלע פייכטע פעטע גרינס. קיה און שעפסען פאשען זיך אויף דער גרינער לאנקע. גרויסע קיה מיט פולע גרויסע אייטער מילך, און דיק וואל־בעוואקסענע שעפסען. אלעס איז דא גרעסער: די קיה און די שעפסען זיינען גרעסערע, ווי זיי וואלטען געווען שטוב־בהמות פון אן אנדערען מין מענשען ווי מיר זיינען, שטוב־בהמות פון ריעזען. קינדערלעך שפּיעלען זיך מיט פערד ביים ברעג פון וואסערל און דארט זעהט איהר א פרעהליך ווייס־אבגעקאלכ־טע הייזעל שפּיעלט זיך ווי א שפּיגעל אין דער זון מיט א רויי־טען קאכלע דאך. און פאר'ן הייזעל בליהענדע בוימער און בליהענ־דע, ווייס־בעשנייטע צווייגען ציטערען אויף א שווארצען בוים. און עס דאכט זיך, אז עס שנייט פון בוים אראב מיט ווייסע בלימלעך. פרישע בליהענדע צווייגען פון אפּריקאסען. די בוימער זיינען קוים, קוים בעשאטען מיט דינע רויטינקע בלימעלעך, וועלכע ציטערען אין דער לופטען פאר פרישקייט און זיי זעהען אויס ווי בלויליך, ווי פיי־ערליך וואלטען געבליהט אויף זיי.

דאס לאנדשאפט ווערט עהנליך צו א פאנטאסטיש בילד פון כינא. עפּעס כינעזיש, צערעמאניש־יום־טוב'דיג מאכען די בליהענדע בוימער דאס גאנצע גרינע פעלד, און עס דאכט זיך אייך, אז איהר זייט אריינגעקומען אין א פרעמדע וועלט, אז איהר געפינט זיך אין א פאנטאסטישעס לאנד, א לאנד וואס געפינט זיך ניט אין די ווירק־ליכקייט, עס לעבט אין חלום פון פאעזיע, — אין קינדער־ביכלעך...

נור ווי אן ערשיינונג בעווייזט זיך פאר אייך דאס גרינע פעלד. אויף איין אויגענבליק, באלד ווייטער, ווערט די וועלט פערטרונקען פון מדבר. אבער ווידער אמאל א גריז פעלד, און ווידער אמאל בלי־

הענדע בוימער, און ווידער אמאל פאשענדע קיה. עס האלטען מלחמה דער ישוב מיט דעם מדבר. דארט וואו די ערד קריגט איהר נארונג, איהר וואסער, ווערט זי פערוואנדעלט אין א גן־עדן, און דארט וואו זי ווערט פערלעכצט, פערוואנדעלט זי זיך אין א מדבר.

און באלד ווערט אויסגעלאשען דער מדבר, און עס ציהען זיך שוין גאנצע סעדער ווייט אוועק מיט בליהענדע בוימער. דאס ווייסע און רויטע בליהונג וואס ציטערט אויף די נאקעטע צווייגען ווארפען א פיאלעטען ליכט אין די לופט. דא און דארט צינדט זיך אן א בליהענדער געלער מימאזע בוים. גאנצע בייטען מיט בלויע ליליען. פון ביידע זייטען וועג בעגלייטען אונז שוין צוויי לאנגע רייהען מיט פאלמען בוימער, וועלכע פוכערען זייערע לאנגע אראבהענגענדיגע צווייגען, ווי דאס ווינדען זיך פון א ווייבערשען פעכער, ווי זיי וואלטען געוואלט ווילקאמען אונז. צו אונזער אריינקומען אין גאלדענעם לאנד אריין, פאכערען זיי אויף אונז מיט זייער מילדען ווינט, וואס זיי יאגען פון זייערע לאנגע צווייגען.

פלוצים האט עס געגעבען א הויך אויף אונז מיט א בעקאנטען שטארקען געשמאק. דער געשמאק איז מיר פארגעקומען זעהר, זעהר בעקאנט. איך האב איהם ווי געפיהלט, און ער איז מיר זעהר היימיש.

עס איז געווען דער געשמאק פון בליהענדע פאמעראנצען.

עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך פאהר אריין אין א אידישער קאלאניע אין יהודה.

מיר געפינען זיך אין גאלדענעם לאנד פון קאליפארניא.

7

# לאָם אנדזשעלאָס.

**די מלוכה פון פרויען. — אָרענדזשעס. — זונטאָג. — די גאַנצע שטאָדט ציהט זיך.**

אמאָל האָט דאָ אין דעם לאַנד געוואוינט אַ שוואַרצע קעניגין, און זי האָט געהייסען קאַליפאָרניע. איהרע אונטערטאַנען זיינען בעשטאַנען פון בלויז פרויען, קיין מאַנספּאַרשוין האָט זיך ניט געטאָרט בעווייזען אין די גרענעצען פון דער קעניגרייך. זיין משפט איז געווען — טויט. די הייזער זיינען געמאַכט געווען אויס געשליפענעם קריסטאַל און די דעכער פון די הייזער זיינען בעדעקט געווען מיט גאָלד. אַלע כלים פון די הויז־זאַכען זיינען אויסגעשמידט געווען פון ריינעם לויטערען גאָלד. די פערד זיינען געווען געשפּאַנט אין גאָלדען־געשפּאַן, און די מול־אייזלען זיינען געווען געשפּאַנט אין גאָלדען־געשפּאַן. און די קעניגין קאַליפאָרניע איז געווען זעהר שטאַרק, קיין קעניג און קיין העלד האָט ניט געקענט אויסשטעהן געגען איהר אין קאַמפּף. איהרע חילות זיינען בעשטאַנען פון בלויז פרויען, און זייערע כלי־זיין זיינען געמאַכט געווען אויס ריינע גאָלד. און די קעניגין מיט איהר שטאַרקען, פרייען פרויען־קעניגרייך האָבען געוואוינט אין די גרינע בערג, אין די פרוכטבאַרע גערטנער פון דעם שעהנעם לאַנד קאַליפאָרניע. וואָס איז גערופען געוואָרען אויף דעם נאָמען פון די קעניגין. קיינער איז איבער זיי קיין האָר נישט געווען, און קיין מאַנספּאַרשוין האָט זייער נאַקעטקייט ניט געזעהן, דערפאַר זיינען זיי ארומגעגאַנגען אונבעקליידעט, נאָר גאָלדענע אָרנאַמענטען האָבען זייערע שוואַרצע גלאַנצענדיגע לייבער בעציערט. נאַקעט און בלויז האָבען זיך די פרויען־העלדען צווישען די פרוכטבאַרע גערטנער ארומגעדרעהט, אויף שוואַרצע פערד אין גאָלד געשפּאַנט האָבען זיי זיך ווילד איבער די

גרינע בערג, איבער די ווייכע, סאמעט־אויסגעגראזטע טאלען געלאזט, אין בלויען הימלישען ים, וואס וואשט די ברעגעס פון גרינעם לאנד, זיך געבאדען — און קיין האר, און קיין מושל איז ניט געווען איבער זיי; נאר פריי און שטארק האט געלעבט — דאס פרייע, גרויסע, העלדישע פרויען־פאלק.

אזוי האט דערצעהלט אן אלטער ראמאן, וואס איז ארויסגעגאנגען אין שפאניען אין אנפאנג פון זעכצעהנטען יאהרהונדערט, איבער די ערשטע איינוואהנער פון קאליפארניע, וואס „זיצען צו דער רעכטער האנד פון די אינדיעס". דער ראמאן איז באלד פערגעסען געווארען און עס איז נאר איבערגעבליבען בלויז א לעגענדע, וואס האט געשוועבט ווי א שפינוועבס אין דער לופט פון ראמאנטישען מיטעלאלטער, וועגען יענעם גאלדענעם לאנד, וואו עס לעבט דאס העלדישע פרייע פרויען־פאלק אין פרוכטבארע גערטנער, אין קריסטאלענע הייזער, אונטער דעם שוץ פון גאלדענע דעכער. און וואס קיין קעניגרייך, קיין העלד קען עס ניט בעזיעגען און קיין מאנספארשוין קען זיך ניט געפינען אין זייערע גרענעצען. און פון דענסטמאל אן האט דאס גאלדענע לאנד מיט איהרע נאקעטע איינוואהנער ניט געלאזט רוהען די שווערמישע גייסטער. א, דור אייז דור אויס האבען מענשען גע'חלומ'ט וועגען יענעם גאלדענעם לאנד, וואו עס פליסען די קוואלען פון אייביגער יוגענד, אין וועלכען עס געפינען זיך די סודות פון אייביגער ליעבע און די אונערשעפטע אוצרות פון אייביגער רייכקייט. און עס האט געצויגען צו זיך די ריטער פון אלע לענדער, פון אלע דורות, און זיי האבען געוואנדעלט צו איהר ווי הייליגע פילגרימס איבער ימים, וויסטענישען און איבער בערג. דאס לאנד האט געשוועבט ווי א פאנטאזיע, ווי א אילוזיע פאר זייערע אויגען, און עס האט גע'כשופ'ט דער שיין פון גאלד פון די פארבארגענע טיעפענישען פון די וואסערען ארויס, און ווי א מאגנעט געצויגען די מענשען צו זיך...

איך וויים ניט אויב די ערשטע ענטדעקער פון קאליפארניא האבען געפונען די מלוכה פון די שעהנע נאקעטע פרויען. שפורען פון אט יענער ווייבערשער מלוכה געפינט מען נאך אין קאליפארניע ביז היינטיגען טאג. דאס גאלד האבען איינצעלנע צוגענומען פאר זיך. אבער די אייביגע ליעבע קען קיינער נישט קאפיטאליזירען פאר זיך. און זי שפראצט איבער דעם גאנצען טאל פון נידעריגען טייל קאלי־

פארניע ווי דאס גרינס פון די לאנקעס, ווי די בלומען, ווי דער גע־שמאק פון די בליהונג אויף די ארענדזש בוימער. אפשר איז עס מיין אייגענער מוט שולדיג, פיליכט די צייט, אין וועלכע איך האב זיך געפונען אין קאליפארניע. נאר מיר דאכט זיך, אז קאליפארניע איז נאך ביז היינטיגען טאג דאס לאנד פון ליעבע, פון אייביגער יוגענד. צי איז די פרוי אזא פרוכט וואס קען נור געדייען אין א לאנד פון אייביגען זומער, נור עס איז א פאקט, אז קיין לאנד פערמאגט ניט אזוי פיעל שעהנע פרויען ווי קאליפארניע. פיעלייכט איז עס שפורען פון יענע פרויען הערשאפט וואס איז דא אמאל געווען.

יעדעס לאנד האט איהר אייגענעם קאליער. ווען איהר וועקט זיך אויף אין א שעהנעם פריהמארגען אין ירושלים, פסח־צייט, און זעהט די ווייסע גאסען, די ווייסע קאלך־הייזער, די ווייסע הימלען — מוזט איהר אויסשרייען, אז ארץ ישראל איז דאס לאנד פון זילבער. עס האט דעם קאליער פון זילבער. קאליפארניע האט דעם קאליער פון גאלד, ניט נור דערפאר וואס אונזער פאנטאזיע איז שוין אזוי איינגעוויגט געווארען — צו זעהען קאליפארניע נור אין דעם שיין פון גאלד... נור איך גלויב, אז דעם קאליער פון גאלד גיט קאליפארניע דער שיין פון די אראנדזשעס. וואו איהר פאהרט, וואו איהר שטעהט און געהט — זעהט איהר סעדער לאנגע, וועלדער גאנצע ציהען זיך אויף מיילען ווייט מיט קליינע דיקענקע, פעטע גרינע צווייגדיגע בוי־מער, וועלכע שטעהען אין פעטע שווארצע פריש בעוואסערטע ערד. און גאלדענע אראנדזשעס קוקען ארויס פון אונטער יעדען גרינעם בלאט. די צייט וואס איך האב זיך געפונען אין קאליפארניע, זיינען די אראנדזשעס פערטיג געווארען, און בעפאר מען נעהמט זיי נאך אראב פון די בוימער בליהט שוין דאס בליהעכטס פון דעם אראנדזש. דאס בליהעכטס איז אזוי שטארק, אז עס שכור'ט אן די גאנצע לופט מיט א שטארקען פער'כשופ'טען פערפיום, און איהר געפינט זיך די גאנצע צייט ווי אונטער די ווירקונג פון אלקאהאל — שכור'לעך. אראנזשעס האבען דאס יאהר געבליהט געשמאק, און געוואקסען אין אזא גרויסער מאס, אז זיי האבען פשוט געבראכען די צווייגען אונ־טער זיך. יעדער גארטען איז אנגעלאדען מיט אראנדזשעס, די בוי־מעלאך בויגען זיך צו דער ערד פאר פולקייט. דער געוויקס פון די אראנדזשעס איז געווען זעהר א גרעסערער דאס יאהר, פון וואס, מען

זאָגט, די אראנדזשעס סוחרים זיינען נישט זעהר צופריעדען. אראנדזשעס וואלגערען זיך ארום איבער די וועגען און קיינער קלייבט זיי ניט אויף. פאַר יעדען גאָרטען קענט איהר זעהען פאַרמערס שטעהען און פערקויפען גאַנצע קאַרבס, טינעלעך אראנדזשעס. „פאַר א קוואָדער א באַסקעט אראנדזשעס". ציטראָנען נעהמט מען גאָר נישט פון די בוימער אראָב. מען זאָגט, צוליעב דעם, וואָס די אייראָפּעאישע וואַלוטע איז אזוי געפאַלען, פיהרען די איטאַליענער אריין דאָ אין לאַנד ציטראָנען פון איטאַליען און פערקויפען זיי זעהר ביליג, וואָס דאָס מאַכט דאָך אויס זעהר טייער לויט'ן איטאַליענישען געלד — צוליעב דעם האָבען די קאַליפאָרניער ציטראָנען קיין מאַרקעט ניט. די גערטנערס נעהמען זיי ניט פון די בוימער אראָב, און זיי ליגען אויסגעשפּרייט איבער'ן וועג און פוילען — פון לאָס-אנדזשעלעס ביז סט.-דיעגאָ. דאָך, אז מיר זיינען אריינגעקומען אין א רעסטאָראַנט פון סט. דיעגאָ, נאָך דעם ווי מיר זיינען דורכגעפאָהרען דורך א טייל פון א ציטראָנען-זשוסט, און פריינד טאָמאַשעווסקי האָט געהייסען דעם וועיטער זיך געבען א לעמאָן צו זיין געבראָטענעם פיש, האָט איהם דער וועיטער צוגעטראָגען מיט גרויס וואזשנעקייט אויף א גרויסער טאַץ, און אויף דער גרויסער טאַץ איז געשטאַנען א קליין טעצעל, אין דעם טעצעל איז געלעגען ווי אן אבן-טוב א פערטעלע פון א קליינער פערטריקענטער ציטראָן.

לאָס-אנדזשעלעס רופט זיך אויף אידיש „מלאכים". איך ווייס ניט אויב די מענשען פון לאָס-אנדזשעלאָס זיינען מלאכים, כאָטש פליהען פליהען זיי ווי די מלאכים. יעדער אייגער, אדער כמעט יעדער איינער אין לאָס-אנדזשעלאָס פערמאָגט זיין אייגענע מאַשין. איהר וועט ניט זיין איבערראַשט צו זעהען ווי א געוועהנליכער אידישער ארבייטער פאָהרט אין לאָס-אנדזשעלאָס צו דער ארבייט ניט אין א איבערגעפּאַקטער ניו-יאָרקער קאַר, נור אין אן אייגענעם איבערגעניצעוועטען אויטאָמאָביל, וואָס ער האָט זיך אויסקאָמבינירט פון פערשיעדענע טיפּס אויטאָמאָבילען. דער הינטען איז פון א „פאָרד", און דער פאָרענט פון א „האַדסאָן".

אויטאָמאָבילען איז אין לאָס-אנדזשעלעס ניט קיין לוקסוס-זאַך, נאָר א נויטווענדיגקייט. דאָס לאַנד איז אזוי שעהן — אין דרויסען איז שטענדיג זומער — וואָהנט מען אנשטאָט אין אן אייגענער שטוב

— אין אן אייגענער מאשין. און האט מען א פרייע מינוט, פאקט מען ארויף אויפ'ן וועגעלע דאס ווייב און די קינדערלעך, און א פאר שטיקלעך פון בעל־בתישקייט, א צוויי־דריי קישענעס מיט א צובראכענע אייזען־בעטעל — א צוויי שטוהלעכלעך, אן אויוועז, און מען לאזט זיך אין וועג אריין. שטעהט איהר זונטאג אויף דער גאס, דאכט זיך אייך, אז גאנץ לאס־אנדזשעלאס ציהט זיך. בעטגעוואנדען פון אלע הייזער, פון פערשיעדענע פארבען און קינדערלעך, קליינע קינדערלעך, און נאך קלענערע קינדערלעך, איינגעפאקט אין קישענס, אין העננענדיגע וויגלעך, טייל זיצען אויף שטוהלכלעך, טייל היינגען אראב פון דעכעל, און מען פאהרט, מען פאהרט, אלעס פאהרט.

די „שטאדט פון מלאכים" ליעגט אין אמת'ען אין א גן־עדן פלאץ. לאס־אנדזשעלעס איז איינגעפאסט ווי א טייערער דימענט — אין גרינע גערטנער, און גאנץ לאס־אנדזשעלעס מיט איהרע גערטנער זיינען איינגעפאסט אין ווייסע הימלישע שנעע־בערג. עס איז דער צעהנטער מארטש, די זון אין די מיטאג־שעה ברענט, גיסט מיט א געזונטער טרוקענער ליכטיגקייט. אין דרויסען איז אזוי ווארים און הייס, און ארום אייך שטעהען ווייסע שנעע־בערג אזוי נאהענט, אז עס דאכט זיך אייך, אז זיי שטעהען אונטער אייער פענסטער. איהר זעהט דעם בלישטשענדען שנעע וואס שיינט געגענאיבער די זון — ווי איין שטיק הימעל געגען דעם אנדערען — און ארום די שנעע־בערג הויבען זיך אויף טונקעל גרינע בערגלעך, וואס זעהען אויס ווי פריש געשניטענע, ווי מענשען וואלטען דאס בעאקערט און בעזייהט — און ציהען זיך אויף מיילען, מיילען ווייט, און לאזען זיך אראב אין טאלען — און דא און דארט קריכען גאנצע אראנדזשעס סעדער אויף די בערגלעך ארויף. אדער א מנין גרינע שלאנקע יונגע ציפרעס בוימלעך שטעהען בעהאלטען אין א טאל און פערשטעלען א ווייסען בלישטשענדען מוריש־שפאנישען פאלאץ, וואס דאכט זיך אייך, אז דארט הינטער דעם שאטען פון פוכערדיגע פאלמען, באדען זיך אין די גערטנער די שווארצע קעניגינס פון די אמאליגע אמאזאנען, וואס האבען בעוואהנט דאס לאנד. דאס לאנדשאפט איז פול מיט ראמאנטישע ערשיינונגען, ווייסע פאלאצען, פאלמען און ציפריסען.

ווייסע טרוקענע ניס־בוימער, וואס זעהען אויס ווי געפרוירענע אייז־בוימער אויף א גרין פעלד. דא און דארט גאנצע פעלדער פון

גרינע היימישע פערקריפעלטע אליוועז בוימער — און דא קריכט ארויף א בארג און דארט נידערט אראב א טאל, וואס איז אויסגע־בעט מיט דעם פרישסטעז גרינסטעז גראז, — און דא קוקט ארויס פון ציפריסען בוימער א ווייסער מארמארנער פאלאץ, און דא ברענט אין דער זון א רויט־גאלדענער שיין פון א ציגעל־דאך. און איבער די בערג און איבער די טאלען ציהט זיך, ווי א ווייסע סטענגע, אן אונ־ענדליכע ווייסע אויסגעפלאסטערטע וועג, אויסגעזעצט פון ביידע זיי־טען מיט פאלמען, מיט ציפרים־בוימער, מיט גערטנער פון אראנ־דזשעם — מיט בליהענדע רויטע און ווייסע בלימלעך פון אפריקא־סען און קארשען־בוימלעך. זאל מען אין אזא לאנד זיצען אין שטוב? פאקט מען אויף די קינדערלעך אויף דער מאשין, דאס קיטשען־קיבעל — מיט דעם בעטגעוואנט איינגעפאקט אין א זייט, און מען לאזט זיך אין דער מדינה אריין. מען שטעלט זיך אב איבער נאכט צווישען אראנדזשעס און ציטרין בוימער, מען קלאפט אויף די בעטלעך, מען שטעלט אוועק דאס קיטשען־קיבעל אונטער די מיליאנערען פאלאצען פון פאסאדינע. מען שעפט די זעלבע לופט וואס די מיליאנערען, מען זעהט די זעלבע וועלט... און צומארגענס אין דער פריה פאקט מען אלעס צוריק, און מען פאהרט אין שטאדט אריין צו דער ארבייט...

## 8

# די פעלקער פון לאָס אנדזשעלאָס.

**די פערשיעדענע קוואַרטאַלען. — פרויען אַלס באַרבערס. — דער איד מיט די אַלטע שיך.**

אַמעריקאַ איז ניט איין מדינה מיט איין אַרט מענשען, נור אַמעריקאַ איז די וועלט. פילע לענדער־שפּראַכען, מנהגים און לעבענס־פאָרמען קענט איהר זעהן אין איין שטאָדט אין אַמעריקאַ. מען דאַרף ניט ווייט וואַנדלען אום אַריינצוקומען אין אַ פרעמדער מדינה. ביי אונז אין ניו יאָרק ווען איהר ווילט קומען פון „פאָרווערטס" אָפיס צו בראָדוויי, אַ מהלך פון פופצעהן מינוט, מוזט איהר דורכגעהן דורך דריי מדינות, דורך די אידישע מדינה, דורך איטאַליען — און ווען איהר זייט ראָמאַנטיש געשטימט און האָט אַן אויג פאַר קאָלירען און אַ חוש פאַר פרעמדאַרטיגעס, וועט איהר שטענדיג, צי איהר דאַרפט יאָ, צי איהר דאַרפט ניט, — דורכגעהן דעם כינעזישען קוואַרטאַל — ווי איך טהו עס. און ווען איהר קענט זעהן, וועט איהר זעהן, אין דעם איינעם טראָפּען דעם גאַנצען ים פון כינאַ.

נור ביי אונז אין די איסט ווערען די פעלקער פלינק אַסימילירט, צונויפגעקאָכט אין דעם „שמעלץ טאָפּ", און איהר דערקענט ניט, ווער עס קומט פון באַרג לבנון און ווער עס קומט פון די רייז־פעלדער פון כינאַ. כינאַ וואוינט ביי אונז צו נאָהענט מיט די אידישע סעקאַנדהענדיגע געוועלבער. כאַפּט מען אַריין אַ כינעזער אין אַ אידישען קליידער געוועלב, מען שערט איהם אָפּ דעם צאָפּ און מען וואַרפט איהם אַריין אין אַ פּאָר הויזען, וואָס קומען פון אַ דזשענטעלמען פון „ריווערסאַיד דראַיוו"; אין אַ פרינץ אַלבערט, וואָס קומט פון אַ אידישען רעווערענד, אין אַ העט פון אַ אידישען אַקטיאָר — און אויס כינעזער. דאַרטען ווייט, אין דעם אַמעריקאַנער אָריענט, ביי די ברע־

גען פון פאסיפישען ים, וואו פון איין זייט ברעג געפינט זיך דער „וועגוס", דער קוני־איילענד פון לאס־אנדזשעלעס, און אויפ'ן צווייטען זייט ברעג שטעהען די כינעזישע טעמפלען פאר בודהא — דארט האלט אויף דער כינעזער, דער יאפאנעזער זיין אייגענארטיגעס, זיין קליידונג און זיינע פארמען פון לעבען. דאס וואס ניו יארק איז פאר אידען, איז סאן פראנציסקא פאר כינעזער, איז לאס־אנדזשעלעס פאר יאפאנעזער.

דער אינטערעסאנטסטער קווארטאל אין לאס־אנדזשעלעס איז אהן צווייפעל דער מעקסיקאנישער. די מעקסיקאנישע בעפעלקערונג איז די איינגעבוירענע בעפעלקערונג פון קאליפארניע, וועלכע קומען אהן צווייפעל ארוים פון צונויפמישונג פון די שפאנישע קאוואליערען, וועלכע זיינען מיטגעקומען מיט די פראנציסקאנישע מאנאכען פון מעקסיקא נאך קאליפארניע צו בעקעהרען די אינדיאנער צום קאטוילישען גלויבען, און די איינגעבוירענע אינדיאנער, וועלכע די מאנאכען האבען בעקעהרט צום קריסטליכען גלויבען און האבען זיי געהאלטען האלב אין שקלאפעריי און האלב אין א קריסטליכער קאמונע. געלערענט זיי מלאכות און פערשיעדענע ארבייטען און געבויט מיסיעס איבער'ן גאנצען נידעריגען טייל פון קאליפארניע. די מעהרסטע שטעדט פון קאליפארניע הויבען זיך אן, און רופען זיך אויף די נעמען פון די קירכען, וואס די אינדיאנער האבען געבויט פאר די פראנציסקאנישע מאנאכען, און איינע פון זיי איז לאס־אנדזשעלעס.

דער מעקסיקאנישער קווארטאל ליגט אין דעם אלטען טייל פון שטאדט, ביים אריינפאהר פון לאס־אנדזשעלעס, ארום די אלטע קירכע „אונזער מאדאם פון די מלאכים", אויף וועמעס נאמען עס רופט זיך אן די שטאדט. די קירכע איז איינע פון די ווינציגע, וועלכע איז ערהאלטען געבליבען פון די אלטע פראנציסקאנישע מיסיען, און ארום איהר ציהען זיך אין שפאנישען סטייל א טייל אלטע הייזער, דער איבריגער טייל איז א מאדערנער, אבער די גאנצע בעפעלקערונג אויף גאסען ווייט, איז א מעקסיקאנישע. שווארץ־ברונעטע הויכע מענער מיט אינדיאנישע אויגען, זייערע געזיכטער טראגען שארף די כאראקטער־ליניע פון אינדיאנישען געזיכט. מיט ברייט־רונדיגע, שטייף־פילצענע קאפעלושען, שטיוועל מיט הויכע כאלעוועס און בעשפארענט מיט זילבערנע שפארעס. די טיפען זיינען אזעלכע וואס איהר

וואלט זיך ניט געוואלט בעגעגענען מיט איינעם פון זיי אין א טונקעל געסעל ביינאכט און וואס איהר קענט זיי אזוי גוט פון די מואווים, וואו די אמעריקאנער מואווינג פיקטשורס נוצען זיי אוים פאר באנדי־טען און רויבערס און אל דאס שלעכטעס. אבער עס איז גענוג אריינ־צוקוקען אין די גוטע ווייכע אויגען פון די שטארקע הויכע קינדער פון מדבר צו זעהן די געמאכטע אגיטאציע וואס די „מואווים" פיהרען אן געגען מעקסיקא. זיי זיינען איינער פון די ארבייטסזאמסטע פעלקער אין לאנד, מעהרסטע פון זיי זיינען פארמער ארבייטער, וועלכע לעבען א הינטיש לעבען, וויית אין דרויסען, און ארבייטענדיג פאר בעלי־בתים, זעהען זיי ניט אן קיין לעבעדיגען מענשען פאר וואכען און חדשים לאנג. די פרייקייט פון דער נאטור, אין וועלכער זיי לעבען, מאכט זייער גייסט פריי, און אריינקומענדיג נאך חדשים לאנגע אין דער שטאדט אריין מיט די קארגע פאאר אפגעשפארטע דאלארס וואס די פארמערס צאהלען אוים פאר זייער ארבייט מוזען זיי דאס באלד אויסגעבען. ווי יעדעס אריענטאלישע פאלק האבען זיי גרויסע נייי־גונגען צו קאלירען און שמוק־זאכען, איבערהויפט צו זילבער־בעצירונ־גען, אויף וועלכע זיי זיינען גרויסע מייסטערס. זילבערנע קייטלעך, פינגערלעך, בעפוצונגען אויף די ברייטע העטס, זילבערנע שפארענס־פאסקעס, שרייענדע וועסטען און זיידענע העמדער. זייער פאסיאן דריקט זיך אוים פאר ברייטראנדיגע העטס, פאר געקנייטשטע שטיוועל און קאלירטע העמדער. אויף די גאסען פון מעקסיקאנישען קווארטאל קענט איהר בעגעגענען אין א זונטאג די מעקסיקאנישע קאוואליערען שפאצירען אין צוריסענע הויזען, אין אן אפגעריסען רעקעל, אבער אין א נייעם הויכען, ברייטבייכיגען פילצערנעם העט, פאר וועלכען ער האט אפגעצאהלט אכצעהן־צוואנציג דאלאר, און א פאר שעהנע, כאַ־לעוודיגע, געקנייטשטע שטיוועלעך מיט זילבערנע שפארענס און א שרייענדיגען קאלירטען העמד, פאר וועלכען ער האט בעצאהלט אין דער אידישער קראם דערפאר די שכירות פאר א חודש ארבייט. זייערע פרויען זיינען אלע ברונעטע, דער עכטער שפאנישער טיפ, מיט ברע־נענדיגע שווארצע אויגען און שווארץ זיידענע האר, נידעריגע, מיט אויסגעבעטע שטארקע ברוסטען, און רונדיג געטאקטע פיסלעך, שטאר־קע היפען. אזוי ווי די מענער האבען זיי אויך א רייץ פאר ציערונג און שפיטצען. זייער מעקסיקאנישע גאלדען און זילבער פיליע איז

דאס רייצענדע אין דעם ארט וואס איך האב געזעהן. ציגיינעריש ארטיג האבען זיי אויך ליעב צו שמוקען זיך אין „געלד" ציערונג. לאנגע קייטען פון זילבערנע און גאלדענע מטבעות בעשווערען זייערע הענט און העלזער, און שפאניש־ארטיג איז זייער קאליר — שווארץ, און זייער שטאף — זיידענס.

רויטע בלומען אין די האר, און געבעט ביכלעך אין די הענט, געהען זיי האנד־אין־האנד מיט זייערע פאראדנע קאוואליערען זונטאג אין די קירכע פון די מיסיאן און לאזען איבער נאך זיך שווערע גערו־כען פון היימיש־געמאכטע פארפיומען צונויפגעמישט מיט ציבעלעס און קנאבעל געשמאק פון זייערע עסענס. דאס גאנצע לעבען איז, זעלבסטפערשטענדליך, אריענטאליש־ארטיג אויף דער גאס. די גאס איז בעלייגט מיט קיכען, און שעהנע שפאנישע מיידלעך און דיקע דאן־קיכאטישע דינסט־מוידען זיצען אונטער די גאס־קירכען, און אויף די קיכען בראטען זיך און פרעגלען אלערליי פלייש מאכלים, גע־שמאק געפעפערט, און בע'טעם'ט בעזאלצען און דורכגעהאקט מיט ציבעלעס, און בעריישט מיט קנאבעל און די געשמאקען פון די געבראַ־טענעס לויפען אין די גאסען ארום און רייצען אייערע אפעטיטען און וועקען אין אייך אכילה תאוות און אנדערע תאוות... און נעבען די פלייש־קיכען שטעהען די צוקער געשטאנדען און שעהנע פליישיגע שפאנישע מיידלעך פארקויפען אייך צוקער־געבעקען און צוקער־גע־פרעגעלטעס, בעציערט מיט רויטע בלומען און רויטע רויזען און בע־פיומירט מיט שטארקע גערוכען. און נעבען דערביי שטעהט דער בוד־הענדלער וואס שטילט דעם הונגער פון אייער נשמה, ווי יענע דעם הונגער פון אייער קערפער, מיט אזעלכע גייסטיגע מאכלים, ווי יענע מיט די ערדישע מאכלים. און עס דאכט זיך, אז די פעפערדיגע און עסיגדיגע געשמאקען וואס שטייגען אויף פון די עסענס געהע אויך ארום פון די קאלירטע און שרייענדיגע טיטולען פון די שפאנישע שונד־ראמאנען, וואס דער שפאנישער מוכר ספרים'ניק פערקויפט נעבען די עסענס. און אהיים געהענדיג פון דער קירכע שטעלען זיך אפ די קאוואליערען מיט די דאמעס, און נאך דעם ווי זיי האבען געשטילט זייער פיזישען הונגער ביי די פלייש־קיכען אויף דער גאס, קויפען זיי זיך מיט אהיים א פאר פון די ראמאנען צו שטילען זייער גייסטיגע הונגער, און פערגעסען אויך ניט אז די פעטע צוקער־ווארג צו פאר־

זיסען זייערע אנגענעהמע שטונדען וואס זיי וועלען פערברענגען אין דער היים אויף זייער געלעגער ביי די ראמאנען...

און ווען איהר געפינט זיך אין מעקסיקאנישען קווארטאל דאכט זיך אייך, אז איהר זענט פערבלאנדזשעט געווארען אין אז אלטע שפאנישע שטאדט, אין א סעוויל, און עס ענטפלעקען זיך פאר אייך יענע קאוואליערען פון אלטען שפאניען, וואס האבען זיך געלאזט אין קליינע שיפלעך איבער דעם אונהיימישען, אונבעקאנטען גרויסען ים, צו ענטדעקען נייע לענדער און נייע פעלקער...

פון מעקסיקאנישען קווארטאל נעהמט עס אייך נור א פאר מינוט צו פערבלאנדזשען אין יאפאנעזישען קווארטאל. די יאפאנעזער אסי־מילירען זיך פיעל שנעלער ווי יעדעס אנדערעס אריענטאלישעס פאלק, אבער דאס איז נור אויבען־אויף, אין זייער קליידונג. קוים אבער קומט איהר אריין אין א יאפאנעזישען קווארטאל, וואו זיי לעבען אין די מאסען, דערפיהלט איהר באלד דאס יאפאנעזישע פרעמד־ארטיגע, זייער קינדיש־שפילענדער גייסט און ליכטיג פריהלינגס־הויך וואס שוועבט פון אלעס וואס איז יאפאנעזיש.

זייער קווארטאל איז דער ריינסטער קווארטאל פון אלע אנדערע קווארטאלען וואו עס וואהנען די פרעמדע פעלקער. זייערע הייזלעך זיינען קליינע, העכסטענס איין שטאק אדער צוויי־שטאקיגע הייזער, אין וועלכען עס איז דא א האטעל. איבערהויפט איז יעדער קווארטאל פול מיט האטעלען. דאס זעלבע איז אויך אין מעקסיקאנישען קוואר־טאל, פאר די מעקסיקאנישע פארם־ארבייטער וואס וואוינען אין דרויסען. אזוי אויך איז דער יאפאנעזישער קווארטאל פול מיט האטעלען פאר די יאפאנעזישע פארם־ארבייטער און פארמערס, וועלכע זייער צאהל איז זעהר אן אנגעזעהענע אין קאליפארניא. נור ווען דער מעקסיקאנישער האטעל מאכט אויף אייך אן איינדרוק פון א ביער־שענק און א קארטען־שפיעל הויז, עפעס אזעלכעס וואס שמעקט מיט מארד און געהיימניס, איז דער יאפאנעזישער פארם־האטעל א קליינער אריענטאלישער פאלאץ פון „טויזענד און איין נאכט“. די פענסטער זיינען בעפוצט מיט יאפאנעזישע געוויקסען און מיט יאפאנעזישע אויפשריפטען. די טירען פון האטעל און די מארמארנע טרעפ זיינען פיינליך ריין געוואשען, און א יאפאנעזישע פאנטאסטישע לאמפ הענגט

פאר'ן האטעל און לאדעט איין מיט זיין אנגענעהמען ליכט אין אבענד. זייערע געוועלבלאך זיינען ריין און ציכטיג און זעהר קונסטפול אויס־געלייגט זיינען די סחורות אין די שוי־פענסטער, אז עס איז אנגענעם צו שטעהן און אריינצוקוקען. עס ווארפען זיך אייך אין די אויגען די פיעלע יאפאנעזישע דרוקערייען און קאלירטע יאפאנעזישע בילדלעך. די פרוכט־סוחרים לייגען אויס זייערע סחורות זעהר קינסטליך און געשמאקפאל מיט מזרח'שע געדולדיגקייט. זעהר וועניג רעסטאראנען. דערפאר טרעפט איהר אפט באר־ערטער, וואו נור אריענטאלער איז ערלויבט אריינצוגעהן. אלע געוועלבער זיינען בעציערט מיט יאפאנע־זישע גאלדענע אויסגעשניצטע אויפשריפטען. אין אלע שוי־פענסטער זיינען אויסגעשטעלט פארקריפעלטע יאפאנעזישע געוויקסען. די פרוי־ען און די קינדער געהן כמעט אלע אנגעטאן יאפאנעזיש, נור די מע־נער זיינען שוין געקליידעט אייראפעאיש. קיין איין אנדער געוועלב זעהט איהר נישט אין יאפאנעזישען קווארטאל וואס ציהט זיך היבשע עטליכע גאסען, א חוץ יאפאנעזישע געוועלבער, כאטש די סחורות וואס מען פערקויפט דארט זיינען אלע אמעריקאניש געמאכטע. דא־גענגען אין מעקסיקאנישען קווארטאל זיינען אלע געוועלבער וואס פער־קויפען סחורות פאר די מעקסיקאנער — אידישע געוועלבער, וואס צו אונזער שאנד מוז עס געזאגט ווערען, באגעהן זיך נישט זעהר אפט מיט די מעקסיקאנישע פארם־ארבייטער מיט גרויס יושר. זיי בע־האנדלען זיי אזוי, ווי די קאליפארניער פרוכט־סוחרים בעהאנדלען אונז דא אין די איסט. לויט די מאס וואס מען רעכענט אונז דא פאר קאליפארניער אראנדזשעס אדער אנדערע פרוכטען, רעכענט מען זיי דארט פאר א ניו יארקער סוט, אדער באסטאנער פאר שיך.

זעהר כאראקטעריסטיש יאפאנעזיש זיינען די פרויען־בארבערס אין יאפאנעזישען קווארטאל. פרויען בארבערס געפינט איהר שוין אין שיקאגא, נור אין ערגעץ זיינען זיי גיט אזוי אריין אין דער מאדע ווי אין די וועסט. דאס האבען איינגעפיהרט די יאפאנעזער. און איינענטליך איז די מלאכה פון גאלען און שערען מעהר צוגעפאסט פאר דער פרוי איידער פאר'ן מאן. עס איז זעהר א דעליקאטנע בע־שעפטיגונג און א ווייבליכע. און גלויבט מיר, עס איז פיעל אנגענעה־מער, ווען אן איידעל פארפיומירט גלאטיג הענטעל פון א יאפאנע־זישער „געישע“ גלעט אייך אויף אייער באק, איידער א רויהער איטא־

ליענער קנעט אייער פנים מיט זיינע פלײשיגע פינגער, וואס איהר ווייסט ניט וואס ער האט נעכטען געטאן מיט זיי.... און דער דופט וואס הויכט פון א מיידעל געשטאלט, פון א יונג אריענטאליש מיידעל, איז אויך אנגענעהמער פון פארשוויצטען הויך פון בארבער, און היינט דער בליק פון די יאפאנעזישע פער'חלומ'טע אויגען...

אין יאפאנעזישען קווארטאל זיינען דא פיעל פרויען־בארבערם, און גאנץ לאס־אנדזשעלעס געהט צו זיי פאר א „שייוו". זיי האבען ווירקליך געבראכט די מלאכה פון גאלען צו א געוויסען קולט, צו א פאלקאמענהייט. שוין דער בארבער שאפ אליין איז פערוואנדעלט אין א יאפאנעזישען דאמען־צימער: אנגענעהמע געוויקסען קלעטערען ארום פון אלע ווינקלען פון צימער. דאס צימער איז לייכט, שוועבענדיג, זומערדיג. פון באלקען הענגען אראפ שטייגען מיט זינג־פויגלען און די ווענט זיינען בעפוצט מיט יאפאנעזישע פאכערס, און דאס דעליקאטסטע מיידעל מיט איהר לענגליך־געשניטענע אויגען, שווארץ־גלאנצענדיגע האר און לייכטע קאלטע פינגער וואשט אייער מיעד געזיכט מיט די שמעקעדיגע וואסערען פון אריענט, און אייך דאכט זיך, אז איהר זענט פערוואנדעלט געווארען אין חלום־לאנד פון מעשיות פון „טויזענד און איין נאכט." איהר זייט א פערשטעלטער פערסישער פרינץ, וועלכער געפינט זיך אויף זיין וואנדער־וועג צו זוכען די בעשערטע פון זיין הארץ, און א מיעדער האט איהר זיך אפגעשטעלט אין א ווייטער שטאדט פון לעגענדארישען מזרח, און א פערשטעלטע פרינצעסין, געפאנגען ביי א פרעמדען סולטאן, וואשט אייער מיעד פנים, איידער איהר געהט זעהן די בעשערטע פון אייער הארץ...

נור ניט שטענדיג זיינען דאמען־בארבערס אזוי ראמאנטיש. אין איינעם פון די דאמען בארבער־שעפער, וואו איך בין געגאנגען נעהמען א „שייוו" אין מעקסיקאנישען קווארטאל — האט מיך די דאמע (וואס האט אזוי אויסגעזעהן ווי זי וואלט ארויסגעוואנדעלט פון סערוואנטעס בוך, מיט וועלכע דער עדעלער ריטער „דאן קיכאט" האט געהאט דאס גרויסע פערגעניגען צו פערברייגען א נאכט אויף דעם בוידעם פון דער קרעטשמע, וואו ער האט זיך אפגעשטעלט), גענומען, ווי מען נעהמט א זויג־קינד, און ארויפגעזעצט אויף דעם הויכען בארבער שטול, וואס איז געווען אזוי הויך, אז מען האט געמוזט

נוצען צו איהם א לייטער, און איז בעשטאנען נור פון דריי פוס, און דעם פערטען ווינקעל פון שטול האט די עדעלע דאמע אונטערגעהאלטען מיט איהר קני, און ווען זי האט גענומען מיין געזיכט צווישען איהרע צוויי פינגער, האט זיך מיר דערמאנט מיינע קינדערשע יאהרען, פרייטאג פארנאכט, ווען די דיענסט איז מיך געגאנגען „קעמען און צוואגען" אויף שבת. דורך דער גאנצער צייט פון דער עדעלער מלאכה האב איך געהאט די עהרע בעגליקט צו ווערען מיט דעם ווייכען בוזים פון דער עדעלער דאמע, וואס האט מיך אזוי געווארעמט, ווי א פוכאוואטע דעק אין א הייסען זומער־אבענד אין א ניו יארקער טענעמענטהויז... און אז איך האב אראפגענומען מיין פנים פון איהר ווייכען בוזים צו כאפען לופט, האב איך געזעהן דעם שנאבעל פון א פאפוגאי, וואס האט ארויסגעשטעקט פון א שטייג איבער מיין קאפ און האט מיך אנגעקוקט מיט קנאה און שנאה פאר די גנאדען וואס זיין דאמע שענקט מיר אוועק...

צווישען דעם מעקסיקאנישען און יאפאנעזישען קווארטאל האב איך געפונען א קליין, קליין געוועלבעל פון אלטע שיך, און אויף דער שוועל פון געוועלבעל איז געשטאנען דער בעל הבית: א קליין אידעל מיט א הויקערל פון פארענט און מיט א הויקערל פון הינטען. זיין נאז איז געווען א קליינע אפשפיגלונג פון איהם אליין. לויט פראפארציאן איז זי געווען אזוי גרויס כמעט ווי ער אליין און אויך בעשאנקען געווארען מיט א הויקערל פון פארענט און א הויקערל פון הינטען. אז זיין נאז האב איך איהם דערקענט, אז ער קומט פון די זעלבע געגענד וואס איך — פון גרויס פוילען. און איך מוז זיך מודה זיין. אז איך האב איהם אנגענומען אז ער איז פון מיין משפחה, ווארים ער האט געטראגען אויף זיך מיין משפחה־סימן — די געהויקערטע נאז. פון מיין פאמיליע איז ער אבער נישט געווען. אבער נישט קיין ווייטער, געווען א לאנדסמאן. אין זיין געוועלבעל זיינען געווען שיך פון די פיס פון דער גאנצער וועלט, שטיוועל מיט שפארעס פון מעקסיקאנישע ווילדע רייטערס און איידעלע אויסגעטאקטע קליינע שיכלעך פון יאפאנעזישע „געישעס"; גרויסע איינגעהאמערטע שיך פון ניגערס, און שטילע לאטשען פון כינעזער. דער פארם פון מענשען גיסט זיך אם בולטסטען אויס אין שיך. קיין בגד לעבט נישט אזוי מיט דאס לעבען פון א מענשען, ווי שיך. אין שיך קענט איהר

דערקענען אויב דער מענש וועלכער האט זיי געטראגען איז געווען א שווערער ארבייטער, א פארמער, אדער א לעדיג־געהער, א פראנט, א פוסט־און־פאסניק, א טאטע פון קינדער, וואס האט געהארעוועט און גע׳דאגה׳עט, אדער א דאמע, א קאקעטקע, א לייכטע פרוי, וואס האט געפונען איהר ברויט אויף דער גאס... אלטע, אויסגעטראטענע שיך — דאס איז דער שפיגעל פון מענשען... און עס האט זיך מיר געדאכט קוקענדיג אויף די אלטע שיך, פון די פערשידענע נאציאנען, וואס הענגען ביי דעם אידען אין געוועלב, אז זיי האבען זיך אפגעשטעלט ביי דעם אידען אפרוהען זיך פון זייער וואנדלען איבער דעם ערד־קוגל... פיעל זיינען זיי געווען און פערשיעדען, פון אלע ווינקעלער פון דעם ערד־קוגעל זיינען זיי אנגעקומען צו דעם אידען אין געוועלבעל. זיי זיינען געקומען פון כינא, פון יאפאן, פון שפאניען, פון איטאליען, פון רוסלאנד און פון וואנען נישט?... איך האב אנגעקוקט דעם אי־דען אויף דער שוועל פון געוועלב, וואו עס רוהען די אלטע שיך פון די פעלקער פון דער וועלט, וואס זיינען געקומען קיין אמעריקא — און עס האט זיך מיר געדאכט, אז עס ליגט אין דעם אידען עפעס סימ־באלישעס, עפעס זאגענדיגעס...

— וואס האנדעלט איהר עפעס מיט אלטע שיך? — פרעג איך דעם אידען.

— מיט וואס דען זאל איך האנדלען? — ענטפערט מיר אפ דער איד — איך קום פון דער איסט. דארט בין איך געווען אן אפרייטאר. כ׳בין קראנק געווארען אויף קאנסאמפשאן, האט מיך די חברה אוועקגעשיקט קיין לאס־אנדזשעלעס. קיין אפרייטער קען איך נים ווערען. עס שאדט מיר צום געזונד, האנדעל איך מיט אלטע שיך.

דער אידישער ישוב אין דער וועסט הויבט זיך אן מיט שווינד־זוכט.

9

# א בעזוך אין סאניטאריום.

די געשיכטע פון דעם אידישען ישוב אין די וועסט, הויבט זיך אהן צווייפעל אן פון שווינדזוכט. ווענען עס האט געצויגען נאך דעם לעגענדארישען לאנד, וואס ליגט אויף דער צווייטער זייט פון די ראקי־בערג, די ראמאנטישע רייזען אין ווילדע לענדער, דאס אויסשפירען אונבעזעצטע געגענדען, דער געיעג אויף חיות אין אונבעטרעטענע וועלדער, דאס קלעטערען אויף אייז־בערג, דאס גראבען גאלד אין פליסיגע טייכען — דעם אידען ציהט צו די גאלדענע, ליכטיגע זון, אז זי זאל היילען זיין שוואכע ברוסט און די דורכזיכטיגע פריהלינגס־לופט צו עטעמען פאר זיינע קראנקע לונגען. און היינטיגען טאג זיצען טויזענטער און טויזענטער אידישע ארבייטער, יונגע און אלטע, בחורים און מיידלעך, אין פערשטויבטע שעפער, ביי אויל פארשימעלטע מאשינען און הוסטען אונטער, און חלום'ען פון דעם גאלדענעם לאנד, וואו די זון שיינט אייביג און וואו ס'בליט שטענדיג דער קארשען־בוים און דער ארענדזש־בוים; דארט וואו עס געפינט זיך די לופט פאר זייערע קראנקע לונגען.

שווינדזוכט איז שטענדיג געווען א אידישע קראנקהייט, אן איידעלע קרענק. נאר דארט אין דער אלטער היים, אינ'ם אמאליגען אידישען לעבען, האט עס געקראגען פון צופיעל לערנען אין דער הייליגער תורה א ישיבה־בחור, א למדן, אן איידעלער יונגער מאן אויף קעסט... אדער א סטודענט אן עקסטערן, וואס האט בעדארפט ענדיגען דאס רוסישע גימנאזיום מיט א גאלדענעם מעדאל, האט עס געקראגען פון צופיעל לערנען פאר די עקזאמענס... דא ביי אונז קריגט מען עס פון זיצען אין די שעפער און נייען הויזען אדער ווייבערשע קליידלעך.

צו פערלירען דאס געזונד פאר לערנען האט נאך געהאט א טעם, אבער ווי איז צו קריגען שווינדזוכט פון קנעפלעך נייען...

קאנסאמפשאן אין אמעריקא איז א פראדוקט פון די „היינטיגע אונגערעכטע ארדנונג פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם אונטער וועלכער מיר לעבען". אזוי זאגט זיך אין די אגיטאציאנס־ביכלעך. עס איז אן אמת'ע אידישע פראלעטארישע קראנקהייט. איהרע קרבנות זיינען די „געפאלענע אויפ'ן שלאכטפעלד פון לעבען".

זייט דער סאניטאריום האט זיך געעפענט אין לאס אנדזשעלעס, איז לאס אנדזשעלעס געווארען דער גן־עדן פאר יענע קראנקע. לאס אנדזשעלעס איז זייער לעצטע האפנונג, פון וועלכע זיי פאנטאזירען אין די פערשטיקטע שעפער, אויסשפייענדיג דאס לעצטע שטיקעל בלוט פון זייערע לונגען...

אין טויזענדער, טויזענדער זיינען זיי צוואווארפען איבער די גרויסע שטאדט נויארק, איבער די שטעדט אויף דער פראווינץ... טיילמאל העלפען אוים גוטע ברידער: מען נעהמט א טעאטער, מען מאכט א בענעפיט־פארשטעלונג, מען פערקויפט דעם לעצטען קישען, און מען שלעפט זיך מיט ווייב און קינדערלעך צו יענעם זונענדיגען לאנד, וואו עס געפינט זיך די לופט פאר זייערע קראנקע לונגען. מען ווארט ניט ביז עס וועט זיין א וואקאנץ אין סאניטאריום. מען גלויבט, אז די לופט פון לאס אנדזשעלעס אליין וועט זיי אויסהיילען.

אין די לעצטע יאהרען איז לאס אנדזשעלעס געווארען בעזעצט מיט גאנצע און האלבע קראנקע, מייסטענס פערמעגליכע מענשען, וועלכע נעהמען זיך צום האנדעל. אבער אויך א גרויסע צאהל ארבייטער קומען אריין אין לאס אנדזשעלעס. די שטאדט וואקסט זעהר שנעל, און מיט איהר — די אידישע בעפעלקערונג. און עס וועט ניט דורכגעהן א לאנגע צייט, און לאס אנדזשעלעס וועט זיין איינע פון די חשוב'סטע און אנגעזעהענסטע אידישע שטעדט. צום לויב פון די אידישע בעפעלקערונג מוז עס געזאגט ווערען, אז די אידען אין לאס אנדזשעלעס בעשאפען ניט קיין אידישע „גהעטאס", ווי זיי טוען עס אין אנדערע שטעדט אין שכנה'שאפט מיט די נעגערס אדער איטאליענער אין די ענגסטע גאסען. די אידישע בעפעלקערונג שפרייט זיך אוים מייסטענס אין די גרוימליכע פלעצער, ווייט פון האנדעלס־צענטער, אין קליינע, מאדערנע פריוואט־הייזלעך, ווי זיי הויבען עס אן יעצט צו טון דא ביי אונז אין ניו־יארק. און איך ווייס ניט, צי די נאטור ברענגט עס מיט, נאר עס איז א פאקט, אז אין קיין אידישען

קווארטאל אין קיין אנדער שטאדט וועט איהר נישט געפינען אזעלכע פיינע בעפלאנצטע גערטענדלעך, ווי פאר די אידישע הייזער אין לאס אנדזשעלעס. די גאסען זיינען בעפלאנצט מיט פאלמען — און סאי ווינטער און סאי זומער שפרייטען זיך אויס גראז־פלעצער פאר און הינטער די הייזלעך. און עס וועט אייך נישט וואונדערען צו זעהן, ווי פשוט'ע אידישע פרויען שטעהען אין זייערע הויז־גערטענדלעך מיט א שפאדעל און רידעל און בעארבייטען זייערע גערטענדלעך מיט גע־טריישאפט און ליעבע. און די ציכטיגקייט און די ריינקייט פון די אי־דישע גאסען זיינען אזעלכע, אז די לאס אנדזשעלעסער אידען קענען שטאלצירען דערמיט.

נור מיט א בעזונדערע פרייד מוז אונטערגעשטראכען ווערען די ברידערליכע געטריישאפט, וואס די לאס אנדזשעלעס'ער אידען — אונזערע אידען — די דעמאקראטישע עלעמענטען פון אלע פארטייען און ריכטונגען, ווייזען ארויס צו די אידישע קראנקע, וואס קומען צו־לויפען זיך רעטען אין די זון פון לאס אנדזשעלעס. לאס אנדזשעלעס, נאך מעהר פון יעדע אנדערע שטאדט, צוליעב דעם וואס די שטאדט האלט אין שנעלען וואקסען, האט א גרויסען מאנגעל אין וואהנונגען. נור איהר קענט אפט טרעפען ווי אידען נעהמען אריין אין זייערע הייזער אנגעלאפענע קראנקע אידישע משפחות, נישט קוקענדיג אויף דער געפאהר פון אנשטעקען זיך. איך אליין האב די זכיה געהאט צו זעהן דעם צייכען פון ברודערליכע געטריישאפט ביי איינינע פון מיינע בעקאנטע. נור דאס שענסטע, דאס ערהאבענסטע וואס די לאס אנ־דזשעלעסער אידען האבען געשאפען איז, — דאס סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע.

אז א „גדול“ קומט אריין אין לאס אנדזשעלעס, איז די ערשטע זאך מיט וואס מען וועט איהם מכבד זיין — מען וועט איהם פיהרען ווייזען דעם סאניטאריום. ווען איהר וועט ריידען מיט א לאס אנ־דזשעלעסער אידען פון די דעמאקראטישע „עלעמענטען“ — איז די ערשטע זאך מיט וואס דער „עלעמענט“ וועט אייך „באדערען“, — דער סאניטאריום. דאס וואס אין אנדערע שטעדט זיינען „ריכטונ־גען“, פארטייען, „גענאסען“ און „חברים“, „רוסלאנד“ און „ארץ ישראל“, איז פאר לאס אנדזשעלעס דער סאניטאריום. דאס גאנצע געזעלשאפטליכע לעבען „בעוועגט“ זיך ארום דעם סאניטאריום. אלע

„ארבייטער“ פאר׳ן סאניטאריום. אלע פארטייען האבען ביים סאני־טאריום שלום געמאכט. ביי א טייל פון זיי איז עס זייער לעבען, זייער אינהאלט, זייער פערזענליכעס. איך האב קיינמאל ניט געזעהן אזא איבערגעבענהייט, אזא אינטערעס צו א זאך, ווי די אידען אין לאס אנדזשעלעס ווייזען ארויס צו דעם סאניטאריום פאר שווינד־זיכטיגע קראנקע.

און עס איז אויך קיין וואונדער ניט. דער סאניטאריום אין לאס אנדזשעלעס איז ניט געבויט געוואָרען ווי אנדערע, פון פרעמדע פאר טשאריטי. דער סאניטאריום אין לאס אנדזשעלעס איז געבויט גע־ווארען פון די אידישע דעמאקראטישע עלעמענטען געגען דעם ווילען און טראץ די שטערונג פון די רייכע יהודים.

דער סאניטאריום איז ארויסגעוואקסען פון זיך אליין. עס האבען אנגעהויבען קומען קראנקע קיין לאס אנדזשעלעס, האט מען דאך גע־מוזט שאפען פאר זיי א פלאץ — דערצעהלט מיר איינער פון די גרינ־דער — די דייטשע יהודים האבען מורא געהאט, אז ווען מיר וועלען בויען א סאניטאריום וועט דאס צוציהען מעהר קראנקע נאך לאס אנ־דזשעלעס. איז ניט נור זיי האבען ניט געהאלפען צו בויען דעם סאניטאריום, נור זיי האבען נאך געזעהן, אז די שטאדט זאל פאסען א געזעץ, אז מען טאר נישט בויען קיין סאניטאריום, און איי־דער וואס־ווען האבען מיר אבגעקויפט א שטיק לאנד אונטער׳ן שטאדט, צווישען ארענדזשעס און ציטראָנען, אויסגעשטעלט א צוויי־דריי ביידלעך פון לייווענד, אוועקגעשטעלט א פאר בעטלעך, אריינגע־נומען א פאר קראנקע — און מיר האבען א סאניטאריום.

און פון דענסטמאל אן האלט זיך דער סאניטאריום אין איין ענט־וויקלען. עס איז ריהרענד צו זעהן, ווי די דעמאקראטישע ארגאניזא־ציעס אין פארשידענע שטעדט אין די וועסט זאמלען געלד און בויען אויף פראכטפאלע פאוויליאנען אין סאניטאריום. אזוי האט סאן־פראנציסקא אויפגעבויט א פראכטפאלען בנין, אין וועלכען מען האלט די געפעהרליך־קראנקע.

דער סאניטאריום פערמאגט שוין איינינע אזעלכע שעהנע בנינים, און דאס אלץ איז געבויט פאר׳ן געלד פון אידישע ארימע ארגאניזיישאנס, און עס ווערט אויסגעהאלטען פון די ענערגיע און איבערגעבענהייט פון אונזערע אידען. די רייכע יהודים אין לאס אנ־

רזשעלעס שטעהען נאך ביז היינטיגען טאג פון דערווייטענס. זיי קענען ניט שטערען דעם סאניטאריום, ווייל דער סאניטאריום איז געווארען א וויכטיגע אינסטיטוציע. אינטערעסאנט איז צו הערען זייער מיינונג, פארוואס זיי ווילען ניט האבען דעם סאניטאריום. איידער איך האב פערלאזט לאס אנדזשעלעס האט מיך א פריינד געפיהרט צו אן אנגעזעהענע און רייכע אידישע דאמע פון דער לאס אנדזשעלעסער געזעלשאפט, וועלכע האט אן איינפלוס אין די טשאריטיס. די דאמע איז אגב אויך א ציוניסטקע, א האלבע נאציאנאליסטקע און אינטערעסירט זיך מיט ליטעראטור און מיט אידישע קולטור. האבען מיינע פריינד געמיינט, אז איך וועל קענען האבען אויף איהר א ווירקונג לטובת פון סאניטאריום. ווען איך האב איהר אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם ריהרענדען, ברודערליכען געפיהל, וואס אנדערע אידען פון לאס אנדזשעלעס ווייזען ארוים צו זייערע קראנקע ברידער, און פאר וואס די יהודים שטעהען פון ווייטען, האט זי מיר אפען געזאגט: „מיר האבען מורא, אז דער סאניטאריום וועט צוציהען צופיעל אידישע אימיגראנטען קיין לאס אנדזשעלעס — דאס קען אונז שאדען. און די ערשטע זאך, וואס מיר האבען צו טון, איז אונז אליין צו „פראטעקטען“.

אין סאניטאריום געפינען זיך, אויב איך בין זיך ניט טועה, ארום הונדערט קראנקע, נור הונדערטער און הונדערטער ווארטען אויף דער רייהע, ביז עס וועט פאר זיי א בעט פריי ווערען, וועלכע דער בעזיצער וועט אפשר איבערטוישען מיט אן „ערד־בעט“... די אטמאספערע איז א היימישע, א ברידערליכע און א גוטע, וואס מען קען עס נור געפינען אין יענע אינסטיטוציעס, וואס זיינען געשאפען געווארען און ווערען פערוואלטעט פון אונזערע לייט. די מעהרסטע קראנקע זיינען יונגע מענשען. פיעלע מיידלעך פון די שעפער ארוים, אויך בחורים. זעלטען האב איך געזעהן עלטערע צווישען זיי. די מעהרסטע פון זיי קומען, זעלבסטפערשטענדליך, פון ניו יארק, די איבעריגע — פון אנדערע אידישע אינדוסטריעלע שטעדט. אכציג־ניינציג פראצענט ארבייטער. עס איז עפעס טראגישעס און ערהאבענעס אין די קראנקהייט. די קראנקע מאכען נישט קיין איינדרוק פון פיזישע קראנקע, נאר פון מענשען, וואס ליידען עפעס אונטער א פערשטעלטען שלייער — איז א פערבארגענעם סוד. עפעס מיסטישעס ליגט

אין זיי. דער קערפער איז ווי א בוים, וואס א ווארים גראבט אונטער. און דער בוים איז אין מיטען בעסטען בליהען. דאס כאראקטעריסטישע אין דיעזער קראנקהייט איז, דאס וואס מעהר די קראנקהייט גראבט אונטער דעם קערפער, אלץ לעבעדיגער איז די נשמה, און וואס נעהענטער מען ווערט צו דער גרוב, — אלץ איינגער, דאכט זיך, ווערט מען, און דער קערפער ווערט אנגעפילט מיט לעבענס־זאפטען.. עס פערליעבען זיך די קראנקע אויפ'ן טויטען־בעט און חלום'ען פון נייע לעבענס, וואס וועלען זיך אנהויבען דארט, אויף יענער זייט...

דער סאניטאריום מאכט נישט קיין איינדרוק פון קיין קראנקענהויז. פערקעהרט, עס דאכט זיך אייך, אז איהר געפינט זיך אויף א פיקניק פון יונגעלייט — ארום אייך זעהט איהר יוגענד, געזונטע, בליהענדע... קיינמאל נאך האב איך נישט געזעהן אונזערע ארבייטער אזעלכע אויסגערוהטע, אנגעגעסענע, מיט אבגעברענטע געזיכטער. עס זעהט אויס ווי אום אן ארבייטער זאל אזוי אויסזעהן, מוז ער צוערשט קריגען קאנסאמפשאן... אבער הינטער די רויזען טאטשעט דער ווארים... און טאקע אויף דעם סאמען „געזונדסטען" ווייזט מיר אן דער דאקטאר: זיינע טעג זיינען געצעהלטע.

איינער פון זיי, א אידישער ארבייטער אין די מיטעלע יאהרען. מיט שווארצע, פער'חלום'טע אויגען, האלט מיך אויף ביי זיין בעט. האלט מיין האנד אין זיינע און לאזט מיך נישט אוועקגעהן. ער האט מיר עפעס צו זאגען. פרעגען אן עצה, וואס זאל ער טון... וואו געפינען זיך דאס ווייב מיט די קינדער זיינע?... דורך דער גאנצער צייט פון דער מלחמה האט ער ניט געהערט פון זיי... האבען זיך געפונען אין אוקראינא, אין דער געגענד וואו פעטלורא'ס מחנות האבען געבושעוועט... געמיינט, אז זיי זיינען אונטערגעגאנגען אין פאגראמען... פערלארען געווארען אין די וועלדער... דאס האט מיך געטריבען אין די קראנקהייט אריין... קיין איין נאכט נישט געשלאפען, שטענדיג געקלעהרט וועגען זיי... געזאמעלט א גראשען צו א גראשען... געמיינט זיי וועלען זיך אברופען... נישט דערעסען, נישט דערשלאפען... נישט פארגונען זיך... ביז איהר זעהט... היינט אז איך האב שוין פערקריינקט דאס געלד, און ליג שוין דא... און איך וויים, אז עס עקט זיך באלד, קריעג איך א טעלעגראמע פון ווארשא... זיי האבען זיך אריינגעכאפט אין פוילען. איך זאל זיי שיקען א שיפסקארטע"...

ער נעהמט ארויס פון אונטער דער קאלדרע א צוקנייטשטע טע־לעגראמע, וואס ער האט געהאלטען אויף זיין הארץ — דער איינצי־גער און לעצטער גרוס...

— צו וואס זאלען זיי קומען? איך וועל זיי שוין נישט זעהן סאי ווי סאי... און ווער וועט זיי אראבנעהמען?... און שוין יא, ווער וועט זיך אויף זיי ארומקוקען?...

און נאך א מינוט נאכדענקען לעגט ער צו:

— און ווער וועט זיך אויף זיי דארט ארומקוקען, הא?... — וואס זאגט איהר? — פרעגט ער מיך — וואס זאל איך טון?...

א צווייטער, מיט שטראהלענדע אויגען, רעדט זעהר אויפגערעגט און צוהיצט. דערזעהן מיך, וויל ער דוקא זיין הארץ אויסגיסען פאר מיר:

— דריי ארבייטער זיינען דורך דער וואך געשטארבען אין סא־ניטאריום, מיטגלידער פון ארבייטער רינג, און קיין ארבייטער רינג מעמבערס פון לאס אנדזשעלעס זיינען ניט געווען ביי דער לויה. די וואס האבען זיי בעגלייט, זיינען געווען איינינגע קראנקע פון סאני־טאריום. אז עס שטארבט א פרומער איד, קומען פון חברה קדישא אדער פון א שוהל. אונזערער א איד, אז ער שטארבט, קומט קיינער נישט פון שטאדט.

— די מיטגלידער פון ארבייטער רינג זיינען ארבייטער. זיי האבען נישט קיין צייט צו געהן צו לויות — פערענטפערט זיך ווער פון ארבייטער רינג.

— אבער אזוי עלענד... אליין... — שרעקט זיך דער קראנקער.

אין זיינע אויגען זעהט איהר — ער מיינט ניט בלויז די, וואס זיינען געשטארבען, ער קלעהרט וועגען זיין אייגענע לויה...

ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון סאניטאריום איז שוין געווען נאכט. די שטערען איבער'ן הימעל אין לאס אנדזשעלעס זיינען זעהר גרויסע און קלאהרע — ווי אין אלע ווארימע לענדער — און פינקלען זיך מיט מעהר ליכט. דאס סאניטאריום ליגט צופוסענס פון בארג ווילסאן. אויף וועלכען עס געפינט זיך דער גרעסטער אסטראנאמישער טורעם פון דער וועלט און די גרעסטע אסטראנאמישע טעלעסקאפען און שפיגלען פון דער וועלט. אויבען אין דער הויך, אויפ'ן בארג, זיי־נען אודאי איצט געזעסען די געלעהרטע און האבען דורך זייערע טע־

לעסקאפּען געקוקט אין די שטערען און געזעהען נייע וועלטען. און אונטען, צופוסענס פון בארג, זיינען געזעסען די קראנקע פון לאס אנדזשעלעס'ער סאניטאריום און האבען אויך ארויפגעקוקט אויף די זעלבע שטערן, אויף וועלכע עס האבען געקוקט די געלעהרטע אויף דעם בארג ווילסאן. און מיר דאכט זיך, אז די קראנקע האבען געזעהן די וועלטען, וואס געפינען זיך אויף די שטערן פיעל קלעהרער און פיעל שארפער פון די געלעהרטע, ווייל דאס זיינען די וועלטען, אין וועלכע זיי וועלען זיך באלד געפינען...

# 10

# לאַ־יאָללאָ.

**דאָס געדיכט אין שטיין. — הענגענדע גערטנער. — א שכור'ע שטאָדט.**

דער וועג פון לאָס אנדזשעלעס נאָך סאַן דיעגאָ פיהרט איבער די רייכסטע געגענד פון קאַליפאָרניא. די פעלדער זיינען ממש בע־דעקט מיט אראנדזשעס און ציטראָנען און וועלשענע נים און אייל־בערטען בוימער. די פעלדער זיינען פול מיט נאַפט־גראָבענס, און ניט איינמאל קומט אייך אויס צו זעהן ווי צווישען די נאַפט־פלומפען וואקסען אראנדזשעס. פון אונטען, פונ'ם בויך פון דער ערד — ציהט מען מיט פלומפען ארויס די נאַפט און די אויבערדעק פון דער ערד איז באַשאָטען מיט בלומען און מיט פרוכטען. נאַפט איז אונזער צייט איז דער אויסדרוק פון פרוכטבאַרקייט און רייכקייט ווי אין אמאָליגען ארץ ישראל „מילך און האָניג“. און אנשטאָט מילך און האָ־ניג קען קאַליפאָרניא בעצייכענט ווערען אלס דאָס לאַנד פון „נאַפט און האָניג“.

כדי אויך צוצוגעבען דער לאַנדשאַפט א ראָמאַנטיש־היסטאָרי־שען גלאַנץ — שטעהען אויפ'ן וועג פון לאָס אנדזשעלעס נאָך סאַן דיעגאָ די רואינען פון די מיסיאָנערישע קירכען, וואָס די סאַן פראַנ־ציסקאַנער גלחים, וועלכע זיינען אין מיטען פון אכטצעהנטען יאָהר־הונדערט אריבערגעקומען פון מעקסיקא קיין קאַליפאָרניא — איבער־צוקעהרען די אינדיאַנער צום קריסטליכען גלויבען — האָבען אויפגע־בויט אַלץ צענטערס פון ישובים, פון וועלכע עס האָבען זיך ענטוויי־קעלט די שטעדט פון קאַליפאָרניא. די געשיכטע פון די מיסיאָנערע איז די געשיכטע פון קאַליפאָרניא. די קירכען, וועלכע זיינען געבויט אין אייגענטימליך אַלט־שפּאַניש־מאָרישען סטיל, זיינען שוין לענגסט צופאַלען, און עס זיינען נור איבערגעבליבען פון זיי חורבות. אבער

עס זעהט אויס, אז די קאטוילישע קירכע אין אמעריקא וויל שלאגען פאליטישען קאפיטאל פון די ראמאנטישע קירכען חורבות. זי בויט זיי צוריק אויף און נוצט אויס דעם היסטארישען סענטימענט פאר קאטוילישע אגיטאציע. אין סט. גבריאלא — א פארשטעדטעל פון לאס אנדזשעלעס, ווערט שוין זייט איינינע יאהר אויפגעפיהרט מיט גרויס אויסשטאטונג א פעסט־שפיעל, אין וועלכען עס ווערט פארגע־שטעלט די געשיכטע פון די מיסיאנערען, ווי זיי לאזען זיך אין א שיף אין דעם אונבעקאנטען לאנד, און וואהנען צווישען די ווילדע אינדיא־נער, און באקעהרען זיי צום קריסטליכען גלויבען, לערנען זיי מענש־ליכע מלאכות — און בעזיעגען זיי נישט מיט די שווערד, נור מיט קריסטליכע ליעבע. עס איז איינע פון די שטארקסטע אגיטאציעס, וואס די קאטוילישע קירכע פיהרט אן אין לאנד. דער פאטער סעררא, וואס האט אנגעפיהרט די מיסיאנערען, ווערט פארגעשטעלט מיט אזוי פיעל שטארקייט און גלויבען. דער מאמענט, אין וועלכען עס ווערט געשילדערט, ווי אלע זיינען שוין פערצווייפעלט — און ווילען פער־לאזען דאס לאנד, און דער פאטער סעררא, גלויבענדיג אין זיין מי־סיאן צו באקעהרען די אינדיאנער, שטעהט געטריי אויף זיין פאס־טען, ניט קוקענדיג אויף אלע אומגליקען — דערמאנט זעהר פיעל אן די ערשטע אידישע קאלאניסטען נאך די אכציגער יאהרען אין פא־לעסטינא, וועלכע אויסגעהענדיג פאר א טרונק וואסער — האבען דאך אויסגעהאלטען און איבערגעבליבען אויף זייערע ערטער און בעאר־בייט דאס לאנד.

דעם אריענטאלישען סטיל פון די קירכליכע חורבות, וואס זיינען פערשפרייט איבער דעם גאנצען ברעג פון קאליפארנישען פאסיפישען ים, נוצען יעצט אויס די קינסטלער ארכיטעקטארען צו בעשאפען א בעזונדערען קאליפארנישען סטיל און די פאלאצען פון די אמעריקא־נער מיליאנערען אין פעסאדאניא און אנדערע גן עדן'ס פון קאלי־פארניא ווערען געבויט אין דעם אלטען שפאנישען סטיל. און מען מוז מודה זיין, אז דער אריענטאלישער סטיל, וואס די מארישע קאליפען האבען איינגעפיהרט אין שפאניען, פאסט זיך זעהר צו צו די קאלי־פארנישע לאנדשאפט. דאס לאנד פון אייביגען זומער קריעגט א כאראקטער ווי ניט עס וואלט ערשט קוים געווען הונדערט און פופ־צעהן יאהר צייט ווי די ווייסע מענשען האבען דא געשטעלט א פוס־

טריט, נאר ווי עס וואלט געוועזן איינע פון די עלטסטע לענדער אין די וועלט, אין וועלכע עס איז געשטאנענ דאס וויגעל פון די מענשליכע קולטור. דאס לאנד ווערט פערוואנדעלט אין א לאנד פון „טויזענד און איין נאכט“, ווי די קאליפען פון די מארען לענדער וואלטען גע־וואהנט דארין. און ווען איהר קוקט אן די גרויסע מעכטיגע אריענ־טאלישע פאלאצען, די נייע „אלהאמבראס“, וואס קוקען ארויס פון די שווארץ־גרינע ציפרים־בוימער, דאכט זיך אייך, אז קאליפארניא איז דאס לאנד פון די נייע קאליפען, חאנען, סולטאנען פון די אמע־ריקאנער ראסע...

ל א - י א ל ל א. וואס ליעגט אויפ'ן וועג פון לאס אנדזשע־לעס נאך סאן דיעגא, איז דער פראדוקט פון אט דעם נייעם אריענ־טאלישען סטיל, וואס ווערט פערפלאנצט אין אמעריקא. דאס גאנצע שטעדטעל איז געבויט אין שפאניש־מארישען סטיל. נידריגע הייזלעך מיט פלאטשיגע רויטע ציגעל־דעכער; די פענסטער אין אויסשניט פון האלבע לבנות, און די ווייסע ווענט בעפוצט מיט טונקעל־גרינע ציפ־רים־בוימער. לא־יאלא איז אהן צווייפעל איינער פון די שעהנסטע ווינקלען, וואס געפינען זיך אויף גאטעס ערד. דאס שטעדטעל ליעגט בערגלעך ארויף משופע, ביי א ווייס־זאמדיגען ברעג פון פאסיפישען ים. דארום איז דארט אזוי בלוי און דורכזיכטיג ווי אין פאלערמא און סיציליען. מען זעהט יעדעס שטיינדעל און יעדען געוויקס און יעדען בוים וואס געפינט זיך אויפ'ן באדען פון ים. דאס גאנצע שטעדטעל ליעגט ניט אין גרינס, נאר אין בלומען — אין יאשמין, אין גאלדענער מימאזע. די מארקען פון שטעדטעל באדען זיך אין טולי־פאנען — דאס גאנצע שטעדטעל זעהט אויס, ווי עס וואלט געוועזן א געדיכט, וואס איז אויסגעדיכטעט געווארען פון א פערסי־שען דיכטער אין מיטעל־אלטער. עס זעהט אויס ווי א וויזיע, וואס מען זעהט אין חלום, ניט אויפ'ן וואהר. דאס שטעדטעל איז דער רענעסאנס פון די מארישע קולטור.

נאך בעפאר דער מלחמה און אין דער צייט פון דער מלחמה, האט אייראפא אריבערגעשיקט איהר קונסט צו אמעריקא. די זיהן פון די אלטע אריסטאקראטען האבען אראבגענומען פון די ווענד פון זייערע פאטער'ס פאלאצען די טייערע טעפיכען, וועלכע זיינען געהאנגען אין

זייערע פּאַלאַצען הונדערטע יאָהרען, און האָבען עס אַריבערגעשיקט קיין אַמעריקאַ צו פערקויפען.

אויף די ניו יאָרקער קונסט־אַקציאָנען קענט איהר זעהן וואָד אייַן, וואָד אויס ווי עס געהען איבער די קונסט־אוצרות פון אַלטען אייראָ־פּאַ — קונסט־אוצרות פון דורות און דורות — פון אייראָפּאַ קיין אַמעריקאַ. ניט נאָר בילדער פון אַלטע מייסטערס, ניט נאָר אַלטע מעבעל — די טייערסטע טעפּיכען און טייערסטע פּאָרצעלייען פון אַל־טען כינאַ און פון ראָמאַנטישען פּערסיע — נאָר גאַנצע פּאַלאַצען. מען נעהמט אַרויס גאַנצע צימערען, האָלץ־שניצערייען, וואָס האָבען בע־פּוצט איטאַליענישע פּאַלאַצען, פראַנצויזישע, ענגלישע, פּאַלאַצען פון שפּאַנישע קעניגע און קאַליפען, און מען פיהרט זיי אַוועק קיין אַמע־ריקאַ צו פערקויפען. די אַמעריקאַנער מיליאָנערען קויפען אויך די אַלטע קונסט־זאַכען פון אַלטען שפּאַניען, וואָס קומען פון די צייטען, וואָס די מאַרישע קאַליפען האָבען געהערשט אין שפּאַניען, און שיקען דאָס איבער אין זייערע נייע פּאַלאַצען וואָס זיי בויען פאַר זיך אין דעם סטייל פון אַלטען שפּאַניען אין קאַליפאָרניאַ. מען צונעהמט די אַלטע הייזער און מען נעהמט אַרויס די ווענט בעפּוצונגען, פייער־פּלעצער און מען בויט זיי צוריק איין אין די פּאַלאַצען פון די נייע קאַליפען. אַזוי רייט איבער אויפ׳ן רוקען פון אַמעריקאַנער געלד די קונסט פון אַלטען אייראָפּאַ נאָך אַמעריקאַ, אָבער ניט קיין קולטור. ווארים אַ קולטור איז דאָס וואָס לעבט, און האַלט אין איין שאַפען. דאָס אַמעריקאַנער געלד קאָן נור בלויז אָבקויפען די געשאַפענע זאַ־כען, אָבער ניט בעשאַפען קיין נייע...

ליידער זיינען מיר שפּעט אין אָבענד אַריינגעקומען אין סאַן דיעגאָ, און עס איז אונז אויסגעקומען ווייניג וואָס צו זעהען פון די עלטסטע שטאָדט פון קאַליפאָרניאַ. געגעכטיגט האָבען מיר אין אַ מיליאָנערסקען האָטעל אין קאָראָנאַדאָ ביטש, ניט ווייט פון די מעק־סיקאַנער גרענעץ. דער האָטעל איז איינער פון יענע „אַלהאַמבראַ״ פּאַלאַצען, וועלכע זיינען אויסגעבויט געוואָרען פאַר די אַמעריקאַנער סולטאַנען. די פּאָדלאָגע איז בעלעגט מיט די טייערסטע און זעל־טענסטע טעפּיכען וואָס קומען פון פּערסיען. אין שענק ביי די ווענט שטעהען די עדעלסטע פּאָרצעלייען וואָס קומט פון כינאַ. די מעבעל איז אַלט־שפּאַנישע מעבעל, וועלכעס איז איבערגעפיהרט געוואָרען פון

אַז אַלטע שלאָס אין שפּאַניע. אַלעס וואָס איהר האָט געזעהן אין דעם נייעם „אַלהאַמבראַ" איז געווען געקויפט פאַר געלד, און קיין זאַך נישט געשאַפען מיט אייגענעם כח...

עס רעדט זיך זעהר פיעל אין די לעגענדען פון אָריענט וועגען די הענג־וואַסערען און די בריקען־גערטנער פון אַמאָליגען פּערסיען. איך האָב יענע גערטנער ניט געזעהן. נור ווען איהר זעהט די הענג־גערטנער פון קאַליפאָרניא דאַכט זיך אייך, אַז איהר זענט פערוואַנדערט געוואָרען אין איינע פון יענע גערטנער פון באַבילאָן אָדער פּערסיען. און דאָס זעלבע האָב איך געפיהלט געפינענדיג זיך אין גאָרטען פון האָטעל.

פון דאָרט צו דער מעקסיקאַנער גרענעץ נעהמט קוים אַ האַלבע שטונדע. דער האָטעל איז נישט אָהנע געניגענדען טעם אַזוי נאָהענט געבויט געוואָרען צו דער מעקסיקאַנער גרענעץ. וואָרים די רייכע מיל־יאָנערסקע געסט נעכטיגען נור איבער אין דעם האָטעל, — בייטאָג און שפּעט אין אָבענד פערברענגען זיי אין מעקסיקאָ... ווי איהר וועט עס שפּעטער געוואָהר ווערען.

צוזאַמענגעס אין דער פריה זיינען מיר מיט די מאַשין אריינגע־פאָהרען אין דעם נאָהענטסטען מעקסיקאַנישען שטעדטעל. ביי דער גרענעץ האָט אונז דער יונגער מעקסיקאַנישער בעאַמטער, מיט די שוואַרצע אויגעלעך און שוואַרץ געדרעהטע וואָנסעלעך, בשום אופן ניט געוואָלט אריינלאָזען אין מעקסיקאָ. ער האָט פערלאַנגט עפּעס פון אונז און גערעדט דוקא מעקסיקאַניש, כאָטש מיט דעם אַמעריקאַנער אָפּיציר, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם, האָט ער זיך גוט דורכגע־שמועסט אין ענגליש. און ווי עפּעס אונז וועלענדיג ווייזען, אַז מיר געפינען זיך שוין אין אַ צווייטע מדינה, האָט ער קיין איין וואָרט נישט אַנדערש ווי נור מעקסיקאַניש גערעדט.

מיט שוועריגקייטען זיינען מיר דערגאַנגען ביים אַמעריקאַנער וואָס ער וויל פון אונז — אַז אַבצאָהל פון אַ דאָלאַר אַ קאָפּ. מיר האָבען איהם מיט פערגעניגען בעצאָהלט דעם דאָלאַר פּער קאָפּ, אַבי ער זאָל אונז דורכלאָזען.

האַרט ביי דער גרענעץ ליעגט די מעקסיקאַנישע שטעדטעל, וועלכע רופט זיך מיט'ן שטאָלצען נאָמען דאָס מעקסיקאַנישע „מאָנטע־קאַרלאָ". די שטעדטעל איז נאָך גאָר אַ נייע. איהר זעהט, אַז זי

איז ערשט נעכטען בעשאפען געווארען. נייז, היינט ווערט זי ערשט געבוירען. איהר זעהט ווי מענשען שטעהען און קלאפען צונויף ברעטער־ביידלעך מיט א פיעבערהאפטיגע איילעגיש, ווי אין קוני איילענד פאר׳ן סיזאן. מיר קומען אין שטעדטעל אריין. וואס איז דאס? עס איז נישט קיין שטאדט. עס איז א גרויסער שענק. יעדעס געוועלבעל איז א שענק, אומעטום פערקויפט מען שנאפס, ליקערס, ביר. די נעמען פון די שענקען זיינען ניט קיין מעקסיקאנישע, נור ענגלישע, אמעריקאנער. די שילדען ניט קיין מעקסיקאנישע, נור אלעס אנגעשריעבען אויף פשוט׳ע ענגליש, אז עס זאל אויך זיין גרינג צו פערשטעהן, וואס מען מיינט...

דאס שטעדטעל איז ערשט בעשאפען געווארען זייט די גזרה איז ארויסגעגאנגען אין אמעריקא אויפ׳ן ביטערען טראפען. זייט דאן זיינען אויסגעוואקסען צוויי שטעדטלעך אויף ביידע זייטען גרענעץ צווישען אמעריקא און מעקסיקא. אויף איין זייט, אויף דער אמעריקאנער זייט, זיינען אויסגעוואקסען גרויסע און רייכע מיליאנערסקע האטעלען, ווי דער האטעל אין קאראנאדא ביעטש און אנדערע אזעלכע האטעלען; און אויף יענער זייט, אויף דער מעקסיקאנער זייט ציהט זיך, בליהט זיך פונאנדער א שטעדטעל מיט שענקען...

אין צייט פון דער גזרה אויפ׳ן ביטערען טראפען, וואקסען די האטעלען ביי די מעקסיקאנישע גרענעץ, און עס וואקסען די שענקען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ. ביינאכט שטעהט מען אין האטעל. בייטאג פאהרט מען אריבער מיט די רייכע אטאמאבילס, מען בעצאהלט מיט פערגעניגען דעם דאלאר איינטריט־געלד אין „פרייען" מעקסיקא, וואו עס איז ניטא די גזרה אויפ׳ן ביטערען טראפען.

און פון גאנץ אמעריקא קומט מען זיך אברוהען פון דער „גזרה" ביים מעקסיקאנישען גרענעץ אין קאליפארניא, אין האטעל פון קארנאדא ביעטש. און די שענקען וואקסען וואס אמאל מעהר אין דעם מעקסיקאנישען שטעדטעל. די אמעריקאנער מיליאנערען האבען צוגעצויגען אין דעם שטעדטעל אריין אלערליי שפיעלען: רולעטקע, קארטען, רייסעס. און עס זיינען געקומען אין שטעדטעל אריין די שעהנסטע פרויען פון מעקסיקא. מען שרייבט אויס טענצערינס פון שפאניען און קאקאטקעס פון פאריז; מען קריגט דארטען די טייערסטע

ווײנען, די לוסטיגסטע פארווײלונגען און אזארטישע שפּיעלען. דאס שטעדטעל וואקסט איבער־נאכט...

עס איז נאך געווען גאנץ פריה, ווען מיר זיינען אין שטעדטעל אנגעקומען. עס זעהט אויס, אז מען האט זיך נעכטען שפּעט געלעגט שלאפען. די גאסען ניט געקעהרט. עס איז נאך אנגעווארפען פון נעכ־טיגען גאסען־לעבען. די שענקען האבען זיך נור וואס אנגעהויבען עפענען איינער נאכ'ן אנדערען. די ערשטע מיליאנערסקע אטאמאבילס זיינען אריינגעקומען אין שטעדטעל און האבען זיך אבגעשטעלט פאר דעם גרויסען שפּיעל־הויז. אויף דער ארענא האט מען ערשט אנגעהוי־בען ארויסצופיהרען די פערד מיט די רייטערס, וועלכע האבען זיך פארבערייטעט פאר דעם איבערמארגענדיגען וועט־געלאף. אויף די גאסען האבען זיך ערשט אנגעהויבען בעווייזען די שלאנקע, שמאלע, בויגזאמע פיגורען, אין שווארצען געקליידעטע שפּאנישע קאקאטקעס מיט די רויזען אין די האר פערפלאכטען און מיט די דינע, שווארצע מעקסיקאנישע ציגארעטלעך צווישען די רויטע ליפּען...

אז איך בין צוגעפאהרען און געזעהן די אריענטאלישע שלעסער ארויסקוקענדיג פון די טונקעל־גרינע ציפּרעס־בוימער, אין וועלכע עס זיצען די קאליפען און די סולטאנען פון אמעריקא, האב איך זיך גע־טראכט: אמעריקא איז טאקע א פארטגעשריטענע לאנד: טאקע קא־ליפען, אבער נאך דעם ביטערען טראפּען מוזען זיי געהן אין א פרעמ־דע מדינה.

# אינהאַלט:

## אמעריקא

זייט

קיין אמעריקא — — — — — — — — — — — — — — — 3

## אויפ'ן וועג קיין אמעריקא

איבער דער גרענעץ — — — — — — — — — — — — — — 120
אויף דער שיף — — — — — — — — — — — — — — — — 129

## אמעריקאנער איינדריקע

1) ניאגרא פאללס — — — — — — — — — — — — — — — 137
2) דער אינדישער זומער — — — — — — — — — — — — — 142
3) א שטיקעל גרינע ערד — — — — — — — — — — — — 146
4) ווען די נאדעל שוויינט — — — — — — — — — — — 150
5) לייסענס — — — — — — — — — — — — — — — — 156
6) א יוניאן פאר שבת — — — — — — — — — — — — — 162
7) ענג — — — — — — — — — — — — — — — — — 168
8) א טשענס — — — — — — — — — — — — — — — — 175
לייבעל אין דער היים — לייבעל אין אמעריקא — — — — — — 189
די קינדער פון אברהם — — — — — — — — — — — — 247
די וועלט האט דאס איהריגע אויסגעפיהרט — — — — — — — 258

## א רייזע אין קאליפאָרניע

1) רייזע איינדריקע — — — — — — — — — — — — — — 265
2) די צעהן פערלוירענע שבטים — — — — — — — — — — 270
3) א שטעדטעל ביי די ברעגען פון מיסיסיפי — — — — — — 279
4) פון שיקאגא נאך קאליפארניא — — — — — — — — — — 286
5) נאטס ווילדע ערד — — — — — — — — — — — — — — 294
6) אין דער באהן איבער'ן מדבר — — — — — — — — — 298
7) לאס־אנדזשעלאס — — — — — — — — — — — — — — 305
8) די פעלקער פון לאס־אנדזשעלאס — — — — — — — — 311
9) א באזוך אין סאניטאריום — — — — — — — — — — 320
10) לא־יאללא — — — — — — — — — — — — — — — 328